JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

• OUR NEW ADDRESS •
JEWISH PUBLIC LIBRARY
2? Glen Park Avenue
Toronto 19, Ontario.

ל. לעוואנדא.

אַ גְרוֹיסֶער רֶעמִיז.

ראָמאַן.

פערלאַג געז. „צענטראל", ווארשא.

ווארשא, תרע"ד.

БОЛЬШОЙ РЕМИЗЪ
РОМАНЪ
СОЧ. Л. ЛЕВАНДА
ИЗДАНІЕ ТОВ. „ЦЕНТРАЛЪ“
ВАРШАВА, 1914
ТИП. ЛЕВИНА-ЭПШТЕЙНА
ПАВЛИНАЯ 38

I.

דער קאָלאָניאַל־מאַגאַזין און ווייַן־קעלער פון ר׳ משה גרונימוס.

אַ טריעבער אָקטאָבער־אָווענד, אַ געדיכטער און נאַסער שניי, וואָס איז שנעל געפאַלען אויף די טראָטואַרען און ברוק און איז דאָ טאַקי גלייך צוגאַנגען אין די רעשטען פון נעכטיגען רעגען — דאָס האָט אויף די רווישענדע נאַסען פון דער געדיכט־בעזעסענער נובעטרנסקער שטאָדט נ. שנעלער געבראַכט די נאַכט־שטילקייט. אויף די פיער דורכזיכטיגע און העל־בעלויכטענע ציפער־בלאַטען פון די אַסטראָנאָמישע זייגערס, וואָס האָבען הויך געשטעקט איבער די דעכער פון די העכסטע בנינים און האָבען זיך אָבגעדוכט ווי פיער לאַמטערנעס, אויפגעהאַנגענע אין דער נעבעלדיגער פינסטערנים אויף יענער זייט וואָלקענס, — האָבען די צעהן ווערשאַקען־וויזער געציינט נור 10 דעם זייגער, און אין שטאָדט, אַלענפאַלס אויף די הויפט גאַסען, איז שוין געווען שטיל און לעדיג פון מענשען, ווי אין האַלבער נאַכט. די גלענצענדע גאַלאַנטעריי־און מאָדע־מאַגאַזינען און זייערע שוי־פענסטער האָבען שוין לאַנג גערוהט אַהינטער די פעסטע ראַהמען פון זייערע שווערע, מיט אייזען געשמיעדטע, טהירען און לאָדענס. און די קראָמען און קרעמלעך אויפ׳ן מאַרק האָבען זיך פערשלאָסען איינע נאָך דער אַנדערער, קלאַפענדיג מיט זייערע ניט גאָר געשיקט צוגעפאַסטע טהירען און ריגלען. די האַנדעלס־לייט, די קרעמער און קרעמערקעס פון יעדער עלטער האָבען מיט פעק און זעקלעך אין די הענד, מיט אָנגעבויגטע קעפ, אַ היים געאײַלט, — און די גאַסען זענען אַלץ מעהר און מעהר פערזונקען געוואָרען אין שטילקייט. זעלטען נור פלעגט זיך דערהערן אַ רווישענדע געקלאַפעריי פון אַן׳אַריסטאָקראַטישער קאַרעטע, וואָס האָט זיך געשווינד געטראָגען אָבצונעהמען די בעלי־בתים פון אַ ווערכען ס׳איז קלוב, אָדער אַ שוואַכעס קלאַפען פון פוהרלעך, וואָס האָבען ניט ליעב אויף איין אָרט צו שטעהן אין אַ שלעכטען וועטער; ס׳פלעגט זיך הערן אַ ווילדע מוזיק פונ׳ם קלאַפער־געציינג פון די הויף־וועכטער, וואָס רופען זיך אָב ווי

אַ צעשפּליטערטער כאָהר אויף דעם שניידענדעם פּייפען פון אַ נאָראָאָוואָי אויף דער וואַך. וואו נים וואו איז העל בעלויכטען אַ וועלכער ס'איז רעסטאָראַן, אַ קאַפּע-הויז, אַ בופעט און פון דאָרט טראָגט זיך אויפ'ן גאַס אַ טובער גערויש און נעקלאַפּערײ פון די קענעל אויף אַ ביליאַרד—דאָס צושטערט עטוואָס און בעלעבט די טרויעריגע און לאַנגווײליגע אײנאַרטיגקײט פון דעם טריעבען הערבסט-אָווענד.

די זײגערס אויף אַלע שטעדטישע טהורעמס האָבען לאַנגזאַם און אָבגעצויגען אָבגעשלאָגען צעהן, צוסקריפּענדיג זיך מיט די שווערע קײטען פון זײערע פּודען-וואָג.

אויף קאָלאָקאָלנע גאַס, צווישען דעם חושך פון די פערשלאָסענע מאַגאַזינען און קראָמען, האָט נור איין מאַגאַזין אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס מיט זײנע נאָך נים אויסגעלאָשענע פײערלעך, חאָטשי די גרויסע זײטיגע שילדען זענען שוין געווען אַראָבגענומען פון בײדע האַלבע טהירען. דאָס איז געווען, ווי ס'איז בעצײכענט אויף דעם אויבערשטען קאַפּיטאַלען-שילד „דער מאַגאַזין פון קאָלאָניאַל-וואַארע און ווײן-קעלער פונ'ם סוחר פון I-טער גילדיע ם. א. גרונימוס", וואָס פלעגט זיך געוועהנליך בערוהיגען שפּעטער פון אַלע געשעפטען אויף דער דאָזיגער קאָכיגער גאַס.

בײם סאַמע אײנגאַנג אין דעם גרויסען און רײכען מאַגאַזין, וואָס האָט קנאה געוועקט בײ זײנע ווענינער רײכע קאָנקירענטען, אין דרײ טריט פון דער האַלב פערמאַכטער שענער געשניצטער טהיר פון עשענהאָלץ מיט אַ גאַנצען גלאָז אין דער גאַנצער לענג און ברײט פון דער אויבערשטער העלפט, בײ דער סאַמע וואַנד, איז אַ יונגעל פון דרײצעהן-פיערצעהן יאָהר געזעסען אויף אַ זעקיל מיט טערקישע ניס, אָנגעטהון אין אַ קורצען ברוינעם סורדוטל מיט אַ שטײפען קראַגען און פערגאַרטעלט מיט אַ רימען,— ער איז געזעסען דעם קאָפּ אָנגעבויגען אויפ'ן ברוסט און געשמאַק געשלאָפען, צײטענווײז זאָגאַר צוגעחראָפּעט. געוווג אָנלויפענדיג זיך פאַר'ן טאָג אין אַלע עקען שטאָדט, אָבטראָגענדיג די פּריצים די קונדען אַהײם אַמאָל אַ זעקיל טעהל, אַמאָל אַפּעקיל מיט פערשיעדענע באַקאַלײ, אָדער אַ קעסטיל מיט פערשיעדענע ווײנען, האָט ער מיט אַ האַלבער שעה צוריק דאָס ערשטע מאָל פאַר'ן גאַנצען טאָג זיך צוגעזעצט אָבּרוהען אויפ'ן שטײף אָנגעפּאַקטען זאַק, האָט

מיט די מידע אויגען אַ צוויי מאָל אַ קוק געגעבען אויף די פּאָליצעס, וואָס זענען געריכט אָנגעשטעלט געווען מיט פערשידענע וואַרע, און איז גלייך שטאַרק איינגעשלאָפען. און, מ'דאַרף דאָס רעכט אָבגעבען דער מענשען-ליעבע פון דעם פּרינציפּאַל, ער האָט דעם יונגעל ניט אַ ריהר געטהון, ניט בעאונרוהיגט. און איהם געלאָזט שלאָפען. און דאָס יונגעל האָט געשלאָפען, אַזוי ווי ס'שלאָפען פערהאָרעוועטע—שטאַרק און געשמאַק, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז געזעסען ניט גאָר אויף אַ ווייכער קישען און ניט קוקענדיג אויך דערויף, וואָס אין צוויי טריט פון איהם האָט שרעקליך געקלאַפּט דער עלטסטער פּריקאַזשציק, וועלכער האָט צוהאַקט צוקער און פונאַנדערגעוועגען פּונטענווייז און האָט דערביי געקלונגען און געדונערט מיט די שאָלען און וואָג. ער פלעגט זיי ניט שטעלען, נור וואַרפען אויף די שאָלען און אויפ'ן טישעל, וואָרום ער האָט ליעב געהאַט. אַז ס'זאָל ביי איהם „ברענען" אין די הענד. די געקלאַפּעריי און געטומעל איז געוועזען זיין „ברען", און ער איז צופריעדען געווען מיך זיך אַליין, וואָס ס'איז קענטיג געווען אויף זיין אויסדריקליכען און לעבעדיגען פּנים, מיט די זעהר אויסדריקליכע און לעבעדיגע אויגען, שוואַרצע, ווי קויהלען, פינקלענדע און לויפענדע, שנעלע.

ביים קאָנטאָרקע אויפ'ן פערקויף-טיש, וואָס האָט זיך חי' אַ גרויסער בויגען געצויגען אין דער לענג פון דריי ווענד, איז געשטאַנען דער פּרינציפּאַל אַליין, דער סוחר פון 1-טער גילדיע ר' משה גרונימוס, אַ מאַנספּערזאָן פון איבער פונפציג יאָהר, מיטעלער וואוקס, אַ פעסטער, מיט אַ קוים קענטיגען בייכעל, אַ ברונעט מיט היבשע גראָהקייט אין דעם געדיכטען, עטוואָס אונטערגעשאָרענעם באָרד, מיט אַנ'אָדלער-נאָז און גרויסע פערטראַכטע אויגען אויף דעם פרישען און גאַנץ ענערגישען פּנים, וואָס האָט זיין גאַנצער פיגור צוגעגעבען דעם אויסזעהן פון אַ סאָלידען קאָמערסאַנט, וואָס איז ביי זיך תקיף. ער איז געווען אָנגעטהון אין אַ טונקעלגרינעם פּאַלטאָ פון סוחרישען שניט, און אויפ'ן קאָפּ אַ ווייכער קאַפּעליוש מיט שמאָלע פערבויגטע ברעגען. דער בלאָהער וואָלענער שאַרף איז עפּים נאַכלעסיג אָנגעוויקעלט געווען אויף זיין קורצער האַלז, וואָס צוזאַמען מיט זיין גאַנץ היבש קרומער פּלייצע האָט עס איהם צוגעגעבען אַנ'אויסזעהן ניט פון אַ מאוסען, נור פון

א „סטאַטנעס" הויקער, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגען. ער איז געשטאַנען
אָנגעשפּאַרט מיט׳ן לינקען עלענבויגען אויפ׳ן קאָנטאָרקע, און מיט
דער רעכטער האַנד האָט ער געמישט דעם גראָסבוך, און פלעגט
עס ציטענווייז צוריקען צום גרויסען רעכענברעט (סציאָב), וואָס
איז געלעגען אויפ׳ן פערקייף-טיש און געוואַרט, אז מ׳זאָל אויף
דעם, ווי געוועהנליך אין דער צייט פון מעת-לעת, מאַכען רעכע-
נונגען. נור ר׳ משה גרונימוס האָט איצט קיין רעכענונגען
ניט געמאַכט. ער פלעגט אַמאָל אויסשטרעקען די האַנד
און אַמאָל צוריקציהען, אויפמישענדיג די גרויסע פערפלעקטע
בלעטער פון דעם צופליקטען גראָסבוך. אַמאָל פון רעכטס אויף
לינקס, און אַמאָל פון לינקס אויף רעכטס, ווי זוכענדיג עפּיס און
ניט געפינענדיג. ווער ס׳וואָלט זיך אָבער צוגעקוקט צו איהם ביים
בלעטערן דעם גראָסבוך אַזוי אונערמידליך, יענער וואָלט זיך
גלייך איבערציינגען, אז ר׳ משה גרונימוס זוכט דאָ אייגענטליך
גאָרנישט—וואָרום דאָס גראָסבוך איז גאָר געלעגען מיט די פיס
ארויף. ר׳ משה גרונימוס האָט אַלזאָ דאָס בוך געבלעטערט סתם
אזוי, מעכאַניש, אויס רגילות יעדעם טאָג אין דער זעלבער צייט
צו טהון דאָס זעלבע. און ווער ס׳זאָל זיך איצט צוקוקען צו ר׳ משה׳ס
פנים, דערהויפּט צו זיינע פערטראַכטע האַלב פערמאַכטע אויגען,
יענער וואָלט גלייך טרעפען, אז די געדאַנקען פון אונזער סוחר
זענען איצט ווייט, זעהר ווייט פון דעם גראָסבוך, פון רעכענברעט,
פון דעם טאָג פדיון און זאָגאַר פון עצם מאַגאַזין. און מיר זענען
זיכער, אז ווען עמ׳צער זאָל איצט איהם פלוצלונג אַ פרעג געבען,
וואו איז ער? וואָלט ער ניט געקאָנט גלייך ענטפערן אויף דער
איינפאַכער און זאָגאַר לעכערליכער פראַגע: אַזוי טיעף און שטאַרק
איז ער פערטראַכט געווען. וועגען וואָס האָט ער זיך פערטראַכט,
צי האָט זיך ניט אין וועג פערהאַלטען זיינער אַ שטאַרק ערוואַר-
טעטער טראַנספּאָרט? צו בעטראַכט ער ניט עפּיס אַ נייע און זעהר
אַ קאָמפּליצירטע האַנדעלס-אָפּעראַציע, וואָס זאָל איהם ברענגען
אונגעוועהנליך גרויסע פערדיענסטען? צו האָט ער ניט די טעג
אַ דרינגענדע צאָהלונג אויף אַ גרויסע סומע, וועלכע ער פערמאָגט
איצט ניט? פאָרלויפיג וויסען מיר גאָרנישט וועגען די מחשבות
פון ר׳ משה גרונימוס, נור מיר האָפען, אז מיט דער צייט וועט
אונז דערפון עטוואָס בעקאַנט ווערען.

דער זייגער האָט געשלאָגן אַ פֿיערטיל עלף. דער עלטסטער פּריקאַזשציק האָט אײַנגעוויקעלט אין אַ בלאָהען פּאַפּיער און מיט שפּאַגאַט פֿערבונדען דעם לעצטען פֿונט צוקער, האָט עס אַרײַנגע-וואָרפען אין אַ קעסטיל פֿון טיש. האָט פֿון זײַן פֿעלציל אָבגעטרייסעלט די צוקער-שטויב און איז אַרויסגעשפּרונגען אויפ׳ן גאַס אָהן אַ הוט. אין אַ מינוט אַרום איז ער צוריק אַרײַנגעקומען מיט פֿער-נעצטע האָאָר פֿונ׳ם שניי. האָט זיך געקנײַטשט, געבלאָזען פֿון זיך און די הענד געריבען.

— אויף דער גאַס איז שטאָק פֿינסטער, חאָטשי די אויגען נעהם אַרויס. בײַ גוטע לײַט זענען די מאַגאַזינען שוין לאַנג פֿער-שלאָסען, נור מיר אײַנע פֿראַווען „חצות״ שטענדיג, פּונקט ווי מיר האָלטען נאָלד שמירען, אָדער מיר זענען אויף קאַטאָרגע.—האָט דער פּריקאַזשציק אַרויסגעזאָגט מיט פֿערדרוס און גאַנץ הויך. ניט געווענדעט צו קיינעם, נור כתּם אַזוי, פֿאַר-זיך.

די ווערטער האָבען אַזוי ווי אויפגעוועקט גרונימוס׳ן פֿון שלאָף. ער האָט זיך אַ חאַפּ געטהון, האָט אויסגעריבען די אויגען, אַ געניץ געטהון און, ציהענדיג זיך און קנאַקענדיג די פֿינגער, האָט ער אַ פֿרעג געגעבען:

— מאָטקע, דו האָסט עפּיס געזאָגט? איך האָב ניט געהערט.

— איך זאָג,—האָט מאָטקע געענטפֿערט, ניט קוקענדיג אויפ׳ן בעל-הבית,—איך זאָג, אַז ס׳איז שוין צײַט אונז אויך צו-לאָזען אָברוהען פֿאַר אַ גאַנצען מעת-לעת.

— וויפֿיעל איז אַ זייגער?

— באַלד וועט שלאָגען צוועלף,—האָט דער פּריקאַזשציק גע-לײַנט.

— גוט, אָט באַלד, גלײַך,—האָט גרונימוס געזאָגט, האָט פֿער-מאַכט דעם גראָס-בוך און האָט עס אַ וואָרף געטהון צו די איבעריגע ביכער, וואָס האָבען זיך געוואַלגערט אויפ׳ן פֿערקויף-טיש.—אין ביער-הויז איז קיינער ניטאָ?

— קיין הונד ניט.

— וואו איז קאַרפּעל?

— וואו זאָל ער זײַן? ער איז אין קעלער: הײַנט גיסט מען דאָך פֿונאַנדער.

-- אָך, יאָ, איך האָב גאָר געהאַט פֿערגעסען --האָט זיך

גרונימוס דערמאָנט, אַז ערשט מיט אַ שעה צוריק האָט ער געהײ־סען צוגרײטען צו מאָרגען עטליכע דוצענס פערש־ערדענע װײנען.— אַז מיר װעלען פערשליסען דעם מאַגאַזין, זאָלסטו אַראָבגעהן אין קעלער און זאָגען, אַז ער זאָל זיך ניט ערװאַגען שלאָפען צו לע־גען, װאו ער װעט ניט אָנגיסען אײנגאַנצען, און אַז ער זאָל ניט איבערמישען די עטיקעטען אויף די פלעשער, װי די פאָריגע װאָך, דו הערסט?

— כ'הער.

— אַ צרה מיט אַן'עם־הארץ,—האָט גרונימוס בעמערקט אין דער שטיל, פאַר־זיך,—טײזענדער מאָל בעװײזט מען איהם, װאָס פאַר אַ עטיקעט איז אויף מאַדערע, און אַ װעלכער איז אויף לאַפים, און ער צופלאָנטערט אלץ.—און פראָקאָפּ איז מיט איהם דאָרט?—האָט ער זיך װידער געװענדעט צום פריקאַזשציק.

— מסתמא, מיט איהם.

— הײנט איז ער ניט שכור?

— דער טײװעל װײסט איהם. מיר האָבען איהם הײנט קײן אײן כוסה ניט געגעבען.

— ניט געגעבען! ס'הײסט, אַז אַלײן קאָן ער זיך ניט אָנ־זױפען אין דעם נאָהנטסטען שענקיל.

— נאָכגעהן איהם פּוס־טריט קאָנע מיר דאָך ניט און אָב־היטען דעם פאַרשױן פון אלע שענקען,—האָט דער פריקאַזשציק בעמערקט, אָבריײניגענדיג מיט'ן באַרשט זײן פאַצעטישען הוט.

— נו רעכט.—האָט גרונימוס געזאָגט. ר'האָט אַרױסגערוקט דאָס קעסטיל מיט'ן טאָג־פּריון און האָט עס הױפּענװײז אַריבער־געשאָטען אין אַ לעדערנעם זעקיל. װען ער איז דערמיט פאַרטיג געװאָרען, האָט ער אַ בלאָז געגעבען אויף דער אַרבײטס־לאָמפּ אויפ'ן קאָנטאָרקע, האָט גענומען אין אײן האַנד דעם זעקיל, און אין דער צװײטער זײן באַמבוק־שטאָק און איז אַװעק צו דער הינ־טער־טהיר פון מאַגאַזין, צו דעם דורכגאַנגס־פאָרהױז צװישען מאַ־גאַזין אין דעם בײער־הױז. געהענדיג, האָט ער אַ זאָג געטהון:

— פערלעשט דאָס פײער און פערשליעסט. זעה נור, דו פערגעס ניט צו זאָגען קאַרפּלען, אַז ער זאָל אָנגיסען אײנגאַנצען, װאָרום מאָרגען װעט זײן אַ גרױסע פאָדערונג פון אדעל־קלוב, דו הערסט?

— כ׳הער, כ׳הער, כ׳בין דאָך ניט טויב.

אַז דער בעל-הבית איז אַוועק, האָט מאָטקע אָבגעהאַרט אַ ווײַלע און דערהערענדיג, אַז אין פאָרהויז האָט זיך שוין פערקלאַפּט די טהיר צום הויף צו, האָט ער שטיל, אָהן גערויש, צוגעשטעלט אַ לייטער צו די פּאָליצעס, האָט אַרויפגעקלעטערט, האָט שנעל פון דער אויבערשטער פּאָליצע אַראָבגענומען אַ פלאַש אָליווע אייל, אַ קעסטעלע סאַרדינען און אַ פלאַש ראָם. דאַן האָט ער די זאַכען איבערגעשטעלט אויף אַ אונטערשטע פּאָליצע, איז אַרײַנגעקראָכען מיט דער האַנד אין אַ קעסטיל מיט קיעווער אײַנגעמאַכטס און האָט עס אָנגעפּאַקט אין די קעשענעס פון זײַן ראָק, דערנאָך איז ער אַראָב פון לייטער, האָט די אַלע זאַכען אַריבערגעלײגט אין די גרייסע קעשענעס פון זײַן אויבערמאַנטעל, וואָס איז געהאַנגען אין אַ ווינקעל אין מאַגאַזין, האָט אַגב צוגעחאַפּט אויך אַ פונט צוקער און איז צוגעגאַנגען צום יונגעל, וואָס האָט געשלאָפען אויפ׳ן זאַק. מיט איין שנעל אין נאָז האָט ער איהם אויפגעוועקט, האָט איהם אויף די פיס אויפגעהויבען און געהייסען איהם פערשליעסען דעם מאַגאַזין. ביז וואַנען דאָס יונגעל האָט אַרומגעשלאָסען, האָט מאָטקע זיך אַראָבגעלאָזט אין קעלער דורך אַ טהירעל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען פון דער פּאָדלאָגע אין פאָרהויז, האָט איבערגעגעבען דעם פּרינציפּאַל׳ס בע-פעהל און איז צוריק אַרויסגעשוואומען פון דער היי̃ל.

— נו, בעוועג זיך, שלאָפּמעטשקע!—האָט ער צוגעיאָגט דאָס פערשלאָפענע יונגעל.—וואָס זאָל איך דאָ וואַרטען ביז אויף מאָרגען אין דער-פריה?

דאָס יונגעל האָט זיך לאַנג גע׳עוסק׳ט מיט די רינגלען און שלעסער, ווײַל ער האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען פון מיעדיגקייט און ס׳האָט איהם שטאַרק געשלעפערט. די לאַנג-זאַמקייט האָט דעם פּריקאַזשציק פון געדולד אַרויסגעבראַכט, וואָרום ער האָט קענטיג וואוהין געאײַלט און ס׳איז איהם יעדע ווײַלע טײַער געווען. האָט ער אויפ׳ן יונגעל געשריען, געזידעלט איהם, מיט די פיס געטופּעט, די צייהן געסקריהעט און זיך אָנגעמאָסטען מיט פויסטען. דאָס יונגעל אָבער האָט אַפילו ניט אָבגעענטפערט דערויף, עס האָט נור געשנאָרכעט, געקרעכטשט און געטהון דאָס זײַניגע, ווי ער האָט געקאָנט, לאַנגזאַם און אונגעשיקט. און דערצו

האָבען איהם אויך קיין קרעפטען ניט געקלעקט פאַר די שווערע און גענוג פעררשטעטע שלעסער און שליסלעך, וואָס זענען שוין לאַנג ניט געשמירט געווען. דאַן האָט דער אַיילענדער פּריקאַזשציק ניט אויסגעהאַלטען, איז צוגעשפּרונגען צום טהיר, האָט דאָס יונ־געל אַזוי בייז אָבגעשטויסען, אַז ער האָט זיך שיער אומגעדרעהט מיט די פיס אַרויף, און ער האָט זיך אַליין גענומען פאַר דער אַרבייט. דעם שטאַרקען פּריקאַזשציק האָבען די שלעסער מעהר געפאָלגט, און אין צוויי מינוטען איז דער מאַגאַזין געווען פער־שלאָסען. ער האָט דעם מאַנטעל אויף די אַקסלען נור אָנגעטהון, און די שווערע שליסלעך האָט ער אַוואַרף געטהון דעם יונגעל שיער ניט אין קאָפּ, און האָט בעפעהלענד געזאָגט:

— נאַ, טראָג עס אַרויף אויבען און זאָג דעם בעל־הבית, אַז אַלץ וועט זיין געטהון, ווי ער האָט געהייסען, דו הערסט?

דאָס יונגעל האָט גאָרנישט געענטפערט. האָט זיך אַביסעל אַ קראַץ געגעבען, האָט די שליסלעך איבערגעוואָרפען איבערן אַקסעל און איז אַוועק אַרויף אויבען. דער פּריקאַזשציק איז דורכ'ן טויער־פּערטיל אַרויס אויפ'ן גאַס, איז געשטאַנען אַ ווייל, ווי עפּיס בעטראַכטענטיג, דערנאָך האָט ער צוגערופען אַ פוהרמאַן.

— אין „פּאַריזער בופעט"—האָט ער געזאָגט, אַרויפשפּרינ־גענדיג אויפ'ן פוהרל. קיין גענויערן אַדרעס האָט מען ניט בע־דאַרפט, ווייל אַלע פוהרלייט האָבען געוואוסט, וואו עס געפינט זיך דער דאָזיגער בופעט.

II.

דער „פּאַריזער בופעט" און זיין אייגענטימער. אַליה'קע פּרוסאַק.

אויב אויף די גאַסען איז איבער אַ שלעכטען וועטער שטיל געווען און ליידיג. דערפאַר איז אין די פּערוויילונגס־אַנשטאַלטען אין שטאָדט, פון די אָרימע און שמוציגע שיינקען ביז די גרויסאַר־טיגע און פיינע רעסטאָראַנען, געווען נאָך רוישענדער און דעסטאָ מעהר אָנגעפּאַקט מיט מענשען: ווען ס'איז זיך עפּיס ניט געזע־סען אין וואַרימען און בעקוועמען הײמישען פאַמיליען־ווינקעלע, אָדער ביי וועמען ס'איז בכלל ניט געווען קיין פאַמיליען־ווינקעלע, יענע האָבען געאיילט צו פערנעהמען אַנ'אָרט. וואו מ'קאָן עס פאַר געלד

קיפּען, אונטער די גאַסט-פריינדליכע סטעליעס פון די דאָזיגע אַנ־
שטאַלטען און זענען צופריעדען געווען, אַלענפאַלס ניט געלאַנגווײלט
זיך, נים געטרויערט, ווי ס׳וואָלט מיט זיי געווים געשעהן, ווען זיי
זאָלען אין אַזאַ טריבען הערבסט-אָוונד פערבלייבען אין דערהיים.
„מיט מענשען צוזאַמען איז דער טויט ליעבער" — זאָגט מען, און
אַ פּשיטא שוין — לאַנגווײליגקייט און טרויער. די העלע בעלויכ־
טונג, דאָס לעבהאַפטע פּובליקום, וואָס האָט אויף יענעם זייט רעס־
טאָראַן איבערגעלאָזט אַלע זאָרגען, דאגות און סכסוכים, די זיסינקע
און קגעבטישע שמייכלען פון די בעלי-בתים, די געפעליגקייט און
געשיקטקייט פון די בעדיענעריננס, וואָס זענען זויבער געקליידט און
אָפט אויך שענע, אָדער אַלענפאַלס פּיקאַנט, — קאָנען דעם אומעט
פערטרייבען אפילו בײַ דעם גרעסטען מרה־שחורה׳ניק. דערפאַר
איז אין פערוויילונגס־אַנשטאַלטען עסט אַ מענש זעטיגער, ווען ער
איז זאָגאַר נים קיין פרעסער, ער טרינקט אריבער דער מ״ס, נים
זײַענדיג קיין שכור, דער געלאַסענסטער רעדט העכער און נים קיין
פרעהליכע לאַבען זאָרגלאָזער: זאָל אַ מענש זיך אָ-זאָגען נור פון
זיין געקינסטעלטען „איך", וואָס ווערט איהם אָנגעבונדען פון דעם
געקינסטעלטען לעבען, און זאָל ער זיך נור געפינען צווישען אַ
געזעלשאַפט בײַ גוטער שפּייז און געטרענק, ווערט ער מגולגל אין
אַ נאָרמאַלע, געזונדטע, גוטמוטיגע און צופריעדענע בעשעפענים,
ווי ס׳האָט איהם בעשאַפען די איינפאַכע מוטער־נאַטור. אָט דער־
פאַר איז אין די פערוויילונגס־הייזער בײַ אַ גרעסערער פערזאַמלונג
פון געסט שטענדיג רוישענד, פרעהליך און לעבעדיג.

רוישענד און פרעהליך איז אין דעם דאָזיגען אָוונד געווען
אין אַלע פערוויילונגס־אַנשטאַלטען אין שטאָדט נ., וויל אויף
מאַנגעל אין געסט האָט מען זיך נים געקאָנט בעקלאָגען: די זאַלען
און די זייטיגע „קאַבינעטען" זענען פול געפּאַקט געווען און משקה
האָט זיך געגאָסען פאַר די דורשטיגע. נור רוישענדער, פרעהליכער
און נאָך מעהר געפּאַקט, ווי אומעטום, איז געווען אין „פּאַריזער
בופעט", וואָס איז שוין איינמאָל געווען אַ פערוויילונגס־אַנשטאַלט.

דער אייגענטימער פון דער אַנשטאַלט, אליה׳קע פּרוסאַק
אַ דורכגעטריבענער יונג און אַ מענשען־קענער. האָט גוט געוואוסט,
וואָס אַ מענשען איז נויטיג, אום צו פערטרייבען זיין טרויער און
אומעט, ער איז אין דעם פאַך אַ קינסטלער געווען, האָט גאָרנישט

ניט געקאַרגט, אום צו צוציהען געסט און—ר׳ האָט צוגעצייגען אויסער דער גרויסער, בעקוועמער און גאַנץ פיין מעבלירטער וואוינונג, זענען די מאכלים און משקאות אין זיין בופעט שטענדיג געווען פון בעסערע, און אָפטמאָל פון דער בעסטער קוואַליטעט ער האָט זיך נים געיאָגט נאָך דער ביליגקייט אויף פראָדוקטען.

— צו מיר קומען אריין פיינע לייט, און ניט עפּיס אַבי ווער—פלעגט ער זאָגען—און געבען זיי עסען און טרינקען פסולת—איז ניט קיין יושר און ס׳איז נאַריש, ווייל ס׳איז זיך אַ שאָדען.

— וואָס הייסט עס זיך אַ שאָדען?—פלעגט מען איהם פרעגען.

— זיך אַ שאָדען הייסט עס—פלעגט ער ענטפערן,—וואָס איין מאָל, אַ צווייטען מאָל שטעלט מען ניט צופריעדען אַ גאַסט, וועט ער אַ דריטען מאָל ניט נור אַליין ניט קומען, נור ער וועט נאָך אַ צוויי-דריי בעקאַנטע אַוועקשלעפּען פון דאַנען. יעדערער וויל פאַר זיין גוט געלד גוטע סחורה בעקומען—און דאָס איז גאַנץ ריכטיג. און ווי האַלט איהר וועגען דעם?

בעדיענער פלעגט ער אויסקלויבען דערהויפּט פרויען און דערצו אַלע מאָל שענע, שלאַנקע און „העפליכע“ אין בופעטען-זין, וואָרום מאַלפּעס און ווילדע דאַרף מען בעווייזען אין אַ טהיער-גאָרטען אָדער אין א צירק, און ניט האַלטען עס אין אַן׳אַנשטאַלט. וואוהין פיינע לייט קומען אריין די צייט צו פערברענגען“. פונדעסטוועגען, ווען ער פלעגט בעמערקען, אַז אַ וועלכע עס איז מאַריכען, סאַשקאַ אָדער סטעפקאַ ערלויבט זיך שוין צו זיין „צו-העפליך“, פלעגט ער זי אָהן לאַנגע דבורים אַרויסטרייבען, ווייל ביי איהם איז אַ „גאָבעלע“ אַנשטאַלט, אַ בופעט, און ניט עפּיס אַ כ׳ווייס וואָס...

ביי דערזעלבער טאַקטיק און דיזעלבע כללים פלעגט ער זיך האַלטען אויך ביי דעם קאָמפּלעקטירען זינגערינס, האַרפּעשפּיעלערינס, טענצערינס און אַנדערע פערפיהרערינס, וואָס דאַרפען פערגניגען פערשאַפען דעם פובליקום: קוים נור ווערען די בעציהונגען צווישען זיי מעהר אינטים, אַזוי מאַכט ער געשווינד און פּלוצלונג אַן׳איבערקעהרענים, צושטערט די קאָמפּלעקטען, פערבייט זיי מיט אַנדערע, ווייל די אויפגאַבע פון די קאָמפּלעקטען איז געווען נור „צו צוציהען“, אָבער ניט מעהר... און דעריבער פלעגען ביי אַליה׳קע פרוסאַק די קאָמפּלעקטען זעהר אָפט זיך בייטען, בעפרישען זיך און אַלע מאָל רייצען מיט זייער נייקייט און ניט-צוטריט-

ליכקייט. מיט די דאָזיגע תקנות פון זײַן אַנשטאַלט האָט ער ניט נור גאָרנישט ניט אָנגעוואָהרען, נור ער האָט זאָגאַר פערדיענט.

אָבער דער גרעסטער און שטאַרקסטער, און דערצו דער שטענדיגסטער מאַגניט פון „פּאַריזער בופעט" איז געווען דאָס בופעט-מיידעל, די שוואַרץ-אויגעלדיגע מאַניע, די איין-איינציגע טאָכטער דעם בעל-הבית'ס. עטוואָס העכער פון מיטעלען וואוקס, אַ שלאַנקע מיט שוואַרצע, חייכע, געדיכטע און לאַנגע האָאָר, וואָס האָבען נאָך מעהר נע-אַדעלט איהר אַלאַבאַסטר מאַט-ווייסען אָוואַלען פּנים, זעהר אַ אויסדריקליכען און אַ קלוגען, מיט אַ שמייכעל אַמאָל אַ מעלאַנכאָלישען, אָפּטמאָל זאָגאַר אַ ביטערן, ווי בײַ אַ פרוי, וואָס האָט שוין פיעל איבערגעלעבט און איבערגעליטען אין איהר לעבען, און אַמאָל אַ ליכטיגען, אַ זאָרגלאָזען און אַ לוסטיגען, ווי בײַ אַ נאַאיווען קינד, מיט אַ לאַנגער האַלז, אַ בויגזאַמע און אַ ווייסע איבער די רעכט פערקיילעכדיגע אַקסלען און ברוסט, — האָט זי מיט איהר ניט גאָר אידעאַלער, אָבער פּיקאַנטער שענהייט איבערראַשט יעדערן פון ערשטען בליק אויף איהר. די איבערראַשונג פלעגט אַזוי שטאַרק זײַן, אז אין דער ערשטער ווײַלע האָט מען זיך ניט געקאָנט בעדענקען אין דעם אײַנדרוק, צי איז עס אַן אָנגענעהמער אָדער ניט. ס'איז אָבער גענוג געווען צו שמועסען מיט איהר איין פיערטיל שעה צייט און הערן איהר גלייכע מעלאָדישע און קלינגענדע שטים, און דערבײַ זאָלען ברייטער ווערען איהרע וואונדערבאַרע אויגען אונטער די לאַנגע ברעהמען, און ווייך, צוטרויליך און פריינדליך צוקוקען, און איהרע ליפּען זאָלען שמייכלען זייער האַלב-מעלאַנכאָלישען און האַלב-קינדישען שמייכעל, ווי דער ערשטער אונבעשטימטער און זאָגאַר שאַרפער אײַנדרוק פלעגט גלייך פערשווינדען, און מ'פלעגט זיך פיהלען זעהר אָנגענעהם, ווי נעבען אַ גראַציעזער פרוי מיט דעם פולען פרויען-רייץ, וואָס איז אַזוי זעלטען צו טרעפען צווישען די ניעדעריגערע שיכטען פון דער געזעלשאַפט. דאָס דאָזיגע אָנגענעהמע געפיהל פלעגט לכתחילה ערוועקען בײַ די לײַט פון אַ געוויסען אַרט, בײַ די שטענדיגע בעזוכער פון פערוויילונגס-אַנשטאַלטען, וואו זיי פיהלען זיך ווי אין דער-היים, זאָגאַר בעסער, ווי אין דער-היים, — דאָס געפיהל פלעגט בײַ זיי דערוועקען אַ מחשבה וועגען אָנהויבען אַרומצודרעהען זיך ארום דעם שענעם בופעט-מיידעל; נור נאָך אַ נאָהנטער בעקאַנטשאַפט מיט איהר פלעגען די לײַט זיך אי-

בערצייגען, אַז זייער מיה וועט זיין אומזיסט, וואָרום ס'איז דורכאויס קאַנטיג געווען, אַז אויף די שענע אַקסלען פון דעם שענעם בופעט־מיידעל זיצט נאָך אַ שענערעס קעפּיל, וואָס פערמאָגט שכל. אויף די גרעסטע קאָמפּלימענטען פלעגט מאַניע אָבגעטפערן מיט אַ איראָנישען שמייכעל, אויף אַ דייטליכען אָנצוהערענים—פלעגט זי ענטפערן מיט אַ בליק, פון וועלכען דער אונפערשעמטעסטער פלעגט איבער די אויערען רויט ווערען און מחילה בעטען, וואָס ער האָט זיך אונגעשיקט אויסגעדריקט. נאָך אַזעלכע אונגעלונגענע און אונפּאַסענדע פּרובען צו פערדרעהען דעם קאָפּ דעם „שענעם בופעט־מיידעל" אָדער דער „שענער יודישקע", פלעגט שוין צווישען איהר און די לייט פון געוויסען אַרט ווערען גאַנץ אַנדערע, בעזונדערע בעציהונגען: די שענע יודישקע פלעגט שוין ניט זיין פאַר זיי אַ שענע בופעט־מיידעל, מאַניע, נור זי פלעגט ווערען פריילין מאַריע, מאַשענקאַ, אָדער מאַריאַ איליאינישנאַ, ביי וועלכער זיי פלעגען מיט עהרע די האַנד קושען און זיי פלעגט אָנגענעהם זיין צו ריידען מיט איהר, שמועסען, און זאָגאַר זיך בעראַטהען וועגען זייערע אינטימע, פאַמיליען־אָדער געשעפטליכע אַנגעלעגענהייטען, ווייל זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז מאַריאַ איליאינישנאַ איז ניט נור אין אַלגעמיין קיין נאַר ניט, נור זי איז אַ פערשטענדליכע און אַ גאַנץ ענטוויקעלטעס מיידעל, וואָס פערשטעהט דאָס לעבען און מענשען ניט ערגער פון אַ קלוגען און ערפאַהרענעם מאַנספּערזאָן. און מאַריאַ איליאינישנאַ פלעגט זיי מיטפיהלענד אויסהערן, זיך איינטראַכטען אין זייער לאַגע, געבען עצות, זיך אינטערעסירען מיט זייערע עסקים, אויפמונטערן און טרייסטען. קורץ, זי איז אַ פריינד געווען צו איהרע אַנשטענדיגע פערעהרער. און דעריבער איז גאַנץ אָפט אַרום בופעט ענג געווען פון די דאָזיגע פערעהרער: יעדערער פון זיי האָט שטענדיג נויטיג געהאַט וועגען עפּיס איבערצוריידען מיט מאַניען, איינצורוימען איהר אויפ'ן אויער אַ סוד וועגען זיינע עסקים, אויסהערן איהר מיינונג. דאָס פערשטעהט זיך האָט איהר געשטערט אין דער בופעט־אַרבייט, נור אין איהר אַרבייט ביים בופעט האָט מען זיך ניט גענויטיגט: אויף צו בעדיענען די געוועהנליכע געסט איז ביי דער האַנד געווען אַנ'אַנדער מיידעל און די מאַדאַם פּרוסאַק זעלבסט, מאַניעס שטיף־מוטער: מאַניע איז געווען, אַזוי צו זאָגען, די עהרען בופעט-מיידעל — נאַר „זעבערער אויפזיכט" און אויף „צוציהען". אַזוי אַלענפאַלס האָט

אויף איהר ראָלי געקוקט איהר פאָטער, און איהם האָט עס זעהר־געשמייכעלט, וואָס די פיינע לייט דרעהען זיך אַרום מיט אַזאַ רעס־פּעקט אַרום זיין טאָכטער און זאָגען „אַזוי שטאַרק געגווינגט אין איהר שכל“.

— אָ, האָ—פלעגט ער זאָגען מיט פּאָטערליכען שטאָלץ—זי איז ביי מיר אַ מיניסטער. אַ מאַנזבילשער קאָפּ איז גאָר אויף איהר. איך ווייס ניט, און ווען האָט זי זיך אַיינגעגעבען. איך בין אויך קיין שוטה ניט, אָבער לגבי איהר בין איך אַ יונגעל, וואָס דאַרף־נאָך געהן אין חדר. זי האַלט מיר אויף דאָס גאַנצע געשעפט, זאָל איהר גאָט יאָהרען געבען און געזונד! אַזאַ ווירטהין! אַזאַ עקאָנאָמי־קע! אַ שטרויעלע וועט ביי איהר אין ניוויטש ניט געהן.

ס׳איז דעריבער קיין וואונדער ניט. וואָס אליה׳קע פּרוסאַק האָט כלל ניט אַיינגעפּגען פאַר פערדעכטיג אָדער פאַר ניט אַרטיג, וואָס מאַניע סוד׳עט זיך לאַנג ערגיץ אין אַ ווינקעל מיט איינעם פון די שטענדיגע געסט אָדער זי פערשפּאַרט זיך זאָגאַר מיט עמי־צען ערגיץ אין אַ זייטיגען צימער אויף גאַנצע שעות.

— מאַניע ווייסט, וואָס זי טהוט.—פלעגט ער זאָגען דייער פרוי זיינער, וואָס פלעגט מיט אַ אויסדריקליכער מימיק און ענער־גיש דריקענדיג די פלייצעס געבען איהם צו פערשטעהן אָפּטמאָל, אַז ער לאָזט שוין זיין טאָכטער צופיעל פריי.—קיין שום בייז קאָן זי ניט און וועט ניט טהון. איהר דאַרף מען שוין ניט לערנען.

פונדעסטוועגען, ווער עס זאָל זיך נעהנטער צוקוקען צו די בעציהונגען פון דעם ווירטה פון „פּאַריזער בופעט“ צו זיין טאָכ־טער און זאָל טיעפער אַיינדרינגען אין זיי, יענער וואָלט בעמערקט, אַז אין די בעציהונגען צווישען פאָטער און טאָכטער שפּיעלט אַ גרויסע ראָלי ניט אַזוי די פערעהרונג, דאָס בלינדע צוטרוי פונ׳ם פאָטער צו דער טאָכטער, ווי דאָס מורא-געפיהל. אליהקע פּרוסאַק, דער דאָזיגער דורכגעטריבענער פרעכער יונג, מיט אַ פערברענטען, הוצפּא׳דיגען, ענערגישען פּנים, מיט צייכען פון געוועזענע פּאָקען אויף איהם, מיט אַנ׳אויפגעריסענער נאָז, וואָס אַ קיק געבענדיג אויף איהם, האָט מען געזעהן, אַז דער אייגענטימער פון דעם דאָזיגען קאַטאָרגע־שילד וועט זיך פאַר קיינעם ניט דערשרעקען—זאָגאַר ניט פאַר אַנ׳אויספאָרשער פון בעזונדערס וויכטיגע ענינים,—דער אליהקע פּרוסאַק האָט דאָך מורא געהאַט פאַר זיין איידעלער, שענער, ניט

פעסט־געבויטער טאָכטער, ער פלעגט זיך שטענדיג פערהאַלטען צו איהר קנעכטיש, בעטענדיג, און זיך ניט ערוואַגט אַריינצוקוקען איהר גלייך אין די אויגען אַריין, ווי ער וואָלט זיך פאַר עפּיס געשעמט אָדער ער וואָלט זיך געפיהלט שולדיג פאַר עפּיס.

פאַרוואָס האָט ער זיך געשעמט? און וואָס האָט ער זיך שולדיג געפיהלט?

אום צו ענטפערן אויף די פראַגען, דאַרפען מיר זיך עטוואָס צוריקקעהרען צו דער אונבעקאַנטער פערגאַנגענהייט פון דער געעהרטער פאַמיליע פּרוסאַק, וואָס האָט דאָ ערשט ניט לאַנג פאַר זיך אַ גאַנץ וואַרימען נעסט געמאַכט אין דער שטאָדט נ.

III.

פון אליה'קע פּרוסאַק'ס פערגאַנגענהייט.

דאָס איז לפי־ערך לאנג געווען. מיט אַ יאָהר פופצעהן צוריק. אליה'קע פּרוסאַק מיט זיין ערשטער פרוי, אַ שענהייט, וואָס האָט עם בירושה איבערגעגעבען איהר איינציגער טאָכטער, האָט דאַן געוויינט אין אַ אָרימען הילצערן שטיבעל מיט דאַך־ציגעל געדעקט, ביי דער סאַמע פרייסישער גרעניץ,—פאַרוואָס ער האָט זיך גערופען „פּרוסאַק". ער האָט דאָרט געהאַלטען אַ געהיימען שיינקעל, אָדער אַנ'אכסניא אָדער נאָך ריכטיגער, אַ ווינקעל פאַר קאָנטראָבאַנדיסטען. אין דעם ווינקעל האָט זיך צייטענווייז געלעבט טומעלדיג פרעהליך, בגילופינ'דיג, נור אָפּט, און זאָגאַר זעהר אָפּט—הונגעריג און קאַלט,—דאָס האָט זיך געווענדט אָן דעם, אין וואָס פאַר אַ לאַגע ס'זענען די „געשעפטען" געווען אויף דער גרעניץ. ווען מאַניע איז אונטערגעוואַקסען און פּרוסאַק מיט זיין פרוי האָבען איינגעפּוגען, אַז דער דאָזיגער ווינקעל איז גאָר ניט קיין זיכערער און אַנשטענדיגער אָרט פאַר זייער טאָכטער, האָט מען איהר אָבגעגעבען אויף ערציהונג צו אַ בעקאַנטען רייכען פּויער אויף יענער זייט גרעניץ, מאַניע איז געוואַקסען צוזאַמען מיט פערשיעדענע בלאָנד־האָריגע און בלאָה־אויגעלדיגע לעזבענס און לאָטכענס, קאַראָלינעס און קאַטערינעס, האָט בעזוכט אַנ'אַנשטאַלט מיט אַ שילד „פיר אונ־

זערע יוגענד", וואָס געפינט זיך אין יעדעם פּרייסישען דערפיל, האָט געזונגען פון „געזאַנג=בוך" און „ליעדער=בוך" און איז אין אַלגעמיין געוואָרען אַ דייטשעס מיידעל. דערפון נעהמט זיך—איהר ריינע דייטשע אויסשפּראַכע, איהר וואויל=קענען, אַ שענע האַנדשריפט, ליעבע צו אָרדנונג, ריינליכקייט, שפּאָרזאַמקייט און צו אַ געדרוקטען וואָרט: אין אַ פרייער צייט פלעגט זי פיעל און גערן לייענען.

אַמאָל אין אַ פינסטערן ווינטער=אָוועגד, ווען אויפ'ן הימעל האָט מען קיין איין שטערענדיל ניט געזעהן, און צווישען הימעל און ערד האָט אַ שטורעמווינד געדרעהט און בייז געמורמעלט, ווי אַ צעבייזערטע חיה, און אַ שטורם=שניי האָט די אויגען צוזאַמענגעקלעפּט, פערהאַלטען דעם אָטעם און זיך געשפּיעלט מיט מענשען, ווי מיט פּילקעס,—אין אַזאַ אָוועגד האָט אַ חברה קאָנטראָבאַנדיסטען מיט וואַרימע היטלען אָנגערוקטע אַריבער דער נאָז, מיט פערשפּיצטע שטעקענס אין די הענד און מיט גרויסע פּעק סחורה איבער'ן פּלייצע, פערליערענדיג דעם וועג, אָנגעטראָפען אויף דער בעהאַלטענער גרעניץ=וואַך,—און דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שויסעריי פון פּיסטוילען. מיט פערוואונדעטע און דער'הרג'עטע. די קאָנטראָבאַנדיסטען זענען אַנטלאָפען אין זייער ווינקעל, און די גרעניץ=וואַך—נאָך זיי.

אַ געשלעג אויף לעבען און טויט אין דער נאַכט=פינסטערניס, קללות און צייהן=סקריהעריי. בעגלייט מיט דעם בייזען געלעבטער פון דער שטורעמדיגער נאַטור, וואָס האָט זיך בערוהיגט צו בעגינען ערשט, ווען די „טראַגעדיע" איז געווען אָבגעשפּיעלט.

אויף מאָרגען האָט זעהר טרויעריג אויסגעזעהן דאָס הילצערן שטיבעל מיט די דאַך=ציגעל, דער ווינקעל פון די נאַכט=הוליאַנקעס פון די גרעניץ=לייטלעך: טהיר און פענסטער זענען אינגאַנצען אָפען געווע., כמעט אַלע שויבען זענען אויסגעשלאָגענע, דאָס איינפּאַכע מעביל איז געווען אָבגערוקט פון די ערטער און צעבראָכען,—ס'איז קענטיג געווען, אַז דאָס האָט געדיענט אַלס באַריקאַדען פאַר די, וואָס האָבען זיך געשיצט. פון גלעזערנע און לוימענע כלים האָבען זיך שערבלעך און ברעקלעך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע, וואָס איז כּול געווען מיט שטרוי פון די אומגעוואָרפענע און צוקאַליעטשעטע בעטלעך.

אין גאַנצען שטיבעל איז קיין איין לעבעדיגער נפש ניט געווען, אויסער דעם אַלטען, אָבגעשטאָפּטען אין פוילען קאָטער, וואָס איז אויפ׳ן אייווען געזעסען און „מיאַאו" געקלאָגט, ווי בעוויינענדיג דעם חורבן פון זיין אַלטען וואַרימען ווינקעלע, וואו ער האָט אַזוי זאַט געהאַט צום עסען און ס׳איז אַזוי רוהיג געווען צו שלאָפען! צייטענווייז פלעגט ער איבעררייסען זיין פוילען „מיאַאו", ר׳פלעגט זיינע גרינע אויגען אָנווענדען אויפ׳ן שניי־מרחק, וואָס האָט זיך געזעהן דורך דעם אָפענעם פענסטער׳ל און פלעגט אָנשטעלען זיינע אויער׳ן, ווי ער זאָל זיך צוהערן, צו געהט ניט ווער פון „אייגענע" לייט, צו טראָגט מען ניט טפּים עסען. וואָרום דרויסען איז שוין לאַנג ליכטיג געוואָרען, און אויפ׳ן געוועהנליכ׳ן אָרט איז נאָך אַלץ ניטאָ דאָס שיסעלע מיט וויכען ברויט אָנגעבראָקעלט אין מילך. קיינער קומט ניט. ער האָט זיך ווידער גענומען צו זיין „מיאַאו", נאָך קלאָגעדיגער, נאָך אָבגעצויגענער, און ס׳האָט זיך אין דעם געהערט אַ געוויין, טרעהרען פון אַ לעבעדיגער בעשעפענים, וואָס הויבט אָן צו טראַכטען, אַז ס׳האָט פון איצט אָן אָנגעוואָהרען דאָס טאָג־חיות. קיינער איז ניט געקומען, קיינער וועט ניט קומען, ווייל אליה׳קע מיט זיין פרוי זענען נעלם געוואָרען...

זעקס וואָכען זענען אַריבער. דער אַלטער קאָטער איז שוין לאַנג טויט געלעגען אין אייווען, וואוהין ר׳איז, קענטיג, פערקראָכען אום צו ראַטעווען זיך ווענינגסטענס פון קעלט. נור דאָס האָט איהם ניט געראַטעוועט, און ער איז געשטאָרבען, מיט אַ קללה, אָדער אפשר מיט מחילה צו יענער, וואָס האָבען איהם אויף דער עלטער פערלאָזען אויף הונגער און קעלט. פאַרוואָס האָט ער פאַר זיך ניט אָבגעזוכט קיין אַנדער מענשליכע וואוינונג? צי דערפאַר, וואָס אויף אַכט ווי׳אָרסט אַרום האָט זיך קיין איין הויז ניט געפונען אָדער דערפאַר, וואָס ס׳איז איהם באַנג געווען צו שיידען זיך מיט׳ן ליעבען שטיבעל, וואו ער האָט זיין קינדהייט און די בעסטע יאָהרען פון זיין לעבען פערבראַכט. דאָס געפיהל פון התקרבות, ליעבע צום אייגענעם ווינקעלע איז פאַראַן אויך ביי אַלע ברואים, נור זיי האַלטען זיך ניט גרוים מיט דער ליעבע, ווייל זיי האַלטען עס פאַר גאַנץ נאַטירליך. נור דער מענש האָט זיין צוגעבינדענקייט צום אייגענעם ווינקעלע אָנגערופען „פּאַטריאָטיזם" און ר׳האַלט דאָס געפיהל פאַר זיינע א מדה טובה, פאַר וועלכע איהם קומט

עהרע און גאָב בײם לעבען און אַ דענקמאָל נאָכ׳ן טויט, פונקט
ווי ס׳וואָלט נאַטירליכער געווען צו פיהלען פעראַכטונג צו אַ אײ=
נענעם ווינקעל. אָ, מענשען האַלטען פון מליצה, די אײנפאַכסטע,
געוועהנליכע זאַכען, אינסטינקטען זאָגאַר פון אַלע לעבעדיגע
ברואים, האָבען זײ ליעב אָנצורופען מיט די קלינגענדסטע נעמען
און זײ פיהלען זיך אמבעסטען אין די תהו=ובוהו דיגע מליצות.
ווען די ברואים זאָלען זיך אַביסעל אַ נעהם טהון צו אונזערע ביכער
און דערזעהן, אין וואָס פאַר אַ אָנגעבלאָזענע ווערטער און מליצות
אַ מענש היעלט אַיין די געוועהנליכסטע זאַכען, וואָס ליעגען פון
אויבען אויף, וועלען זײ זיך אקאָרשט צולאַכען! וועלדער וועלען
אויפציטערען פון דעם געלעכטער פון די פיער=פיסיגע.

אין אַ פינסטערע נאַכט, צום סוף פון דער זעקסטער וואָך,
האָט אַ מענשען=פיגור אין אַ לאַנגען און ברייטען מאַנטעל מיט אַ
קאַפּיושאָן איבער׳ן קאָפּ זיך דערנעהנטערט צום אײנזאַמען פערלאָ=
זען שטיבעל מיט די דאַך=ציגעל געדעקט. ער האָט זיך דער=
נעהנטערט בגנבה. אַרומקוקענדיג זיך אַרום. בײם שטיבעל האָט
זיך עס אָבגעשטעלט, אַ האַנד צום ברוסט אַרויפגעלעגט און שטאַרק
אָבגעעטעמט. קענטיג, אז ער איז פערמאַטערט געווען פון לאַנגען
און גיכען גאַנג. אָבּרוהענדיג אַ פאָר מינוטען, איז די פיגור אַרומ=
געגאַנגען דאָס שטיבעל אַרום, דערנאָך האָט זי לאַנגזאַם און שטיל=
אָהן גערויש, גענומען אַרומשפּאַרען די פענסטער און לאָדענס, דער=
נאָך איז זי אין שטיבעל אַריין און האָט נאָך זיך די טהיר פער=
שלאָסען אויפ׳ן ריעגעל. אַרײנקומענדיג אין גרויסען צימער, האָט
אליה׳קע פרוסאַק--דאָס איז ער געווען—אַרויסגענומען פון בוזים
שוועבעלעך און אַ דינע וואַקסען=ליכטעל און האָט עס אָנגעצונדען.

— אַך,—האָט זיך בײ איהם אַרויסגעריסען, ווען דאָס דונ=
קעלע פײער פונ׳ם ליכט האָט בעלויכטען דאָס טרויעריגע חורבן=
בילד. ער האָט געוואָלט די הענד ברעכען, איז אײנע פון זײ
פערנומען געווען מיט׳ן ליכט. זיפצענדיג מיט׳ן ליכט אין האַנד
איז ער אַרומגעגאַנגען אַלע ווינקעלעך פון זײן שטיבעל, זיך אָנ=
געבוינט, אַרומגעקוקט און אַרומגעטאַפּט די ברעקלעך פון זײן האָב
און גוטס, וואָס האָבען זיך אין אַ אויסטישענים געוואַלגערט אויף
דער פּאָדלאָגע.

— אָט וואָס ס,איז פערבליבען פון גאַנצען פערמעגען—

האָט ער אַרויסגעזאָגט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.—וויפיעל שחיים האָט עס בײַ מיר אַוועקגענומען, וויפיעל נעכט האָב איך ניט דער־שלאָפען, ביז כ'האָב עס אַלץ איינגעשאַפּען. און אין איין נאַכט איז אַלץ פערלאָרען געגאַנגען, אויף וואָס כ'האָב געהאָרעוועט צעהן יאָהר, צעהן לאַנגע יאָהר!

— נעבעכקע מײַנער!—האָט ער אַרויסגעזאָגט, דערזעהענ־דיג אין אײוועין דעם טויטען קאָטער, וואָס האָט אויף איהם מיט זײַנע אָפענע און פערגלעזערטע אויגען, ווי אַ לעבעדיגער, געקוקט' וואָס בינסטו נעבעך שולדיג? דו האָסט דאָך מיט קאָנטראָבאַנד ניט געהאַנדעלט.

טרעהרען האָבען זיך געוויזען בײַ אליה'קען: דער „אַלטער פרײַנד", וואָס איז אַלע מאָל אַ שטילער, אַ קלוגער און טרײַער, האָט איהם איצט טיעף גערירט. ער האָט דאָס ליכטעל צו אַ ברעג פון אײוועין צוגעשמעלצט, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ אומגע־וואָרפענעם בײַנקעל און אָנשפּאַרענדיג די עלענבויגען אַן די קניה און אַרומגעהמענדיג דעם קאָפּ מיט די הענד, האָט ער זיך צו־קלאָגט אויפ'ן קול.

— בײַלע! בײַלע! וואָס האָסטו מיך אַליין איבערגעלאָזט? וואָס האָסטו מיך ניט מיטגענומען?—האָט ער אַלץ געטענה'ט אין טרעהרען און מיט די פויסטען זיך אין קאָפּ געשלאָגען.

בײַלע איז זײַן פרוי געווען. אין יענער בייזער נאַכט, ווען זײַן שטיבעל איז חרוב געוואָרען, האָט זי זיך שטאַרק פערקיהלט, איז מיט דרײַ וואָכען צוריק געשטאָרבען. אליה'קע האָט פערלאָ־רען אַ טרײַע אַ קלוגע חבריטע און אַ גוט בעל־הבית'טע און דער־צו אַ שענס, זעהר אַ שענס.

— מ'האָט איהר עין־הרע געגעבען,—האָט ער אַלץ גע־טענה'ט בעת זי איז קראַנק געלעגען, ר'האָט עס אויך איצט גע־זאָגט און האָט אין „עין־הרע" מעהר געגלויבט, ווי אין פערקיה־לונג.

אָנווײַנענדיג זיך גענוג, וואָס האָט, קענטיג, ערלײַכטערט אביסעל זײַן געפּײַניגט האַרץ, האָט ער מיט'ן פויסט אָבגעווישט די אויגען, האָט פון קעשענע בטקומען זײַן טאַבאַק־זעקיל און ליול־

קע און האָט פּעררויכערט. געראויכערט, האָט ער לאַנגזאַם, פּער־טראַכט, אַרויסלאָזענדיג פון מויל קנוילען געדיכטע, שווארצען רויך פון ביליגען טאַבאַק. זיינע אויגען, וואָס האָבען געבלאָנדזעט איבער דער האַלב־פינסטערנים פון שטיבעל, האָבען זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט אויף עפּיס א משונה'דיגע זאַך, וואָס האָט זיך ניט גע־לאָזט דערקענען אונטער דעם מישמאַש פון פערשיעדענע בעבי־כעס, וואָס איז אויף דעם געווען אָנגעוואָרפען.

— וואָס קאָן עס זיין אַזעלכעס?—האָט אליהקע געטראַכט ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט, נור ער האָט נאָך מעהר אָנגע־שטרענגט דערצו זיין בליק מיט נייגעריגקייט. אָבער אין דער האַלב-פינסטערנים אין שטיבעל און פון דעם געדיכטען חשך אין די ווינקלען האָט אליה'קע נאָרנישט ניט געקאָנט דערגעהן. וואָס איז עס דאָרט אונטער די אָנגעוואָרפענע בעביכעס. ער האָט זיך דעריבער לאַנגזאַם אויפגעהויבען פון דעם אומגעוואָרפענעם בייג־קעל, האָט עטוואָס אַ נישטער געטהון, און ער האָט דערזעהן אַ אומגעוואָרפען שפּיעל־קעסטיל מיט די פיס אַרויף.

— מיחאַלקעס שפּיעל-קעסטיל!--האָט אליה'קע בענריסט אַנ'אַלטע בעקאַנטע, וואָס האָט אָפּט פּערגניגען פּערשאַפט די קאָנטראָבאַנדיסטען אין זיין שיינקעל. — ווי אַזוי ביסטו דאָס גאַנץ געבליעבען פון דעם חורבן? און וואו איז עס אַהינגעקומען דיין אונרוהיגער בעל־הבית'ל, דער הינקעדיגער שד? צי איז ער ערגיץ אין אַ טורמע פּערשפּאַרט, אָדער ער שפּאַצירט ווי אַ פריי פויגעל אין דייטשלאַנד?

דער געוועזענער שיינקער האָט לאַנג און ליבליך געקוקט אויף דעם עדות פון זיין לוסטיגער פּערגאַנגענהייט און ר'איז גע־ריהרט געוואָרען, דערמאָנענדיג זיך אָן אַלץ, וואָס האָט עפּיס אַ שייכות געקאָנט האָבען צו דעם מוזיק-אינסטרומענט, וועלכער ליעגט איצט צווישען די בעביכעס, פון אַלעמען פערלאָזט, זאָגאַר פון זיין בעל-הבית, מיחאַלקע דער משומד, וואָס פלעגט אין דער בעגייסטערונג פון בראָנפען זיך בעגעהן מיט איהם, ווי מיט אַ לע־בעדיגער בריאה, אַרומנעהמען עס און קושען, אָנרופען: טאַטע, שפּייזער, פלעגט צו איהם רעדעס האַלטען און איהם מכבד זיין מיט בראַנפען. אליה'קע האָט זיך אָנגעבויגען צום אינסטרומענט

האָט איהם אויף די פּיס נעשטעלט און איהם אַרומנעקוקט פון
אַלע זייטען, צו איז ער וואו ניט צוקאַליעטשעט. אַז ער האָט אין
איהם אַלץ געפונען גאַנץ און ווי געהעריג, האָט ער אַ דרעה גע-
כהון דאָס הענטיל: ס׳האָט זיך דערהערט אַ אָבגעצויגענער, קראָ-
נענדיגער טאָן, ווי געזאָגט: „אַך, לאָז מיך צורוה, מיר געהט ניט
אָן קיין מוזיק״. אליה׳קע האָט אַ מאַפּ געגעבען און האָט אַראָב-
געדרוקט דעם זייטיגען ריעגעל, האָט אָנגעדריקט אַ קלאַמער און
האָט ווייעדער אַ דרעה געטהון מיט׳ן הענטיל. דער אינסטרומענט
איז ווי צו זיך געקומען, האָט קלאָהר און דייטליך אויפגעזונגען
„לומשינושקאַ״.

— גוט—האָט אליה׳קע אַרויסגעזאָגט און האָט אויפגעהערט
צו דרעהען מיט׳ן הענטל.—ס׳איז אַלץ אין אָרדנונג.

ער איז אָבגעגאַנגען אָן אַזייט, האָט ווייעדער אָנגעשטאָפּט
זיין ליולקע מיט טאַבאַק און האָט פעררויכערט. ר׳איז געשטאַנען
און נערויכערט, צונעקוקט אויף דאָס שפּיעל-קעסטיל און האָט עפּיס
בעטראַכט.

— מ׳דאַרף אַ פּרוב טהון. אפשר, וועט וואָס אַרויסקומען,—
האָט ער געזאָגט, ווי צו בעשטעטיגען זיין מחשבה. גאָט אין הימעל
איז אַ פאָטער!

ער האָט טיעף אָבגעזיפצט און פרום די אויגען פערגלאָצט
צו דער הויך, און האָט אין דער מחשבה הילף און שוץ געבעטען
ביי דעם, אָן וועמען ער פלעגט אָפּט, אין פיעל זאָרג און דאגות,
פערגעסען, ניט זייענדיג גאָר קיין אַפּיקורס, נור צו וועמען ער
פלעגט זיך שטענדיג ווענדען, ווען איהם פלעגט שוין וועהרען זעהר
שמאָל. ער האָט שנעל פערלאָשען די לולקע, האָט זי אין בוזעם
פערשטעקט, האָט זיך אייגעוויקעלט אין זיין ברייטען מאַנטעל, זיך
אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ רימען, ר׳האָט דאָס שפּיעל-קעסטיל אויף
די פּלייצעס גענומען, האָט דאָס ליכט אויסגעלאָשען און איז מיט
פעסטע טריט פון שטיבעל אַרויסגעגאַנגען, אָנטאַפּענדיג די מזוזה
ביי דער טהיר און דריי מאָל אָנגעקושט מיט די ליפּען. צו בע-
גינען איז ער מיט זיין משא נאָך אַ מהלך פון אַ וויאָרסט פינפצעהן
געקומען צו אַן אַלטען פּלאַנקען פון אַ אָרימען הויפעל פון זיינעם
אַ וזייטען קרוב אַן אָרענדאַר, ביי וועלכען ער האָט זיך איצט אויפ-

געהאַלטען. ער איז איננאַצען געווען דע־היצט און פערשוויצט, ווי אַ שטאַרק געיאָגטעס פערד און ער האָט קוים אָבגעעטעמט. דער אָרענדאַר און זיין פאַמיליע האָבען זיך נאָך געוואַרעמט אויף זייערע פערינעס. וויל מ'האָט אין דעם טאָג ניט געדאַרפט פאָהרען אין שטעדטיל אריין מיט מילכיגס.

אליה'קה איז צוגעגאַנגען צו אַ פענסטער'ל, האָט עטוואָס אויפגעהויבען דעם שטרויענעם לאָדען און האָט געלאָסען אָנגע־קלאַפּט.

— ווער איז? — האָט זיך פון שטוב אָבגערופען אַן'אַלטע פרוי'ען־שטים.

— איך, אליה, ס'איז שוין בעגינען.

אין שטיבעל האָט עמיצער אַ געניץ געטהון

אין אַ ווייל אַרום האָט זיך די טהיר געעפענט און אליה'קע, אין־דרייען געבויגען, האָט זיך מיט זיין משא אין שטוב אַריינגע־וואָרפען, ר'האָט דאָס שפּיעל־קעסטיל פאָרזיכטיג אויף דער פאָד־לאָגע אַראָבגעלאָזט און האָט זיך דאָ דערביי צוגעזעצט, אָהן כהות צו דערשלעפען זיך ביז'ן ווינקעל, וואו ס'איז פאַר זיין נאַכטלעגער צוגעגרייט געלעגען אַ מאָגערער שטרוי־זאַק מיט אַ קישעלע פון הינערשע פעדערע.

— וואָס האָסטו דאָס געבראַכט צושלעפּען? — האָט געפרעגט דער אָרענדאַר, וואָס האָט געהערט, ווי אליה'קע האָט אַראָבגע־לאָזט אויף דער פאָדלאָגע עפּיס אַ שווערע זאַך.

— גאָט'ס מזל־וברכה, — האָט אליה'קע געענטפערט, אַבי־חישענדיג מיט'ן אַרבעל דעם שווייס פון שטערן.

— אַן'אוצר, וואָס?

— אַן'אוצר ניט אַן'אוצר, אָבער ברויט אַ שטיקעל, מיט גאָט'ס הילף, וועט זיין פאַר מיר און פאַר מיין מאַשינקע. אַ סך דאַרפען מיר, וואָס?

— זאָל דיר גאָט צושיקען אַ סך. ווער ס'פערגינט דיר ניט, זאָל אַליין ניט האָבען.

.IV

אליה׳קע און זיין טאכטער מאניע זענעז וואנדער־ ארטיסטען.

אין אַ וואָך ארום, ווי אליה׳קע האָט געקראָגען דאָס „מזל־וברכה“, מיחאַלקעס שפּיעל־קעסטיל, איז אין אַ לויטערן פריה־מאָרגען אין מערץ מאָנאַט פון דעם אַרענדאַר׳ס הויפעל אַרויסגע־פאָהרען אַ פוּיעריש פוהר׳ל מיט אַ פּאָר קליינע. מאָגערע פערדלעך. וואָס זייער גרעסטע מעלה איז געווען, דאָס זיי וועלען שוין בשום אופן זיך ניט צוויאָגען און ניט אומוואַרפען דאָס פוהר׳ל, ווייל זיי זענען געווען געלאַסענע, פלעגמאַטישע און זאָנאַר עטוואָס מעלאַנ־כאָלישע. אויבען־אָן, פערנעהמענדיג די גרעסטע העלפט פון דעם קליינעם פוהר׳ל, איז געווען דאָס „מזל־וברכה“, איבערגעצויגען מיט אַ צעראַטע און אויסער דעם אַיינגעוויקעלט נאָך אין ראָגאָזשעס, אום... ס׳זאָל זיך ניט פערקיהלען און ניט הייזעריג ווערען. ווייטער, אין דעם קלענערן טייל פון פוהר׳ל האָבען זיך ווי ס׳איז אַיינגע־זעצט, איינער צום אַנדערן מיט די פּלייצעס, מיט אַראָבגעהאַנגענע פּים, אליה׳קע פּרוסאַק און זיין טאָכטער׳ל, וואָס האָט געוויינט, ווייל מ׳האָט זי צושיידט מיט איהרע דייטשע חבר׳טעס, מיט וועלכע ס׳איז איהר אַזוי בעקוועם געווען, פריי און לוסטיג. דער אַרענדאַר מיט דער גאַנצער פאַמיליע האָבען זיי בעגלייט אַרוים׳ן דאָרף. ביי דעם ערשטען שייד־וועג האָט ער אַרויסגעזאָגט: „פאָהר געזונד“, האָט זיך ווידער צוקושט מיט זיין קרוב, האָט מאַשינקען איבער׳ן קעפּיל אַ גלעט געטהון, און מ׳האָט זיך צושיידט.

— זעה זשע, אליה׳קע, שרייב אָן! — האָט ער אַ צעהנטען מאָל איבערגעחזר׳ט דעם אָבפאָהרענדען קרוב.

— יע, ווי דען. — האָט יענער געענטפערט און האָט פון בוזעם אַרויסגענומען זיין לולקע.

מאַשען איז געווען אַ יאָהר ניין־צעהן, נור געוואַקסען און פיזיש ענטוויקעלט ניט נאָך די יאָהרען נאָך, האָט זי אויסגעזעהן ווי אַ מיידעל פון צוועלף־דרייצעהן יאָהר און ס׳איז קענטיג געווען, אַז נאָר אין גיכען וועט זי ווערען נאָך אַ היבשע שענהייט.

— מאַמע, וואוהין פאָהרען מיר?—האָט זי אַ פרעג געטהן,

ווען איהר האָט שוין דערעסען צו וויינען און ווען די לאַנדשאַפ־טען פאַר איהרע אייגען האָבען איהר עטוואָס צושטרויט.

— אין דער וועלט אַריין,—האָט אליה׳קע געענטפערט, אומקעהרענדיג זיך צו זיין טאָכטער.

— וואָס וועלען מיר דאָרט טהון

— שפּיעלען אויפ׳ן שאַרמאַנקע, פערגניגינגען פערשאַפען לייטען.

— און שכור׳ן, ווי מיחאַלקע?

— ניין, צו וואָס שכור׳ן? דאָס איז געווען מיחכלקע אַ משומד און דאָס בין—איך. מיר וועלען נור אַרבייטען און געלד פער־דיענען.

— שפּיעלענדיג אויפ׳ן שאַרמאַנקע?

— יאָ, שפּיעלענדיג אויפ׳ן שאַרמאַנקע

— פאַר וואָס פערדינט ניט פליערמאַן קיין געלד פון שפּיעלען אויף אַ שאַרמאַנקע?

פלידערמאַן איז געווען יענער פּרייסישער דאָרפס-מאַן, ביי וועלכען מאַשינקע האָט זיך ערצויגען ביז איצט.

— דערפאַר, וואָס פלידערמאַן איז אַ רייכער פויער, ר׳האָט אַן׳אייגען שטיבעל, אייגענע ערד, אַן׳אייגענעם שייער.

— קויף, וועסטו אויך האָבען אַ שטיבעל, און ערד, און אַ שייער.

— ניטאָ קיין געלד, קינד מיינס. דאָס איז איינס. דערצו נאָך, ווען ס׳זאָל אַפילו זיין געלד, וואָלט איך אויך ניט געקאָנט האָבען אַזאַ מאַיאָנטעק, ווי ביי פלידערמאַנען.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר... ווייל מיר זענען אין „גלות“.

— וואָס איז עס אַזוינס?

אליה׳קע האָט אַ ווייל געטראַכט, צו זאָל ער ערקלעהרען מאַשינקען, וואָס איז אַזוינס „גלות“, נור בעשליעסענדיג, אַז דאָס קינד וועט איהם ניט פערשטעהן, האָט ער געזאָגט:

— אַז דו וועסט אויסוואַקסען, דאַן וועל איך דיר ערקלעה־רען, וואָס פאַר אַ מין פויגעל ס׳איז ס׳איז „גלות“, און דו וועסט פערשטעהן.

— צו איז עס ניט אַ ראָב ? — האָט מאַשינקע תּמימות'דיג געפרעגט, רעכענענדיג, אַז דער פאָטער רעדט עס באמת וועגן עפּיס אַ פויגעל, אַ ווארשיגליך, אַ בייזען רויב־פויגעל.
— ניין טאָכטער'ל, ניט קיין ראָב. נור ערגער.
— איז עס אַ פּנים אַ פליהענדער עקדייש ? — האָט געוואָלט טרעפען דאָס נייגיעריג מיידעל, וואָס האָט זיך פיעל שוידערנדע מעשיות אָנגעהערט וועגן רויב־פויגלעך.
— דו וועסט ניט טרעפען, קינד מיינס, — האָט אליה'קע אַרויסגעזאָגט, אויסטרייסלענדיג דעם אַש פון דער לולקע.—מאַטער ניט אומזיסט דיין קעפּעלע. אַז דו וועסט אויסוואַקסען, וועסטו פון צוויי ווערטער פערשטעהן, וואָס איז אַזוינס „גלות".
דאָס מיידעלע האָט אויפגעהערט צו פרעגען, נור זי האָט אָנגעהויבען שטיל, פאַר זיך צו דעקלאַמירען „דער פליהענדער דראַכע", אַ ליעד, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אין שול און מיט וועלכען זי האָט זיך אויסגעצייכענט אויפ'ן לעצטען עפענטליכען עקזאַמען, און דערפאַר האָט דער ה' שול־אינספּעקטאָר איהר אַ גלעט געגעבען איבער'ן קעפּיל. די אָנגענעהמע ערינערונג, האָט איהר נאָך פרעהליכער געמאַכט.
— פאָטער,—האָט זי געפרעגט,—ווען קומט אויס מיין קאָנ־פירמאַציע ? ליזכען און גרעטכען וועלען שוין אין גיעכען געהן צו קאָנפירמאַציע.
אליה'קע האָט אַ ציה געגעבען מיט'ן פּלייצע און אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, דערמיט האָט ער גערעכענט, וועט ער זיך אַוועקמאַכען פון דער פראַגע. אָבער דאָס נייגיעריגע מיידעל האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט דעם פאָטער'ס שטומער מינע. זי האָט ווידער איבערגע'חזר'ט איהר פראַגע.
— דו, טאָכטער'ל. וועסט קיינמאָל ניט געהן צו קאָנפירמאַ־ציע,—איז דעם פאָטער אויסגעקומען צו צושטערען די האָפנונג פון זיין טאָכטער.
די לעצטע האָט זיך אַזוי שנעל און האַסטיג אַ חאַפּ אויף געגעבען, אַז זי איז שיער ניט אַרויסגעפלוינען פון פוהר'ל.
— פאַרוואָס ? —האָט זי געפרעגט ערשראָקען און האָט זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער אויסגעדרעהט צום פאָטער.
— דערפאַר—דו בינסט דען אַ דייטשקע ? ביי אונז, יודען,

איז קיין קאָנפירמאַציע ניטאָ פאַר מיידלעך מעהר נישט פאר יונג־לעך—אויפ'ן דרייצעהנטען יאָהר.

— ס'אַראַ שאָדען !— האָט דאָס מיידעל אַרויסגעזאָגט, ברע־בענדיג די הענד און האָט זיך שיער ניט צעוויינט.—איך וואָלט אָנגעטהון אַ ווייסע מוסעלין קליידעל מיט ווייסע בענדער, כ'וואָלט בעקומען בלומען און אַ „געזאַנג־בוך" מיט גאָלדענע ברעגען. אַלע האָלטען אונז גראַטולירען, אַפילו דער אַלטער שולץ און זיין גוטע שולצעכע, וואָס קאָן אויסבאַקען זעלטענע קוכענס אויף האָניג און אינבער...

מאַשינקע האָט נאָך אַ צייט לאַנג אויפ'ן קול פאַנטאַזירט וועגען דעם, נור דער פאָטער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגען, ר'האָט ניט געוואָלט מיט עפּיס אַ אונפאַסענדען וואָרט אָדער אַ בעמערקונג צו שטערען די חלומות פון זיין קינד. ער האָט עס ליעבער געוואָלט זעהן בעשעפטיגט מיט די ווייטעסטע טרוימען, ווי צו זעהן עס אַ וויינענדיג און פערטרויערט. און אום צו לאָזען דאָס קינד „פריי שפּיעלען", איז ער אראָב פון פוהר'ל און איז אַוועק צופוס, צוזאַמען מיט'ן פוהרמאַן, וואָס האָט געשאָלטען זיינע שוואַכע פערדלעך און האָט זיך דערפאַר ניט צוגעזעצט אויפ'ן וואָגען, און אַגב איז טאַקי קיין אָרט ניט אויסגעקומען פאַר איהם.

אַרום האַלבען טאָג איז דאָס פוהרל אָנגעקומען אין נאָהנטען שטעדטיל און האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דער קרעטשמע, וואו דער געוועזענער שיינקער האָט זיין ערשטען דעביוט געמאַכט אַלס אַר־טיסט, און דוקא מיט אַנ'ערפאָלג: אויסער דעם. וואָס ער און זיין טאָכטער האָבען געהאַט צו עסען און טרינקען, האָט ער בעקומען נאָך ביי אַ רובל מזומן פאַר דער ווייטערדיגער רייזע.

פינף יאָהר זענען אַריבער. קענטיג, אַז די פינף יאָהר זענען ניט אומזיסט אַריבער פאַר דעם געוועזענעם שיינקער: ס'האָט איהם געגאָלבען און ר'איז אַריין אין פעדערען. דער מאָגערער, אַיינגע־הויקערטער. בלאַסטער און שרעקענדיגער יודעל איז געוואָרען גע־זונד, אָבגעגעסען, מיט רויטע באַקען, אַ פעסטער יונג מיט אַ גע־גאָלטען באָרד און וואוילעריש פערדרעהטע וואָנצעס, מיט קורץ געשאָרענע האָאָר און דעם היטעל פאַצעטיש אָנגעבויגען אויף אַ זייט. אין אַ קאָליערטער קומאַטש בלוזע און פלושעווע שאַראָוואַרעס און אַ קאָזאַקין, מיט איין וואָרט: ר' איז געוואָרען אַ דורכגעטריעבענער

וואַנדער-אַרטיסט, אַליין לוסטיג און מאַכט פרעהליך אַנדערע, וואָס יעדער טאָג איז פאַר איהם — אַ יום-טוב מיט הוליאַנקעס, מיט ליע-דער און געשלעגן. ער איז שוין אויסגעווען אין אלע גרעסטע גו-בערנסקע שטעדט פון מערב-קאַנט און דרום, האָט שוין פערמאָגט דריי שאַרמאַנקעס, וואָס האָבען צוזאַמען געהאַט אַ רעפּערטואַר פון זעכציג פּיעסען, ערנסטע און פרעהליך-לוסטיגע, ר'האָט געקאָנט מיט אַ פייפעל, וואָס ר'האָט געהאַט בעהאַלטען אונטער דער צונג, אַרויסווייזען אונגעוועהנליכע „קונסט-שטיק אין נגינה", וואָס פלעגען פערוואונדערען און אין גרויס התפּעלות אַריינברענגען אַלע דיענ-סטען, אַמען, קעכינס, בעדיענער, און דאָס גאַנצע „געעהרטע פּוב-ליקום", וואָס פלעגט פאַר „אליה'קע דעם באַנדיט" ניט קאַרגען קיין פּיאַטאַקלעך און אַפילו ניט קיין גריווונעס. די פּיאַטאַקלעך און די גריווונעס פלעגען אָבער ניט לאַנג אַיינליעגען ביי דעם „באַנדיט" אין די קעשענעס: ער פלעגט זיי אַזוי לייכט פערשווענדען, ווי לייכט ער פלעגט זיי צונויפקלויבען. און דעריבער האָט ער, ביי אַלע זיינע פערדיענסטען, זיך שטענדיג געגויטיגט אין אַ רובל.

מאַשינקע אויך האָט מקיים געווען איהר וואָרט: זי האָט פערשפּראָכען צו זיין אַ שענהייט — איז זי עס געוואָרען. זי האָט אויפגעבליהט. ווי אַ שענער בלום, און אַלע פלעגען שטוינען צו-קוקען איהרע פיינע געטאָקטע גליעדער, איהר קלאַסיש ריכטיגען, בלאַס-מאַטאָווען עטוואָס טונקעלן פּנים און דעם אונגעוועהנליכען גלאַנץ פון איהרע שוואַרצע פערנעבעלטע אויגען אונטער די לאַנ-גע ברעהמען. קיינער האָט ניט געקאָנט לאַנג אויסהאַלטען איהר ברענענדען, דורכדרינגענדען בליק, אין וועלכען ס'האָט זיך געפיהלט אַ עלעקטראָ-מאַגניט קראַפט. מיט דעם בליק פלעגט זי אַיינגעהמען די סאַמע חוצפּא'דיגע מאַנספּערזאָנען, וואָס פלעגען זיך ערוועגען איהר אין פּנים אַריינצוקוקען צו-העזה'דיג. דערצו האָט זי נאָך גע-האַט זעהר אַ קלינגענדע און אָנגענעהמע שטימעלע, וואָס פּאַסט זיך זעהר צו זינגען ליעדער און ראָמאַנסען, וועלכע זי האָט זיך אויסגעלערנט ביי פערשיעדענע וואַנדער-אַרטיסטען און אַרטיסטינס, וועלכע זי פלעגט בעגעגענען אויף איהר וואַנדער-וועג מיט איהר פאָטער מיט דער שאַרמאַנקע. דעם דאָזיגען טאַלענט איהרען האָט זי, לויט דעם פאָטער'ס בעגעהר און לויט איהר אייגענער ליעבע צו קונסט און צו די שבחים, וואָס דאָס פּובליקום זאָל אויף איהר

זאָגען,— שוין אָנגעהויבען אויסצונוצען—לויט מעגליכקייט און אין די גרעניצען פון אָנשטענדיגקייט. אין דעם איז זי זעהר שטרענג געווען לויט איהר נטיה צו אָנשטענדיגקייט פון געבוירען אָן און אויך אַ דאַנק דער ערציהונג, וואָס זי האָט בעקומען אין דער פאַמיליע פון דעם דייטשען דאָרפס-מאַן, וואָס האָט געפיהרט אַ גוטען סטאַט. זי פלעגט ניט בעגלייטען דעם פאָטער אין זיינע עקסקורסיעס איבער די גאַסען מיט דער שאַרמאַנקע. זי פלעגט זיך בעווייזען נור דאַן, ווען מ'פלעגט איינאָרדנען אַ הוליאַנקע אין אַ פריוואַט הויז אָדער אין אַ אָבגעזונדערטער פערוויילונגס-אַנשטאַלט.—און די הכנסה פלעגט דעמאָלט זיין זעהר גרויס. די געסט פלעגען אויסער זיך זיין פון דעם געוואַלדיגען שאַרמאַנקע-שפּיעלער און זיין טאָכטער די זינגערין, וואָס „איז נאָך דערצו רייצענד, ווי אַלע זיעבען עבירות צוזאַמען". אַזוי, אַלענפאַלס, פלעגען זאָגען לייט, וואָס זענען מבינים אויף עבירות.

V.

אַ גלענצענדע פאָרשטעלונג פון אליה'קע פּרוסאַק אויף אַ יריד

אין אַ העלען, וואַרימען פריה-מאָרגען אין יוני מאָנאַט, אַריבערפאָהרענדיג פון איין שטאָדט אין אַ צווייטע, האָט אליה'קע פּרוסאַק מיט זיין טאָכטער און דער שאַרמאַנקע זיך אָבגעשטעלט אין אַ גאַנץ היבשען שטעדטיל, וואו ס'איז אין דעם טאָג אַ גרויסער יריד געווען.

— דאָ וועלען מיר געבען אַ „גרויסע פאָרשטעלונג" און וועלען צונויפקלייבען אַ סך גראָשענס,—האָט ער צו זיין טאָכטער געזאָגט, אַראָבקריכענדיג פון פוהר'ל.—דאָס איז אַ האַנדעלס-שטעדטיל, ניט קיין אָרימע, און דערצו נאָך אויף אַ יריד זענען מענשען געוועהנליך ניט קיין קאַרגע.

— זאָל זיין אַזוי.—האָט מאַשע געזאָגט און איז אַראָב פון פוהר'ל און פערריכט איהרע פערקעמטע האָהר, וואָס האָבען זיך פון ליעגען צופּודעלט.

— האָלאַ, פּריץ, אַלאָ, מאַרשע!—האָט דער שאַרמאַנקע-

שפּיילער קאָמאַנדירט צום אַלטען ווייסען הונד, וואָס איז געלעגען אויפ'ן פּיהר'ל, האָט זיך פויל געצויגען און הויך געגעניצט אַזוי ברייט אַז ער האָט שיער ניט אויסגעלינקט דאָס מויל, ער וואָלט קענטיג צופריעדענער געווען, ווען מ'זאָל איהם ניט בעאונרוהיגען אַזוי פריה און לאָזען איהם ליעגען בהרחבה אויפ'ן פּיהר'ל ביז פריהשטיק. ער האָט זיך דעריבער גיט וויסענדיג געמאַכט פון דעם בעל-הבית'ס רופען. ר'האָט מיט די פאָדערסטע פיס גענומען לאַנג-זאַם און רחבות'דיג צו גלעטען זיינע אויערען און די באַקענבאָר-דען. האָט זיך אויך פערנומען מיט דער נאָז, רעכענענדיג געוויס, אַז דער בעל-הבית וועט דערזעהן, דאָס ער איז דאָך בעשעפטיגט, וועט ער איהם ניט שטערען אין זיין פריה-מאָרגענדיגען צופוצען זיך.

— פריץ,—האָט דער שאַרמאַנקע-שפּיעלער אויסגעשריען שוין בייז. נור פריץ האָט מיט אַ נאָגעל אַ ראַץ געטהון די נאָז, האָט ער נור אָנגעהויבען צו ניסען. און האָט זיך פון אָרט ניט גערירט.

— פריצכען!—האָט מאַשינקע אויסגעשריען מיט איהר מע-לאָדישער שטים, מיט ליעבע און פאָרוואורפע צוזאַמען.

דאָס מאָל איז דער אַלטער פוילער שנעל אויפגעשפּרונגען, האָט ווי געוועהנליך זיך אויפגעטרייסעלט—איינס, צוויי, און מיט איין שפּרונג איז ער געוואָרען נעבען זיין ווירטהין און האָט איהרע הענד געלעקט.

— נו, קום שוין אין קרעטשמע, דו אַלטער פוילער,—האָט דער שאַרמאַנקע-שפּיעלער אַרויסגעזאָגט און איז אַוועק צום גאַניק פון דעם ערשטען שטעדטילשען האָטעל, וואָס האָט געהאַט אַ שילד מיט עפּיס אַ משונה'דיגער ציעג, וועלכע האָט דוקא גע'שמט פאַר „אַ רויטען הירש".—היינט וועט זיין אַרבייט פאַר דיר אויך, היינט וועסטו שוין ניט עסען אומזיסט.

מ'דאַרף וויסען, אַז ניט מעהר, ווי מיט אַ מאָנאַט צוריק, דאָס הייסט פאַר דעם בייזען אָווענד, ווען זיין פריהערדיגער בעל-הבית האָט איהם פערשפּיעלט דעם שאַרמאַנקע-שפּיעלער, האָט דער אַלטער פריץ אָנגעהערט צו אַ חשוב'ען פערסאָנאַל פון אַ מאַלפּען-טעאַטער, איז געווען דרעסירט אויף פערשידענע קונצען און האָט בכבוד'יג געאַרבייט אויף זיין אַרטיסטישען געביעט, און דעריבער איז אין דער גרויסער פאָרשטעלונג זיין בעטייליגונג פער-

שטעהט זיך גאַנץ נויטיג געווען. פונקט ווי פערשטעהעניג דיעם ריכטיגען מיין פון די ווערטער, וואָס דער שאַרמאַנקע-שפּיעלער האָט איהם געזאָגט, און פונקט ווי ער וואָלט וועלען געבען איהם צו פערשטעהן, אַז אויף איהם קען מען זיך אינגאַנצען פערלאָזען, אַז ער וועט ניט אַריינפיהרען אין בזיונות, איז פריק אַריין אין קרעטשמע אויף די הינטערשטע פיס, איז צוגעגאַנגען צום בופעט, האָט גענומען אַ זעמיל און האָט זיך העפליך פערנייגט צו דער פערקויפערין פון בופעט. האָט דאָס זעמיל אַ שפּאַר געגעבען אין מויל אַריין, אַז די פערקויפערין האָט זיך דערשראָקען, מיינענדיג, אַז דאָס איז עפּיס אַ ליץ אָדער אַ מחבל.

— נאָט מיינער! — האָט זי אויסגעשריען, בלאַס ווערענדיג און כאַפּענדיג זיך פאַר׳ן ברוסט.

— דאָס איז מיין הונד, — האָט אליה׳קע קאַלטבלוטיג געזאָגט: שרעקט אייך נישט, פאַר׳ן זעמיל וועל איך בעצאָהלען.

ער האָט אין האָטעל אָבגעדונגען אויף אַ גאַנצען טאָג אַ גרויסען צימער, —ר׳האָט געשיקט דאָ איינגעאָרדענט אַן׳עסטראַדע פון ברעטער, וואָס האָבען זיך געוואַלגערט אויפ׳ן הויף, האָט אויף איין פענסטער פון „טעאַטער" אויסגעהאָנגען אַ פאָהן פון צוויי צונויפגעניהטע שטיקער פּוליאַר אַ רויטען און אַ בלאָהען, האָט זיין אייגען פּנים אויסגעשמירט אין רוס, זיך אָנגעטהון אין אַ משונה׳דיגען פערשיעדענפאַרביגען און פאַנטאַסטישען קאָסטיום, מאַשינקען האָט ער אָנגעטהון אין טריקאָ פון לייב-קאָליער, קורצע קליידלעך און אַ רויטען שפּענצער מיט פליטערלעך, אויסגעבלויזט ביז גאָר, —און צוועלף דעם זייגער ביי-טאָג האָט ער אָנגעהויבען זיינע פאָרשטעלונגען.

דער עולם האָט זיך מענגענווייז אַלאָז געטהון אין טעאַטער פון „דעם נעגער פון פאַריז", ווי אליה׳קע האָט געהייסען אין האָטעל אָנצורופען איהם. דאָ זענען געווען עקאָנאָמען, עקאָנאָמקעס שליאַכטעס, מענער און פרויען, יונגע און אַלטע, פּויערים און זעלנער, פּויערטעס, און אויך ניט ווענינ פאָרשטעהער פון דער „העכערער געזעלשאַפט", קליינע גוט-בעזיצער, אקציז-בעאַמטע, טאַקסאַטאָרען, פעלדשערעס, שרייבערס פון הויפען און זאָגאַר דער סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו גופא. איין מענגע פלעגט אומבייטען די אַנדערע, און די גריווענס האָבען זיך געשאָטען און געשאָטען. דער „נעגער"

האָט געשוויצט פון פערגניגען אין האָרעווענדיג על־פּי יושר" אום צופרידען צושטעלען דאָס פּובליקום· ער האָט וואונדער געוויזען מיט זיין שפּיעלען אויפ'ן שאַרמאַנקע און מיט'ן פייפעל, און מאַשינקע האָט געזונגען, ווי אַ סאָלאָווײ, האָט געטאַנצט אַזוי שען און גראַציעז, אַז אַלע זענען נתפּעל געוואָרען. פריץ האָט אייך ניט אָנגעטהון קיין בזיונות: אָנגעטהון ווי אַ מאַרקיז פון לודאָוויק דעם XIV ציימען האָט ער פּינקטליך דורכגעמאַכט אַלע זיינע קונצען, וועלכע מ'האָט איהם אויסגעלערנט, און פון דער ערשטער פאָרשטעלונג איז ער אַ ליעבלינג געוואָרען ביים פּובליקום. מ'האָט צו איהם אויפ'ן עסטראַדע געוואָרפען צוקער־קאַנדעל, לעקעכלעך און נים. ער פלעגט עס אויפקלויבען און העפליך זיך נייגען צום פּובליקום און די אַלע מתּנות פלעגט ער מיט אַ טיעפען רעווערענס צוטראָגען צו זיין ווירטהין. דאָס פּובליקום האָט אוש נעקרעבטשעש פון אַזאַ שכל פון דעם פיער־פיסיגען אַרטיסט און האָט זיך די הענד אָבגעקלאַפּט פון אַפּלאָדיסמענטען.

בעת די אַנטראַקטען צווישען איין פאָרשטעלונג און אַ צווייטען פלעגט אליה'קע צוגעהן צום בופעט, אייסטרינקען אַ קעלישאָק בראַנפען אָדער אַ גלאָז ביער און פלעגט אַרויסגעהן אויפ'ן גאַניק צונויפצורופען מיט זיין פייפעל דאָס פּובליקום צו אַ צווייטער פאָרשטעלונג.

אין איינעם פון די דאָזיגע ארויסטרעטונגען פון דעם „נענער פון פּאַריז", וועלכ'ע זענען שוין פאַר זיך גופא געווען אַ אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונג פאַר דעם מין פּובליקום אַרום האָטעל, וואָס פערמאָגט ניט קיין איבעריגע גריוונעס און קאָן ניט אַריינגעהן אין „טעאַטער" אינעוועניג, — איז צו איהם צוגעגאַנגען איינער אַ הערר פון הויכען וואוקס, מיטעלע יאָהרען, מיט אַ געזונדטען, דרייסטען און בעזויפען פּנים. ער איז געווען אָנגעטהון אין אַ פערפּוצטען זומער־קאָסטיום פון לייכטע גראָהע צייג, וואָס איז אויף איהם געווען ווי אויסגעגאָסען, און אויפ'ן קאָפּ אַ טוך־היטעל אַ העל־בלאָהע מיט ווייסע קאַנטען און מיט אַ קאָקאַרדע. קענטיג געווען, אַז ס'איז אַנ'אויסגעדיענטער מיליטער־קאַוואַלעריסט.

— דער פּאַן ראָטמיסטר, דער פּאַן ראָטמיסטר... — האָט מען אָנגעהויבען צו זשומען צווישען פּובליקום, וואָס האָט איהם אפּנים געקאָנט. און ס'איז קיין חידוש ניט: אַלס אַ דערביי־אינער

גוט-בעזיצער, א מוטווילינער און א פערגרענגער, איז ער שטאַרק בעקאַנט געווען אין גאַנצען קאַנט אַרום און ס'איז כמעט קיין איין מענש ניט געווען, וואָס זאָל איהם ניט קענען מיט'ן נאָמען און אין פנים. יונגע פרויען, דערזעהענדיג איהם פון דערווייטענס, פלעגען זיך בעהאַלטען אין די הויפען, אָדער זיי פלעגען אַרומ-קרייזען אַרום און אַרום, אום ניט אָנצוטרעפען זיך איהם אויף די אויגען, ווייל ער האָט קיינעם ניט דורכגעלאָזט.

ער האָט פאַמיליער אָנגענומען דעם שאַרמאַנקע-שפּיעלער פאַר'ן אקסעל און א זאָג געטהון:

— לאָמיר זיך צוזעצען, קאָלעגאַ, און א שמועס טהון.

— דער ליעבער הערר געהט אויך אַרום מיט אַ שאַר-מאַנקע? — האָט אליה'קע פערוואונדערט געפרעגט, וואָרום ער האָט דאָס וואָרט „קאָלעגאַ" פערשטאַנען אין פשטות.

— ווי דען זשע, —האָט דער ראָטמיסטר געענטפערט מיט א לוסטיגען שמייכעל, — שוין וויפיעלטער יאָהר, ווי איך געה אַרום מיט דער שאַרמאַנקע—אָדאָ (ער האָט אָנגעוויזען אויף זיין קאָפּ). דרעהט זיך און ס'קעהרט, ס'פייפט און ס'קלאַפּט, ווי אין צעהן שאַרמאַנקעס מיט אַמאָל, און קיין טאָלק איז ניטאָ.

— אַ-האַ! — האָט אליה'קע אויסגעשריען און זיין גאַנצער פּרצוף, דער אָנגעשמירטער אין רוס, האָט זיך צוקרימט אין א צופריעדענעם שמייכעל.—איצט פערשטעה איך.

— ווייל א „נענער פון פּאַריז" הייסט אַ מענש מיט שכל און מיט אַזאַ מענשען איז א פערגניגען דורכצושמועסען זיך. דו ביזט דאָך א דורכגעטריבענער יונג, דו האָסט זיך שוין גענוג אָנ-געזעהן.

— אָ—הא — האָט דער שאַרמאַנקע-שפּיעלער צופריעדען בעשטעטיגט און, לויט דער איינלאַדונג פון ראָטמיסטר, האָט ער זיך צוגעזעצט אויף א הילצערן בענקעל אויפ'ן גאַניק. — וואו איז שוין אליה'קע פּרוסאַק ניט אויסגעגעווען און וואָס נאָך האָט ער ניט אָנגעזעהן!

— אַוועק פון גאַניק! — האָט דער ראָטמיסטר אָנגעשריען אויפ'ן המון, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסען צום גאַניק-צו, וואָס איז נייגיעריג געווען צו וויסען, ווענען וואָס און אויף וועלכער שפּראַך

רעדט עס דער ראָטמיסטער מיט דעם „נעגער“---איך וועל הייסען אָבגיסען איך מיט ברודיגע וואַסער.

דער המון האָט שנעל זיך אָבגערוקט פון גאַניק, ווימענדיג, אַז מיט׳ן ראָטמיסטער געהען נישט אָן קיין קונצען.

— אַ טאָכטער איז ביי דיר, צום טייוועל, פון ערשטען סאָרט, אַ צימעס׳ל, עהרען־וואָרט, — האָט זיך דער ראָטמיסטער געווענדעט צום שאַרמאַנקע־שפּיעלער און האָט איהם מכבד געווען מיט אַ טייערן ציגאַר פון זיין גאָלד־בלאַנקענדער ציגאַרען־פּושקע.

— אַ דאַנק, ליעבער הערר, פאַר׳ן קאָמפּלימענט, — האָט אליה׳קע געזאָגט, אויפשטעהענדיג און פערנייגענדיג זיך און האָט פערדרויכערט דעם ציגאַר פון דער שוועבעלע, וואָס דער ראָטמיסטער האָט אָנגעצונדען.

— וואָס פאַר אַ קאָמפּלימענט, צו אל־די רוחות? איך זאָג דעם ריינעם אמת. דאָס ערשטע מאָל אין לעבען בעגעגנען איך אַזאַ שענהייט. עפּיס גלויבט זיך מיר נים.

— אַ טאָכטער, אַן אייגענע טאָכטער, אַן׳איינציגע טאָכטער פון מיין ביילע, ע״ה; איך קאָן דעם ליעבען פריץ ביי דער תורה שווערען, און אויסער דעם, איז דאָך אין פּאַס אויך אַזוי פערשריעבען.

— פערשריעבען צי נים פערשריבען, נור פאַר אַזאַ שען מיידעל איז אַן׳עבירה צו זיין אַ קאָמעדיאַנטין. פאַר איהר פּאַסט צו זיין אַ פריטצ׳טע, אַ מאַגנאַטין, און דיר פּאַסט אויך נים אַרום־צוגעהן מיט אַ שאַרמאַנקע און חוזק מאַכען פאַר לייטען.

— מה... איך ווייס עס אליין,—האָט דער שאַרמאַנקע־שפּיעלער ארויסגעזאָגט, און האָט זיך מהודר׳דיג דערפיהלט פון דעם ראָטמיסטער׳ס גוטע ווערטער,—נור וואָס זאָל מען טהון? די נויט... אָרעמקייט... ביי אַ ליידיגער קעשענע איז שווער אַ פריץ צו זיין— זאָגען פויערים.

— בינסטו דאָך גאָר אַ תם, הערר דירעקטאָר,—האָט דער ראָטמיסטער געזאָגט און האָט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד מיט אַ פעראַכטענדער גרימאַסע.—דו קאָנסט נים אָבשאַצען נים זיך, נים דיין טאָכטער, אָדער ווייס איך ווער זי איז, און דו רופסט זיך נאָך אָן „אַ נעגער פון פּאַריז!“.

און דער ווילע האָט זיך אויפ׳ן גאַניק בעוויזען מאַשינקע

אין האָט דערמאָנט דעם פּאָטער, אַז ס'איז שוין צייט אָנצוהויבען די פאָרשטעלונג, וואָרום אין זאַל איז שוין אַ אָנגעפּאַקטעס פּובליקום. דער שאַרמאַנקע-שפּיעלער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אַוועקגעפלויגען נאָך דער טאָכטער אין „טעאַטער" אַריין. דער ראָטמיסטער איז אויך אַריינגעגאַנגען נאָך זיי.

אין די שפּעטערדיגע אַנטראַקטען האָט דער ראָטמיסטער ווידער אַ געשפּרעך געפיהרט מיט'ן שאַרמאַנקע-שפּיעלער, נור ס'איז קענטיג געווען, אַז וואָס צו מאָל, ווערט דער געשפּרעך אַלץ ערנסטער. דעם ראָטמיסטער'ס געזיכט האָט געפלאַמט, און דאָס געזיכט פון'ם שאַרמאַנקע-שפּילער איז געווען פערפינסטערט און צוזאַמען מיט'ן רוס אויף זיין פּנים האָט עס איהם צוגעגעבען אַנ' אויסזעהן פון עפּיס אַ גרויסזאַמער בריאה. דער ערשטער האָט ווע-גען עפּיס ענערגיש גע'טענה'ט, מיט אַ ברען, מיט אַ היץ, מיט האַסטיגע בעוועגונגען, פלעגט אָפט אויפשפּרינגען פון אָרט און ווידער זיך צוזעצען; און דער צווייטער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, פלעגט מעהרסטען טייל שווייגען, אָדער ער פלעגט אָבענט-פער'ן מיט איין וואָרט, פלעגט דער-ביי אַ בלאָז טהון פון זיך, מאַ-כען גרימאַסען און אַבפאָכען מיט די הענד. די ערנסטע געשפּרע-כען האָבען זיך אונגינסטיג אָבגערופען אויף אַלע ווייטערדיגע פאָר-שטעלונגען: דער „נעגער" איז געווען צערשטרויט, בייז, ר'האָט דעם עולם ניט געקיצעלט מיט זיינע לוסטיגע וויצען, ר'האָט פויל געשפּיעלט אויפ'ן שאַרמאַנקע, און אָן דאָס פּייפעל האָט ער אַזוי ווי איננאַנצען פערגעסען קענטיג, אַז ער האָט איבערגעלעבט אַ שווערן אינערליכען קאַמפּף אין דער נשמה. און זאָגאַר דאָס פול געפּאַקטע פּובליקום און דער גרויסער ריוח האָט איהם ניט גע-פרעהט, און ער פלעגט איטליכע ווייל קוקען אויפ'ן זייגער, צו איז שוין ניט צייט אינגאַנצען צו פערענדיגען די פאָרשטעלונגען.

ביים לעצטען אַנטראַקט פאַר דער לעצטער פאָרשטעלונג האָט ער קענטיג אָנגעהויבען צו בערוהיגען זיך, אַ פּנים, אַז זיי זיינען צווישען אַנאַנד דורכגעקומען אין זייערע געשפּרעכען. דער צופריעדענער ראָטמיסטער איז אויפגעשפּרונגען און האָט געוואָלט אַרימנעהמען דעם שאַרמאַנקע-שפּיעלער, נור אוים בושה פאַר'ן פּובליקום, וואָס איז דערביי געווען, האָט ער איהם נור פעסט די האַנד געדריקט.

— זעה זשיג, זאָלסט מיך נים אָבנארען. — האָט ער דעם שאַר-מאַנקע-שפּיעלער אין אויער אַריינגעזאָגט, — אַניט, וועל איך דיך צוהיטען, וועל דיך חאַפּען און אָבקאַטעווען מיט נאַגייקעס, אָדער איך וועל דיך דערשיסען, עהרען-וואָרט!

— זענט רוהיג — אליה'קע פּרוסאַק'ס וואָרט איז הייליג, — האָט דער שאַרמאַנקע-שפּיעלער נעענטפערט פעסט, נור אָנגערוקט גיט ערוועגענדיג זיך צו קוקען איהם גלייך אין פּנים.

— געדענק זשע, — האָט יענער צוגעגעבען בּיים צושיידען זיך — ניין דעם זייגער... מיין קאַרעטע וועט אויף אייך וואַרטען הינטערן שטאָדט... וועט איהר זיך אַריינזעצען, און אין צוואַנציג מינוט אַרום וועט איהר זיין בּיי מיר אין פּאָלוואַראָק. נאָך דיין שאַרמאַנקע אין די איבּעריגע בעביכעס וועל איך צושיקען אַ פוהר. פון מיר וועט איהר שוין ווייטער פאָהרען. מיינע מענשען זענען שטיל, ווי פיש, זיי האָבען נים ליעב צו פּלאַפּלען, דערצו האָב איך זיי שוין אין דער הינזיכט דרעסירט, ווי געהעריג. אַדיע!...

דער ראָטמיסטער איז אַראָבגעשפּרונגען פון גאַניק, האָט זיך אַריינגעזעצט אין פוהריל, וואָס האָט איהם אָבגעוואַרט און האָט זיך אַלאָז געטהון צו זיך אין פּאַלוואַראָק, וואָס איז געווען אין הויף פינף וויאָרסט פון שטעדטיל, צוזוגרייטען זיך צום אויפנאַהם פון די געסט — דעם שאַרמאַנקע-שפּיעלער און זיין טאָכטער.

די פּאַנאַ יוסטינאַ, דעם ראָטמיסטער'ס עקאָנאָמקע, אַ הויקער, האָט זיך גענומען עוסק'ן מיט די שליעסלעך. אין קיך האָט אָנ-געהויבען צו ברענען אַ פרעהליך פייעריל, און פון קעלער האָט מען אָנגעטראָגען פערשיעדענע פּלאַשען מיט פערשיעדענע משקאות.

VI.

נאָך דער דאַזיגער נאַכט.

ס'איז געווען זעקס דעם זייגער אין דער-פריה, ווען דעם ראָטמיסטער'ס „געסט" זענען אַרויסגעפאָהרען פון זיין פּאָלוואַראָק בּיים דעם געביל פון אַ גאַנצע מחנה הינד. וואָס זענען בעזונדערס אויפגערייצט געווען פון דעם אַלטען פּריץ'ס העזה און חיצפּא,

וואָס איז אויפ׳ן פּוהר געשטאַנען און זיי געזידעלט און חשק געהאַט אויך אַראָבצושפּרינגען פון דער הויך וואָגען און פערגעבען זיי די דאָזיגע דאָרפ׳ס הינד. ניט קוקענדיג אויף זיין עלטער, זענען זיינע צייהן געוועזן נאָך גאַנץ שאַרפע. און דעריבער האָבען די הינד זיך געהאַלטען גאַנץ ווייט פון וואָגען, און פלעגען זיך שטענדיג לאָזען לויפען, ווי נור זיי פלעגען בעמערקען, אַז פריץ האָט בדעה זיך דערנעהנטערן צו זיי.

מאַשינקע, איינגעוויקעלט אין אַ פּלעד און דאָס פּנים פערדעקט מיט אַ טיכעל, איז אונבעוועגט אויפ׳ן פּוהר געלעגען און אין דער שטיל געוויינט. זי וואָלט וויינען הייך, אויפ׳ן קול, נור זי האָט זיך געשעמט פאַר׳ן פּוהרמאַן, וואָס האָט שוין אַזוי אויך נייגעריג זיך אומגעקוקט אויף דאָס וויינענדע מיידעל און געדריקט מיט די פּלייצעס. צייטענווייז פלעגט זי אויפהערען צו וויינען, צומאַכען די אויגען און פערטיעפען זיך אין מחשבות וואָס פלעגען איהר האַרץ צוזאַמענפּרעסען. אין איהר האַלב פערשלאָפענעם דמיון פלעגען דאַן קומען אַזעלכע פערנעבעלטע בילדער און געשטאַלטען, וועלכע זי האָט ערגיץ אַמאָל געזעהן און וועגען וועלכע זי קאָן זיך ניט קלאָר דערמאָנען.

... אַ גרויסער, העל בעלויכטענער זאַל מיט אַראָבגעלאָזטע גרינע שטאָרען... אין מיטען—אַ רונדער טיש, אָנגעשטעלט מיט פּאַרפּאַר-וואַזען, זילבער, פּאַיאַנס, בלומען און פּרוכטען... אין ווינקעל—די שאַרמאַנקע... אין איין ווינקעל, אין צווייטען, אין דריטען אין אַלע ווינקלען—שאַרמאַנקעס, און אונטער די שאַרמאַנקעס—פריץ, פינף פריצען, הונדערט פריצען... זי... ניין, דוכט זיך ניט זי, נור פריץ הויבט אָן זינגען „פּלאָווצי".

„בראַוואָ! בראַוואָ"!—שרייט עמיצער און אַפּלאָדירט.

„טרינק אויס, מיין טייערע, אַביסעל ליקיאָר, נוטען ליקיאָר, רינאַ׳ער"—זאָגט איהר פריץ. ער איז אין אַ הוסאַרען-ראָק, די וואָנצעס פערדרעהט, און די האָאָר אויפ׳ן קאָפּ זענען העל-בלאָנדע... טרינקטאָכטער׳ל,—זאָגט דער פאָטער,—אָט זעהסטו, איך טרינק אויך אַ זעלטענער ליקיאָר, פון שאַמפּאַן, אַ שטאָרט אַזאַ אַ גרויסע, מיר וועלען פאָהרען אַהין. אויב דו וועסט וועלען. דער פאַן ראָטמיסטר וועט אונז געבען זיבע פערד. ער וועט פאַר אונז גאָרנישט ניט זשאַלעווען. דערנאָך... אַ קלינגעריי. ס׳באַנצט דער טיש, ס׳טאַנצען

די שפּיגלען. די לאָמפּען, די שאַרמאַנקעס; פּריץ, דער פּאַטער און די סטעליע, און זי מיט דעם פּאַסטאָר׳ס גרעטכען הוידען זיך אין דעם וואַכער׳ל וואָס אַרום דעם פּאַרקאַן פון בית-עולם, און זי פאַלט פון די הוידעס גלייך אין וואַסער׳ל אַריין. דערנאָך... דער־נאָך געדענק זי שוין ניט, וואָס ס׳איז געווען... נאַכט... בּעגינען... אָה, מאַמינקע, מ׳האָט דיין טאָכטער אומגליקליך געמאַכט!...

זי ערעפענט די אויגען, וויל אַראָבּשפּרינגען פון פוהר׳ל און וואַרפען זיך אונטער די פערד, זי רייסט די האָאָר אויף זיך. נור בּעגעגענענדיג דעם פאַרשענדען בּליק פון פוהרמאַן, וואָס געהט אַ הינטער׳ן וואָגע, ווערט זי רויט, פערדעקט דאָס פּנים מיט׳ן טיכעל און וויינט ווייטער אין דער שטיל, סקריהענדיג מיט די ציינער.

דער שאַרמאַנקע-שפּיעלער זיצט אויפ׳ן פוהר׳ל מיט׳ן פּנים צו די פערד און רויכערט זיין לולקע. זיין פּנים איז בּלאַס, פערפינ־סטערט, און אויפ׳ן האַרצען איז עקעלהאַפט—צו פון דעם נעכטי־גען שכּור׳ן, צי פון דעם ניט-שלאָפען אָדער פון עפּיס אַנדערס?.. אָפט ציהט ער אַראָבּ דעם הוט פון קאָפּ און לאַנג און שטאַרק ראַצט ער אַ הינטער׳ן אויער, און דאָס געזיכט זיינס צוקרימט זיך בעת-מעשה, די נאָזלעכער ציטערען אויף, און זיינע ליידענשאַפט־ליכע ליפּען ווערען צוזאַמענגעפּרעסט ווי אָט-אָט וועט ער אָנהויבּען וויינען. און ווירקליך, די אויגען זיינע זענען רויט און פייכט, חאָטש ער ווישט זיי איטליכע ווייַלע מיט די גאַנצע הענד.

אַז דער פוהרמאַן האָט זיך אָבּגעשטעלט בּיי אַ קרעטשמע, אָנצוזעטיגען און אָנטרינקען די פערד און ער איז אַוועק זוכען אַנ׳עמער, האָט זיך מאַשינקע פּלוצלונג ז.ויפגעחאַפּט, האָט זיך אַוועקגעזעצט און אַראָבּגעוואָרפען פון זיך דעם פּלעד און מיט אַ הייזעריגען קול פון וויינען האָט זי אַ געשריי געטהון אַ הינטער דעם פּאָבּער׳ס פּלייצע. וואָס האָט זיך פון אָרט ניט גערירט.

— זאָג, וויפיעל האָסטו בּעקומען, וויפיעל האָסטו גענומען פאַר דיין טאָכ-טע-ריל?

דער שאַרמאַנקע-שפּיעלער ציטערט, ווי אַ בּלאַט, ר׳לאָזט אַראָבּ נאָך מעהר דעם קאָפּ, ר׳שווייגט און קעהרט זיך ניט אום אַפילו.

— זאָג זשע, וויפיעל ?—פרעגט מאַשינקע ווידער,—אַניט־שפּו׳נג איך אַראָב פון פוהר׳ל און כ׳וואַרף מיך אַריין אין ברונעם.

די לולקע פאַלט אַרוים ביים שאַרמאַנקע־שפּיעלער פון מויל, און אין איין הרף־עין שטעהט ער שוין אויף די קניה פאַר זיין טאָכטער, ר׳וויינט, ברעכט די הענד און קושט איהרע פים.

— זיי מיר מוחל, קינד מיינס,—בעט ער, ניט ערוואַגענדיג אויפצוהויבען זיינע אויגען צו איהר.—שרים האָבען מיך גע־טראָגען.

מיר האָט זיך קיינמאָל ניט גע׳חלומט אַפילו, אַז איך זאָל ווערען אַזאַ מנוול. אָה, די פערפלוכטע בראַנפען!...

— אָה, דאָס פערשאָלטענע געלד!—האָט די טאָכטער פער־ריכט.—זאָג, וויפיעל?

— וואָס מאַכט עס אוים וויפיעל? צו וואָס פרעגסטו זיך נאָך?

— זאָג, וויפיעל? — איז דאָס מיידעל דוקא בעשטאַנען אַ ניט ... און זי האָט געוואָלט אַראָבשפּרינגען פון פוהר׳ל.

— פינף הונדערט רובל!—האָט דער שאַרמאַנקע־שפּיעלער געשווינד אבגעענטפערט.

— דער פעטער פלידערמאַן וואָלט עס אויך זיין ליזבען פערקויפען פאַר פינף הונדערט פערשאָלטענע רובלם?

מעהר האָט זי גאָרנישט ניט געזאָגט. זי האָט זיך אַיינגע־וויקעלט אין פלעד און האָט זיך ווידער אויסגעצווינען אויפ׳ן וואָגען און האָט דעם גאַנצען וועג מיט׳ן פאָטער קיין איין וואָרט ניט אויסגערעדט, ביז וואָנען זיי זענען אין שטאָדט אריינגעפאָהרען האַלבע נאַכט.

— הער,—האָט זי אָנגעהויבען, ווען דאָס פוהר׳ל האָט שוין אָנגעהויבען צו קלאַפּען איבער׳ן צובראָכענעם ברוק פון פער־שלאָפענעם פאָרשטאָדט, — מאָרגען גלייך זאָלסטו פערקויפען דיין פערפלוכטע שאַרמאַנקע און מאַך זיך עפּים אַ געשעפט. נענוג אונז ווי די ציגיינער, די ציגיינעריי וועט אונז דערפיהרען. גאָט ווייסט צו וואָס. און אויב עס געפעהלט דיר זעהר מיחאַלקע דעם משומד׳ס פרנסה, איז געה זיך וואוהין דו ווילסט, און איך וועל דאָ בלייבען און וועל זיך שטעלען דיענען: כ׳וועל זיין אַ גוטע דיענסט. עסען

און אָברוהען וועל איך האָבען וואו—און מעהר דאַרף איך ניט. אַלענפאַלס, וועט מיין געוויסען ריין זיין פאַר גאָט און פאַר מיין מוטער עליה־השלום.

חי דעם שאַרמאַנקע־שפּיעלער איז נים שווער געווען צו שיידען זיך מיט׳ן אָרם לעבען פון א וואַנדער־אַרטיסט, האָט ער דאָך גערן ערפילט דעם רצון פון זיין טאָכטער, פאַר וועלכער ער האָט זיך שולדיג געפיהלט אויף דאָס גאַנצע לעבען. ער האָט גע־עפענט א באַקאַליי־קרעמיל און, לויט דעם ווילען פון זיין טאָכטער, האָט ער חתונה געהאַט מיט א גוטמוטיגער אַלמנה אָהן קינדער, וואָס איז פאַר מאַשינקען געווען ניט קיין שטיף־מוטער, נור א מוטער.

איבּריגענס איז מאַשינקע געווען אַזאַ שטילע, אַזאַ קלוגע און פון נאַטור אַזוי טאַקטיש, אַז אַפילו א בייזע פרוי אַ הולטייקע וואָלט צו איהר גאָרנישט געקאָנט האָבען.

אליה׳קע פרוסאַק׳ס באַקאַליי־געשעפט איז געגאַנגען ניט גאָר גוט, חייל די שטאָדט איז געווען נים קיין גרויסע, אַנ׳אָרימע און אָן אַ זייט פון דער באַהן, און דעריבּער האָט די גאַנצע פאַמיליע בעשלאָסען איבּערצופאָהרען אין דער שטאָדט נ. אַ גרויסע און אַ רייכערע שטאָדט, וואו מ׳האָט געקאָנט גיעבער אויפזוכען א גוט געשעפט. אין דער שטאָדט נ., וואו עס קומט פאָר דאָס, וואָס מיר בעשרייבען דאָ, האָט אליה׳קע לכתחילה געעפענט א טיי־הויז, וואָס איז גלייך אַוועק נים שלעכט; נור אַז ס׳איז פריי געוואָרען איינער פון די היגע בופעטען, ווייל דער בעל־בית האָט באַנקראָטירט, האָט אליה׳קע אָבגעדונגען דעם בופעט, האָט אין איהם גרויסע רעפאָרמען געמאַכט, איינגעפיהרט נייע פאָראָנדקעס, האָט עס א נאָ־גערופען „פאַריז“. דאָס געשעפט איז אַוועק גוט. צו דער צייט איז מאַ־שינקע אויסגעוואַקסען, האָט זיך ענטוויקעלט און איז געוואָרען א שענע פריילין מאַניע, האָט איבּערגענומען דעם בופעט אין איהר רשות, און איבּער איהר גלאַנץ און צוציהונגס־קראַפט איז עס געוואָרען די בעליבּטעסטע פערוויילונגס־אַנשטאַלט אין דער שטאָדט נ.

איצט, דוכט זיך, איז פערשטענדליך, פאַרוואָס אליה׳קע פרוסאַק האָט רעספּעקט פאַר זיין טאָכטער און האָט אַפילו עטוואָס מורא פאַר איהר.

VII.

דער פּריקאַזשציק מאַטקע און זיינע פינאַנציעלע און הערצליכע אַנגעלעגענהייטען.

דער שטאָדט=זייגער האָט געשלאָגען האַלב=צוועלף, ווען דער פּריקאַזשציק מאָטקע אָדער מאַרקוס איז צוגעפאָהרען צום איינגאַנג פון „פּאַריזער בופעט“, וואָס איז בעלויכטען געוועזען מיט צוויי רויטע לאַמטערנעס, און די גרויסע פענסטער האָבען ווייט אַרום די גאַס בעלויכטען. ער איז געשיקט אַראָבגעשפּרונגען פון פוהר׳ל, האָט דעם פוהרמאַן אַ וואָרף געטהון אַ פינפצעהן-קאָפּיקענע און איז אַרויפגעפלויגען אויף די געדרעהטע טרעפּ, אַריבערשפּרינגענדיג איבער עטליכע טרעפּ מיט אַמאָל. אויפ׳ן העכסטען טרעפּיל פאַר די גלעזערנע טהירען אין בופעט אַריין האָט ער זיך אויף אַ ווײַלע אָבגעשטעלט, האָט אַ געשווינדען בליק געוואָרפען אויפ׳ן קאָנצערטזאַל דאָרטען טיעף און איז אַוועק אויף רעכטס אין אליה׳קע פּרוסאַק׳ס אינעווייניגסטע צימערען“. די דאָזיגע אינעווייניגסטע צימערען זענען בעשטאַנען פון אַ קליינעם פּיער=קאַנטיגען צימער פאַר דער גאַנצער פאַמיליע פונ׳ם בופעט-אייגענטימער און דערבײַ אַ קליינעם לענגליכען קאַמער׳ל אויף איין פענסטער — פאַר זיין טאָכטער. אין דער ווײַלע איז קיינער פון די פּרוסאַק׳ס ניט געווען אין די אינעווייניגסטע צימערען, זיי זענען אַלע געווען אין בופעט. אַפילו די דיענסט פון שטוב, וואָס האָט קיין שום שייכות ניט געהאַט צום בופעט, איז אויך דאָרטען ערגיץ געשטאַנען, צוהערענדיג די אונגעהויערע אַפּלאָדיסמענטען און אונגעוועהנליכע געשרייען „ביז“ אויף די קופּלעטען פון אַ פּרימאַדאָנע. דאָס קליין לעמפּיל, וואָס איז אַראָבגעהאַנגען פון דער סטעליע, האָט פון אונטער׳ן מאַטאָווען דעקעל דונקעל בעלויכטען דעם פאַמיליען=צימער, וואָס איז גאַנץ בעשיידען מעבלירט געווען, ווייל דאָס בעסטע פונ׳ם מעבעל האָט מען אָבגעגעבען אין בופעט אַריין. אַפילו די בלומענטעפּ, וואָס מאַניע האָט זעהר ליעב געהאַט, האָט מען אַהין אַריבערגעטראָגען פון פאַמיליען-צימער יעדעם אָווענד, אַז זיי זאָלען וועלקען אין דעם פעררויכערטען לופט און זאָלען דיענען אַלס אַשענבעכערס פאַר די רויכערער.

מאַרקוס, אַלס אַנ׳איינגענער מענטש (ער איז געווען עפּיס אַ קרוב פּרוסאַק׳ן), האָט זיך גאַנץ ווייניג געקימערט, וואָס די בעלי-בתּים זענען דאָ ניטאָ, און ר׳האָט זיך אין דעם פאַמיליען־צימער אויפגעפיהרט, ווי בײַ זיך אין דער־היים. ער האָט פון זיך אַראָב-געוואָרפען דעם מאַנטעל, האָט פון די קעשענעס אויסגעליידיגט אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעהאַפּט אין מאַגאַזין און האָט בעהאַלטען אין שאַפּקעלע, וואָס איז אין אַ ווינקעל געשטאַנען, דערנאָך איז ער אַוועק אין מאַניעס צימער, האָט זיך איבערגעטהון אין אַ פּאַ-צעטישען ראָק און איז צוריק אַרײַן אין פאַמיליען-צימער פּערקע-מען די האָאָר און אויספּוצען זיך בײַם שפּיעגעל. בײַ דער דאָ-זיגער אַרבײַט האָט איהם געטראָפען אליה׳קע, וואָס איז מיט אַ זייטיגער טהיר פון בופעט אַרײַנגעקומען אַ הער.

— אַ, מאַרקוס׳ל! — האָט ער בעגריסט זיין אָפּטען חצות-גאַסט.

— גוטען אָווענד, ר׳ אליה,—האָט דער פּריקאַזשציק גע-ענטפערט, ניט אומקעהרענדיג זיך און ווייטער געאַרבייט בײַ זיין טואַלעט.

אליה׳קע איז גלײַך צוגעגאַנגען צום שאַפּקעלע, וואָרום ר׳האָט שוין געוואוסט, אַז מאַרקס האָט געווים עפּיס וואָס געבראַכט, וואָרום ר׳פּלעגט זעלטען קומען מיט ליידיגען. און דעריבער איז מאַרקוס אַלע מאָל געווען אַ געווינשטער גאַסט, אַלעכּפּאַלס פאַר אליה׳קען אַליין, וואָס האָט לויט דער אַלטער רגילות גרויס חשק געהאַט צו משקאות און נאַשערייען, און איז דעריבער צופרידען געווען פון מאַרקוסעס מתנות. וואָרום חאָטש אליה׳קע איז געווען דער בעל־הבית פון „פּאַריזער בופעט", האָט ער אָבער פּאַקטיש אַ קליינע ראָלי געשפּיעלט דערבײַ, און די הויפּט־פיהרערין איז גע-ווען מאַניע צוזאַמען מיט דער שטיעף-מוטער, וואָס האָט מעהר צוטרוי געהאַט צו דער שטיעף־טאָכטער, ווי צום מאַן, וואָס זי האָט זיך גענוג אָנגעהערט וועגען זיין פערדעכטליכער פערגאַנגענ-הייט. נאָך מעהר: דעם „רעכטען בעל־הבית" האָט מען אין אַ צוים געהאַלטען אין זיין אייגענעם הויז, מ׳פּלעגט פון איהם פער-שליעסען אַלע נאַשערייען, וואָרום בײַדע פרויען האָבען גוט גע-וואוסט, וואָס פאַר אַ נאַשער ר׳איז דער געוועזענער אַרטיסט, און

אַז מ׳זאָל אויף איהם ניט אַכטונג געבען מיט ביידע אויגען, וועט ער דאָס בעסטע פון בופעט אויפעסען און אויסטרינקען: די פינף—זעקס יאָהר לעבען פראַנק און פריי האָבען אין איהם ענטוויקעלט אַזעלכע רגילות׳ן און אַפּעטיטען, וואָס פּאַסטען גאָרניט פאַר זיין איצטיגען פאַמיליען־לעבען און קאָמערציעלער לאַגע, און קאָנען עס נור איינגאַנצען צורואינירען. דערפאַר איז ביי איהם אַזוי אָנגעלעגט געווען, וואָס ער קאָן בעפריעדיגען זיינע געווענהייטען אָהן שאָדען פאַר דער אייגענער קעשענע און אָהן מחלוקת מיט זיינע שטרענגע „הערשערינס“, פאַר וועלכע ער האָט גאַנץ היבש מורא געהאַט“. ר׳האָט דעריבער דעם געפעלינען פריקאַזשציק געהאַלטען פאַר אַ אמת׳ן בעל־טובה און פלעגט אויף איהם וואַרטען מיט אומגעדולד. דער פריקאַזשציק אָבער האָט זיינע חסדים אַרויסגעוויזען ניט אַזוי אליה׳קעס „שען פנים׳ל“, ווי צוליעב דעם שען פנים׳ל פון אַנ׳אַנדער פערזאָן, וועגען וועלכער ער האָט געטרוימט ביי־טאָג און גע׳חלום׳ט ביי־נאַכט און געהאָפט אויף אַ ערפאָלג, ווען ער זאָל נור בעקומען אַ פראָטעקציע פון איהרע עלטערן. דאָס בעווייזט אָבער נור, אַז ער האָט ניט געוואוסט ניט מאַניעס חאַראַקטער, ניט די בעציהונגען צווישען איהר און דעם פאָטער.

— וואָס איז עס, ראָס?—האָט אליה׳קע געפרעגט, בעקוקענדיג די נייע מתנה פון זיין „קינפטיגען איידים“, ווי ער פלעגט רופען דעם פריקאַזשציק אין אַ שפּאַס אָדער צוליעב חניפה.

— ראָם,—האָט מאַרקוס געענטפערט און האָט פעררוכט דעם געפרעסטען קראַגען פון זיין ציצען־העמד און אויסגעבונדען זיין בלאָהען שניפּס, וואָס האָט זיך איהם געדוכט, אַז ס׳קליידט זעהר צו זיין טונקעלען פערברענטען פנים.

— און איך האָב דיך, דוכט זיך, געבעטען וועגען קאָניאַק, דו געדענקסט?—האָט אליה׳קע אַרויסגעזאָגט מיט עטוואָס פאָרוואורף אין דער שטים.

— גלויבט מיר, ר׳ אליה,—האָט דער פריקאַזשציק זיך פערענטפערט, — גלויבט מיר, אַז מ׳האָט בשום אופן ניט געקאָנט: איצט זענען ביי אונז נור געצעהלטע פלאַשען, ביי׳ם סוף שוין.

אָט באַלד וועלען מיר בעקומען אַ פרישען טראַנספּאָרט, חעט זיין לעבעדיג, דעמאָלט...

אליה'קע האָט זיך געמוזט בעגנוגענען מיט'ן ראָם. ר'האָט שנעל געעפענט די פּלאַץ, האָט אָנגענאָסען אַ קעלישאָק'ל, האָט עס אַווײלע געהאַלטען אויפ'ן שיין פון לאָמפּ, ווי פערגניגענדיג זיך דערמיט, און האָט עס שנעל אַריינגעקעהרט אין מויל אַריין, אונ־טערהאַלטענדיג די פּאַטילניצע מיט דער לינקער דלאָניע, פּונקט ווי ער זאָל געווען בעזאָרגט, אַז די טייערע משקה זאָל זיך ניט אַרויסזייען, חאָטשי די פּאַטילניצע איז ניט געווען קיין דורכגע־לעכערטע און ניט פון לעש־פּאַפּיער. או־פו!—האָט ער אָבגעבלאָ־זען, האָט אַ קװאָק געטהון מיט די פינגער און צוקרימט זיין פּנים. אַ טײוולאָנישער ראָם, צו אַל־די רוחות! אַ דאַנק דיר, ברודער! אין אַלע גליעדער צוגאַנגען.

— אַ—האַ, גוט!—האָט מאַרקוס געפרעגט, דערפרעהענ־דיג זיך, וואָס דער ראָם איז געפעלען געוואָרען.

— מיט איין וואָרט—ערשטער ראַנג—האָט אליה'קע גע־ענטפערט, צולעגענדיג אַ פינגער צו די ליפּען און משמאָקענדיג.— זאָל גאָט געזונד געבען דיין פּרינציפּאַל, ר'איז, קענטיג, אַ קלוגער מאַן, וואָרום ער האַלט נור גוטע סחורה.

ער האָט געמאַכט אַ פּאַפּיראָס, האָט פערדרויבערט און האָט זיך צוגעזעצט אויפ'ן סאָפקע. באַלד האָט זיך מאַרקוס אויך צו־געזעצט, ווען ער האָט פערענדיגט זיין טואַלעט. וואָס האָט בײ איהם היינט געדויערט לענגער, ווי אַלע מאָל. ער האָט אויך פער־דרויבערט אַ פּאַפּיראָס און האָט זיך, קענטיג, גאָר ניט געאײלט אַזוי אין בופעט, וואו ס'איז געווען די, וועלכע ער האָט מיט אַזאַ פײ־ער, אָבער אויך מיט אַ שרעק און כמעט אָהן אַ האָפנונג פערגע־טערט, און ציהט צו איצט די בליקען און הערצער פון אַלע געסט, וואָס דאָס פלעגט איהם געוועהנליך וואַרפען אין היץ און אין קעלט.

דאָ האָט זיך אַ זייטיגע טהירעל פון בופעט פון זיך אַליין אויפגעעפענט, און אין פּאַמיליען־צימער, וואו ס'זענען געזעסען דער קינפטיגער שוועהר מיט'ן איידים און האָבען געדרויבערט, האָט זיך חי אַ ים־פּאַליע אַריינגעריסען אַ טומעל, אַ רעש פון די פּיעלע

געסט און אַ פּײַפּענדיג קול׳כעל פון עפּיס אַ יונגער זינגערין, וואָס האָט געזונגען אונטער׳ן אַקאָמפּאַנימענט פון אַ ראָיאַל און צוויי-דריי האַרפּעס, וואָס זענען לאַנג קאַליע געוואָרען:

דו ביסט פערריקט, מײַן קינד,
מ׳ז נאָך בער—לין,
... וואו די פערריקטען זינד,
דאָרט מוסט דו הי—ין...

— בראַוואָ! בראַוואָ! חאַ, חאַ, חאַ; פּאַמאָ—אָס!

— וואָס זיצסטו דאָ עפּיס, מאַרקוס, האָט זיך אליה׳קע אָבגערופען און האָט דעם פּריקאָזשציק אַ שטויס געגעבען מיט׳ן עלענבויגען אין זײַט.—געה אַרײַן אין בופעט, דו הערסט, ס׳אראַ פרעהליכקײַט דאָרט איז?

— מיר איז גאָר גיט דערצו׳ ר׳ אליה,—האָט דער פּרי-קאַזשציק געענטפערט מיט אַ זיפץ.—איך בין הײַנט געקומען רייִ-דען וועגען אַ ענין.

— זעהר וואויל, רייד, איך וועל הערען,—האָט אליה׳קע געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך פון זײַן אָרט און געהענדיג צו דער שאַפּע. דו וואַרט נור אַ ווײַלעטשקע, איך וויל זיך נור עטוואָס אָבפרישען...

און ער האָט שנעל דורכגעמאַכט מיט׳ן טײַוואָלאָנישען ראָס די זעלבע צערעמאָניע, ווי פריהער.

— איצט, לעג אַרויס,—האָט ער געזאָגט אָבהוסטענדיג זיך און האָט זיך צוגעזעצט אויף זײַן פריהערינגען אָרט.

— וואָס איז דאָ פאַרהאַן וואָס אַרויסצולעגען?—האָט דער פּריקאַזשציק אויסגעשריען כמעט און האָט צושפּרײַט בײדע הענד.— דער ענין איז אַ בעקאַנטער, איך האָב אײַך שוין ניט איין מאָל געזאָגט וועגען דעם. דריי הונדערט רובל איז פאַרהאַן ביי מיר, דריי הונדערט—ביי אונזער וויינער, בסך-הכל זעקס הונדערטער.

— דאָס איז אָבער קנאַפּלעך אויף צו עפּענען אַ געשעפט— האָט אליה׳קע מיושב׳דיג בעמערקט. — דאָס וועט קוים קלעקען אויף אַ דירה צו דינגען, אויף בילעטען און אַ פּאַטענט און אויף אײַנאָרדנונג. און אָן סחורה, משקאות האָט איהר שוין גאָר פער-געסען?

— און קרעדיט? — האָט דער פּריקאָזשציק נעפּרעגט.—די מעקלערס לאָזען ניט צורוה: „עפּענט א געשעפט, וועלען מיר אייך אָנטראָגען געלד, וויפיעל איהר וועט אליין וועלען". ווייל זיי חייסען, אַז דאָס געשעפט וועט ביי אונז אוועקגעהן, ווי געשמירט. די קונ-דען פון אונזער מאַגאַזין וועל איך איבערציהען צו זיך, און זיי וועלען צו מיר גערן געהן, ווייל זיי האָבען מיך זעהר ליעב. פּאר מאָטקען וועלען זיי קיין זאק ציבעלעס ניט נעהמען, איהר פערגעט זיי נור וועגען מיר. אויף מיר האַלט זיך דער גאַנצער מאַגאַזין, חייל—איך קאָן קאַווירען יעדעם: כ'וויים יעדעריגס קאַפּריז, יעי-דערנס גוסט, וואָס ווער האָט ליעב, און וואָס ווער ס'קאָן ניט סובל זיין, און דאָס איז אַ פּריץ געפעלען. איהר מיינט, אַז די פּריצים געהען צו ר' משה גרונימוס, אָדער צו דער דיקער גרונימוסוכע? זיי געהען צו מיר. ווי נור איך זאָל אוועקגעהן פון מאַגאַזין—וועלען זיי מיט אַ פוס ניט אַריינטרעטען.

— אָ — האָ, ס'אַראַ חוואַט דו בינסט!—האָט אליה'קע גע-ליובט דעם בערהימער דעם פּריקאָזשטשיק און האָט איהם אַ פּאַטש געגעבען איבער'ן פּלייצע.

— און מכה משקאות—האָט דער לעצטער צוגעגעבען לע-בעדיגער אַלץ,—איז עס אַ קלייניגקייט. מיר וועלען פון ריגאַ אויס-שרייבען צוויי פעסער וויין, איינעם רויטע, און אַ צווייטען—ווייסע, און אונזער ווייגער וועט עס אַזוי צוריכטען, אונטערזיסען און צו-פאַרבען און צוגיסען אין פלאַשען, אַז ביי אונז וועט ווערען אי הערעס, אי לאַפיט, אי מאַדערע, און סאָטערן, און מאַלאַגע, און אַפילו טאָקייסקע און באָרדאָ.

— אַזעלכע הענקערס, פאַלשע געלד-מאַכערס זענט איהר!—האָט אליה'קע אויסגעשריען, אי געלויבט אי פאָרוואורף געמאַכט צו דען ווילט זיך אייך אין טורמע, אָדער גלייך אין סיבירען?

— וואָס פאַר אַ טורמע, סיבירי! — האָט דער פּריקאַזשציק אָבגעענטפערט מיט אַ פעראַכטונגס-גרימאַסע. — אַלע טהוען אַזוי, אויף דעם שטעהט די קאָמערציע. און ווי האָט איהר גערעכענט, פון וואָס ווערען רייך ווײן-הענדלער, בויען הייזער און ווערען סוהרים ערשטע גילדיע? הונדערט פּראָצענט ריוח — דאָס איז אַ כלל, נור עס גיעט אויף מעהר, פערשטעהט זיך. ווען אין קעלער זיצט אַ גוטער ווײנער, וואָס פערשטעהט זיין עסק, און אונזער ווײנער איז

א מייסטער פון ערשטען ראַנג. צעהן יאָהר ביי שיינפורטען אָבּ־געהאַלגערט זיך, איז ער אַלע קונצען דורכגעגאַנגען. ער וועט אייך כ'חיים פון וואָס קאָניאַקען מאַכען און שאַמפּאַניער. ער איז נור אַ שוטה, ר'חיים ניט זיין חערטה, בּעגנוגענט זיך מיט פּיער רובל אַ וואָך שכירות, און דעם בּעל־הבּית בּריינגט ער איין טויזענדער מיט זיין אַרבּייט, נרינימום איז פון איהם רייך געוואָרען. אָט וואָס פאַר אַ ווינער בּיי מיר וועט זיין.

— אויב אַזוי, איז וואָס לענגסטו עם אָב? עפּען אָב אַ גע־שעפּט, און זאָל דיר גאָט גליק געבען!

דער פריקאַזשציק האָט אַ ווילע געשוויגען, דערנאָך האָט ער עטוואָס אַראָבּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט אָנגעהויבּען עטוואָס שטילער:

— אָט וועגען דעם בּין איך טאַקע צו אייך געקומען, ר' אליה. עפּענען איז קיין קונץ ניט, כ'קאָן די קינפּטיגע וואָך שוין עפּענען דאָס געשעפט. אַנ'אָרט האָב איך שוין אָבּגעזוכט, פּאַלי־צעס און שילדען זענען שוין בּעשטעלט, און דער ווינער טרייבּט מיך אונטער. נור... איהר פערשטעהט דאָך אַליין... וואָס פאַר אַ סוחר קאָן זיין אַ בּחור? ווער וועט צו איהם צוטרוי האָבּען? ווערלבער שוטה וועט עם געבּן קרעדיט א בּהור? און דעריבּער דאַרף איך קודם־כל... דאַרף איך...

— חתונה האָבּען?

— נו, יאָ. איהר פערשטעהט עם דען ניט?

ר' אליה האָט זעהר גוט פערשטאַנען אי „דאָס", ד. ה., אַז דער קינפטיגער סוחר דאַרף חתונה האָבּען, און אויך דאָס, מיט וועמען דער סוחר האָט עם חשק חתונה צו האָבּען. נור דער לעצטער פונקט האָט איהם אין גרוים פערלעגענהייט געבּראַכט, וואָרום מיטצוהעלפען דעם גוטען מאַקס'ן אין דעם דאָזיגען פונקט איז געווען ניט אין זיין יכולת. און דעריבּער האָט ער, אָנשטאָדט ענטפער, שטיל און מעלאַנכאָליש זיך אויפגעהויבּען פון סאָפקע, איז אַוועק צום שאַפע און האָט ווידער זיך גענומען פאַר'ן טייוו־לאָנישען ראָם, האָפענדיג, אַז דאָס וועט איהם קלוג מאַכען, וואָס צו זאָגען און וואָס פאַר אַנ'עצה צו געבען דעם בּחור, צו וועלכען ער האָט גרוים מיטלייד געהאַט. — וואָס-זשע זאָגט איהר מיר גאָרנישט, ר' אליה? — האָט דער פריקאַזטשיק טרויעריג

געפרעגט, פיהלענדיג, אז ס׳איז ניט קיין גוטער סימן, וואס דער אײנגענטימער פון „פאריזער בופעט“ שווייגט אזוי.

— וואס זשע זאל איך דיר זאגען? — האט אליה׳קע ענטפערט, צוקענדיג די פלייצעס און צושפרייטענדיג די הענד. — איך זאג אייך, אז קודם־כל דארפסטו חתונה האבען, ווארום א סוחר אהן א פרוי — איז גאר קיין ענין ניט. מ׳קען קיין שום אנזעהן ניט האבען. און ווי פיהרט מען עס א געשעפט אהן א פרוי? מעהר ניט, אז די טייטשען אין גינצפריק (קעניגסבערג) האנדלען אהן די פרויען, נור א טייטש — נאר, ס׳איז דאך אנ׳אלטער כלל.

— אט זעהט איהר, פערשטעהט איהר דאך אליין, אז איך רייד צום ענין, — האט ד״ר פריקאזטשיק געזאגט, דער פרעהענדיג זיך. וואס אליה׳קע געהט אריין אין זיין לאגע. — און דעריבער רעכען איך. וועט איהר נ״ט אין כעס ווערען, ווען איך וועל בייאייך פרעגען, צו האט איהר שוין דורכגעשמועסט... מיט איהר?

— מיט מאניען? כהו... מיט מאניען, פערשטעהט זיך, האב איך גערעדט, כ׳האב איהר געזאגט, אז דו ווילסט עפענען א געשעפט.

— און זי וואס?

— זי... וואס קאן זי זאגען? זי האט געזאגט, אז ס׳איז גוט, אז דו טהוסט זעהר גלייך. ווארום ניט אייביג איז מען א פריקאזטשיק, שוין צייט אליין א געשעפט צו האבען.

— נו, און ווייטער, מכח... איהר פערשטעהט דאך?

— מכח דעם ענין, דעם אמת זאגענדיג, האב איך גאר ניט גערעדט, ווארום דו ווייסט דאך אליין, וואס פאר א האנאראטע זי איז, א קאפריזנע, א שטאלצע. ווי דו זעהסט מיך א יודען, איך האב מורא איהר אנצומוטהען וועגען דעם.

— איהר האט מורא? וואס הייסט? איהר זענט דאך א פאטער.

— איז אז א פאטער, איז וואס? קינדער זענען איצט קליגער פון די עלטערן. מיר האבען פאר זיי מורא, ניט זיי פאר אונז!

— און איך האב זיך געהאט פערלאזען אויף אייך, ווי אויף אנ׳אייגענעם פאטער. וואס זשע זאל איך איצט טהון? דאט דער פריקאזטשיק ארויסגעזאגט, פערברעכענדיג די הענד.

— טהו א שמועס מיט איהר דו אליין. ווי איך בין א יוד־

אַז דאָס וועט זיין דאָס גלייכסטע. און דאַן, אַז דו וועסט שוין אָנהויבען, דאַן וועל איך אויך... מיט'ן גרעסטען פערגניגען. איך וויל דיך דען ניט פאַר אַנ'איידים? קיין בעסערן חתן דאַרף זי גאָר ניט, ווי איך רעכען. וואָס פעהלט דיר? אַ יונגער, אַ שענער אַ געזונדטער, אַ קלוגער, פערשטעהסט מסחר, און צום אלעם דעם אַ קרוב אויך אונזערער.

דער פריקאַזטשיק איז געזעסען אַ ווײַלע שטיל, אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און פערטיעפט אין אַ מחשבה. דערנאָך איז ער שנעל אויפגעשפרונגען פון סאָפקע, האָט זיך אויסגעגלייכט, צונױפגעלעט די האָאר אויפ'ן קאָפּ, האָט פערדרעהט זיינע קליינע וואָנצעלעך און האָט מיט אַ פלוצימדיגער און פערצווייפעלטער ענטשלאָסענהייט אין דער שטים אַרויסגעזאָגט:

— יא, איהר זענט גערעכט, ר' אליה. וואָס ס'וועט זיין, זאָל זיין, איך וועל אַליין דורכריידען מיט איהר היינט, אט שוין. אַלענפאַלס וועל איך וויסען, וואָס קלעהרט זי וועגען מיר, צו האָב איך אויף וואָס צו האָפען אָדער... און מיט איין שפרונג איז ער געוואָרען ביי דער טהיר פון בופעט.

— וואַרט אויף אַ ווײַלע, מיין טייערער, וואַרט! — האָט איהם אליה'קע אָבגעהאַלטען. — טרינק אויס איין קעלישאָק'ל חאַטשי אויף מוטה.

— ע—עך, — האָט דער פריקאַזטשיק אַרויסגעזאָגט, האָט מיט פעראַכטונג אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און איז שוין אַריבערגעטראָטען די שוועל. —ניט אויסגעטרונקענערהייד דרעהט זיך מיר שוין דער קאָפּ. און בניגע צו מוטה, וועט עס נאָך קלע־קען ביי מיר: מאַרקוס איז ניט פון די שרעקעדיגע. איך שרעק מיך נישט פאַר גרעסערע פריצים, וועל איך זיך ניט שרעקען אויך פאַר מאַניען. זי וועט דאָך מיך ניט אויפעסען.

— ווי דו פערשטעהסט, ווי דו פערשטעהסט,—האָט אליה'קע באָבגעזאָגט דעם פריקאַזטשיק, וואָס איז שוין אַוועק פון איהם. און אַפנים, אום צוצוגעבען זיך אַליין מוטה, האָט ער אַריינגעקעהרט אין קעלישאָק און אַ צווייטען. דאָס מאָל אָהן אַ שום הפסקה. ער־מוטיגט, האָט ער פערדריכערט אַ פאַפּיראָס און איז אויך אַוועק אין בופעט — אַ קוק צו טהון, צו טהוען די קעלנערשעס זייער אַרבייט אָדער זיי פערגעניצען זיך אויף די זינגערינס.

י. ליכטנרא

VIII.

ר׳ משה גרונימס שלאפלאזיגקייט און וואס דערפון איז ארויסגעקומען.

אין דער זעלבער צייט, ווען דער פערליעבטער פריקאַזשציק פון וויין-קעלער אויף קאָלאָקאָלנע גאַס האָט צוגעהיט די רעכטע חילע און גע׳פועלט ביי מאַניען, דער הערשערין פון זיין האַרין, דורכצושמועסען זיך מיט איהר און דערגעהן ענדליך, וואָס טראַכט צי וועגען איהם, — האָט זיין פרינציפאַל ר׳ משה גרונימוס, אין בעט ליגענדיג, זיך געקעהרט אויף די זייטען, געקנייטשט די קאָלדרע, געקרעכטשט און געהויסט, געפיינינט פון שלאָפלאָזיגקייט. ס׳איז שוין געווען האַלב צוויי דעם זייגער נאָך האַלבער נאַכט. אין גאַנצען הויז האָט מען שוין לאַנג געשלאָפען. די פייטרלעך זענען שוין אומעטום געווען אויסגעלאָשען, אפילו אין קעלער, וואו דער וויינער קאַרפעל האָט מיט אַ האַלבע שעה צוריק פערענדיגט „צוגיסען" דעם וויין און האָט זיך ניט אויסגעטהוגנערהייט אַ וואָרף געטהון אויפ׳ן מאַטראַץ, וואָס איז דאָ צווישען די פעסער און זיפען געלעגען, האָט זיך איבערגעדעקט מיט זיין באַי-מאַנטעל און האָט גלייך אָנגעהויבען צו חראָפען. נור אין אויבער שטיבעל מיט׳ן ווענעציאַנישען פענסטער צום הויף צו האָט נאָך געלויכטען אַ פייערל און מ׳האָט געהערט, ווי עמיצער שפּילט פלייסיג און מיט געדולד אויף אַ פיעדעל מיט אַ גאַנץ היבשער טעכניק, וואָס דער אונערמיעדליכער שפּיעלער האָט שוין ערוואָרבען.

אָבער ניט די דאָזיגע רענערווירענדע קלאַנגען האָבען שלאָפען ניט געלאָזט אונזער סוחר. ער און אַלע איינוואוינער פון דעם הויז האָבען זיך שוין לאַנג צוגעוועהנט צו די נאַכט־איבונגען פון דעם דאָזיגען קינסטלער פון אויבער־שטיבעל, און ס׳האָט שוין אויף זיי קיין שום בעזונדער איינדרוק ניט געמאַכט, און יעדערער פלעגט נור ליכטער איינשלאָפען ביי די איינטאָניגע אומגעלומפערטע גאַמען־קלאַנגען. ר׳ משה גרונימוס׳ן האָבען שלאָפען ניט געלאָזט ניט די קלאַנגען פון אויבער־שטיבעל, נור די געדאַנקען וואָס האָבען זיך טייוולאָניש צושפּיעלט ביי איהם אין קאָפּ.

ער איז ביי טאָג געווען אין דער גובערניע־פערוואַלטונג ביי די אויקציאָנען, וואָס זענען דאָרט פאָרגעקומען, מ׳האָט פאַר חובות פערקויפט אַ גרויסע הויז אין אַ גוטען פונקט, וואָס טראָגט איין הכנסה,—און דאָס איז אָנגעקומען נחום ברייניס.

— דאָס איז שוין דאָס דריטע הויז, וואָס ער קויפט — טראַכט אַלץ ר׳ משה גרונימוס דעם גאַנצען טאָג און אויך איצט, ווען ער וואָלט בעדאַרפט שלאָפען. — דאָס ערשטע הויז האָט ער געקויפט, ווען ער האָט אין ליפּציג אָבגענאַרט אַ דייטש אויף זיעבעציג טויזענד טאַלער, דאָס צווייטע—ווע ער האָט אין לאָנדאָן אָבגענאַרט אַן׳ענגלענדער אויף אַכציג טויזענד, און איצט... איז נאָך ניט אַריבער קיין גאַנצע צוויי יאָהר, ווי ער האָט דאָ אין שטאָדט באַנקראָטירט אויף פינף און זעבציג טויזענד, האָט בעראַבעוועט, קאָן מען זאָגען, אַלמנות און יתומים, און, פונקט ווי גאָרנישט, ער קויפט אַ דריטע הויז. וואו איז בושה, וואו איז יושר?

ר׳ משה גרונימוס איז שטאַרק אויפגעבראַכט פון דער אונפערשעמטקייט און אונעהרליכקייט פון ר׳ נחום ברייניס.

— און ווי גרינג דאָס געהט איהם אַראָב! — טראַכט ער ווייטער, קעהרענדיג זיך פון רעכטען זייט אויפ׳ן לינקען — ר׳האַנדעלט אָב אַ יאָהר—צוויי, בעקומט ער, דער רוח ווייסט ווי אַזוי— גרויס קרעדיט, פונקט ווי ער זאָל זיין דער סאַמע סאָלידער קאָמערסאַנט,—און מיט אַמאָל באַסטאַ! „כ׳קען ניט צאָהלען, איך בין אַ אונפערמעגליכער בעל־חוב, אַ אומגליקליכער באַנקראָט״. אַ יאָהר צייט דערנאָך קניטשט ער זיך, בויגט ער זיך, פּונקט ווי ער גיט

אויס דעם לעצטען רובל, אז ס'נעהמט אן זויש א רחמנות צו-קוקען, און פלוצלונג — ר'איז דאן נחום'קע קויפט א הויז, צע-שפרייט די פליגלען און מאכט וויעדער דעמזעלבען קונץ. שווימט, שווימט, און פלוצלונג טהוט ער זיך א טוקע אין... דוכט זיך טאקי, אז דער מענש איז אראב צום דעק, אבער ער, דער רוח, האט עס נור א שפאס געמאכט און קומט ארויס אויפ'ן צווייטען ברעג טרוקען און גאנץ, און קויפט וויעדער א הויז אדער ער צעהלט אב צוועלף טויזענדער גרן פאר א מאכטער. אט איז א בלוט-זויגער, א באנדיט!

— און דער גרעסטער חידוש איז — טראכט ער ווייטער, אומדרעהענדיג זיך שוין פון לינקען זייט אויפ'ן רעכטען, — וואס דער רעפוטאציע זיינער שאדט עס גאר ניט, מען האלט איהם נאך אלץ פאר אנ'אנשטענדיגען מאן, א פרומען יודען און זאגאר פאר אנ'עהרליכען מאן. אין גאנץ שטאדט האט ער גרויס כבוד. אין שוהל שטעהט ער אין מזרח, נעבען רב, אויפ'ן צווייטען ארט פון ארון-קודש. קומט ער אריין—שטעהן אלע אויף, נייגען זיך, גיבען אב כבוד. האט ער געוואלט א גבאי זיין אין שוהל — האט מען איהם אויסגעקליעבען איינשטימיג. אויף חברה'שה אסיפות — איז זיין דעה די ערשטע, די תקיפ'סטע. און וואס פאר א שדוכים האט ער מיט זיינע קינדער געטהון! ווער וויל עס דען ניט מתחתן זיין זיך מיט איהם? יעדערער האלט עס פאר א גרויסען כבוד, ווארום ער איז דאך דער „גביר". און פון וואנעי איז צו איהם די גבירות געקומען, ווענען דעם וויל קיינער ניט טראכטען, מ'זעהט עס צו פערגעסען, ניט צו געדענקען, האטשי אלע ווייסען עס זעהר גוט און געדענקען.

ר' משה גרונימוס קערפיהלט א קעלט, עס טרייסעלט איהם ווי אין פיבער. האטשי אין שלאף-צימער איז דוקא צו-ווארעם. ער הויבט זיך אויף · טוואס, זוכט אויף נעבען זיך זיין שלאף-ראק און דעקט זיך אן אויפ'ן קאלדרע.

— אז מ'זאל א טראכט טהון, ווער איז ער אזעלכער, וואס איז ער געוועזען מיט א יאהר צעהן-פופצעהן צוריק — האט ער שיער ניט אויסגעשריען פון אונטער'ן קאלדרע, ווען ער האט זיך שוין דערווארעמט.—ווער געדענקט עס ניט זיין פאטער—א מלמד

אין אַ שדכנ'ז תתונה האָט ער נעהאַט מיט אַנ'עלטערער קלייד שטעטעלדיגע מויד, אַ געשטופּעלטע אַ קרום-אייגעלדיגע, וואָס? — זי האָט געהאַט הונדערט און פופציג קאַרבאָוואַנצעס נדן. פאַר אַזאַ בעהעלפער איז הונדערט און פופציג קאַרבאָוואַנצעס אַ גרויס קאַפּיטאַל געווען, אַ מיליאָן, ראָטשילדס אייגענס!.. איך בין שוין דאַן געווען סוחר פון 2-טער גילדיע. האָב געשעפט געהאַט מיט פּעטערבורג, ריגאַ און וואַרשוי, ווען ער איז נאָך געזעסן אין זיין שטיקעל קרעמיל נעבען שיהל-הויף און געהאַנדעלט מיט טשוועקעס, אַלטע שלעסער, הילצערנע לעפיל, בעזימער און לאַפּעטעס. און מיט אַמאָל, דער רוח חייסט פון וואַנען און פון וואָס, האָט ער, ווי אַ טויג אויף גוטע הייוועז, אָנגעהויבען צו וואַקסען העכער און העכער, האָט פערפיהרט געשעפט אויף אויסלאַנד, און איצט איז ער—אַ גביר, ר' נחום, העררר ברייניס, אַ גאַנצער פריץ.

ר' משה גרויניסים'ן האָט דורכגענומען בייזקייט און שטאַרקע קנאה. ער איז גרייט געווען צו וויינען.

— אָט האַנדעל איך, — האָט ער פאַר זיך גערעדט כמעט' מיט טרעהרען אין די אויגען — איך האַנדעל שוין דרייסיג יאָהר, אויב נים נאָך מעהר. וואָס זשע האָב איך אויסגעהאַנדעלט? וואָס פאַר אַ פערמעגען האָב איך? אמת, איך האָב אַ הויז פון צוויי שטאָק, וואָס מ'שאַצט אין פינף-און פערציג טויזענד. נור דאָס האָב איך דאָך בירושה בעקומען. און צי ברענגט עס מיר איין אסך הכנסה עפּיס? אַ העלפט פון דעם הויז פערנעהם איך אַליין — אַ דירה, דאָס געשעפט און דער קעלער, און די צווייטע העלפט נעהמט אַזעק אויף אַס ,קוראַנץ, רעמאָנט. אָבצאָהל'ען א. ז. וו. מיין פיהר איז אַ בעשיידענער, קיין קאַרעטע האַלט איך נים, קיין בעלער מאַך איך נים. קינדער זענען ביי מיר אויך ניט קיין סך: אינגאַנצען איין זוהן און צוויי טעכטער, זענען זיי נאָך נים בעזאָרגט. רח(ל)קען און ברכה'קען איז שוין לאַנג אויסצוגעבען, נור... טהו זיך נור אַ ריהר, ווילען גלייך אַפּליה טהון צוואַנציג טויזענדער, דאָס איז שוין דאָס קלענסטע אין מיין סטאַט, מ'איז דאָך עפּיס פאָרט אַ סוחר פון 1-טע גילדיע, און זיי ווילען דאָך אויך אַבי מיט וועמען נים חתונה האָבען. זיי ווילען דאָך דוקא אָדער דאָקטורים אָדער אַדוואָקאַטען, און אַזעלכע יונגע לייט לאָזען זיך נים אָהן גע"דז מאָג דאָס מיידעל זיין אַפּילו מיט הערנער, וויל זיי זענען ביי אונ

איצט גרויסע תקיפים, זיי פערדריענען אַ סך, חאָטשי פיעל פון זיי זענען אין תוך אַריין קיין גראָשען ניט ווערטה. ניט מיט זייער שכל, ניט מיט זייער האַראַקטער. נור וואָס זאָל מען טהון? ס'איז אַ מאָדע, דערצו קאָן מען היינטיגע צייט ניט געהן אַנטקעגען קינדער: זאָל מען זיי ניט חתונה מאַכען מיט דאָקטורים, וועלען זיי אַליין ווערען דאָקטורים, וועלען זיי אַנטלויפען קיין פעטערבורג, און דער טייוועל ווייסט, וואָס פון זיי וועט אַרויסקומען, טפוי!.. גוט נאָך, וואָס מיט בעני'ן קאָן מען נאָך אָבוואַרטען אביסעל, חאָטשי ער איז עלטער פון די טעכטער, ווייל מיט בחורים אײַלט מען זיך ניט היינטיגע צייטען. דעם אמת זאָגענדיג אָבער, איז שוין איהם אויך צייט אײַנצושפּאַנען. אַ ניט—וועט פון איהם גאָרנישט ווערען. שפּיעלט אַלץ אויפ'ן פיעדעל און וועט אַזוי צולאָזען ווערען פון גאָרנישט טהון און ליידיג אומגעהן.

נאָר וואו נעהמט מען זיך אָן נדנ'ס פאַר אַלע דריי? דאָס איז העכער פון דרייסיג טויזענד מזומנים — דאָס איז ניט קיין שפּיעלכעל, אַזאַ סומע איז ניט נאָך מיינע כוחות נאָך, וואָרום איך בין אין מיין גאַנצען לעבען קיינעם קיין קאָפּיקע ניט שולדיג געבליבען, געהאַנדעלט ערליך, געצאָהלט אַלע מאָל אין דער צייט, האָב זיך אָבגערעכענט מיט בעלי־חוב בית רעיעל—אָ־חאָ־חאָ!—האָט דער סוחר געקרעכטשט אויף זיין עהרליכקייט, אויף זיינע פּינקטליכע אָברעכענונגען מיט בעלי־חובות, עס האָט איהם איצט דערויף קענטיג פערדראָסען, ווי אויף אַ אונפערצייהליכען פעהלער, אַ גרויסען גרייז, וואָס מ'האָט עס געקאָנט אויסמיידען.

ס'האָט איהם ערביטערט און פערדראָסען, וואָס נחום'קע בריינים איז אַ שווינדלער, און וואָס ער אַליין איז ניט קיין שווינדלער, און רעכענענדיג, אַז די שלאָפלאָזיגקייט וועט איהם נאָך לאַנג מאַטערן, איז ער אויפגעשטאַנען פון בעט. האָט אין דער פינסטער אויפגעזוכט די שוועבעלעך, פאַפּיראָסען און דעם מונדשטוק, האָט פערדרייערט אַ דיקען פאַפּיראָס און האָט זיך ווידער צוגעלענט. ער האָט לאַנג גערייכערט, אַ פאַפּיראָס נאָך אַ פאַפּיראָס, נור דאָס האָט ניט פעריאָגט זיינע פינסטערע מחשבות, נור ס'האָט זיי נאָך בולט'ער און שאַרפער געמאַכט. איהם האָט זיך אָנגעהויבען צו דוכטען, אַז עפּיס איבער אַ מאָדנער מיספערשטענדניס האָט ערזיך ביז אַהער אויפגעפיהרט נאָר ניט מעשה,

סוחר, אין דעריבער האָט ער גאָרנישט ניט איינגעפיהרט, ד. ה. ער פערמעגט ניט קיין העלפט אפילו פון בריינגיסעס איינעגם, וואָס פיהרט זיך וואהרשיינליך מיט שכל, טאַקי אַזוי „ווי ס'דאַרף“. די ספיקות האָבען געברענט זיין מארך און געקיהלט זיין האַרץ, וואָס האָט פערנומען, ווי פון א פיזיטען וועהטאג...

— שרה-רבקה! שרה-רבקה!—האָט ער אָנגעהויבען צו וועקען זיין דיקע פרוי, וואָס האָט זיך געטוקט אין פערינעס ביי דער צווייטער וואנד פון שלאָף-צימער.—דו שלאָפסט שרה-רבקה?

— הא! וועך? וואָס? א שריפה? גנבים? גוואלד!—האָבען זיך פלוצלונג פון אונטער דער פערינע דערהערט אָפגעהאַקטע אויסגעשרייען פון דער ערוואַכטער פרוי.

— פו, דו משוגענע!—האָט דער מאַן זי בערוהיגט און האָט שנעל אָנגעצונדען א ליכט.—וואָס פאַרא שריפה! וואָסערע גנבים? דאָס בין איך.

— דו, משה? טפוי, טפוי, טפוי! ווי איך האָב זיך עס דערשראָקען! מיר האָט זיך אָבגעדוכט... מיר האָט זיך גע'חלומ'ט...
כ'האָב אפילו א רויך געשפירט.

— דאָס האָב איך גערויכערט,—האָט משה ערקלעהרט, פון וואַנען נעהמט זיך עס דער רויך אין שלאָף-צימער.

— דו האָסט גערויכערט?—האָט שרה-רבקה געפרעגט, האָט ארויסגערוקט דעם קאָפּ און האָט זיך פערוואונדערט אומגעקוקט אויף איהר מאַן.—דו האָסט די גאַנצע צייט ניט געשלאָפען?

— ניין, ס'שלאָפט זיך עפּיס ניט.

— דו פיהלסט זיך עפּיס ניט גוט?

— ניין, ניט דאָס, נור רעיונות עפּיס זענען מיר ארויפגעקומען, וואָס האָבען מיך ניט געלאָזט אַנ'אויג צו מאַכען.

— געפונען א צייט אויף צו מאטערען דעם קאָפּ! וועניג האָרעוועסטו ביי-טאָג? מ'קאָן דאָך, חלילה, פון זינען אראָב.

— איך האָב דיר פערגעסען צו זאָגען,—האָט ר' משה גרויםום אָנגעהויבען, פונקט ווי ער וואָלט ניט געהערט דעם פאָרוואורף פון זיין פרוי,—איך האָב דיר פערגעסען צו זאָגען, אַז דאָס הויז

וואָס מ'האָט היינט פעי פּס פער אויקציאָן, איז אָנגעקומען נחום'ען.

— ווידער אָט דעם בעהעלפער? — האָט שרה־רבקה אויס־געשריען, און ס'האָט איהר שטארק פערדראָסען, וואָס ליגענדיג אונטער'ן פערינע האָט זי ניט געקאָנט א פּאַטש טהון מיט די הענד ביי דעם פאַל.

— ווייל ער האָט געגעבען מעהר.

— פאַרוואָס זאָל ער ניט געבען מעהר? ער גיט דען זיינע פרעמדע דאָך! מאַ חיים זאָל ער זשאַלעווען?

— אייגענע צי פרעמדע, דערווייל האָט ער איצט דריי גרויסע הייזער, וואָס וועלען איהם איינטראָגען, צום ווענינסטען, פיערציג טויזענד רייגע הכנסה א יאָהר. ניט ריידענדיג שוין פון פּראָצענט אויפ'ן מזומן קאַפּיטאַל, וואָס ער פערמאָגט, ווי מ'זאָגט, ביז הונדערט טויזענד.

— וואָס וועט איצט זיין קרום־אויגעלדיגע ניטל טהון מיט אַזאַ קופּע געלד? וואָס, וועט זי אויף זיך אָנטהון נאָך א קראָם פון גאָלדוואַרג? און ווען אפילו זי זאָל אָנטהון וועט זי שוין אויך קיין גלייבע ניט ווערען.

— אָט האָט א מענשען אַביסעל אָבגעגליקט; — האָט ר' משה אויסגעשריען, דורכראָזענדיג די ריין ווייבערישע בעמערקונג פון זיין פרוי. — און מ'ר...

— און מיר — זענען שוטים, אָט וואָס, — איז שרה־רבקה אריינ:עפאַלען אין דעם מאַנס רייד. — שוטים, וואָס מ'לאַכט פון זיי אין די הויפּענס, האַטשי דו האַלסט זיך פאַר א חכם. א סך האָסטו אויפגעטהון מיט דיין חכמה?

— ביי יעדעם שוטה וועט שכל קלעקען דערויף, וואָס נחום'קע מהיט.

— ניט ביי יעדעם.

— מ'דאַרף ניר וועלען...

— דערויף דאַרף מען אויך שכל: א נאַר ווילט זיך עס ניט, ער פערשטעהט ניט, וואָס צו וועלען.

— מ'קאָן ניט וויסען, א נאַר קאָן אויך קלוג ווערען.

— הלוואי, נור ס'גלייבט זיך ניט

— פאַרוואָס?

— ווייל אַ נאַר און אַ פּחדן זיצען אַלע מאָל אין איין נוף.

— ניט ווילענדיג מוז מען זיך דערשרעקען, ווען דאָס געֿחיסען הויבט אָן צו מענה'ן, און מ'שעמט זיך אויך פאַר לייטען.

— פאַר וואָס שעמט זיך ניט נחומקע? פאַר וואָס איז יענקיל מאַטלעס, מאיר באַשקעס, אפרים חאָנעס, דוד קאַפּאָטקיג, שמחה פרינץ, לייזער טאָלסטאָנאָזשקע—דער גאַנצער מזרח-וואַנד אין שוהל פאַרוואָס איז ניט מיאוס? און ווער קומט זיי צו שעמען? אדרבה, אַלע ניבען זיי אָב כבוד, וואָרום—ווען עמען אַרט עס?.. דער־ויף איז עס דאָך מסחר..

— מסחר! מיין פאָטער, עליו-השלום, איז פופציג יאָהר אַ סוחר געווען און איז געשטאָרבען. ניט פערשולדיגט קיינעם קיין האַלבען גראָשען. און מיין זיידע אויך אַזוי.

— נו, ווען ס'איז געווען! פאַר'ן מלך סאָבעסקאָ, אַ פּנים דאַן איז געווען אַנ'אַנדער צייט, און איצט—זייער אַנ'אַנדער צייט. וועסטו ניט אָנזעצען, וועט מען דיר אָנזעצען. ס'מאַכט ניט אויס, מ'וועט זיך ניט פוילען.

— אויף מיין מזל, איז מיר קיינער גאָרנישט ניט שולדיג: מיין גאַנץ קאַפּיטאַל איז אין געשעפט. איך מאַך קיין הלוואות ניט קיינעם, ווייל מיינע מזומנים זענען נאָך פאָרלויפיג ערגיץ אין קאַזנאַטשייסטווע, אָדער אפשר אין רייכס-באַנק, אָדער אפשר גאָר נאָך אין דער עקספּעדיציע פון די רייכס-פּאַפּירען.

— דו מאַנסט פיהרען שפּאַס, וויפיעל דו ווילסט, אַ קבצן בלייבט נור שפּאַס צו פיהרען. נחומקע אָבער פיהרט ניט קיין שפּאַס—און ער פערמעגט דריי פּאַלאַצען און זיין נ'טל קוקט אויף מיר ווי אויף אַנ'אביונ'טע. זי זיצט אין שוהל אויף דער ערשטער באַנק, ביי די סאַמע גראַטקעס, הערט יעדעס וואָרט פון חזן, און איך זיץ אויף דער פיערטער באַנק, צווישען אַלע שלעפּער, וואו מ'הערט ניט אַ וואָרט פון שוהל, מ'הערט נור אַ בומעל.

דאָס געעהרטע פּאָר־פאָלק האָט זעהר לאַנג געשטועסט צווישען זיך ווענען דעם. דער מאַן האָט זיך אַלץ געוויצעלט, און דאָס פרוי האָט אויפגערייצט און געצווינגען דירעקט צו דער זאַך: װען עס האַנדעלט זיך ווענען עפּעס מאַטעריעלעס, ראַן האָבען פרויען ניט ליעב שפּאַס צופיהרען, האָטשי אונז, מאַנספּערזאָנען, איז עפּיס אנגענעהם צו זאָגען, אַז פרויען האָבען דערהויפּט אידעאַלע שטרעבונגען. זעלטען וועלכע פרוי וועט בעוועגען, בעגייסטערן איהר מאַן אויף אַ ערהאַבענעם טהאַט פון גרויסמוטינקייט, אונאייגענוציגקייט. און נאָך זעלטענער איז, אַז אַ מאַן זאָל בייַ זיין פרוי קיין תוקף און הסכמה ניט בעקומען, ווען ער האָט בדעה צו בעריהרען אַ פרעמדע קאַסע, נעהמען שוחד, אָבנאַרען דאָס געזעלשאַפטליכע אָנטרוי, גנבה׳נען, בעראַבעווען און דעסגלייכען, ווייל די אַזוי גערופענע „ניט־ערדישע וועזענס״ זענען אין תוך אַרייַן אַזעלכע פּראָזאאישע, אַז ווען די מאַנספּערזאָנען אַליין זאָלען זיך ניט מאַכען קינדיש און זיך אָבגעבען מיט „חלומות״, וואָלט אויף דער וועלט און אין לעבען נאָר וועניג פּאָעזיע און אידעאַלע שטרעבונגען געווען. אַזאַ מיינונג ווענען פרויען האַלט מען פאַר באַרבאַריש, פּאַסט זיך פאַר די מזרח־מענשען. נור דער מזרח־מענש מיט זיין אונמיטערבאַרער, גאַנצער און העכסט פּראַקטישער נאַטור קען בעסער דאָס פרוי. ער רעכענט זי ניעדעריגער פון זיך, ווייל די נאַטור האָט ווירקליך איהם העכער אוועקגעשטעלט. די מענשליכע טעאָריעס, וואָס זענען געגרינדעט אויפ׳ן וואַקלענדען באָדען פון דער מענשליכער ציוויליזאַציע, גיבען צו אַ זאַך אַנ׳אַנדער אויסערליכען קאָלאָריט, נור דעם תוך פערענדערן זיי ניט, ווייל די נאַטור איז שטאַרקער פון אַ מענשען.

— ס—ס... ווער קוויטשעט דאָס? — האָט שרה־רבקה פּלוצלונג אויסגעשריען און האָט זיך צוגעהערט אַרום.—אַהאַ, דאָס איז אונזער סקריפּער! — האָט זי מיט פעראַכטונג צוגעגעבען, ווען אין שלאָף־צימער איז פאָלשטענדיג שטיל געוואָרען און ס׳האָבען זיך דייטליכער געלאָזט הערען פון אויבער־שטיבעל די קלאַנגען פונ׳ם פיעדעל. — צו דען שלאָפט ער נאָך אַלץ ניט?

— אַ פּנים.

— איך ווייס שוין ניט, וואָס טראַכט ער זיך, וואָס ועט פון איהם זיין, — האָט שרה־רבקה אַרויסגעזאָגט מיט אַ זיפץ און

פּרדרוס.—וואָס חילט זיך איהם א כלי-זמר זיין? ביי אונז אין דער משפחה איז קיינמאָל נים געווען קיין כלי-זמר׳ס. דו חייסט אָבער, וואָס איך חעל טהון?

— וואָס?

— איך וועל נעהמען זיין פיעדעל און כ׳וועל עס אין פייער אריינוואַרפען. זאָל ער זיך נים פערנעהמען נים מיט זיין זאַך. וואו איז דאָס געזעהן געוואָרען, חאו איז דאָס געהערט געוואָרען, אז א סוחר׳ס אַ זוהן זאָל כסדר דריפען אויף דער סקריפּעריי?

— וואָס דען זאָל ער טהון?

— וואָס זאָל ער טהון? האָט שרה-רבקה איבערגעפרעגט און איהר דריי-גאָרנדי-נער גיידער האָט זיך צוטרייסעלט פון אויפ-רעגונג,—זאָל ער זיצען אין קראָם, צוקוקען זיך צום געשעפט, לערנען זיך בוכהאַלטעריע.

— ער האָט נים ליעב ניט קיין געשעפט, ניט קיין בוכ-האַלטעריע.

— וואָס זשע האָט ער האָלט? ביי-טאָג אַרומגעהן ליידיג, און גאַנצענע נעכט צו סקריפען, און מענשען נים לאָזען שלאָפען

— אַלץ בעסער, ווי ער זאָל זיך אַרומשלעפען איבער בו פעטען, נעלט פטר׳ן אין חבר׳ן זיך מיט שלעכטע לייט. זינדיג נים, מיין ווייב. א דאַנק גאָט דערפאַר אויך, וואָס ער איז ביי אונז א שטילער, א בעשיידענער, פיהרט זיך אויף גוט, נים אַזוי ווי פיעל אַנדערע בחורים, וואָס קאָנען נור פראַנטעווען, לאָזען נים אַרויס דאָס פּאַפּיראָס׳ל פון מויל, שלעפען זיך אַרום איבער קאַפע-הייזער, קאָנדיטאָרייען, ביער-האַלען און... דער רוח ווייסט אין וואָס נאָך פאַר א בייזע ערטער. אי, וואָס, דאָס פיעדעל — איז וואָס איז דאָס אומגליק, אַז ער וועט קאָנען שפּיעלען? אדרבה, דאָס איז זעהר גוט, וואָרום יעדע קענטנים איז בעסער ווי נים-קענען. און די פּריצים, וואָס הערען זיין שפּיעלען, זאָגען מיר שטענדיג, אַז ווען ער וועט זיך נאָך אַביסעל צו-לערנען, וועט ער זיין א גרויסער קאָנצערטיסט, א צווייטער קאָנטסקי.

די דיקע שרה-רבקה האָט געפּלאַצט פון די דאָזיגע שבחים בנוגע צו איהר „סקריפּער״.

— איך דאַרף נים. איך וועל גיטאון כ׳וויל נים דערלאָזען, אז מיין זוהן זאָל זיין א צווייטער, א צעהנטער, אָדער אַפילו

א צוואַנצינסטער קאָנסטקי!—האָט זי אויסגעשריען מיט כּעס, אַרויס־רוקענדיג פון אונטער דער קאָלדרע איהר גרויסען כּמעט פיער־קאַנטיגען קאָפּ.—דו הערסט, משה? איך וויל נישט! איך וויל, אז מײַן זוהן זאָל זײַן אַזוי, ווי אַלע. אַזאַ, ווי גאָט האָט געבאָטען. איך דאַרף ניט, אז ער זאָל געבען קאָנצערטען, איך דאַרף, אז ער זאָל ברויט געבען א פרוי, ווען דער לעבעדיגער וועט העלפען חתונה צומאַכען איהם אין א גוטער אין א גליקליכער שעה. אין וועמען איז ער געראָטהען, קאָן איך גאָר ניט פערשטעהן.

— אין מיר געראָטהען, — האָט דער מאַן א זאָג געטהון אַ שפּאַס אָדער ערנסט.

אין דיר?—האָט שרה־רבקה איבערגעפרעגט און האָט פון איהרע הויכע קישענס אַראָב אָבגעמאָסטען איהר מאַן מיט א בליק פון שפּאָט און האָט זיך שיער ניט צולאַכט,—דו בּינסט, אפשר, אין דער יוגענד אויך געווען אַ קאָנצערטיסט?

— יאָ א קאָנצערטיסט, ניט א קאָנצערטיסט, אָבער אין דער יוגענד, געדענק איך, האָב איך זעהר ליעב געהאַט צו הערען מוזיק און כ׳האָב מיך שיער ניט אָנגעהויבען צולערנען שפּיעלען אויף אַ פליוט, נור... די חתונה, אַהער־אַהין בּין איך געבליבען א גוי און האָב זיך ניט אויסגעלערנט שפּיעלען אויף קיין אינסטרומענט ניט.

— אַנ׳אומגליק א ביסעל! — האָט שרה־רבקה איראָניזירט, אומשאָקלענדיג כּי׳ט׳ן קאָפּ און צוקלאַפּענדיג מיט די ליפּען. — כ׳האָב זיך ניט אויסגעלערנט שפּיעלען אויף קיין שום אינסטרומענט! א קלײניגקײט עפּיס! אָט קאָן נחימקע אויך ניט שפּיעלען אויף קיין שום אינסטרומענטען, און פונדעסטוועגען... זעה, וואָס פאַר א קאָנצערטען ער גיט אָבּ! ער גיט אָב א קאָנצערט, — און בעקומט אַהויז, גיט ער נאָך איינעם — איז ווידער דאָ א הויז. אַזאַ שפּיעלען איז עפּיס ווערטה, אָבער אויפ׳ן פּיעדעל װאָס װעסטו אויכפּיעדלען?

די פּראַקטישע שרה־רבקה, קענטיג, האָט א נעניטקײט גע־האַט אין דער „הײנטיגער מוזיק“. פאַרוואָס האָט זי ביז אַהער פון איהרע קענטנים ניט מיטגעטײלט אויך איהר תּמימות׳דיגען מאַן;— פערשטעהען מיר להלוטין ניט. מיר װײסען נור, אז אין דער װײלע האָט זי בעשלאָסען אָנצוציהען פאַר די פערלאָרען געגאַנגענע

צייט און ענערגיש זיך נעהמען צוצוגרייטען דעם מאן, אז ער זאל אין דעם יאהר מאקי קאנען אכגעבען שוין זיין ערשטען „קאנצערט". אמת, זי האט נים זעהר שטארק געהאלטען פון זיינע מוזיקאלע פעהינקייטען, חיסענדיג, אז ער איז אביסעל טעמפ, שלעפעריג, שרעקעדיג, און די פינגער זענען ביי איהם ניט גאר קיין מוזיקאלע חניג „צוגעפאסטע" צום שפיעלען, נור וואס איז דען צו־שווער פאר א נומען רבי צוטאכען זאגאר פון נים זעהר א נומען תלמיד? און זי האט זעהר פיעל נעהאפט אויף איהרע פעדאגאגישע פעהיג־קייטען און מיטלען, און וועלכע פרוי פיהלט עס נים אין זיך די פעהיגקייט און בערוף מרריך צו זיין איהר מאן און דרעסירען איהם אויף אל־די פיער? שרה־רבקה האט דעריבער גארנים גע־צווייפעלט, אז איהר וועט געלינגען, און גאר אין גיכען אויסצו־לערנען איהר מאן דאס, וואס א ז נויטיג פאר א „קאנצערט".

— פיגדעסבוועטנען, איז שוין צייט צו שלאפען, — האט זי געזאגט, איינגורענדיג זיך ווידער אין איהרע פערינעס. ר' משה האט פעררויכערט זיין לעצטען פאפיראס, האט ער אויסגע־לאשען דאס ליכט, האט צוויי מאל א געניץ געטהון און — האט אין איין הרף־עין איינגעשלאפען. דער אומרוהיגער „סקריפער" האט אנגעהויבען צו שפיעלען א קאנצערט־פיעסע פון בעריא, און אינטער די זיכע און ווייכע קלאנגען פון דעם צארטען, מעלאנ־כאלישען און פערטראכטען קאמפאזיטאר האט דאס גאנצע הויז פון אונזער סוחר, פון דעם אייבער שטיבעל ביז דעם הינטישען ביידעל ביים טויער, אזוי שטארק און אזוי זיס געשלאפען. זאגאר דער ציפידעלטער הינד אויפ'ן הויף, „פאיאץ" וואס ווי ניר ער פלעגט דערהערען געוועהנליך דאס בעגאנטע פידלען, פלעגט ער אנהויבען הויך צו בילען, און ווער ווייסט איהם, וואס ער וויל דערמיט זאגען, צו ס'געפעלט איהם אדער ס'געפעלט איהם ניט דאס שפיעלען פון דעם „סקריפער". וועלכען ער האט איינענט־ליך ליעב געראט, און אפשר האט ער איהם אויך געהערט, ווייל ער איז קאנדידאט אויף קאנצערטאנט אין דער צוקונפט; אפילו „פאיאץ" האט אויך איינגעגורעט דעם קאפ אין די שטרוי אונטער זיך, האט שטארק געשלאפען און האט זיך נים בעוועגט, און האט די שמירה פון דעם הויז, וואס איז איהם געווען אנגעטרויט, אין בערגעלאזט פאר דער וואך אויסערען הויז.

דער שטאָדט־זיינער האָט אָבגעשלאָגען האַלב־זעקס, און דער גרויסער גלאָק פון דאָמיניקאַנער קאָסטיעל האָט אָנגעהויבען הויך צו רוישען אין דעם פריה־מאָרגענדינגען נעבעל.

.IX

ר׳ משה גרונימוס דערגעהט זיין פאַסיוו.

ס׳איז שוין לאַנג טאָג געוואָרען. שרה־רבקה האָט אויף־דער־ניך אָבגעטרונקען טיי, האָט מיטגענומען איהר דיקען, אין דימען געבונדענעם און רעכט פערשמאָלצענעם „קרבן מנחה" און איז אַוועק אין מאַגאַזין, צו נאָך בעטען און אָן זיך ניט פערגעסען אויך. זי האָט שוין זאָגאַר צייט געהאַט, אין די הפסקות צווישען איין תפילה און אַ צווייטער, צוויי מאָל צושרייען זיך אויפ׳ן נאַנצען מאַגאַזין וועגען דער מערקווירדיגער צערשטרויקייט פון דעם פריקאַזטשיק מאָטקע: דאָס ערשטע מאָל ווען ער האָט אַנ־שטאַט אַ פונט צוקער, אַריינגערוקט עפּיס אַ פריהען קונה אַ דריי־פונטיגע וואָג, און דאָס צווייטע מאָל, ווען ער האָט בעדאַרט עפּיס אַ פלאַש אַראָבנעהמען פון אַנ׳אויבערשטע פּאָליצע, האָט ער אַרויפגעקלע־טערט אויפ׳ן לייטער, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן פּאָליצע און האָט דאָ, קענטיג, אייננעשלאָפען מיט אָפענע אויגען (דער נעבּ־מינער אויפנאַהם ביי מאַניען האָט אַ פנים איננאַנצען דערשרויפט עם בחור). גימנאַזיסטען מיט די בענדלעך אויף די פלייצעס און מיט אָנגעשטאָפטע קעפּ פון איינע׳חזר׳טע לעקציעס האָבען גרו־פּעס וויין צו פינף־זעקס נפשות אָדער איינציגווייז נעאיילט צו־זייערע קלאַסישע פיין, און ר׳ משה גרונימוס האָט נאָך געשלאָפען מיט׳ן שטאַרקען פריה־מאָרגענדיגען שלאָף, וואָס קומט נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט. אין שטוב זענען אַלע אַרומגענאַנגען אויף די שפּיצען פינגער און אין דער שטיל זיך נע׳סור׳עט, ווייל שרה־רבקה פאַר איהר אַוועקגעהן אין מאַגאַזין האָט שטאַרק אָנגעזאָגט די שטוביגע, אַז זיי זאָלען ניט פילדערען און זאָלען שלאָפען לאָ־זען דעם „בעל־הבית" ביז וואַנען ער וועט אַליין ניט ערוואַכען. מ׳ראָטץ דעם, וואָס זי האָט איהר מאַן געהאַלטען פאַר אַ תם, און אפשר איז עס מיט אַ סמך געווען, און זי האָט איהם געהאַלטען אונ־

טער איהר, נים נאָר פינעס, פאַנטאָפעל, האָם זי פונדעסטוועגען, לויט דעם פאַמיליען-רעזשים פון דעם אַלטען יודישען דור, וואָס שטאַרבט שוין אָב, זיך פערהאַלטען צו איהם מיט גרויס אַכט און רעספּעקט, ווי צו אַ מאַנספּערזאָן בכלל און ווי צו דעם עלטסטען אין דער פאַמיליע בפרט. פיהלענדיג איהר בכורה אין מאַגאַזין, וואו אַלץ כמעט פלעגט געטהון ווערען לויט איהר רצון, האָט זי די בכורה אין שטוב איבערגעלאָזט פאַר איהר מאַן, און געטהון האָט זי עס ניט אויס וועלכע ס'איז חשבונות, נור לויט דעם אַלט-אָניגען פיהר, וואָס ווערט שוין איצט אויס מאָדע. איצט ווערט שוין אויך אין יודישע פאַמיליעס אַ נייער מנהג אײנגעפיהרט, אַז דאָס ערשטע פיעדעל שפּיעלט ניט דער בעל-הבית נור די מאַדאַם. און אַזוי ווי די מאַדאַם, אַלס אַ ניט-ערדישע וועזען פיהרט אוים שלעכט איהר ניט-געוועהנליכע און ניט פאַסענדע ראָלי, איילען שוין איהר צו הילף, אַממעגליכסטען, די יונגערע מיטגליעדער פון דער פאַמיליע — די קינדער, אָדער נאָר זייטיגע פערזאָנען, וואָס האָבען ליעב אָנצופיהרען, עצות געבען, — און פון אַזאַ אַקאָמפּאַנימענט קומט אַרויס אָפט אַזאַ פראַכטפולער קאָנצערט, אַז... מ'דאַרף פון שטוב אַנטלויפען.

אין יעם-צימער בײ אַ רונדען טיש, אויף וועלכען ס'איז געשטאַנען אַ גרויסער כאַמאָוואַר און אַנדערע טײ-געשיר, זענען געזעסען און פויל טײ געטרונקען פון קאַפּע-טעסלעך רח(ל)קע און ברכה'קע אָדער ראַשעל און בריגיטאַ, ר' משה גרונימוס טעכטער, צוויי בליהענדע בלאָנדינינס, מיט פראַכטפולע האָאָר, מיט וועלכע בלאָנדינינס צייכענען זיך אוים אַלע מאָל, מיט קליינע, ניט זעהר ריכטיגע, אָבער זעהר אויסדריקליכע, קאָקעטישע, רייצענדע פּנים'לעך. בײם טײ טרינקען האָבען זײ צווישען זיך אין דער שטיל געפיהרט עפּים אַ לוסטיגען געשפּרעך. און יעדע ווײלע פלעגען זײ אין דער שטיל אויך צולאַכען זיך. זײ זענען אַזוי עהנליך געוועזען אײנס אויף דאָס אַנדערע אי אין וואוקס, אי און דער שלאַנקײט, מיט'ן אָברים פונ'ם קאָפּ, פון פּנים און דער גאַנצער פיגור, אַז מען פלעגט זײ אָננעהמען פאַר אַ צווילינג, און אָפט מאָל פערבײטען אויך אײנם אויף דאָס צווײטע. סײדען זעהר אַ געוועהנטעם אויג האָט אונטערשײדען געקענט אײנס פון אַנדערען, לויט די צײכען פון דער נאַטור זעלבסט אויף זײערע פּנים'-

לעך: בײַ ראַשעל'ן איז דאָס בראָדאָחקע געחען אויף דער רעכטער באַק, און בײַ בריגיטען—אויפ'ן קיהן, און זי האָט דערפון ניט חעניג צער געהאַט, ווײַל זי האָט געהאַלטען, אַז דער קיהן איז גאָר ניט קײַן פאַסענדער אָרט פאַר אַ בראָדאָווקע, און ניט זעלטען פלעגט זי דעריבער רעכענען, אַז די נאַטור האָט איהר בעלײדיגט גאָר אָהן יושר. דאָס האָט דאָך אָבער גאָר ניט געשטערט איהר צו זײַן אַזאַ זאָרגלאָזע, לוסטיגע, לײַכטזיניגע און חיסט מײדעל, חי איהר עלטערע שוועסטער, וועלכע איז איבריגענס עלטער געווען פון איהר נור מ'ט אײן יאָהר און עטליכע וואָכען: ראַשעל'ן איז געווען 19 י. ד. ה. 21 יאָהר, און איהר איז געווען 18 ד. ה. 20 יאָהר: איז דעם עלטער פון 16 ביז 24 יאָהר זענען פרויען־צימער געוועהנליך זיך טועה אין חשבון פאָרלויפיג נור אויף צווײ יאָהר, און ווײַטער חערט דער טעות גרעסער, לויט די צוגעקומענע יאָהרען, און חען זײ קומען אַלזאָ צום ציפער 30, חאַפען זײ אַראָב אין כלל אַ האַלבע אָדער, אויב די אומשטענדען פאָדערען, אַ גאַנצען צעהנדליג יאָהרען. נאָר וואָס אַרט עס אונז? חי זשאָרזש זאַנד וויל האָבען — איז יעדעם מענשען אַזויפיעל יאָהרען, חיעפעל מ'קאָן איהם שאַצען לויט דעם אויסזעהען, און זשאָרזש אַנד איז, אפשר, בעצם גאַנץ גערעכט.

אַזוי חי ראַשעל און בריגיטאַ רײדען צווישען זיך אין דער שטיל און מעהר מיט די אויגען, מיט דער מימיק, ווי מיט ווערטער, דעריבער וועלען מיר בײַ אונזער גאַנצער אָנשטרענגונג ניט קאָנען אונטערהערען זײער געשפרעך. צו אונזער אויער דערגרײכען נור אָבגעהאַקטע אויסגעשרײען: וואָלאָדיאַ, קאָליאַ. מיר שטויסען זיך אָן אפילו, אַז דאָס מײנט מען לעבעדיגע ברואים, און גראָד מאַנספערזאָנען, פונדעסטוועגען הײסט עס. איז אונז פאָרלויפיג גאָרנישט ניט בעוואוסט, ניט בנוגע צו די פרטים וועגען די דאָזיגע לעבעדיגע ברואים און ניט וועגען דער ראָלי, וואָס זײ שפּיעלען אין דעם געשפרעך פון אונזערע לאַכענדיגע מײדלעך. נור מיר האָפען ווײַטער, אַז בײַצײַטענס וועלען מיר עס אַלץ דערגעהן וואָרום קוים זענען מ'ר שוין אַרײַן אין אַ שטוב, וואָס האָט צוגעצויגען אונזער אויפמערקזאַמקײַט, וועלען מיר שוין פון דאָרט ניט אַרויס כל־זמן מיר וועלען ניט דערגעהן אַלץ פון אונטער'ן נאָגעל

אַרום האַלב צעהן דעם זײגער האָט זיך פון שלאָף־צימער,

וואָס איז פון עס-צימער געווען אָבגעטיילט מיט אַ קליין לענגליכע קאַמער, וואָס האָט געדיענט פאַר אונזער סוחר אַלס קאַבינעט און פאַר דער גאַנצער פאַמיליע—אַלס גאַרדעראָב, און עדות דערויף זענען די דריי קליידער-שאַפעס, וואָס זיינען דאָ געשטאַנען,—פון שלאָף-צימער האָט זיך דערהערט ר' משה גרונימוס'ס פריה-מאָרגענדיגער הויסטען, וואָס איז אַזוי בעקאַנט געווען אין שטוב און ס'האָט בעדייט, אַז ער האָט שוין ערוואַכט און האָט שוין זאָגאַר אָנגעטהון דעם שלאָף-ראָק און די פאַנטאָפעל. ווי נור די מיידלעך האָבען דערהערט דאָס הויסטען, האָבען זיי זיך אַ חאַפּ געטהון, ווי דערשראָקענע פויגעלעך, האָבען אָבגעהאַלטען זייער לוסטיגען געשפּרעך, האָבען אויפ'ן קאָפּ פערריכט זייערע נאַכט-הויבען, אין וועלכע זיי פלעגען קיינמאָל ניט שלאָפען, נור זיי פלעגען עס אָנטהון אין דער-פריה על-פּי „באַזאַר", זיי האָבען פערשפּילעוועט און פערגאַרטעלט זייערע מאָדישע בלוזקעס און לויט דעם שטובינען פיהר זענען זיי אַוועק בעגריסען דעם פאָטער.

די ערשטע איז אַריין ראַשעל, די עלטערע אויף אַ יאָהר מיט עטליכע וואָכען.

— גוטען מאָרגען, פּאַפּאַ!—האָט זי אויסגעקרייעט, צולויפענדיג צום פאָטער, די האַנד און אָנקושענדיג עס דריי מאָל.—דו וועסט דאָ טרינקען טיי, צי אין עס-צימער?

— אין עס-צימער, ראָחינקע,—האָט דער פאָטער געענטפערט צערשטרויט און אַ קוש געטהון דער טאָכטער אין שטערן.—„צעהן טויזענדער"—האָט זיך איהם דורכגעטראָגען אין קאָפּ, ווען ראַשעל האָט איהר'ס אָב'געפּטער'ט, איז אַרויסגעפלויגען פון שלאָף-צימער, אָבטרעטענדיג דעם אָרט דער שוועסטער.

— גוטען מאָרגען, פּאַפּאַ!—האָט אויך בריגיטא אויסגעקרייט און האָט דאָס זעלבע אָבגעאַרבייט מיט'ן פאָטער'ס האַנד, ווי די עלטערע שוועסטער.—דו וועסט טיי טרינקען דאָ צי אין עס-צימער?

— אין עס-צימער, בראָכינקע, אין עס-צימער,—האָט ער איהר נעענטפערט און האָט איהר בעלוינט מיט אַ קוש על-פּי נוסח.—„צעהן טויזענדער",—האָט זיך ביי איהם ווידער דורכגעטראָגען אין קאָפּ, ווען די יונגערע טאָכטער, אָבטרעטנדיג איהרס, איז אויך אַוועק פון וואַנען זי איז געקומען.

ר' משה האָט אויסגעריבען זיינע פערשלאָפענע אויגען, אין

צינגעגאנגען צום מעטענעם האָרחאַש בײַם וואַנד, האָט זיך גע־טמען חאַשען, מאָדנע ענערגיש שפּריצענדיג אַרום.

— „און נאָך צעהן מיזינדער״—האָט זיך דורכגעטראָגען אין זײַן מחשבה, ווען ער האָט גענומען ענערגיש אויך אַרומווישען מיט אַ האַנדטוך זײַן פּנים, דעם קאָפּ און די הענד. די צעהן מיזענד האָבען שוין געהערט צו דעם אונערמידריכען „סקריפּער״ אויפ׳ן אויבער־שטיבעל, וואָס האָט נאָך געשלאָפען און וועט שלאָ־פען ביז האַלבען טאָג, אַלס אמת׳ער קינסטלער, אַרטיסט, וואָס איז כמעט מחויב צו פערברענגען זײַן לעבען אין אונאָרדנונג פער־וואַנדלען די נאַכט אין טאָג, און דעם טאָג אין נאַכט, וואַך זײַן, ווען אַלע מענשען שלאָפען, און שלאָפען, ווען אַלע זענען וואַך. איבעריגענס, איז דאָס נור דאָס אײנציגע געווען זײַן אַרטיסטישע אונאָרדנונג, אין אַלנעמיין אָבער האָט ער געלעבט מיט אַ סדר, ווי אַלע געוועהנליכע אָנשטענדיגע לײַט.

— סך-הכל דרײסיג טויזענד רובל מזומן · האָט ר׳משה אַ סך־הכל געמאַכט אָהן אַ שום טעות, חאָטשי ער איז געווען אַזוי צערשטרויט, אַז ער האָט נאָכ׳ן וואַשען פערגעסען אָנצוטהון די יאַרמאָלקע און איז מיט אַ בלויזען קאָפּ אַוועק אין עס־צימער טיי טרינקען, וואָס ער וואָלט עס קײנמאָל ניט געטהון בײַ אַ נאָרמאַ־לען צושטענד.

אין עס־צימער איז אין דער ווײַלע ניט געווען ניט ראַשעל און ניט בריגיטאַ: צוגרײטענדיג אַלץ פאַר׳ן פאָטער און אָנגיסענדיג פאַר איהם אַ גלאָז טיי אויך, זענען זיי אַוועק אין זייער „בודואַר״, גאָך אַביסעל פּלאַפּלען און לאַכען און דערנאָך זיך נעהמען פאַר׳ן טואַלעט—אַ בעשעפטיגונג, פון וועלכער זיי האָבען גרויס פערגני־צען פענומען און דעריבער האָבען זיי דערויף טאַג טעגליך אָבגע־געבען זעהר פיעל צייט, וואָס זיי האָבען ניט געהאַט וואו אַהין צוטהון. זייער בילדונג האָבען זיי „פערענדיגט״ בײַ פערשיעדענע שטובינע גובערנאַנטינס, הלכות בעל-הבתישקייט האָבען זיי אַלס „פריילינס״ פעראַכטעט, האָבען זיי ניט געוואוסט, וואָס צו טהון מיט די שעות, וואָס האָבען זיך געצויגען אַזוי אומגעלומפערט און לאַנגווײליג פונ׳ם ערוואַכען אין דער־פריה ביז דעם אײַנשלאָפען אָפטמאָל נאָך האַלבער נאַכט. צו לעזען האָבען זיי קיין חשק ניט געהאַט, און ווי זאָל מען עס לעזען אָהן די עלעמענטאַרסטע ידיעות.

פון געשיכטע געאָגראַפיע, ליטעראַטור, מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסענשאַפט? און צו מוזיק, וואָס זיי האָבען יאָ געהאַט געלערענט, פלעגען זיי זיך אַ חאַפּ טהון זעלטען ווען, און דאָס אויך נור לפנים. פּאָר די חתנים די „געענדיגטע", בעשליעסענדיג אַז נאָך דער חתונה איז פאַר זיי איבעריג די גאַנצע מוזיק. צו וואָס? חתונה געהאַט, האָבען זיי שוין זייערם אלזאָ ערדייכט, איז אַ סוף.

צוזעצענדיג זיך צום טיש, האָט ר' משה טעבאַניש אויפגעהויבען דאָס גלאָז פון טעסיל, האָט עס אָבגעשטעלט און גענומען בלאָזען אין טעסיל, ניט בעמערקענדיג, אַז דאָס איז לער־ליידיג. ערשט ווען ער האָט אויסגעצויגען די ליפּען און געוואָלט אַ זופּ טהון, האָט ער בעמערקט זיין טעות און האָט אליין אַ שמייכעל געטהון פון זיין צערשטרויקייט. דאַן איז ער צו זיך געקומען— פוי,—האָט ער אַרויסגעזאָגט. ציהענדיג מיט די אַקסלען,—פון וואָס האָב איך דאָס דעם קאָפּ פערלאָרען? איך... און מיט אַ מאָל האָט ער זיך געחאַפּט, אַז ער זיצט מיט אַ בלויזען קאָפּ. דאָס האָט איהם זאָנאַר בייז געמאַכט, ער האָט פון פערדרוס אויסגעשפּיגען, האָט זיך שנעל אויפגעחאַפּט פון שטוהל, איז אַוועק אין שלאָף־צימער נאָך דער יאַרמאָלקע און איז צוריקגעקומען מיט אַ בעדעקטען קאָפּ און האָט שנעל גענומען טרינקען דעם טיי שוין ביים פאָלשטענדיגען דעת.

— אָך, ווי שפּעט ס'איז!—האָט ער אויסגעשריען, אַ קוק־געבענדיג אויפ'ן וואַנד־זייגער אין ווינקעל פון צימער.—און איך האָב נאָך ניט געדאַווענט! שרה־רבקה וועט מיך אויפעסען, אַז זי זאָל זיך דערוויסען.

און אום שרה־רבקה זאָל אידם ניט אויפעסען. האָט ער געוואָרפען דאָס טיי טרינקען, איז אַוועקגעפלויגען אין קאַבינעט, האָט פון אַ טשוואָק אַראָבגענומען זיין טלית און תפלין־זאַק און האָט דעם דאַווענען שנעל געמאַכט. אין אַ האַלבע שעה צייט איז ער פערטיג געוואָרען און האָט צוריק אויפ'ן טשוואָק אויסגעהאַנגען זיין טלית און תפלין־זאַק.

נאָכ'ן דאַווענען האָט ער זיך אָנגעטהון, האָט פערויכערט אַ ציגאַר, האָט אָנגעטהון די ברילען, אַרויסגענומען פון קעשענע זיין דיקען בריעפטאַש און דאָס נאָטיץ־ביכעל, און האָט זיך צוגעזעצט צום שרייב־טיש.

— לאָמיך אָקאָרשט אַ קוק טהון אויף וואַסער וועלט איך בין,—האָט ער אַרויסגעזאָגט פאַר זיך און האָט פון נאָטיץ־ביכעל אַרויסגעריסען אַ בלעטיל און אין דער האַנד גענומען אַ בלייפעדער צו פערצייכענען אויפ'ן פּאַפּירעל די ציפערען, וואָס זענען נויטיג געווען פאַר דער נייער קאָמבינאַציע, ער האָט זיך פערטיעפט אין דעם נאָטיץ־ביכעל, די בלייפעדער האָט שנעל געאַרבייט אויפ'ן פּאַפּירעל, האָט אויסגעשטעלט ציפערען און ציפערען, גרויסע און קליינע. אָה, ווען די נאַרישע ציפערען, וואָס האָבען בעדייט די פערמעגענס פון צעהנדלינגער פערזאָנען, וועלכע האָבען זייער איינגענס אָנגעטרויט דעם עהרען־וואָרט פונ'ם געהערטען ר' משה גרונימוס, – אָה, ווען די ציפערען זאָלען וויסען, צוליעב וואָס מען איז זיי מטריח פון דעם נאָטיץ־ביכעל, וואו זיי איז אַזוי היימליך און בעקוועם געווען, און ס'שטעלט זיי אוים אויפ'ן שטיקעל פּאַפּירעל, וואָלטען זיי געוו'ם פאַר'ן באָרד און פאות אָנגעחאַפּט דעם געעהרטען סוחר, וואָס בעטראַכט זיי אַזוי אַכזריות'דיג און דורשטיג, ווי אַ קצב אַ פאַ־טיע קעלבער. זיי האָבען אָבער דערפון גאָרנישט ניט געוואוסט, און האָבען דעריבער געשוויגען, רוהיג פערטרויענדיג זיך דער בלייפעדער און האָבען קיין שום בייז ניט חושר געווען.

אז ר' משה האָט פערענדיגט אויסצושרייבען די גרויסע רייה ציפערן, האָט ער צוזאַמענגערעכענט דעם סך־הכל.

— טפוי!—האָט ער מיט כעם אויסגעשפּיגען און די בלייפעדער אָבגעוואָרפען, ווען ער האָט דערזעהן דעם סכים פון דעם סך־הכל.—צו פונפצעהן טויזענד אַפילו דערגרייכט עס ניט!

ער איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל און האָט אָנגעהויבען אַרומצולויפען איבער'ן כאַבינעט הין און צוריק און האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אויפגערעגט.

— קיין פונפצעהן טויזענד אַפילו חאַפּט ניט!—האָט ער געשריהען און די הענד געבראָכען פון פערדרוס און פערצווייפלונג, וואָס ביי זיין יעהרליכען אומזאַטץ פון צוויי ביז דריי הונדערט טויזענד איז ביי איהם דער פּאַסיוו געווען אַזאַ קנאַפּ'ר, אַזאַ גאָרניש'ט!—ביי אַ ליאַדי קרעמעריל, אַ פורעלניק, אַ וואַסער־פיהרער קאָן דאָך ניט זיין קיין קלענערער פּאַסיוו!—האָט ער מגזם געווען—און מען איז דאָך עפּים, גאָט צו דאַנקען, אַ סוחר פון ערשטער

נילדיע, באַלד וועל איך שוין בעקומען דעם טיטעל עהרען־בירגער־
לדורות! און ווי גרויס איז עס בײַ דיר, סוחר מיינער, דער פּאַסיוו
אין דיין באַלאַנץ? 11056, ד. ה. עלף טויזענד מיט זעקס און
פופציג רובל—פּונקט, ווי בײַ עפּיס א בעדערין, כפּוי!..

ס'איז אָבער געווען אַזאַ צייט, ווען ער אַליין איז שטאַלץ
געווען מיט אַ"אַ צושטאַנד פון זיין באַלאַנץ און ער האָט זאָגאַר
געטרוימט אין געהאָפּט פון דער גליקליכער ווילע, ווען ער וועט
מיט זיין אייגענער האַנד אונטער'ן פּאַסיוו אַוועקשטעלען א נול,
הונדערט, טויזענד נולען, א גאַנצע בלעטיל פערשידענאַרטיגע
נולען. נור די דאָזיגע צייט איז איינגאַנצען אַוועק, און צוגלייך אויך—
אַלע פריהעריגע חלומות, האָפנונגען און אידעאַלען. איצט איז גע־
קומען אַן אַנדער צייט, מיט אַנדערע מנהגים, טרוימען און אידע־
אַלען, וואָס האָבען זיך פאָרגעשמיעלט אונזער סוחר אין דער גע־
שטאַלט פון נחומקע בריינעס דריי גרויסע מויערען, וואָס האָבען
זיין ברוסט געפרעסט מיט זייער גאַנצער שווערקייט. ער האָט גע־
וואוסט, ער האָט געפיהלט, ער איז איבערציינט געווען, אַז כל־זמן
ער וועט זיך ניט פערגלייכען מיט ר' נחומקען, וועט ער קיין רוה
ניט האָבען, וועט ער אַלץ זיין פערדאגה'ט, געפייניגט און גע־
קרענקט. פלעגמאַטיש אויסערליך, לויט זיין לאַנג פּראַקטיצירטע
רגילות ניט צו האַווען, נור האַלטען זיך מיט רעספּעקט, ווי עס
פּאַסט פאַר א אָנגעזעהענעם סוחר, א זוהן און א אייניקעל פון
סוחרים, איז ער אָבער אינערליך געווען אַ קאָכיגער, און איז פון
דער נאַטור געווען אַ בעל־מקנא, א בעגעהרער. אָט פאַרוואָס אַזאַ־
פּאַסיוו „ווי בײַ עפּיס א בעדערין", וואָס האָט זיך אַזוי ווייניג גע־
פּאַסט דערצו, וואָס ער האָט אויפגעטראַכט אין דער נאַכט, אונ־
טערגעהעצט פון זיין פרוי, האָט איהם אַזוי איבערראַשט, בעליי־
דיגט און אין כעס אַריינגעבראַכט. וואָרום, וואָס וועט ער טהון
מיט אַזאַ מאוסען פּאַסיוו'ל ? וואָס פאַר אַ ווערדע האָט פאַר איהם
אַ צעהן טויזענד ? אַזויפיעל כמעט שרייבט ער דאָך אַראָב אַלע צוויי
יאָהר כמעט אַלס פערפאַלענע חובות פון די, וועלכע ער באָרגט
אָן, און דאָס איז אַ גאָרנישט פאַר זיינע אומזאַטצען. פון אַזאַ מאָ־
גערן פּאַסיוו קאָן מען ניט פעט ווערען, ס'וועט זיך נור די פינגער
פערשמוצען. דאָס איז קלאָהר.

— און ווי אויף להכעיס, זענען עס אַלץ היעגע, קיין איינער

ביט פון אויסלאַנד, אָדער האָמשי פון אַנ'אַנדער שטאָדט!—האָט ער געזאָגט, צוגעהענדיג צום טיש און ציקיקענדיג זיך צום אויסצוג.

די ווערטער האָבען געהערט צו די קרעדיטאָרען, וואָס זענען אַלע געווען היגע, שטערטישע אײַנוואוינער. אין דעם אָבער איז ער אַליין שולדיג געווען: אַלע מאָל פלעגט ער קרעדיט זוכען נור אין זײַן אייגענער שטאָדט. זײַן פאָטער ר' ישראל גרונימום האָט עטליכע יאָהר פאַר'ן טוידט איהם איבערגעגעבען זײַן געשעפט און האָט איהם אָנגעזאָגט:

— הער נור, מײַן זוהן. אויב דו ווילסט, אַז דאָס געשעפט זאָל בײַ דיר געהן, ווי גאָט האָט געבאָטען, זאָלסטו ווי ווײַט מעגליך אויסמײַרען קרעדיט. לכתחילה דוכט זיך אָב אַמענשען, אַז קרעדיט איז זעהר אַ גוטע נאַשעריי, און לכוף שטעלט זיך אַרויס, אַז קיין שום זאַך פערשאַדט ניט אַזוי דעם מסחר און דעם סוחר, ווי אָט די נאַשעריי, וואָס זעלטען ווען עס געהט איבער גלאַטיג. דעריבער איז מײַן עצה, אַז סחורה זאָלסטו אַלע מאָל קויפען פאַר מזומן. דער געווינס איז דערבײַ זעהר גרויס. ערשטענס, וועט מען דיר אַלע מאָל געבען די בעסטע סחורה, ווייל בײַ די גראָסיסטען איז טײַער אַ סוחר אויף מזומן און זיי גיבען איהם ניט קיין בראַק. צווייטענס, וועט מען דיר ביליגער רעכענען—איך האָב פיעל מאָל פערגליכען מײַנע פרײַזען מיט די, וואָס עס צאָהלען סוחרים, וואָס נעהמען אויף קרעדיט, און דער אונטערשיעד איז געווען אויף 20—25 פראָצענט. דריטענס, וועט מען דײַנע בעשטעלונגען שנעל ערפילען, רעיעל, אָהן פעהלערען, אָהן טעות'ן, וואָס די גראָסיסטען ערלויבען זיך בנוגע צו די סוחרים אויף קרעדיט, ווייל זיי רעכענען, אַז דאָרט וועט עס דורכגעהן. פיערטענס—וועסטו שטענדיג גאָר אַנ'אַנדער רעספעקט האָבען מצד די גראָסיסטען. די רינאַ'ער און וואַרשויער דײַטשען זענען זעהר אַ דעליקאַטער עולם און קלוגע סוחרים, זיי ווייסען מיט וואָס צוצוציהען זייערע קליענטען. זיי וועלען דיך גראַטילירען מיט יום-טוב, מיט געבורטס-טאָג, מיט אַ פאַמיליען-שמחה, און זיי גראַטוליערען ניט מיט ווערטער, נור מיט פרעזענטען: אַ פעסעל סאַמע בעסטען ווײַן פון זייערע אייגענע פאַמיליען-קעלערס, אַ קעסטיל זעלטענעם ליקיאָר, אַ פעקילע נאַשערײַען פון די בתיר. פון אַזעלכע פרעזענטען האָב איך שוין ניט איין הונדער

מער אויסגעלייזט, וואָרום איך וועל זיך דאָך ניט זעצען אויפעסען און אויסטרינקען אַזעלכע אַנטיקען.

אָט דאָס הייסט קויפען פאַר מזומן. און ווען עס קלעקט ניט אַמאָל קיין מזומן געלד, זאָלסטו אויסלייהען ביי אַ מלוה, ווערסטו חאָטשי וויסען, וויפיעל פּראָצענט דו צאָהלסט. ווען אָבער די גראָ־סיסטען וועלען דיר פּראָצענטען רעכענען, ווערסטו פערפאַלען פון איינע פּראָצענטען, און סחורה דאַרפסטו שוין נעהמען, וועלכע מ'גיט דיר אָהן טענות ומענות, וואָרום דו נעהמסט דאָך אויף קרע־דיט, וואָס הייסט כמעט אַזוי ווי אומזיסט, און אויף אומזיסטע איז מען קיין בעל־דעה ניט. געדענק, וואָס עס זאָגט דיר אַן אַלטער ערפאַהרענער סוחר. איך האָב מיין גאַנץ לעבען אַזוי דאָס געשעפט געפיהרט, און כ'האָב קיין חרטה ניט. דאָס פערמעגען, וואָס איך האָב פון פאָטער גע'ירש'נט, האָב איך אין־דרייען פערגרעסערט. וואָס זשע נאָך קאָן מען פערלאַנגען ביי אַזאַ קאָנקורענץ? דעם עיקר האָב איך דיר פערגעכען צו זאָגען, אַז האַנדלענדיג מיט הונדער־טער מענשען, בין איך קיינעם ניט שולדיג געבליבען קיין האַלבען פּפעניג ניט. איך בין מיט אַלעמען קוויט און אויף יענער וועלט וועט זיך קיינער ניט בעקלאָגען אויף מיר אויף אַ האָאָר. און מיין צוואה איז איינגע שריבען אַ פּונקט, אַז ווען דעם אויבערשטעס ווילען וועט זיין צונעהמען מיך פון דער זינדיגער וועלט, זאָל מען די אַלע קוויטלעך, וואָס ליגען אין דעם אויבערשטען שופלאָדעל פון קאָמאָד, אַוועקלעגען צו מיר אין קבר אַריין, צו־האָפּענס. דאָס איז פאַר אַ סוחר דער בעסטער שבח־צעטיל אויף יענער וועלט...

די דאָזיגע צוואה האָט ר' משה גרונימוס אָבגעהיט ביז איצט און האָט שטענדיג אַנערקענט, אַז זיין פאָטערס עצה איז אַ גוטע. איצט אָבער ביי זיין פּראָיעקטירטער אָפּעראַציע וואָלט ער זעהר פיעל געגעבען, ווען זיינע קרעדיטאָרען זאָלען זיין עפּים פון ריגאַ, פון וואַרשוי, אָדער נאָר אויסלענדישע סוחרים, נור ניט קיין היגע בעלי־בתים, מיט וועלכע עס וועט זיין, ווי ער האָט עס געוואוסט, אַ סך אומהאַוועניש און אונבעקוועמליכקייט. ניט היגע פערהאַנדלען מיט די באַנקראָטירטע אויפ'ן פּאַפּיער אָדער דורך בעפאָלמעכטיגטע און דורך געריכט, דאָס הייסט, ביי געוויסער העפליכקייט, אָבער היגע בעלי־בתים קאָנען אַמאָל פערגלוסטע: אַליין צו פיהרען די אינטערהאַנדלונגען, וואָס עס ברענגט צו גרויסע אונבעקוועמליכ

קייטען און סקאנדאלען, און סקאנדאלען האט ער ניט ליעב געהאט, ר׳האט זיך דערפאר נעשראָקען, ווי יעדער אנשטענדיגער מענש. אמת, אום אויסצומיידען די אונבעקוועמליכקייטען און סקאנדאלען, קאָן מען לכתחילה מאַכען עפּיס א ריזע וואוהין, ווי פיעל אנדערע טהוען עס אין אזעלכע פעלען, נור ער איז געווען שווער אויפ׳ן טראָב און האט ניט ליעב געהאַט קיין נסיעות. און וואוהין זאָל ער עס פאָהרען? וואָס וועט ער טהון אין דער-פרעמד. אָהן דער פאַמיליע, מיט וועלכער ס׳איז איהם שווער צו שיידען זיך אויף א טאָג אַפילו? אפשר וואָלט שוין גאָר גלייכער געווען פאָרלויפיג איינגאַנצען אָבלעגען די אָפּעראַציע אויף אַ צייט, און אין דער צייט שוין אימענדערן אויך דעם געשעפטס-פיהר, אַז דער קרעדיט זאָל זיין פון אויסוויערמה. ניט פון היע? די אומענדערונג איז זעהר לייכט אין מעגליך, ווייל ער האָט א גוטען שם אין אַלע גרויסע האַנדעלס-צענטרען אין דער מדינה, און יעדע פירמע וועט איהם מיט פערגניגען געבען קרעדיט אונבעגרענצט, ווען ער זאָל נור וועלען. אמת, ס׳איז פערדראָסיג, זעהר פערדראָסיג איז אין איין טאָג אָנצעווערען אַ גוטע רעפּוטאַציע, וואָס מ׳האָט זיך ערוואָרבען אין פערלויף פון צעהנדליגער יאָהרען, נור... נחוטקע בריינים דריי מויערען? צו איז עס ניט אַ גענוגענדער פרייז פאַר דער בעססער רעפּוטאַציע?

זיצענדיג ביים שרייב-טיש מיט פערמאַכטע אויגען און דעם קאָפּ אָנגעשפאַרט, איז ר׳ משה גרונימוס אַזוי פערטיעפט געווען אין זיינע מחשבות, אַז ער האָט ניט געהערט ווי אין קאַבינעט איז אריין דער יונגסטער פריקאַזשציק. וואָס איז געשטאַנען אַ הינטער איהם און האָט איהם שוין צוויי מאָל גערופען.

X.

בעני און „די מוהמע אננא״.

— האַ? ווער? וואָס? — האָט משה גרונימוס אויסגעשריען און איז אויפגעשפרונגען פון שטוהל, ווען דער יונגסטער פריקאַזשציק האָט איהם צום דריטען מאָל אַ רוף געגעבען אין, מיינענדיג, אַז דער בעל-הבית האָט איינגעשלאָפען ביים שרייב-טיש, האָט ער זיך ערלויבט לייכט אָנצורירען מיט׳ן פינגער זיין פלייצע. — יאָסקע? —

האָט ער נעפרעגט און האָט זיך אַיינגעקוקט דעם יונגעל אין פּנים אַריין, ווי ער וואָלט נאָך געצווייפעלט, צו איז דאָס דער אָרער אַנ׳אַנדערער.—דו בינסט צו מיר געקומען? וואָס דאַרפסטו, יאָסקע?

— די בעל־הבית׳טע האָט געשיקט פרעגען, צי וועט איהר באַלד קימען אין מאַגאַזין? — האָט יאָסקע געזאָגט, מיט שרעק אַרומקוקענדיג זיין בעל־הבית, וואָס האָט אויסגעזעהן פערפינסטערט און כּמעט בייז.

— אָה, אין מאַנאַזין!... אַ מאַגאַזין זאָגסטו? וואָס פאַר אַ מאַגאַזין?—האָט ער געפרעגט נאָך אַלץ צורידערט.

דאָס יונגעל האָט נאָך מעהר אויסגעשטעלט זיינע פערוואונדערטע אויגען אויפ׳ן בעל־הבית. האָט אַ ציה געטהון מיט די אַקסלען און געשוויגען, ניט וויסענדיג, וואָס אָבציענטפערן אויף אַזאַ משונה׳דיגע פראַגע. דערוויילע איז ר׳ משה צו־זיך געקומען.

— טפוי, טפוי, טפוי!—האָט ער דריי מאָל אויסגעשפּיגען.—אָט האָב איך זיך עס אַביסעל פערטראַכט! וואָס האָסטו דאָ מיר געזאָגט, יאָסקע? איך האָב ניט איינגעהערט.

יאָסקע האָט איבערגעחזרט.

— גוט, באַלד, גלייך,—האָט ר׳ משה געזאָגט און האָט פערשפּילעוועט אַלע פיער גּנעפּ פין סורדוק.—זאָג דער דיענסט, אַז זי זאָל מיר צוגרייטען מיינע קאַלאָשען און אַ וועלכען ס׳איז רעגען־שירם. וואָס איז היינט דרויסען — אַ שניי, אַ רעגען?

— אַ שניי מיט אַ רעגען.

אַז ר׳ משה איז אַריינגעקומען אין מאַגאַזין, האָט ער דאָס ערשטע אָבגעגעבען דער פרוי דעם אויסצוג פון זיין נאָטיץ־ביכעל. אויסער שרה־רבקה איז אין מאַגאַזין דאָן קיינער ניט געווען.

— וואָס איז דאָס?—האָט זי אַ פרעגט געטהון, נעהמענדיג דעם פערשריבענעם שטיקעל פּאַפּיער.

ר׳ משה האָט איהר ערקלעהרט. זי האָט אָנגעטהון איהרע ברילען און האָט אויפמערקזאַם דורכגעקוקט דעם אויסצוג.

— טפוי! — האָט זי אויך אַ שפּיי געטהון, ווען זי האָט דערזעהן דעם סך־הכּל. איבער אַזאַ קלייניגקייט איז ניט כּדאַי צו פערשמוצען זיך. ווייניגער ווי זעכציג—זיעבציג טויזענד איז אונמעגליך. „אויב חזיר עסען, איז חאָטשי פעטען".

— איך רעכען אייך אזוי,—האָט ר׳ משה געזאָגט, קראַ-צענדיג די פּאַטילניצע,—נור... וואָס טהוט מען?

— וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען?—האָט שרה-רבקה נאָכגעקרימט איהר מאַן, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ און מאַכענדיג הועיות.—דו פערשטעהסט ניט, וואָס מ׳דאַרף טהון? אייך מיר א סוחר פון 1-טער גילדיע!

— פאַרוואָס זאָל איך ניט זיין קיין סוחר, אז איך צאָהל גילדיע?

— אָט זעהסט דאָך, האָט שרה-רבקה געכעסט אויף דעם מאַנס תמימות,—מ׳קאָן צאָהלען גילדיע, רופען זיך סוחר, און ניט וויסען וואו איין און וואו אוים.

— נו, גוט,—האָט ר׳ משה אַרויסגעזאָגט הכנעה׳דיג,—לאָמיר אָננעהמען, אז איך ווייס ניט, וואו איין און וואו אוים, דער-פאַר האָב איך דאָך א פרוי-זאָל געזונד זיין!—וואָס ווייסט אלץ, פערשטעהט אלץ, מיט איין וואָרט—א מיניסטר! זאָג זשע דו, וואָס דאַרף מען טהון?

— רופען די מעקלערס און זאָגען, אז זיי זאָלען טראָגען געלד, און וואָס מעהר, איז אלץ בעסער.

— מהו... דאָס אַפילו איז ניט שווער צו טהון. די מעקלערס בעטען זיך ביי מיר שטענדיג, נור איך ענטפער זיי אלע מאָל: איך דאַרף ניט. אָבער ווען איך זאָל אָנהויבען פאָדערן, קאָנען זיי דאָך אַמאָל א פרעג טהון, צו וואָס בעדאַרף איך עס פּלוצלונג אַזוי-פיעל געלד?

— אַך, ס׳אַרא תם דו בינסט!—האָט ווידער אויסגעשריען די ערפינדליכע און אומגעדולדיגע שרה-רבקה. דיר דאַרף מען אלץ צוקייען און אין מויל לעגען, און פון זיך אַרבייט גאָר ניט דיין אָקפּ. ווען מען פרעגען, וועסטו זאָגען: מיר עפענען נאָך א גע-שעפט, א אַנגראָ-געשעפט פון נאַפט, אָדער פון ליכט, אָדער פון צוקער, און כ׳ווייס וואָס נאָך.

— א מ׳זאָגט—א מיניסטר,—האָט ר׳ משה לוסטיג אַרויס-געזאָגט, דערפרעהט, וואָס זיין קלוגע פרוי האָט איהם אלץ קלאָהר געמאַכט.—איך וועל זיי טאַקי אַזוי ענטפערן, אז מען וועט פרע-גען און...

אין דער ווייַלע האָט זיך פון ביער-קראָם דערהערט א גע-

קלאַפּערײַ פֿון געשיר, וואָס איז אויפֿ'ן פּאָדלאָגע אַראָפּגעפּאַלען,
שׂרה=רבֿקה, ניט קוקענדיג אויף איהר דיקקײַט, איז ניט טויט ניט
לעבעדיג אַוועקגעפלויגען אַהין, ווי אַ פֿײַל פֿון בויגען. נאָך איהר
איז אויך געלאָפֿען ר' משה. מיר וועלען זיך אָבער בענוצען דער=
מיט און וועלען זיך צוריקקעהרען צום סוחר אַהײם.

אין עס=צימער דערוויסען מיר איצט צוויי נײַע פּערזאָנען: אַ
שענעם און אַ שלאַנקען יונגען=מאַן פֿון אַ יאָהר צוויי=דרײַ=און
צוואַנציג און אַ חנוריג ווײַבעל פֿון מיטעלע יאָהרען, וואָס איז בע=
שײַרען, אָבער זויבער און מיט געשמאַק געקלײדט. דער יונגער=
מאַן איז—בעני, גרונימוסעס בן=יחיד, וואָס איז שוין עטוואָס בע=
קאַנט דעם לעזער מיט'ן נאָמען „דער סקריפּער", און די פֿרוי
איז—חנה, אָדער, ווי מ'רופֿט זי אין שטוב, די „מוהמע אַננאַ"
שׂרה=רבֿקה'ס אינגערע שוועסטער. בײַ בעניען איז אַ אמת'ע אַר=
טיסטיש פּנים: אַ לאַנגליכע, אַ מאָגערעס, בלאַס, נור זעהר אויס=
דריקליך, אינטעליגענט און סימפּאַטיש, האָטשי זעהר אַ ערנ=
סטעס, כמעט פֿערזאָרגט, עטוואָס בעוואַקסען ערשט די אויבערשטע
ליפּ, אַ הויכער גלאַטער שטערן און אַ הויפֿען קאַשטאַנען=האָ=
זאָס גרײַזלען זיך עטוואָס בײַ די שלויפֿען, פֿערקעמטע אַהינטער
די אויערען און דערלאַנגען איהם ביז די אַקסלען. פֿון זײַן געבלויזטע
וועסט האָט זיך ארויסגעזעהן אַ שען אויסגעהאַפּטע „מאַנישקע"
פֿון שניי=ווײַסען העמד, מיט אַנ'אָבגעלײגטען קראַגען, מיט אַ שמאָ=
לען בלאָהען שניפּס, קונציג אויסגעבונדען זײַן מאָדישער ראָק האָט
אויך געצײַנט, אַז דער אַרטיסט איז ניט גלײַכגילטיג צום טואַלעט
און ער ווײסט, וואָס עס פּאַסט איהם צו. די „מומע אַננאַ" איז גע=
ווען אַקוראַט דער היפּך פֿון איהר שוועסטער פֿרוי גרונימוס. פֿאַר
וועלכער זי איז יונגער געווען מיט צעהן=צוועלף יאָהר. אַנטקעגען
דער זעהר דיקער שׂרה=רבֿקה'ן האָט מען זי שוין געקאָנט רעכענע
פֿאַר צו=מאָגער, נור איהר מאָגערקײַט האָט האַרמאָנירט מיט איהר
קלײנעם וואוקס און מיט'ן גאַנצען בוי פֿון איהר פיגור, וואָס איז
געווען עלאַסטיש און גראַציעז. איהר פּנים וואָס האָט נאָך ניט אין
גאַנצען פֿערוועלקט, האָט נאָך געהאַט אויף זיך קענטיגע שפּורען
פֿון אַמאָליגער שענהײט, וואָס האָט זיך דערהויפּט אויסגעדריקט
אין ריכטיגע ליניען און שטריכען, אין דער דינער און
דורכזיכטיגער הויט און אינ'ס אונבעשטימטען נור שטאַרקען

רייץ פונ'ם אויסדרוק. און אזוי ווי ס'איז שווער געווען פאַרצושטעלען זיך די דיקע שרה־רבקה מיט'ן כמעט מאַנ־בילשען פנים און שטים—ניט קיין סוחר'טע, ניט קיין געשעפטס־ליבע און פראַקטישע פרוי, פונקט אזוי האָט זיך ניט געוואָלט גלויבען, אז איהר חנ'דיגע שוועסטער. וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ פריילין טראָטץ איהרע פיערציג יאָהר זאָל האָבען אַ שייכות צו געשעפט און צו אנדערע פראָזאַאישע עסקים פונ'ם פראַקטישען לעבען. „די מוהמע אננאַ" האָט ווירקליך זעהר אַ קנאַפּע שייכות געהאַט צו דעם אַלעם, וואָס רופט זיך פראָזע. פראַקטישע לעבען. מיט אַ יאָהר צוואַנציג—צוויי און צוואַנציג צוריק, ווען זי איז שוין געווען אַ דערוואַקסענע און גאָר ניט קיין נאַריש מיידעל, האָט זי גאָר ניט פערשטאַנען און איז ניט אַיינגעדרינגען אין דער פראָזע, און זענענדיג אַ טאָכטער פון פערמעגליכע עלטערן מיט אַ היב־שען נדן דערצו. האָט זי—אַך ווי אונפּראַקטיש!—גענומען און זיך פערליעבט... אין אַ לעהרער פון אַ קאַזיאָנער יודישער שול, אין אַנ'שטענדיגען, אַ געבילדעטען, אָבער פערשטעהט זיך, אַ אָרימען מענשען און האָט מיט איהם חתונה געהאַט געגען דעם ווילען פון די עלטערן און אַלע קרובים, וואָס האָבען דעם שריך געהאַלטען פאַר אַ—סקאַנדאַל. האָט זי אָבער בעצאָהלט פאַר איהר אונפּראַק־טישקייט!.. דאָס הייסט, אַלע האָבען גערעכענט, אַז זי האָט בע־צאָהלט דערפאַר, חאָטשי זי האָט די גאַנצע צוואַנציג יאָהר פון איהר פאַמיליען־לעבען זיך געפיהלט, ווי אין אַ גן־עדן, טראָטץ די בענרענצטע לעבענס־מיטלען. דאָס הייסט, אַז דאָס גליק קומט אַ מאָל אויך צו ניט רייכע לייט. דאָס איז אַ חדוש אָבער אַזוי איז עס,

נור עמיצער, און אפשר האָט עס דאָס גורל זעלבסט זיך מתקנא געווען אָן דעם לאַנג־דויערענדע גליק פון די אָרימע מענ־שען, וואָס האָבען עס אזוי ביליג און לייכט בעקומען. די שול האָט זי פערמאַכט—און אַנאַ'ם מאַן איז אויסען געבליבען, וואָס פאַר אַזעלכע בעאַמטע, ווי יודישע לעהרער הייסט עס צו בלייבען אָהן אַ שטעל און אויך אָהן לעבענס־מיטלען. דער לעהרער אוי־בערן שטאָט, אָבמאַטערענדיג זיך אַ צייט, האָט זיך צולעצט בע־גוצט מיט די רעכט און זכיות פון זיין דעמיס־יע—און אין אַ שע־נעם פריה־מאָרגען האָט מען איהם געפונען אַ אויפגעהאַנגענם אין זיין אוניפאָרם, מיט דעם לעהרער־דיפּלאָם אין בוזעם־קעשענע

און מיט זיינעם אַ פערפאַסטען לעהר־בוך אין אַ טאַש. וואָס האָבען בעדייט די דאָזיגע משונהדיגע סמנים? צו דאָס, אַז דער אָרימער מענש האָט זיך עפּיס געשראָקען, אַז אָהן די דאָקומענטען וועט מען איהם אויף יענער וועלט אויך ניט אָננעהמען אויף אַ שטעל אָדער עפּיס אַנדערש האָט עס בעדייט? בעוואוסט איז נור, אַז קיינער האָט ניט געהערט, ווי ער איז אויפגעשטאַנען, ווי ער האָט זיך אָנגעטהון, און קיין שום חשד האָט ניט געקאָנט זיין, אַז ער זאָל עפּיס אַ מחשבה האָבען וועגען זעלבסט־מאָרד. פערקעהרט, מיט אַ טאָג פריהער איז ער לוסטיג געווען, ווי אַלע מאָל, האָט דעם מיטה ניט אָנגעוואָהרען, האָט געטרייסט און בערוהיגט זיין אַננאַ׳ן, איהר פערזיכערט, אַז ער וועט אונבעדינגט אַ שטעל בעקומען, וואָרים ס׳קאָן דאָך ניט געמאָלט זיין, אַז ער, וואָס האָט געוויסענהאַפט אָבגעדיענט העכער פון צוואַנציג יאָהר, האָט ניט איינמאָל בעקומען פון נאַטשאַלסטווע שריפטליכע דאַנקבאַרקייט פאַר זיין געוויסענהאַפטע מיה און זעלטענעם אַרט לערנען, זאָל אַיף דער עלטער. קאָן מען זאָגען, פערבלייבען אָהן אַ שטיקעל ברויט; ווי אַזוי זשע האָט ער עס געקאָנט פּלוצלונג זיך בעטליעסען אויף אַזאַ פערצווייפעלטע שריט? אָדער אין זיין שטענדיגער און הייסער מחשבה וועגען דער, וואָס איז איהם אינגעהויער טייער געוועזען, אויפשטעהענדיג, אין זיך אַנטהונדיג, אום צו געהן ערגיץ בעטען מיט טרעהרען און צו די פיס פאַלען איז ער אַזוי צערשטרויט געווען, אַז אָנשטאָדט אַרויסצוגעהן אויפ׳ן גאַס, האָט ער מעכאַניש, אינבעוואוסטזיניג, פאָרפיהלענדיג, אַז קיינע בקשות וועלען ניט העלפען, אַ קניפּעל געמאַכט און אָנגעטהון אויף זיך? חער קאָן זיי וויסען די לעצטע געדאַנקען פון אַ אומגליקליכען זעלבסט־מערדער? און צי האָט ער גאָר בכלל אין דעם פריהמאָרגען וועלכע ס׳איז געדאַנקען געהאַט? אפשר האָט דאָ אויסגעפּעהלט יעדער געדאַנק, און געווירקט האָט נור עפּיס אַ אונרייטלכער אינסטינקט, אַ בייזע סטיחיע? אַ שפּאַס איז עס דען, וואָס די טעמפּער לייד טהוט אָב אין די שווערע מינוטען פונ׳ם לעבען?

אָט אַזוי איז אַננאַ געבליעבען אַ ביטערע אַלמנה אָהן צום לעבענס־מיטלען, נור מיט אַ דערוואַקסענער טאָכטער, וואָס האָט איהר געהאָלפען בעקלאָגען איהר אומגליק, נור די טאָכטער האָט געענדיגט גימנאַזיום, און נוטע לייט האָבען זי אָבגעשיקט קיין פּע־

מערבורג אין קאָנסערוואַטאָריע, אַזוי ווי בײַ איהר האָט זיך אַרויס-
געוויזען גרויס טאַלאַנט צו מוזיק, און אננאַ'ן האָט פרוי גרונימס
צו זיך גענומען, רחמנות האָבענדיג שוין אויף איהר „לייכטזיניגע“
אָבער עהרליכער און אָנשטענדיגער שוועסטער. אַננאַ איז ניט גע-
ווען פשוט אַ קעסטניק בײַ גרונימס אין שטוב: זי האָט אין איהר
רשות איבערגענומען די גאַנצע בעל-הבתישקייט דער שוועסטערס
און אַרײַנבריינגענדיג אַ שטרענגע אָרדנונג, פלעגט זי יעהרליך
אַײַנשפּאָרען ניט אײַן הונדערטער פאַר דער פאַמיליע. זי האָט
אַלזאָ איהר ברויט פערדיענט. אַדאַנק איהר גוטען כאַראַקטער און
איהר טאַקט צו בעגעהן זיך מיט מענשען, האָבען איהר הײַם גע
ליעבט און געאַכט אַלע אין שטוב, פון דעם בעל-הבית ביז דע
דיענסט. פאַר דער „מומע אַננאַ“ האָבען זיך אַלע אין דער פאַמי-
ליע געבוקט. נור זי פון איהר זײַט איז צו קײנעם ניט געווען אַזוי
צוגעלאָזט, ווי צו איהר פלימעניק בעני, וואָס איז געווען איהר
ליעבלינג. אַלײן אידעאַליסטיש געשטימט און מיט פּאָעטישע שטרע-
בונגען האָט זי ניט געקאָנט ניט צוגעבונדען ווערען צו דעם אָרע-
לען יונגען מאַן, וואָס איז אינגאַנצען פרעמד געווען פון דעם
מסחר-גײַסט פון זײַנע עלטערן און פון דער לייכזיניגקײט און האַ-
וועניש פון זײַנע שוועסטער, וועלכע זענען בעצם גאַנץ פּראָזאַאיש-
געווען אין געוויסער מאַסען זאָגאַר גראָבע נפשות מיט בעל-הבתישע
געשמאַק און פערלאַנגען. אויסער דעם, האָט דאָך בעני זיך אָפּ-
געגעבען צו מוזיק, ד. ה. דער קונסט, מיט וועלכער ס'האָט זיך
בעשעפטיגט איהר פרעדעריקא אויך, איז אַלזאָ דאָ נאָך אַ טעם
געווען צו ליעבען איהם.

אין דעם דאָזיגען פריה-מאָרגען איז בעני געזעסען בײַם טיש
און געפרישטיקט מיט גרויס אַפּעטיט. אין אײניגע טריט פון איהם,
בײַם טיש אויך, נור אין אַ זײַט איז געזעסען די מוהמע אַננאַ און
אַ זאָק געשטריקט פון רויטע וואָל. בײַ בעני'ס פריהשטאָקען, וועלכע
אַננאַ זעלבסט פלעגט געוועהנליך צוגרייטען און דערלאַנגען, פלעגט
זי אויך דערבײַ זײַן, ווײַל דאָס איז געווען די סאַמע בעקוועמע צײַט
דורכצושמועסען מיט'ן פלימעניק אָהן אַ שום שטערונג. די אַלטע
גרונימס'ס פלעגען דאַן זײַן געוועהנליך אין מאַגאַזין, און די אויסגע-
ציערטע טעכטער פלעגען אומלויפען אין די גאַסען איבער די נאַ-

לאַנטערײַ־קראַמען, און די דינסטען זענען דאַן בעשעפטיגט מיטן צוגרייטען דעם מיטאָג.

— די מוהמע אַננאַ איז היינט עפּיס פערטרויערט ווי מאָצאַרט׳ס marche funébre, — האָט בעני געזאָגט, מישענדיג אין זיין גלאָז קאַפע. — וואָס האָט זיך שוין ווידער געטראָפען?

אַננאַ האָט אַ וויילע געשוויגען, דאַן האָט זי עטוואָס אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט טיעף אָבגעזיפצט און געזאָגט:

— דאָס זעלבע אַלץ. פרעדעריקאַ שרייבט ניט. גאָט ווייסט...

— וואָס ווייסט? — האָט בעני איבערגעריסען. — ס׳האָבען זיך אָנגעפאַנגען די לעקציעס, איז זי זעהר פערנומען, דעריבער שרייבט זי ניט.

— דו ווייסט דאָך אָבער, בעני, אַז זי איז זעהר פּינקטליך ווי אַ גוטער זייגער, זי קוקט ניט אויף איהרע בעשעפטיגונגען, איף גאָרנישט, יעדעם 1־טען און 15־טען שרייבט זי אָן, מעהר־ווענינער. און איצט איז שוין העכער ווי אַ מאָנאַט, אַז מ׳הערט פון איהר קיין וואָרט ניט. כ׳האָב מורא, אַז ס׳איז ניט אומזיסט.

— וואָס זשע קאָן דאָרט זיין?

— ווער ווייסט, וואָס? אָט איז דער הערבסט געקומען, אין פּעטערבורג איז שוין פון לאַנג אָן געווים קאַלט, און זי האָט ניט קיין וואַרימען בגד; צי אַסך דאַרף מען דאָס צו פערקיהלען זיך און אַוועקלעגען זיך?

— ביי אייך איז גלייך — פערקיהלט, זיך אַוועקגעלעגט און נאָך ח״ו. ביי אייך, מוהמע, איז דאָס זעהר גיעך. אָבער ביי אונזערע יונגע לייט איז עס גאָר ניט אַזוי גיעך. און דערצו איז די קוזינע פרעדעריקאַ אַ פעסטע, געזונדט מיידעל, זי וועט זיך צעהן מאָל פערקיהלען, איידער זי וועט איין מאָל קראַנק ווערען. נור וועגען אַ וואַרימען בגד דאַרף מען יאָ עפּיס טהון. אָט וואָס. קיין גרויסע קאַפּיטאַלען האָב איך ניט, נור דרייסיג רובל זענען דאָ. און די טעג עגדיגט זיך ביי מיין אָפיציער דער מאָנאַט, וועל איך בעקומען פונפצען רובל, איז עס אַ סך־הכל פון פינף־און פיערציג רובל. נור אַזוי ווי דאָס איז קנאַפּ, וועל איך מאַכען אַ אינערליכע הלואה ביי די שוועסטער אויף אַ רובל פונפצעהן, צוואַנציג — וועט שוין רעכט זיין.

— ניין, בעני,—האָט אַננא אָבגעענטפערט, — איך וויל עס נים, איך וועל בײַ דיר קיין געלד נים נעהמען.

— נעהמט נים. איך וועל עס אליין אָבשיקען. וואָס וועט איהר דאן טהון?

— כ'וועל דיר אָנדרעהען דעם אויער, קיין פריסטיק נים געבען.

— דרעהט, וויפיעל איהר ווילט, לאָזט מיך הונגערן, אָבער איך וועל נים לאָזען דער קוזינע פרערעריקאַ ארומטפּאַציערען ווינטער אין אַ זומער-מאַנטעל, און נאָך אין פעטערבורג!

— זי וועט האָבען אַ וואַרימען קאָסטיום, איך וועל בײַ דער מוטער בעטען.

— בײַ דער מוטער?—האָט בעני אַ קוק געטהון מיט פאָרוואורף. — בײַ דער מוטער מאָג מען, און בײַ מיר נים? זאָגט זשע מיר, מאַראַם, ווער בין איך עס אײַך, האַ?

— דו דאַרפסט דאָך אָבער פערשטעהן, דו ווילד-פרעמדער,— האָט אַננאַ איהם גענומען בערוהיגען, — אַז פון מיין זייט וואָלט זעהר נים פיין געווען צו בענוצען זיך מיט דיין גוטסקייט. דו ווילסט אַ בעל-צדקה זיין, דאַן, ווען דו אליין בינבט גענויטיגט. זאָג, איז עס עפּעס אַ שטייוער?

— יאַ, ווען עס זאָל נור געווען ריכטיג אַזוי, אָבער איך בין גאָר נים גענויטיגט. וואָס פעהלט מיר דען? זאַט אין אויסגעקליידט, טאַשען-געלד בעקים איך, אַ לעקציע האָב איך, און איך וועל נאָך איינע בעקומען. בין איך דען נים ראָבשילד? פאַרוואָס זאָל איך מיר נים ערלויבען דעם פערגניגען צו שענקען א קליינע מתנה'לה מיין איינציגער קוזינע?

— דו האָסט וועמען צו געבען מתנות, אויסער דער קוזינע,— האָט אַננאַ אַרויסגעזאָגט.

— וואָס?—האָט בעני אויסגעשריען, איז רויט געוואָרען און איז זאָגאַר אויפגעשפּרונגען אייף זיין שטוהל.—און דאָס זאָגט איהר, מוהמע אַננאַ. צי דען ווייסט איהר נים, אַז זי האָט מיר פערבאָטען צו קלעהרען זאָגאר וועגען מתנות, און אויב איך וועל נור אַמאָל נים פאָלגען און וועל איהר ברענגען דאָס מינדעסטע, ווערט אַלץ אויס צווישען אונז?

— כ׳לומרשט, — האָט אננאַ בעמערקט מיט אַ סקעפּטיש׳ער מינע.

אויב איהר צווייפעלט אין איהר אויפריכטיגקייט, הייסט עס, אַז איהר קענט איהר ווייניג, אָדער איהר קענט איהר גאָרניט.

— דעם אמת זאָגענדיג, קאָן איך זי טאַקי ניט גוט בעגרייפען, זי איז פאַר מיר אַ רעטעניש, אַמאָל טראַכט איך פון איהר אַזוי, און אַ מאָל — אַנדערש. פון איין זייט — איהר אָבשטאַמונג...

— פון ווען אָן, מוהמע אננאַ, האָט איהר עס געקראָגען די אריסטאָקראַטישע שטיק? — האָט בעני איבערגעריסען.

— ניין, בעני, — האָט זי אונגעדולדיג אָבגעענטפערט, — די בעגריפען וועגען דער אָבשטאַמונג — דאָס איז גיט קיין וויסטער פאָראורטייל. נור אַ בעגרינדעטע מיינונג, וואָס ווערט יערעס טאָג דערוויזען אויך אין דער פּראַקטיק. פערשטעהט זיך, ס׳זענען דאָ אויסנאַהמען, אָבער דאָס איז זעלטען. אויף אַ שטעכיגען בוים (טאַנען) וואַקסען בערעלעך, אָבער ניט קיין פּאָמעראַנצען, פון שלעכטע עלטערין קומען אַרויס שלעכטע קינדער. אַלזאָ פון איין זייט — איהר אָבשטאַמונג, איהר פערגאַנגענהייט, איהר איצטיגע סביבה, וואו זי געפינט זיך... און פון צווייטען זייט — אַזאַ כאַראַקטער, אַזעלכע געפיהלען אין אַזאַ טאַקט צום האַלטען זיך! ווי שטימט עס? איינס פון די ביידע: אָדער זי איז אַ זעלטענע אויסנאַהם, אָדער...

— אָדער וואָס?

— אָדער זי איז פון יענע געשיקטע און רמאות׳דיגע אינטריגאַנטקעס און שווינדלערינס, מיט וועלכע אַזאַ גוטמוטיגער און אונערפאַהרענער בחור, ווי דו דאַרפסט זיך גאָר ניט קענען. און ניט נאָך האָבען מיט איהר אַ וועלכע ס׳איז ערענסטע בעציהונג. און ביי דיר, אויב איך האָב ניט קיין טעות, האַנדעלט זיך דאָך וועגען אַ ערענסטען געפיהל, יאָ?

— געוויס, פאַרוואָס אָבער קאָן עס ניט זיין, אַז פון איהר זייט איז דאָ אויך אַ ערענסטעס געפיהל?

— פון איהר זייט קאָן עס זיין אַ איינפאַכער חשבון פון אַ גוטער. אין איהר לאַגע, זאָגאַר אַ גלענצענדער פּאַרטיע, כאָטש איך זעה ניט אַרויס די קלענסטע מעגליכקייט, אַז די פּאַרטיע זאָל ווירקליך געשלאָסען ווערען. דו קענסט דאָך דיינע עלטערן. ווען זיי אָדער דיינע שוועסטער זאָלען דעם קלענסטען חשד האָבען וועגען

ניַן דיין ראמאן, האָלט זיך דאָ אויפגעהויבען אזא גוואלד, אַ מ׳וואָלט פון שטוב בעראַרפט אנטלויפען,

— די זאַך איז אָבער, אַז זי ניט זי רעדט און ניט זי טראַכט פון דעם, וואָס ס׳רופט זיך אין בעל-הבתישען אָרט אַ גוטע פּאַרטיע איהר געפעהלט עס גאָר ניט צו זיין אַ „רייכע סוחר׳טע“, דאָס רופט אַרויס ביי איהר עקעל.

— נור אַ התן האָט זי זיך אָנגעפּיקט פון די רייכע סוחרים.

— פאַר איהר איז אָבער טייער אין מיר ניט דער סוחרישער זוהן, נור דער קינפטיגער אַרטיסט. אָט דאָ די טעג טאַקי האָט זי מיר אָפען געזאָגט: „אויב איהר האָט חאָטשי די מינדעסטע כונה, אָדער איהר זעהט אַרויס, אַז די אומשטענדען וועלען אייך, נעגען אייער ווילען, צווינגען צו פערנעהמען זיך מיט קאָמערציע, איז בעסיער, אַז מיר זאָלען זיך איצט צושיידען. וואָרום איך בין בשום אופן נישט איינשטימיג צו ווערען אַ סוחר׳ס אַ פרוי איך האָב אייך ליעב בעקומען און וועל אייך אייביג ליעבען—מיט דעם איינציגען תנאַי ניר. אַז איהר זאָלט זיין מיין חבר אין קונסט, וואָס איז פאַר מיר טייערער און העכער פון אַלץ. אויב דער תנאַי איז פאַר אייך צו-שווער... וועל איך אַוועק מיט מיין וועג, כ׳וועל זעהן פערגעסען אייך, ווי שווער דאָס זאָל ניט זיין פאַר מיר“. אָט דאָס האָט זי מיר געזאָגט די טעג ערשט פאַר אונזער פּראָפעסאָר און ביי איהם אין הויז.

— דאָס דערמאָנט מיר מיינע אייגענע מיידעל-חלומות— האָט אננאַ בעמערקט מיט אַ זיפץ.—איך האָב אייך אָבגעוואָרפען אַלע „גוטע“ פּאַרטיעס, כ׳פלעג ניט קאָנען אָהן שפּאָט און פעראַכטונג זאָגאַר קוקען אויף די האַלב ווילדער סוחרישע בחורים און כ׳האָב מיר בעשלאָסען התונה צו האָבען נור מיט אַ געבילדעטען, זאָגאַר אַנ׳אָרימען בחור. איך פערשטעה און שעץ איהרע געדאַנקען אַלס בעווייז פון העכערע, אידעאַלע, אָבוואהל ניט גאָר פּראַקטישע, שטרעבונגען. אָבער וואָס וועסטו טהון מיט דיינע עלטערן? זייערע אידעאַלען זענען דאָך דיר בעקאַנט.

— אייך, מוהמע אַנאַ, איז דאָך בעקאַנט אויך אונזער פּלאַן, ווי נור מיר ביידע וועלען דורכמאַכען די ערשטע שטופע פון אונזער מוזיקאַלער בילדונג, וועלען מיר אָהן ווערטער, גלייך נעלם

װערען פון שטאָדט און—מיר װעלען אװעקפליהען קיין איטאַל־יען אָדער קיין פראַנקרייך זיך פערפאָלקאָמען.

— און מיטלען?

— זי האָט מיר געזאָגט: איך זאָל זיך ניט בעזאָרגען װע־גען מיטלען, ניט טראַכטען אפילו: מיטלען װעלען זיין.

— הייסט עס, אז זי האָט דיך באמת ליעב, אָהן שום זיי־טיגע חשבונות?

— איך האָב אין דעם ניט געצװייפעלט פון אונזער ערש־טער ערקלעהרונג אָן. װי זי איז קלוג, איז זי אָבער אויך אויפריכ־טיג און אָפענהערציג. װי אַ קינד. רמאות, אנשטעלעניש, זאָגאַר די געװענליכע פרויען־קאָקעטעריי איז איהר פרעמד. דערצו, דאַרפט איהר װיסען...

נור אין דער װיילע זענען מיט אַ שטורם אריינגעלאָפען אין עס־צימער די פריילין ראשעל און פריילין בריגיטאַ, װאָס האָבען זיך שוין צוריקגעקעהרט פון זייער עקסקורסיע איבער די מאָרע־מאַ־גאַזינען פאר מיטבאָג.

— מוהמע אַננאַ! מוהמע אַננאַ!—האָבען זיי אָנגעהויבען צו קלאַפּען, אַרויבררייסענדיג ביי איהר פון די הענד די זאַק און האָ־בען זי געבריייסעלט.—מיר האָבען פאר איך אַ גרוס, טויזענד גרוסען, און הייסט איהר פון װעמען?

— פון װעמען?

— פון הערין... איהר זאָלט אָבער ניט רויט װע־רען, מוהמע אננאַ, פון הערין רויב—מאַ—אָן, הערט איהר? פון רויב—באַגען!

— איז װאָס זאָל איך רויט װערען?—האָט אַננאַ געפרעגט, ציהענדיג מיט די אַקסלען.

— אָ, מיר װייסען, פאַרװאָס ה׳ רויבמאַן שיקט פאַר אייך טויזענד גריסען—האָבען די לייכטזיננע מיידלעך געשטיפּעט.—ער איז אין אייך שטאַרק פערליעבט, איהר װייסט דאָס, נור איהר פער־בעהאַלט עס. אָ, איהר זענט אַ קליגינקע, מוהמע אַננאַ!

— און איהר זענט נאַרעלעך,—האָט בעני אַ װאָרף געטהון איז אויפגעשטאַנען פון טטול און איז אַװעק צום טהיר.

XI.

וואָס און ווי אַזוי בעני איז בעקאַנט געוואָרען מ'ט איהר.

ווער איז עס די דאָזיגע זי, וועגען וועלכער אננא און בעני האָבען געפיהרט זייער אינטימען געשפּרעך, ניט דערמאָנענדיג קיין איין מאָל איהר נאָמען, — וועלען מיר זיך גלייך דערוויסען.

אין דער זעלבער שטאָדט נ. האָט געוואוינט איינער פון די פוילישע עמיגראַנטען פונ'ם יאָהר 1831, וואָס האָבען זיך בעזעצט מיט רער אַמניסטיע פונ'ם יאָהר 1856. דאָס איז געווען אַן'אַלטער מאַן פון אַ יאָהר זיעבציג, אָבער נאָך אַ גאַנץ מונטערער, אַ פעסטער, חאָטשי עטוואָס געבויגען, מיט אַ לאַנגען ברייטען גראָהען באָרד, מיט גאָר אַ בלויזען קאָפּ, וואָס איז דעריבער שטענדיג בעדעקט געווען מיט אַ רויטער פעסקע, מיט אַ לאַנגער נאָז אויפ'ן מזרח-שטיינער און טונקעל-גראָהע אויגען, וואָס האָבען נאָך פון אונטער די לאַנגע און געלבליכע ברעמען צייטענווייז גאַנץ העלע פונקען געשאָסען. דער פּעריל-קאַנט און דאָס גאָלדענע פרענזיל פון טערקישער פעסקע האָבען בעדייט אויך אויף זיין טיטעל, „קאַפּיטאַן פון געוועזענער פוילישער אַרמעע". פון זיינעם אַ נאָהנטען קרוב, אַ מאַגנאַט פלעגט ער בעקומען אַ גוטע יעהרליכע פּענסיע און ער האָט זיך געלעבט אין פערגניגען און האָט די צייט פערבראַכט אין תפלות, אין היילען נאָהנטע בעקאַנטע, דערהויפּט פרויען מיט האָמעאָפּאַטיע און מיסטיק לויט דעם פוילישען נביא טאָוויאַנסקי, אין וועלכען ער האָט איינגעגלויבט אין פּאַריז זענענדיג, און אויף אַלע קונסטען, דערהויפּט אויף מוזיק, וועלכע ער האָט פּאַלשזיענדיג געקענט און פאַנאַטיש ליעב געהאַט.

איינמאָל אויף אַ היימישען קאָנצערט אין אַ רייכער פאַמיליע, ווען בעני האָט זיין נומער געענדיגט, און דער זאַל איז פערהילכט געוואָרען פון בראַוואָ-פּאַטשערייען נאָך זיין ווירקליך מייסטערהאַפטען אין דורכגעפיהלטען שפּיעלען, איז צו איהם צוגעגאַנגען דער דאָזיגער עמיגראַנט, האָט איהם אָנגענומען פאַר אַ האַנד און האָט איהם אַריינגעפיהרט אין אַן'אַנדער צימער, וואו זיי האָבען זיך ביידע אַוועקגעזעצט איינער געגענאיבער דעם אַנדערן.

— יונגער־מאַן, וואו האָט איהר מוזיק שטודיערט? — האָט אָנגעהויבען דער עמיגראַנט, פריינדליך אַ פּאַטש געבענדיג בעניג אויפ'ן קניה.

— דאָ, ביי אונז אין שטאָדט.

— ביי וועמען?

— ביי פערשיעדענע לעהרער.

— אָט דאָס איז עס, וואָס ביי פערשיעדענע לעהרער, האָט דער עמיגראַנט איסגעשריען צוקנאַקענדיג מיט די פינגער,—ס'איז גליך קענטיג, אַז עס פעהלט אַ ריכטיגע שול. יונגער־מאַן, ביי אייך איז דאָ טאַלאַנט, ביי אייך זענען דאָ אַלע אָנגאַבען, אום צו ווערען אַנ'אַרטיסט, און אפשר אַ מפורסם. ביי אייך איז דאָ אַ געהער, אַ געשמאַק, אַ געפיהל און אַ גאַנץ ענטוויקעלטע טעכניק. נור דאָס אַלץ נעהם לאבוד, ווייל ס'איז ניטאָ די עקספּרעסיע, די מאַטעמאַטישע פּינקטליכקייט און קלאַסישע ריכטיגקייט, וועלכע מ'בעקומט אויסשליעסליך נור פון אַ גוטער שול. איהר שפּיעלט, ווי מען זאָגט, מיט די נערווען, אָבער ניט מיט די הענד. דער אינסטרומענט הערשט איבער אייך, און ניט איהר איבער איהם, דעריבער ציהט ער טענער פון אייך, און ניט איהר פון איהם. אַ גוטער אַרטיסט דאַרף אָבער זיין אַ בעל־הבית, און ניט אַ קנעכט פון זיין אינסטרומענט. דער לעצטער דאַרף זיין אין זיינע הענד, ווי ליים ביי דעם קנעטער, אָננעהמען נור די פאָרם, וועלכע דער קינסטלער וויל בעוואוסיניג מאַכען פון דעם. און דאָס איז גאַנץ נאַטירליך—וואָרום די אינסטרומענטאַלע מוזיק איז פריהער פון אַלץ און מעהר פון אַלץ—אַ האַנדווערק אין סאַמע איינפּאַכסטען זין: כל־זמן דער האַנדווערקער וועט זיך ניט אויסלערנען צו בעהערשען זיינע געצייג און אָנפיהרען מיט דעם, ווי געהעריג, וועט ער ביי זיין בעסטען געשמאַק און געפיהל אַרבייטען ניט ריין, ווי אַ פּאַרטאַטש. די הענד און די פינגער ביי אינסטרומענטאַלע ווירטואָזען זענען דאָס זעלבע— ווי צוואַנגען אויף אַ האַמער: אָן דעם קלאַפּ און צוואַנג ווענדט זיך דאָס גאַנצע שפּיעלען. פּאַגאַניני, ערנסט און אַנדערע געריהמטע פיעדעלשפּיעלער זענען דעריבער אַזוי גרויס געווען, ווייל זייערע פיערלען זענען געווען אַזוי אויסגעלערנט, אַז זיי האָבען די העזה ניט געהאַט אַ פּיפּס צו טהון אָהן דער ערלויבנים פון זייער מייסטער. אָבער

ביי מיטעלמעסיגע אָדער ניט־ערפאהרענע ווירטואָזען זענען די אינ־סטרומענטען גאַנץ צולאָזען, ניט־דיסציפלינירט, זיי זינגען וואָס אין זיי זיי פערגלוסט זיך, זיי נארען אריין אייך די ווירטואזען אליין און אויך דאָס פובליקום, וואָס פערשטעהט ווייניג אַזאַ שפּיעלען. דאָס איז אָבער אַ שפּיעלען פון צופאַל, אָבער ניט יענע ריכטיגע, קלאַסישעס שפּיעלען, וואָס איז ראווי און פערפליכטענד פאַר יעדעם ערנסטען אַרטיסט. איהר האָט מיך פערשטאַנען?

— פאָלשטענדיג, איך פערשטעה אליין, אַזאַ מיין שפּיעלען פעהלט עפּיס און דוקא עפּיס זעהר וויכטיגעס, איך פיהל אַליין, ווי איהר האָט זיך זעהר געלונגען אויס־געדריקט, אַז דאָס פיעדעל פיהרט מיך, און ניט איך דאָס פיעדעל, נור וואָס זאָל איך טהון?

— איך וועל שוין פאַר אייך עפּיס טהון, זענט רוהיג,— האָט דער אַלטער געזאָגט און האָט איהם פריינדליך אָנגענומען פאַר׳ן עלנבויגען.— איך וועל אייך אריינגעהמען אויף אַ יאָהר אין מיין שול אריין. איך בין אַ צייט געווען פראָפעסאָר אין ברי‍סעלער קאָנסערוואַטאָריע. מיין מעטאָדע, ווי מען זאָגט, איז ניט קיין שלעכטע. פון מיין שול איז אַרויס ניט איין אַרטיסט, וואָס האָט דערנאָך קראַנצען בעקומען אין איראָפּאַ און אַמעריקאַ. און איבּ איהר בעזיצט ווירקליך טאַלאנט, ווי איך רעכען, וועל איך מיט פערגניגען טיילען מיט אייך מיינע קענטניס.

— אָ, ווי איך בין אייך דאַנקבאַר, ה׳ קאפּיטאַן!— האָט אויס־געשריען דער יונגער־מאַן, געריהרט, און כמעט מיט טרעהרען אין די אויגען האָט ער זיך געוואָרפען קישען די הענד פון דעם נכבו־דיגען אַלטען.— עס קלעקען מיר ניט קיין ווערטער אויסצודריקען די אונבעגרענצטע דאַנקבאַרקייט, וואָס איך וועל פיהלען צו אייך אין מיין גאַנצען לעבען.

— מדאַר׳ף ניט קיין ווערטער, מ׳דאר׳ף ניט קיין דאַנקבאַר־קייט,— האָט דער אַלטער געזאָגט, אויפשטעהענדיג פון אָרט, אום צוריקצוקעהרען זיך אין זאַל. איהר זענט אַ ליטוואַק, דעריבער איז מיין חוב, מיין פפליכט ניצליך צו זיין אייך מיט וואָס איך קאָן.

די לעצטע ווערטער האָבען עטוואָס דערשראָקען דעם יונגען מאַן, וואָס האָט גערעכענט, אז דעריבער האָט זיך דאָס דער אַלטער

אליין אויסגערופען מיט זיין מובה. חייל ער האָט זיך טועה געווען אין זיין נאַציאָנאַליטעט, בכפרט, אַז ער האָט געהערט גוט פויליש, ער האָט אָבער ניט געוואָלט, אַז די לאַגע זאָל זיין אַ פאַלשע פון אָנפאַנג אָן, און ער האָט געאײלט צוצוגעבען:

— נור, ה' קאַפּיטאַן, איהר וואַהרשײנליך... ס'הייסט, איך בין... גלייך געזאָגט...

— אַנ'אַלט-גלויביגער, ווילט איהר זאָגען? — האָט דער קאַפּיטאַן געטראָפען.

— יאָ.

— מילא. איך האָב עס פריהער געוואוסט. איהר זענט דאָך אָבער אַ געבאָרענער אין היגען קאַנט, יאָ?

— געווים.

— הייסט עס, איהר זענט אַ ליטוואַק, אַ לאַנדסמאַן אין מעהר איז ניטאָ וואָס צו ריידען דערפון. קומט אַריין צו מיר האָטש מאָר-גען, ווילען מיר, מיט גאָטעס הילף, אָנהויבען אונזערע בעשעפ-טיגונגען.

און דער יונגער גרונימוס האָט אָנגעהויבען צו געהן צום קאַפּיטאַן דריי מאָל אין וואָך צו לערנען זיך מוזיק. און אַזוי ווי דער לעהרער און דער שילער האָבען זיך פלייסיג בעשעפטיגט, איז דער ערפאָלג געווען אַ גלענצענדער: בעני האָט געפיהלט, ווי מיט יעדען טאָג בעקומט ער אַלץ מעהר שליטה איבערן אינסטרומענט, און ער האָט שוין מעהר ניט געצווייפעלט, אַז מיט דער צייט וועט ער איינגאַנצען בעהערשען דאָס פידעל און וועט שוין מעהר ניט שפּיע-לען מיט די נערווען, נור מיט די הענד.

— גיט, גוט, בעניםלאַווע, — פלעגט דער אַלטער וואָרטשען אין באָרד אַריין, אַרומגעהענדיג איבערן צימער, די הענד פערלעגט אַהינטער און צוהערנדיג אויפמערקזאַם דאָס שפּיעלען. דער יונגער שפּיעלער פלעגט בגנבה אַ בליק וואַרפען אויף דעם איינגעבויגענעם רוקען פון זיין פּראָפעסאָר — און די העלע רויטקייט אויף זיינע איינ-געפאַלענע און בלאַסע באַקען האָט בולט בעוויזען, ווי טייער איהם איז אין ס'שמייכעלט איהם, וואָס זיין שפּיעלען געפעהלט אַזאַ קאָמ-פּאָנענטען און שטרענגען מוזיקער.

— איצט, בענצי, נרייטען מיר זיך צום פינאַל,—זאָגט דער אַלטער, ער הערט אויף אַרומצוגעהן און שטעלט זיך געגענאיבער דעם פּיפּיטר, ביי וועלכען בעני שפּילט. דער לעצטער נעהמט דאָס פיעדעל אונטער'ן אָרעם, געהמט אַרוים דאָס טיכעל, ווישט אָב דעם פּערשווייצטען שטערן און די הענד, ציהט אָ שטיק די קווינטע, שטעלט אָן דאָס פיעדעל אונטער'ן קין, שטעקט אַריין די אויגען אין די נאָטען און וואַרט אויף אַ סיגנאַל. דער פּ־אָפּעסאָר פּעררייבט די פּעסקע איפ'ן קאָפּ, שטעלט פונאַנדער די פיס, פּער־קאַטשעט די אַרבעל, פּערדרעהט זיינע לאַנגע וואָנצעס און הויבט אָן די קאָמאַנדע:

— די פיס אין פּאָזיציע!.. דאָס בריסט פּאָראויס!.. די האַנד מיט'ן פיעדעל—אָט אַזוי!.. די האַנד מיט'ן כמיטשיק פריי, פון זיך!... איינס—צוויי—דריי! טלי—טי—טי—טי—טאָ... טאָ—טי—טי—טי—טאָ!

און ער דיריגירט ניט ניר מיט די הענד, נור מיט די פיס אויך, מיט'ן קאָפּ, מיט'ן באָרד, מיט די אויגען,—מיט'ן גאַנצען קערפּער. ס'געהט אָן אויף איהם אַ מוזיקאַלער עקסטאַז: ער מאַכט גרימאַסען, וואַרפט אום מיט די הענד, מאַכט איבערגעשרייען, שפּרינגט אויף, זינגט אונטער, זידעלט און אין אַ ווײלע אַרום שיקט ער לופט־קושען, פּערגלאָצט די אויגען, איז גרייט אָנהייבען צו וויינען, קלאָגען, ער רייסט אַראָב פון זיין בלויזען קאָפּ די פּעסקע און פּאָ־כעט דערמיט אין דער לופטען, מיט איין וואָרט, ער איז אויסער זיך, ווי אַזאַ איינער, וואָס איז משוגע.

— פּו, זאָל דיר זיין... וואַרפט ער זיך אָבגעמאַטערט אויפ'ן סאָפּקע און עטעמט שווער, ווען בעני ענדיגט, לאָזט אַראָב דאָס פיעדעל און קוקט ערשראָקען אויף די נאָטען. ווי איינער, וואָס מעסט אָב אַ טיעפען תהום, איבער וועלכען איהם איז אָקאָרשט ערשט געלונגען בשלום אריבערצושפּרינגען,—אַ, ווי איך בין מיעד! ווייסט־דען, פּויגעלע מיינער, אַז אָט פאַר דעם פּאַסאַזש האָט הענריך ווענאַווסקי די ערשטע פּרעמיע בעקומען אין פּאַריזער קאָנסערוואַ־טאָריע! און דו האָסט עס איצט אַ קלאָפּ געטהון, כלעבען, ניט ערגער פון הענריך'ן. איך בין דאָך אַליין געוועזען אויף דעם יום־טוב און כ'געדענק נאָך דאָס שפּיעלען פון איהם אונזער לאַוראַט. קוים אָקאָרשט אהער, גזלן!

אין דער גזלן נעהמט צו צום דיוואַן, לאָזט זיך אראָב אויף די קניה, און דער אַלטער דריקט שטאַרק זײַן קאָפּ צו זײַן ברוסט, װערט פערגליװערט א װײלע. דערנאָך טהוט ער איהם אַ קוש אין קאָפּ און לאָזט איהם אָב.

אַזעלכע כצעגעס צווישען דעם לעהרער און דעם שילער פלעגען תּאָרקומען אָפט.

אײנמאָל, ווען בעני איז צו דער לעקציע געגאַנגען אויף די טרעפּ פון דעם קאַפּיטאַנ׳ס קוואַרטיר, איז מיט די זעלבע טרעפּ אַראָבגעגאַנגען אַ יונגע און מאָדיש געקלײדעטע פרוי מיט אַ פּעקיל נאָטען אין איהרע קלײנע, פײנע הענד. דורך דעם גאַנץ דיקען בואַל איבער איהר גאַנצען פּנים האָט ער דאָך בעמערקט, אז זי איז אַ שענהײט.

— אַ—זוי, ה׳ פראָפעסאָר, — האָט ער אָנגעהויבען, אײנ-קומענדיג אין זאַל, װאו ער האָט געטראָפען דעם לעהרער בײם צונויפלעגען נאָטען אויפ׳ן פּיאַנאָ.—אָט אזוי נאַר! יונגע דאַמען געהען צו אײך!

— ערשטענס.—האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט,—איז עס געװען ניט קײן דאַמע, נור אַ פרײלין. און צװײטענס, מײנסטו, אז נור פאַר יונגע קאָכערס איז דאָ טילכינם? אַמאָל איז בײ אונז אויך אַ שמחה. װאָס, דו ביסט מקנא?

— אפשר, נור װאָס איז דאָ מקנא צו זײן?

— האָסטו ניט גוט אַרומגעקוקט.

— ניט נאָר גוט: די בואַל האָט געשטערט. נור דורכ׳ן בואַל איז אויך קענטיג, אז זי איז ניט קײן מאוסע.

— ניט נור ניט קײן מאוסע,—האָט דער אַלטער פעריכט, — זי איז אַ װירקליכע שענהײט!

— אַזוי נאָר;—האָט בעני אויסגעשריען און האָט זיך שױן פעראינטערעסירט מיט דער אונבעקאַנטער.—װער איז זי עס?

— דו קענסט זי נאָר ניט? — האָט זיך דער אַלטער פער-װאונדערט,—און דו האַלטסט זיך נאָך פאַר אַ יונגען מאַן! אַ האַלבע שטאָדט לפחות קען דאָך איהר.

— געהער איך אָן אַלזאָ צו יענער האַלבער שטאָדט, װאָס קען איהר ניט.

— און דעם „פאַריזער בופעט“ װײסטו?

— כ׳ווייס, אז ביי אונז אין שטאָדט איז דאָ אזא בופעט.

— און גאָר ?

— וואָס נאָך ?

— און דו אליין קומסטו נים אריין אהין ?

— נים דאָרטען און נים אין אנדערע בופעטען: איך האָב עס נים ליעב, און כ׳האָב קיין צייט נים.

— אַ שוטה ! זאָלסטו וויסען, אז די שענהייט, וועלכע דו האָסט בעגעגענט אויף די טרעפ — איז אַ טאָכטער דעם איי:ענטימערס פון „פּאַריזער בופעט״, און נים פּשוט אַ טאָכטער, נור זי אליין שטעהט ביים בופעט.

— אויב אזוי דאַרף מען אַמאָל אריינקומען אין בופעט.

— ס׳וועט שוין קלעקען: וועכטו נור איין מאָל אריינקומען, וועסטו שוין געהן כסדר.

— דאָס וועלען מיר זעהן, נור וואָס האָט זי דאָ ביי איך געטהון ?

— זי נעהמט ביי מיר לעקציעס פון געזאַנג.

— צו וואָס דאַרף זי געזאַנג ?

— און צו וואָס דאַרפסטו פיעדעל-שפּיעלען ?

— איך וויל זיין אַנ׳אַרטיסט.

— און זי וויל זיין אַנ׳אַרטיסטין.

— אַ ביפעטע-מיידעל אין — אַנ׳אַרטיסטין! — האָט זיך בעני פערוואונדערט און געצויגען מיט די אַקסלען. — אידר פיהרט עס נים קיין שפּאַס ?

אַ האָר נישט.

— פערמאָגט זי דאָס אַלץ, וואָס איז נויטיג צו ווערען אַנ׳אַרטיסטין ?

— אַלץ: אַ שטים, אַ געשמאַק, געפיהל און אַייזערנע געדולד. אויסער דעם, וועט עס פאַר איהר קיין נייעס נים זיין צו ווערען אַנ׳אַרטיסטין. ווייל, ווי זי האָט מיר דערצעהלט, האָט זי שוין אַמאָל געאַרבייט אלס אַרטיסטין.

— וואו אַנ׳ערך, אין אַ באַלאַגאַן ?

— נים אינגאַנצען, נור לפי-ערך. דער פאָטער איהרער איז געווען אַ שאַרמאַנקע-שפּיעלער. האָט זי עטליכע יאָהר געזונגען ביי דעם אַקאָמפּענעמענט פון דער שאַרמאַנקע.

— ספוי! — האָט זיך דער יונגער־מאַן ניט געקאָנט אָבהאַלטען פון כּעס. ער איז זאָגאַר רויט געוואָרען פון פּערדרוס. — איבּריגענס, — האָט ער שוין דערנאָך צוגעגעבּען רוהיגער — אויב אַייך געפעהלט עס שפּאַס צו פיהרען, אָבּצונאַרען מיך, מילא: וועל איך מאַכען דעם אָנשטעל, אַז איך נעהם עס אָן ערנבט אַלץ, וואָס איהר וועט זאָגען וועגען דער אַרטיסטין דאָס בּופעט־מיידעל.

דער אַלטער האָט מיט פאָרוואורף אַ שאָקעל געטהון דעם קאָפּ.

— אַי, אַי, בּעני, ס'אַראַ בּייזער דו בּינסט, — האָט ער מיט'ן פינגער געמאַכט איבּער'ן נאָז. — איך זעה, אַז דיך פּערדריסט, וואָס עפּיס אַ מיידעל פון דער גאַס האָט די העזה צו וועלען זיין אַן אַרטיסטין. וואָס זשע איז אָבּער, אַז דאָס דאָזיגע מיידעל פון דער גאַס האָט דאָך טאַלענט? דו פערגעסט, וואָס איז די געריהמטע ראַשעל געוועזען אין די קינדער־יאָהרען?

— דאָס איז דאָך אָבּער עפּיס ראַשעל...

— און דאָ איז מאַניע, — האָט דער אַלטער איבּערגעכאַפּט, — דער אונטערשייד איז נור אין'ם נאָמען און אויך אין דעם גראַד פון טאַלענט. נור צי דען די טאַלענטען פון ערשטען ראַנג האָבּען דאָס רעכט צו זיין די כּהנים פון קונסט? ווען דו זאָלסט זיין בּעקאַנט מיט דער געשיכטע פון קינסט, וואָלסטו געוואוסט, אַז די טאַלענטען פון ערשטען ראַנג, די אַזוי גערופענע גאונים שטעהען הויך און איינזאַם, טראָגען זיך איבּער שנעל איבּער דער וועלט, אָפטמאָל ניט איבּערלאָזענדיג קיין שפּור, ווי גלענצענדע מעטעאָרען, אַמאָל בּעצייכענען זיי די אידעאַלען, מעהרסטענטייל בּלאַנקען זיי, ווי דימענטען מיט זייער גלאַנץ, אָבּער זיי ערוואַרימען ניט. אָבּער דאָס הייליגע פייער פון קונסט ווערט אויפגעהאַלטען און ענטוויקעלט דערהויפּט דורך די טאַלענטען פון צווייטען און דריטען גראַד. זיי זענען — לוויים אין טעמפּעל פון קונסט, זיי פּאָפּולאַריזירען, מאַכען עס צוטריטליך פאַר אַלעמען, צוטראָגען עס אין די ווייטעסטע ווינקעלעך פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, פערפיינערנדיג און פערשאַפענדיג פערגניגען מענשען — און די ראָלי זייערע איז פרוכטבּאַרער פאַר דער מענשהייט, ווי די גלענצענדע ראָלי פון די גאונים, וועלכע איבּערראַשען מעהרסטענטייל, אָבּער זעלטען זענען זיי פרוכטבּאַר. און דעריבּער, וואָס פאַר אַ טאַלענט ס'איז בּיי אַ מענשען, איז ער אַלע מאָל נוצליך. וואָס אַנבּעלאַנגט מיין בּופעט־מיידעל, דאַרף

איך דיר זאָגן, אַז בײַ איהר איז דאָ טאַלענט, און ניט נאָר קײן קלײנער, אַלענפֿאַלס... ניט קלענער, ווי בײַ דיר.

די לעצטע ווערטער האָבען עטוואָס פֿערשטאָכען דעם יונגען מאַן. נור עהרענדיג דעם אויטאָריטעט פֿון זײַן לעהרער, האָט ער זיך ניט אַ קרים געטהון, האָט אַראָבגעשלונגען דעם „פֿעררדרום" און האָט נור אַרויסגעזאָגט:

— איהר, ה' פּראָפֿעסאָר, האָט מיך ניר פֿעראינטריגירט מיט אײַער שילערין, אַז מיר וואָלט זיך זעהר וועלען בעקענען זיך מיט איהר.

— זעהר רעכט, — האָט דער פּראָפֿעסאָר געזאָגט, — קומט אַרײַן צו מיר אין אָוונד, וועלען מיר צוזאַמען ציגעהן אין בופֿעט און איך וועל דיך בעקאַנט מאַכען מיט איהר. מיט דעם מײדעל איז בכלל כדאַי צו בעקענען זיך, זי איז אַזאַ וואַילע, אַ קלוגע!..

און יענעם טאָג אין אָוונד איז בעני צוזאַמען מיט זײַן לעהרער אַרײַנגערוקען אין „פּאַריזער בופֿעט", און דערזעהענדיג די קינפֿטיגע אַרטיסטין אין דער ראָלי פֿון אַ בופֿעט-מײדעל, איז ער ערשטוינט געוואָרען פֿון איהר שענהײט. ער וואָלט זעהר כײער געגעבען, ווען מ'זאָל איהם ערלויבען צו שטעהן, קוקען בעגײַסטערט אויף דער גראַציעזע שענהײט, וואָס האָט דורכט זיך געהערשט איבער די הערצער פֿון די אַלע, וואָס האָבען זיך דערנעהנטערט צו איהר, נור דער „אימגעלומפּערטער" פּראָפֿעסאָר האָט איהם אַוועקגעשלעפּט און דורך דעם קאָנצערט-זאַל האָט ער איהם אַוועקגעפֿיהרט אין אַ זײַטיגען קאַבינעט, וואו ער פֿלעגט געוועהנליך טרינקען זײַן אָוונד-פּאָרציע ביער. זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ קלײנעם טישעל מיט אַ שאַך-ברעט פֿון אויבען — און גלײַך האָט מען פֿאַר זיי אַוועקגעשטעלט צוויי גלאָז בײַערן-ביער, די בעליעבטעסטע משקה דעם פּראָפֿעסאָר'ס.

— ווי אַזוי וועט איהר אונז בעקענען? — איז דער יונגער מאַן אונגעדולדיג געווען און האָט געוואָלט, וואָס גיכער דערהערן די שטים פֿון יענער, וואָס האָט איהם אינגאַנצען פֿערנומען פֿון זײַן ערשטען בליק אויף איהר. — זי איז דאָך אַזוי בעשעפֿטיגט.

— ס'מאַכט נישט אויס, — האָט דער פּראָפֿעסאָר געזאָגט און האָט גענומען די גלאָז אין דער האַנד, זי וועט באַלד אַלײן קומען אַהער, זי קומט אַלע מאָל צו מיר גריסען זיך און אַ שמועס טהון,

און ווירקליך, אין עטליכע מינוט אַרום איז מאַניע אַריינגעקומען אין קאַבינעט און, דערלאַנגענדיג אַ האַנד דעם פּראָפעסאָר, האָט זי מיט איהר קאָנצערט־אַלט „אויסגעזונגען“: „גוטען אָוועגד, מיין ליעבער פּראָפעסאָר“.

דער לעצטער האָט מיט ביידע הענד געדריקט איהר האַנד, האָט איהר פאָרגעשטעלט דעם יונגען מאַן אַלס זיין שיהלער און קינפטיגען אַרטיסט—פיעדעל־שפּיעלער. דער קינפטיגער אַרטיסט איז פון אָרט אויפגעשפּרונגען, ר'האָט איינגאַנצען פערגעסען, אַז פאַר איהם איז דאָ—„אַ בופּעט־מיידעל“, „אַ גאַסען־מיידעל“, און ער האָט איהר מיט אַזאַ כבוד געגריסט, ווי אַ מיוחס'דיגער אַריסטאָקראַטין. דאָס בופּעט־מיידעל האָט איינפאַך און פריי אַ טריט געמאַכט צו איהם, האָט איהם אַ האַנד דערלאַנגט און האָט איהם דערביי אָנגעקוקט מיט אַזאַ צאַרטען גלעטענדען בליק, אַז דער קאָפּ האָט איהם פערשווינדעלט און אין האַרצען האָט איהם אַ קלאַפּ געטהון.

— צי ניט מיט אייך האָב איך היינט אין דער־פריה דעם פערגעניגען געהאַט צו בעגעגענען זיך ביי אונזער פּראָפעסאָר אויף די טרעפּ?—האָט זי געפרעגט, קוקענדיג גלייך דעם יונגען מאַן אין פּנים.

— מ—מיט מיר,—איז דער יונגער מאַן רויט און בלאַס געוואָרען און ניט געוואוסט, וואו אַהינצוטהון זיינע אויגען, וואָס זענען נאָך ניט געוועהנט געווען צו דעם בעצויבערענדען מאַגנעטיזם פון איהר בליק.

— זעהט איהר, איך האָב אייך דערקענט,—האָט דאָס בופּעט־מיידעל אינטערגעזונגען מיט אַ לוסטיגען שמייכעל.—איך האָב אפילו געטראָפען, אַז איהר זענט אַנ'אַרטיסט,

— פון וואַנען האָט איהר עס גענומען?—האָט בעני געפרעגט, צוזאַמען קימענדיג און האָט זיך אויף זיין אָרט געזעצט לויט דער איינלאַדונג פון מאַניען, וואָס האָט זיך אויך צוגעזעצט צום טישעל.

— איך ווייס אַליין ניט פון וואַנען. נור אַרטיסטען דערקען איך פון ערשטען בליק, אויף זייערע פּנים'ער איז דאָ עפּיס אַ בעזונדער...

— דאָס איז ביי יעדעם פּראָפעסיאָנאַל,—האָט בעמערקט

דער פּראָפּעסאָר, װאָס האָט בּיז אַהער געשװיגן,—װײל יעדע ספּעציעלע בּעטעפּטינונג, יעדע פּראָפּעסיע לעגט אַװעק אַ שטעמפּעל אױף דעם פּראָפּעסיאָנאַל. אױף דער גאַס דערקען איך אַלע מאָל, װער ס'איז אַ שנײדער און װער אַ שוסטער, װער איז אַ בּעקער און װער עס שלאָגט אָפּ פּשוט די שטײנער פון בּרוק.

די יונגע מענשען האָבּען זיך צולאַכט.

— הײכט עס, האָט בּעני אָנגעהױבּען, דערפיהלענדיג זיך מיט אַמאָל בּעזונדערס לײכט אין דער געגענװאַרט פון דער, פאַר װעלכער ער האָט מיט אַ װײלע פריהער זיך געשראָקען און גע-שעמט,—הײסט עס, פרײלין, אַז מיר זענען מיט אײך שױן אַלטע בּעקאַנטע...

— נאָך װי אַלטע!—האָט מאַניע לוסטיג אונטערגעהאַפּט.— שױן צװעלף שעה, װי מיר זענען בּעקאַנט.

— און דער-צו נאָך שול-חברים.

אודאי.

— און דעריבּער... ערװאַג איך מיך צו בּעטען אײך, צי װעט איהר מיר ניט ערלױבּען... האָטשי װען ס'איז צו קומען אױף אײערע לעקצי'עס?

— אָ, אױב דער ה' פּראָפּעסאָר װעט ניט זײן דערגעגען...

— איך האָבּ גאָרנישט דערגעגען, — האָט דער פּראָפּעסאָר אַ זאָג געטהון און זײן גלאָז בּיער אַרײן.

— איז פאַרװאָס ניט? איך שרעק מיך נישט פאַר פּובּליקום: איך בּין שױן צו דעם געװעהנט. און דערצו בּין איך ניט קײן נדלנ'טע. איך װײס אַלײן, אַז איך זינג דערװײל זעהר שלעכט, אמת, ה' פּראָפּעסאָר?

— ניט זעהר, נור פּשוט שלעכט,—האָט בּעשטעטיגט דער פּראָפּעסאָר, װאָס האָט ליעבּ געהאַט אָנצורופען אַ זאַך מיט'ן ריכטי-גען נאָמען.

— איך האָף אָבּער, אַז מיט דער צײט װעל איך זינגען גוט.

— ניט גוט, נור זעהר גוט, — האָט דער פּראָפּעסאָר בּע-שטעטיגט.

— טאָ, װאָס זאָל איך מורא האָבּען פאַר אַ זײטיגען מענשען

אויף מיינע לעקציעס, אויב ער האָט חשק אויסצושטעהן די פיינ־ליכע איבונגען?

בעני האָט בעדאַנקט מאַניען פאַר די ערלויבניס.

— פאַר וואָס דאַנקט איהר? — האָט זי געפרעגט. - איהר וועט דאָך פון אייער זייט אויך ערלויבען מיר ווען ס'איז צו הערן אייער שפּיעלען?

— אָ, מיט'ן גרעסטען פערגניגען.

— הייסט עס, זענען מיר קוויט.

זי איז געזעסען נאָך עטליכע מינוט, דערנאָך איז זי אויפגע־שפּרונגען, האָט דערלאַנגט איין האַנד דעם פּראָפעסאָר און די צווייטע בענין און האָט זיך צוזעגענט מיט'ן לעצטען אויך, ווי מיט אַנ'אַלטען בעקאַנטען. דעם יונגען פיעדעל־שפּיעלער האָט זיך אויך געדוכט, אז ער איז שוין יאָהרען־לאַנג בעקאַנט מיט דעם וואויל מיידעל, וועלכע ער האָט היינט אין דער־פריה געזעהן דאָס ערשטע מאָל. אַזוי פשוט, אונגעקינסטעלט עפּיס האָט זי זיך געהאַלטען מיט מענשען.

— און פאַר אייך, ה' פּראָפעסאָר, אַריינשיקען אייער צווייטען פלאַש און אַ ציבעס? האָט זי געפרעגט ביים אַוועקגעהן, פערוואַנד־לענדיג זיך פּלוצלונג אין אַ בופעט־מיידעל, וואָס דאַרף קענען די געוועהנהייטען און געשמאַק פון די שטענדיגע געסט.

— נו.

— און וועלכע טאַבאַק ווילט איהר, אַמעריקאַנער צו פער־קישען?

— היינט וואָלט איך חשק געהאַט אַ טערק צו זיין, — האָט זיך דער פּראָפעסאָר געוויצעלט און האָט צוגעוואונקען מיט אַ מיין.

דאָס מיידעל האָט פערשטאַנען דעם ניט־בעשיידענעם וואונק, האָט שטיפעריש אַ שמייכעל געטהון, זיך אָנגעבייזערט מיט אַ פינ־גערל, —ווי געזאָגט. „אַך, דו אַלטער בעל־עבירה'ניק!“ און איז פערשוואונדען אַהינטער דער פּאָרטיערע פון קאַבינעט.

XII.

די אימפּראָוויזאַציע פון דעם אַרטיסט און דער עקספּראָמט פון דער אַרטיסטין.

ווען מאַניע איז אַוועק, איז בעני'ן מיט אַ מאָל געוואָרען זעהר טרויעריג און ס'האָט איהם עפּיס באַנג געטהון, פּונקט ווי ער וואָלט אָקאָרש ערשטעט אָנגעוואָהרען זעהר אַ שאַצבאַרע זאַך, צו וועלכער ער האָט זיך פון לאַנג אָן שוין צוגעוועהנט און קאָן ניט אייסקומען אָהן דעם. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, דערפיהלענדיג, אַז דאָס מיידעל האָט ביי איהר אַוועקגעהן מיטגענומען די גרעסערע העלפט פון זיין וועזען. האָב איך זיך דען פערליעבט?— האָט ווי אַ בליץ אַ שיין געטהון ביי איהם אין קאָפּ,—און ער איז בלאַס געוואָרען.

— נו, וואָס, בענציע,—האָט דער פּראָפעסאָר זיך געווענדט צו איהם.

— גאָרנישט,—האָט ער אַרויסגעזאָגט שטיל, ניט ערוואַגענדיג זיך די אויגען אויפצוהויבען, אום ניט צו ענטדעקען זיין געהיימניס, וועלכע, ווי ער האָט געמיינט, קאָן מען לייכט איבערלייענען אין זיינע אויגען. אין דעם „גאָרנישט", וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען אויסערליך גאַנץ גלייכגילטיג, איז פערבאָרגען געווען זעהר פיעל, כמעט „אַלץ": בעני איז געווען, ווי מ'זאָגט, שוין אינגאַנצען „פערטיג". ער האָט עס געפיהלט, ער האָט עס אַנערקענט, אַז אין די צוואַנציג מינוט איז אַרויסגעקומען עטוואָס אַזוינס, וואָס קאָן האָבען אַ גרויסען, ענטשליסענדען איינפלוס אויף זיין גורל, און אפשר אויף זיין גאַנצען לעבען!... און צי דען איז אַ סך נויטיג פאַר אַזאַ קינדיש-אונשולדיגען, פיהלבאַר'ען און עמפּפינדליכען יונגען מאַן, ווי בעני, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט געליעבט, וואָס האָט, ניט קוקענדיג אויף דער פּראָזע אין דער-היים, געלעבט ביז אַהער האַלב פערטרוימט אין אַ וועלט פון קלאַנגען, האַרמאָניע, פּאָעזיע און פאַנטאַסטישע חלומות? איין פּאָר פרויען-אויגען—און דאָס גורל פון אַזעלכע אונפּראַקטישע יונגע טרוימער איז ענטשלאָסען. היינט ווער רעדט נאָך וועגען אַזעלכע אויגען אין אַזאַ פיינער איינפאַסונג, ווי ביי דער צויבערין מאַניע!

— ס'אַ אַ איינפאַכקייט! ס'אַ אַ נאַטירליכקייט! — האָט ער

געטראַכט אויפ׳ן קול, דערמאָנענדיג אַלץ, וואָס איז אָקאָרשט ערשט פאָרגעקומען אין צימער. אין זיינע אויערען האָבען נאָך געפּלאַטערט די צאַרטע קלאַנגען פון איהר שטים, וואָס האָט דובט זיך געגלעט, בערוהיגט, פערוויגט דעם געהאָרך, שטיל און פאָרזיכטיג אַריינגלישענדיג זיך אין האַרצען און ערוואַרעמט עס מיט אַזאַ ווייכער פריהלינגס־וואַרעמקייט.—אַלע מאָל איז זי אַזאַ?—האָט ער מיט דער פראַגע דירעקט זיך געווענדט שוין צום פּראָפעסאָר.

—אַלע מאָל און מיט אַלעמען,—האָט דער לעצטער געענטפערט, פעררויכערענדיג די גרויסע לולקע מיט אַראָמאַטישען טערקישען טאַבאַק, וואָס מאַניע האָט איהם אַריינגעשיקט.—איינער פון מיינע בעקאַנטע ... פו, פו, פו... איינער מיינער א בעקאַנטער רופט זי טאַקי פשוט: יונגער מאַן! „גוטען מאָרגען, יונגער־מאַן! ווי געהט עס, ברודער?״ וואָרום דאָ, זאָגט ער, איז ניטאָ קיין שום קרימעניש, קאָקעטעריי און הועיות, נור פשוט—אַ יונגער מענש, און ס׳סוף. מ׳קאָן מיט איהר ערנסט שמועסען—אָ—האָ, ווי ערנסט! וואָס פערשטעהט זי דיר ניט? זי איז שוין אַ דורכגעטריבענער מענש,—מיט אַ פרעהליכען ווערטיל, אויף אַלץ אַ מזיק. דעריבער געהט מען עס אין „פּאַריזער בופעט״, ווי צו אַ גוטען פריינד אויף אַן׳אָווענד, ס׳איז פרעהליך און היימליך. אַזאַ בופעט־מיידעל אין פּאַריז וואָלט מיליאָנען אָנגעזאַמטלט.

די לעצטע ווערטער האָבען עטוואָס דערווידערט דעם יונגען מאַן און ער האָט זיך אַ קנייטש געטהון, וואָרום אין זיינע אויגען איז מאַניע שוין געוואָרען אוים בופעט־מיידעל, נור עפּיס אַ העכערע, אידעאַלע וועזען—אַן׳אַרטיסטין, מיט אַלע רעכט דערויף, ווי ער האָט געמיינט. ער האָט נאָך אַפילו ניט געהערט איהר זינגען, נור לויט דעם טעמבר און די האַרציגקייט פון איהר שטים אין אַ געוועהנליכען געשפּרעך, האָט ער אַלס מוזיקער, בעשלאָסען שוין, אַז מיט דער צייט קאָן זי ווערען אַ היבשע אָפּערא־זינגערין, און אפשר נאָך אַ בעריהמטע זינגערין. ער האָט זיך איצט גראָד דערמאָנט אַ פאַקט, וואָס האָט דאָ ניט לאַנג פּאַסירט מיט אַן׳אָרים־מיידעל, אַ בעדיענערין אין אַ וואַרשויער האָטעל. וואָס איינער אַ דורכרייזענדער גאַסט האָט צופעליג דערהערט איהרם אַ געזאַנג, האָט ער זי אָבגעפיהרט קיין פּאַריז. האָט זי געלאָזט שטודירען,—און איצט

מאַכט זי אַ פוראָר איוף די גרעסטע לירישע סצענעס אין פרייסטן און עסטרייך. ביי איהם אין אַלבאָם זענען דאָ פאָטאָגראַפישע בילדער פון דער דאָזיגער פריהעריגער דאָטעל-בעדיענעדין און איצט אַ פרימאַדאָנע אין די ערשטע אָפּעראַ-ראָלען. פאַרוואָס זשע זאָל אומעגליך זיין, אַז דאָס בופעט-מיידעל זאָל ווערען אַן׳ארטיסטין. און ווידער אויך, ווען אין דעם זאָל זיין עפּוואָס אַ צווייפעל, וואָלט דער „פּראָפעסאָר״ איהר נימז אָבגעבען זיין צייט, וואָרום דאָס לערנען מוזיק איז ביי איהם גאָר נים קיין פּראָפעסיע, ער טהוט עס נור אויס ליעבע צו דער קונסט, ער בעארבייט טאַלענטען, ווי ער אליין דריקט זיך אויס, און ער נעהמט נים דערפאַר קיין לוין.

ווייטער, פון דער קורצער אָבשילדערונג פון׳ם פּראָפעסאָר מאַניעס חאַראַקטער האָט ער פערשטאַנען, פאַרוואָס האָט ער אין איהר געגענוואַרט פון דער ערשטער ווייל׳ע פון דער קענטשאַפט זיך געפיהלט אַזוי לייכט און פריי, וואָס איהם, פון דער נאַטור אַ שרעקעדיגער און אַ שעמעוודיגער, פלעגט עס ניט געלינגען אין דער געגענוואַרט פון אַנדערע פרויען, ווען אפילו בעקאַנטע שוין פון לאַנג אָן. ער האָט כמעט אינגאַנצען זיך בערוהיגט וועגען דעם נייעם געפיהל, וואָס ער האָט מיט אַ ווייל׳ע צוריק דערשפירט אין זיך. „אַזאַ יונגען מענשען ליעב צו האָבען — האָט ער איצט געטראַכט — איז ניט קיין עבירה און ניט קיין געפאהר: ער וועט מיך ניט אומברענגען, מיט איהם קאָן מען זיין אָפענהערציג בנוגע די בעציהונגען צווישען אנאַנד. יאָ, איך פאָדער ניט קיין שום בעזונדערע בעציהונג: איך פערלאַנג נור זיין פריינדליכקייט, כוויל איהם זיין אַ פריינד. אַ חבר—און ניט מעהר. ער וועט מיר געוויס ניט ענטזאַגען אין דעם, וויל, ווי ס׳איז קענטיג פון פּראָפעסאָרס רייד, ענטזאַגט ער קיינעם ניט אין דעם. אָה, ווי אָנגענעהם ס׳איז ביים דיענען דער קונסט צו האָבען אַזאַ קלוגען און סימפּאַטישען פריינד! אַ גן-עדן!

בעני האָט אָנגעהויבען צו בעזוכען מאַניעס לעקציעס, צו איין מאָל אין וואָך, אום ניט צו ערוועקען קיין חשד און קיינע מחשבות ניט ביי איהר און ניט ביי איהם, ביים פּראָפעסאָר. אָ, די ליעבע איז רמאות׳דיג, פאָרזיכטיג, דיפּלאָמאַטיש. און חאָטשי די גאַנצע זענען אפילו פאַר אַ מוזיקער ניט אינטערעסאַנט, פונדעסטוועגען פלעגט ער עס צוהערן ווי אַ גלענצענדע מוזיקאַל׳ע פאַרטיע, וואָרום איהם איז אַמהעכסטען אינטערעסאַנט געווען די עצם שטים, מאַניעס

שטים, אַמאָל אַזאַ ווייכע גלעטענדע, און אַמאָל אַ קלינגענדע, ווי גלעקעלעך. ער האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פערליעבט אין דער שטים און אין דאָס מיידעל, ניט בעמערקענדיג און ניט וועלענדיג מודה צו זיין זיך זעלבסט אין דעם; ער האָט פרעטענדירט נאָר אויף „פריינדשאַפט“.

— ערלויבט מיר אַ אונבעשיידענע פראַגע,—האָט בעני אַמאָל געזאָגט צו זיין „חבר“, ווען זיי זענען ביידע אַהיים געגאַנגען פון דער לעקציע,—וואָס איז דאָס אייך פלוצלונג איינגעפאַלען צו לערנען זיך מוזיק?

— נאָר ניט פלוצלונג,—האָט מאַניע געענטפערט,—איך האָב אַלע מאָל ליעב געהאַט מוזיק. מ׳קאָן זאָגען, אַז איך בין געבאָרען געוואָרען און דערוואַקסען מיט די קלאַנגען פון מוזיק, אמת נור פון אַ שאַרמאַנקע, אָבער ווען ס׳איז ניטאָ קיין בעסערס, איז אַ שאַרמאַנקע אויך מוזיק. איך האָב פיעל מאָל געזעהן, ווי מענשען האָבען געוויינט פון די טרויעריגע קלאַנגען פון דער שאַרמאַנקע, הייסט עס, אַז ס׳איז אויך אימשטאַנד צו וועקען די געפיהלען, ביי וועמען זיי זענען דאָ. דערנאָך אַ איך האָב זיך געלערנט אין אַ שול אין פריימען, פלעג איך מיט מיינע חבר׳טעס זונטאָג געהן אין קירכע. פון אַ דריטען, אַ פירטען מאָל פלעג איך שוין פערגעדענקען אַ מעלאָדיע. שפּעטער בין איך עטליכע יאָהר געווען, ווי די דייטשען רופען עס, אַ „נאַטור-זינגערין“, כ׳פלעג פון געהאָרך זינגען ליעדער, אַריעס און זאָגאַר גרויסע שטיקער פון אָפּערעס. איך האָב ניט געוואָלט אָבשטעלען זיך דערויף, איך האָב געוואָלט ערנסט שטודירען מוזיק, נור די אומשטענדען האָבען געשטערט. איצט, אַז זיי שטערען ניט, פיהר איך אויס מיין אַלטען פּלאַן, וואָס איז ביי מיר געווען, בעת איך בין נאָך נעגאַנגען מיט מיין פאָטער׳ס שאַרמאַנקע. וואָס זעגט איהר פלוצלונג רויט געוואָרען?—האָט זי געפרעגט, בעמערקענדיג, ווי דער יונגער מאַן האָט זיך שנעל פערענדערט אויפ׳ן פנים.

— גאָר.., נישט, אַזוי,—האָט זיך בעני פערשעמט און האָט ניט געוואַגט צו קיקען זיין חבר גלייך אין פנים. נור די קלוגע מאַניע האָט זיך אָנגעשטויסען די סיבה דערפון, וואָס דער יונגער „אַריסטאָקראַט“ האָט זיך פערשעמט.

— איך שעם זיך ניט פאר מיין פערגאנגענהייט,—האט זי צוגעגעבען מיט זיער פריהעריגער רוהיגקייט, נור מיט א מעלאנכאָ-לישען שמייכעל אויף איהרע דינע ליפען – איך בעהאלט קיין מאָל ניט פון מיינע פריינד, אז איך בין אמאָל געווען א שארמאנקע-שפּיע-לערין. וואס האָבען מיר געזאָלט טהון, ווען ביי אונז איז קיין אנ-דער מיטעל ניט געווען צום לעבען. מיר זענען דעמאָלט זעהר אָרעם געווען, אינגאנצען צורואינירט. איך רעכען אָבער, אז ווען גאָט וועט העלפען, איך וועל ערגרייכען מיין ציעל, וועט קיינער מיר ניט אויפוואַרפען, וואָס איך בין אמאָל געווען א גאסען-זינגערין. לאָזט מיר נור פערענדיגען שטודירען, „איינצושטעלען די שטים ריכטיג״, ווי דער פּראָפעסאָר זאָגט,—וועט איהר זעהן, ווי לייכט און שנעל ביי מיר וועט אלץ אוועק. אויסצעלערנען א פּיעסע איז מיר ניט שווער און דויערט ניט לאַנג. איך האָב שוין פּרובירט, נור דער פּראָפעסאָר האט אויף מיר געשריען און ערלויבט נים: „וועסט נאך ... האָבען״, זאָגט ער. מ׳דאַרף איהם פאָלגען, ער איז דאָך מיר א פּראָפעסאָר. אָבער זינגען קאָן איך, איך שווער, אז איך קען! די גאַנצע וועלט וועט זאָגען, אז איך קען! איהר וועט זעהן!

די לעצטע ווערטער האָט זי ארויסגעזאָגט מיט אזא זיכער-הייט, מיט אזא טיעפער אינערליכער איבערצייגונג, אז דער גרעסטער סקעפּטיקער וואָלט איהר וואָרט געגלויבט, ניט וויסענדיג אז ער האָט דאָ צו טהון מיט א בערעכענטען, מיושבדיג, ניט קיין היציג מיידעל, ניט קיין בעריהמערין, נור אזא, וואָס זאָגט אָפען, וואָס זי וויים און פיהלט. בעני האָט געוואָלט זיך קניהען פאַר איהר און מחילה בעטען, נור זיי זענען געווען אויף דער גאַס, וואו אזא פייערליכע חרטה איז אונמעגליך געווען. נור ביים נעזע-גענען זיך מיט איהר האָט ער דאָך איהר האַנד געדריקט פעסטער, ווי געוועהנליך און האָט אויף איהר א קוק געגעבען מיט אזא גע-בעט, און זי האָט צו איהם א שמייכעל געטהון מיט איהר ליכטיגע-גוטען שמייכעל.

ס׳זענען אריבער עטליכע מאָנאַטען. מאַניע האָט גרויס פאָר-שריט געמאַכט אין דער קונסט, וואָס זי האָט שטודירט, נור בעני האָט נאָך וויטערע פאָרשריט געמאַכט אין זיין ערשטען געפיהל,

וואָס איז מיט יעדעם טאָג געוואַקסען. ער האָט נאָך אָבער אַלץ טיעף אין האַרצען פערבאָרגען דאָס געפיהל, ווייל די איינפאַכע בעציהונג פון דעם געליעבטען מיידעל האָט איהם קנאַפּע האָפנונג געגעבען אויף ליעבע אויך פון איהר זייט. ער האָט שוין ניט געצווייפעלט, אַז זי פיהלט זיך צו איהם, ווי אַ פריינד, אָבער פריינד־שאַפט האָט איהם שוין ניט בעפריידיגט. ער האָט געפאָדערט, ער איז גענוטיגט געווען אין עפּיס מעהר אין שטאַרקערס. און דאָס לעצטע האָט ער אויף מאַניעס לויטערן און פריינדליכען פּנים ניט בעמערקט. דאָס האָט איהם בעאוגרוהיגט, געמאַכט פערזאָרגט און אומגליקליך. ער האָט ניט געוואָגט אָפען צו ערקלעהרען זיך מיט איהר, ער האָט זיך געשראָקען, אַז זי זאָל איהם גלייך ניט זאָגען, דאָס זי ליעבט איהם ניט, קאָן איהם ניט ליעבען און וועט איהם קיין מאָל ניט ליעב בעקומען. בעסער איז שוין די אונערפאַהרענ־קייט, די טרוימען, ווי צו וויסען דעם בלויזען אמת, וואָס איז זעהר ביטער.

איין מאָל, ווען בעני איז געקומ׳ן צום פּראָפּעסאָר אין דער צייט פון מאַניעס לעקציע, האָט ער זי אַליין געטראָפען אין זאַל, דער פּראָפעסאָר איז ניט געווען אין דער־היים, ער איז אַוועק צו אַ קראַנקער אַלטיטשטקע, וואָס האָט זיך ביי איהם געהיילט דורך האָמעאָפּאַטיע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל פאַר די גאַנצע צייט פון זייערע קענטשאַפט, אַז זיי זאָלען זיך געפינען איינע אַליין.

— זעהר גוט, — האָט מאַניע בעמערקט, אָבלעגענדיג די נאָ־טען אָן אַ זייט און האָט זיך רעכט אַוועקגעזעצט אויפ׳ן דיוואַן. — איצט וועל איך האָבען די געלעגענהייט צו הערן אייער שפּיעלען, איך האָב זיך דאָך נאָך איין מאָל ניט בענוצט מיט מיין רעכט צו בעזוכען אייערע לעקציעס: ס׳איז אַלץ קיין צייט ניט געווען. איצט אָבער בעשטעהע איך דערויף, כ׳וועל אָבנעהמען פאַר די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב זיך ניט בענוצט מיט מיין רעכט. כל־זמן דער פּראָפעסאָר וועט ניט קומען, וועט איהר שפּיעלען, שפּיעלען און שפּיעלען, איהר הערט?

בעני איז געווען צופריעדען און ניט צופריעדען. צופריעדען איז ער געווען צו טהון, וואָס זי בענעהרט, און ניט צופריעדע־

איז ער געווען, ווייל דאָס שפּיעלען נעהמט אַוועק פון איהם די מעגליכקייט צו ערקלעהרען זיך מיט איהר איצט ביי אַזאַ גינסטיגען צופאַל, וואָס גאָט ווייסט, ווען דאָס קאָן ווידער אַמאָל געשעהן. ווידער אויך האָט ער אין די ווערטער „שפּיעלען, שפּיעלען און שפּיעלען" געפיהלט אַ אָנצוהערענים, אַז ריידען וויל זי ניט, ווייל ס'איז ניטאָ פון וואָס צו ריידען. דאָס האָט נאָך מעהר זיין מוטה דערשלאָגען. נור, פערפאַלען, מ'דאַרף פאָלגען. ער האָט גענומען זיין פיעדעל, איז צוגעגאַנגען צו דער טאַזשערקע מיט די נאָטען. האָט דאָרט געזוכט, נור ער האָט גאָר נישט גענומען, ר'האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פּיופּיטר, וואו ס'איז געלעגען אַ בלעטיל נאָטען, וואוהין ער האָט זאָגאַר ניט אַריינגעקוקט. האָט אָנגעשטעלט דאָס פיעדעל און האָט אַוואָרף געגעבען עפּיס אַ ערנסטען, טרויעריגען, פערצווייפעלטען בליק אויף דאָס מיידעל, וואָס איז געגענאיבער געזעסען און האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען.

שטיל, שרעקעדיג און לאַנגזאַם איז דאָס שפּיעלען געווען פון אָנפאַנג, ווי עפּיס „אָנגעפיהרטע שטריכען" נור פון אונבעשטימ־טעס. די שטריכען זענען געווען ריכטיגע, גלייכע, אָבער בלאַסע, קוים מערקבאַרע, ווי מיט אַ טעמפּען בלייפעדער דורכגעפיהרט. ביסלעכווייז זענען די שטריכען העלער געוואָרען אויפ'ן ווייסען פאָן און ס'איז קענטיג געוואָרען דער „פּלאַן פון דעם קינפטיגען בנין, אָבער ס'איז נאָך ניט בעוואוסט געווען, וואָס פאַר אַ גרויס און וואָס פאַר אַ סטיל, נאָך אַ ווייל׳ע—און די שטריכען האָבען זיך בעדעקט מיט אַ דינער פאַרב, אַמאָל הימעל־בלאָה, און אַמאָל בלאַס־ראָזעווע קאָליער. ס'האָט זיך שוין דערפיהלט דער קאָלאָריט פון דעם בנין אין די אלגעמיינע שטריכען.

מאַניע איז אונבעוועגט געזעסען, די הענד צונויפגעלעגט אויפ'ן ברוסט און האָט אָנגעשטרענגט נאָכגעקוקט די קלענסטע בעוועגונגען פון דעם מוזיקאַלען געדאַנק, וואָס איז איהר נאָך ניט אינגאַנצען פערשטענדליך געווען, נור ביסלעכווייז איז עס אַלץ קלאָרער געוואָרען און די קאָנטורען זענען אַלץ בעשטימטער געוואָרען.

פּעסט, ענטשלאָסען און ענערגיש האָט צוויי־דריי מאָל אַ קלאַפּ געגעבען דער סמיטשעק איבער די סטרונעס—און ווי דורך אַ צויבער, האָט פון דער ערד, פון אַ פעסטען פונדאַמענט זיך גענומען דער־

הויבען און שנעל וואַקסען אַמאָל עטוואָס גראַנדיעזעס, פּראַכטפולעס אַ העלעס, ווי אַ גרויסער פלאַקער און אַ שטורמדיגעס, ווי אַ שטורם אין סטעפּ, ווי אַ ים־פּאַליע, וואָס רייסט זיך אומצעוואַרפען, פערניכטען, פערפלייצען, פערשלינגען, אַ וואָרף געבען אין דער גרעסטער הויך, אָדער לאָזען זיך פערזינקען אין אַ תהום, אַ בייזע, ווי אַ צורייצטע חיה, גרויזאַם, ווי דונער און בליצען,—און אַמאָל עטוואָס שפלעס, הילפלאָזע, וואָס בעהאַלט זיך, קריכט אום אין שטויב, שפּרייט אוים הענד און בעט, וויינט, קלאָגט וועגען רחמנות און מחילה. די שאַרפע איבערגאַנגען זענען געווען אַזוי שנעל, אומערוואַרטעט, פלוצלונג, אַז דער געדאַנק און געפיהל האָבען עס קוים געקאָנט נאָכיאָגען, סיידען מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג און ביי אַ גאַנץ ענטוויקעלטען מוזיקאַלען געהאָרך.

דער אַרטיסט איז געווען ווייס, ווי לייוואַנד, זיין פּנים איז געווען צוקרימט, האָט אויסגעדריקט טיעפע ליידען, ווי פון אַ ברענענדען פיזישען וועהטאָג, פון זיין הויכען שטערן האָט שוויים געגאָסען, זיינע לאַנגע האָר האָבען זיך צושאָטען און צעשויבערט, אָפטמאָל בעדעקענדיג אינגאַנצען זיין פּנים. ער האָט קיינמאָל ניט געשפּיעלט מיט אַזאַ געפיהל, מיט אַזאַ היץ, ער איז אויסער זיך געווען און האָט דוכט זיך ניט געוואוסט, וואו ער איז און וואָס עס טהוט זיך מיט איהם. טראָטץ דעם פּראָפעסאָר׳ס פּרינציפּ, האָט דער אינסטרומענט איהם אינגאַנצען בעהערשט און האָט איהם פערפיהרט אין אַ׳עלכע אומבעקאַנטע מרחקים, וואו ער האָט אומבעוואוסטזיניג זיך אומגעדרעהט, געשטויסען און געוואָרפען פון אַ אומבעקאַנטער מעכטיגער קראַפט. נור די גרעסטע ליידענשאַפט קאָן אַזוי פערוואַנדלען אַ מענשען אין קונסט און קונסט אין אַ מענשען,—און אונזער אַרטיסט האָט פון אַזאַ ליידענשאַפט געוואוסט. מאַניע, וואָס האָט נור געהערט און געזעהן, האָט זיך ניט בעוועגט, ניט געפלאַטערט. זי איז אויך בלאַס געווען, ווי לייוואַנד, יעדע ווילע פלעגט איהר דער אָטעם פערכאַפּען און אויף די אויגען פלעגען זיך טרעהרען בעווייזען, וועלכע זי האָט ניט אָבגעווישט, כדי ניט דורכצולאָזען די קלענסטע נאָטע אין דער צויבער־שפּיעלען, וואָס האָט אַמאָל ווי אייז קאַלט געמאַכט, און אַמאָל געמאַכט זידען דאָס גאַנצע בלוט אין די אָדערען. די אַרטיסטין אַליין האָט מיט די נערווען איבערגעלעבט די האַרציגע דראַמאַ, וואָס האָט זיך אויסגע־

שפּיעלט אויף די סטרונעס פון דעם אויסדריקליכסטען מוזיק-אינסטרו-מענט. נאָך אַ קלאַפּ מיט׳ן סמיטישעק—און די קווינטע האָט מיט אַ גע-רויש געפּלאַצט.

— אַך,—האָט מאַניע אויסגעשריען און האָט אַ ציטער געטהון, ווי ערוואַכט פון טיעפען שלאָף דורך אַ שווערן קאָשמאַר.

בעני האָט כמעט אַ שלײדער געטהון דאָס פיעדעל אויפ׳ן ראָיאַל און איז צוגעפאַלען אויף אַ נאָהנטען שטוהל. ער האָט שווער געאַטעמט, זיין פּנים, די האָאָר און די הענד זענען נאַס געווען, ווי ער וואָלט זיך ערשט טובל געווען. ער האָט אַרויסגענומען אַ נאָז-טיכעל און אָבגעווישט דאָס פּנים און די הענד. ס׳האָט געדויערט גוטע פינף מינוט ביז ער האָט זיך בערוהיגט, האָט אין אָרדנונג געבראַכט זיינע האָאָר און ער איז צו זיך געקומען. מאַניע איז אויפגעשטאַנען, איז צוגעגאַנגען צום פיעדעל-שפּיעלער, וואָס האָט אָבגערוהט, און נים רײדענדיג קיין איין וואָרט, האָט זי שטאַרק-שטאַרק איהם די האַנד געדריקט און האָט צו איהם געשמייכעלט מיט איהר בעצויבערנדען ליכטיגען שמייכעל, און איז שווייגענד צוריק אַוועק אויף איהר אָרט און האָט זיך פערטראַכט.

— וועגען וואָס האָט איהר זיך פערטראַכט, פרײלין?—האָט בעני געפרעגט, בעוואונדערנדיג איהר פייערליכעס שווייגען און דעם צו-ערנסטען אויסדרוק אויף איהר שטענדיג פרעהליכען און זאָרג-לאָזען פּנים.

זי האָט אַ ציטער געטהון, האָט אויף איהם אַ קוק געטהון און האָט זיך לייכט פערראָויטעלט.

— ה׳ בענואַ, אלע מאָל בעגייסטערט אייך אַזוי דאָס שפּיעלען?—האָט זי געפרעגט, ניט קוקענדיג איהם גלײך אין פּנים אַריין.

— ניט אַלע מאָל, נור צײטענווייז, און ווען איך צוהיץ מיך שפּיעל איך אָפט ביז אונמאַכט.

— האָט די קווינטע אַלזאָ בײצײטענס געפּלאַצט, און איך בין דערפון זעהר צופריעדען. יאָ, וואָס פאַר אַ פּיעסע איז עס געווען?

— איך ווייס אַליין ניט. אייגענטליך, איז עס ניט געווען קיין פּיעסע, נור אַ עקספּראָמט, אַ אימפּראָוויזאַציע, אַ ווילדע פאַנטאַזיע פון אַ פרייען קינסטלער, קורץ, איך ווייס אַליין ניט, וואָס איך האָב דאָרט אָנגעפּידעלט.

— און איך ווייס,—האָט מאַניע געזאָגט שטיל, געהיימניס־פול, שמייכלענדיג און שפּיעלענדיג...

— אייב איהר ווייסט, טאָ זאָגט זשע, וועל איך אויך וויסען.

מאַניע האָט אויפגעהערט צו שמייכלען און איז ווידער ערנסט געוואָרען. אַ ווײַלע איז זי געווען פערטראַכט, איהרע ברעמען זענען געווען אָנגערוקט, קענטיג, אַז זי האָט עפּיס בעטראַכט און מיט זיך אַליין געראַנגעלט זיך. דערנאָך איז זי שנעל אויפגעשפּרונגען פון דיוואַן, איז צוגעלאָפען צו בענין און, אַוועקלעגענדיג בײדע הענד איהם אויף די אַקסלען, האָט זי אָנגעפאַנגען פײערליך, לאַנגזאַם, אַזוי ווי אינטערשטרייכענדיג יעדעס וואָרט:

— הערט נור, הערר בענואַ! אָדער איך בין זיך שרעקליך טועה—און דאַן האָט איהר דאָס רעכט צו לאַכען פון מיר, וויפיעל איהר גלוסט,—אָדער דאָס, וואָס איהר האָט ערשט געשפּיעלט, איז ניט געווען, ווי איהר זאָגט. אַ אימפּראָוויזאַציע, אַ עקספּראָמט, אַ פאַנטאַזיע, נור...

— נור וואָס?

— אַ ודוי!

— אַ ודוי?—האָט דער יונגער מאַן אויסגעשריען און איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און איז שטאַרק רויט געוואָרען.

— אַ ודוי פון ליעבע! פון ליעבע! האָט דאָס מיידעל פעסט אַרויסגעזאָגט און האָט גלייך אין פּנים אָנגעקוקט דעם פערשעמטען יונגען מאַן. אָ, אין דעם פּרט איז זיך אַ פרויענצימער קיינמאָל ניט טועה! איך לייען אייער ליעבע ביי אייך אויפ'ן פּנים.

דער יונגער מאַן איז געשטאַנען, ווי אַיינגעגראָבען, מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און איינגענורעטע אויגען, ווי אַ גנב בעת מ'האַפּט איהם פאַר'ן האַנד. ער האָט געשוויגען און געוואַרט אויפ'ן פּסק.

— נור אַ ודוי פאַר אַ ודוי—האָט דאָס מיידעל צוגעגעבען מיט'ן זעלבען פייערליכען טאָן.—איך זאָג אייך גלייך און אָפען: איהר... טען אויך געליעבט, איהר זענט געליעבט פון דער מינוט אָן טאַ־

קי, ווען איהר זעלבסט האָט אָנגעהייבען צו ליעבען, ר. ה. פֿון אונזער ערשטער קענטשאַפֿט.

— איז עס דען מעגליך?—האָט דער יונגער מאַן אויסגע־שריען, אייסער זיך פֿאַר פֿרייד און האָט די הענד איסגעשטרעקט צום מיידעל, וואָס אידר פּנים איז קיינמאָל אזוי ערענסט ניט גע־זוען, ווי אין דער ווײלע.

— אָט איז דיר מיין האַנד—אייף לעבען און טויט,—האָט זי געזאָגט און העל צופלאַמט האָט זיך איהר מאַטע פּנים, וואָס איז נאָך אַלץ געווען ערנסט און פֿייערליך.

דער יונגער מאַן האָט זי ווילד אָנגעכאַפּט בײַ דער טאַליע, האָט איהר אַרומגענומען און היים און לאַנג איהר געקושט אין שטערן און אין די האָר. מאַניע האָט ניט דערווידערט.

די יונגע פּאָר איז אַזוי פֿערנומען געווען מיט׳ן ערשטען יום־טוב פֿון זייער ליעבע, אַז זיי האָבען ניט געהערט, ווי דער פּראָ־פֿעסאָר, וואָס איז צוריקגעקומען פֿון שטאָדט, איז אַריין אין זאַל.

— טע, טע, טע!—האָט ער אָנגעהויבען, שטעהענדיג אויפ׳ן שוועל און צופֿריעדען צוקוקענדיג דאָס בילד פֿון גליק, וואָס האָט בײַ איהם קענטיג חן געפֿונען און האָט איהם דערמאָנט זיינע איינע־נע אַמאָליגע נצחונות.—אָט מיט וואָס פֿאַר אַ מוזיק איהר בעשעפֿ־טיגט זיך? גוט, גוט. דאָס איז אַפּנים מעהר אינטערעסאַנט, ווי גאַמען, חע, חע, חע.

די יונגע פּאָר האָט זיך שרעקליך פֿערשעמט און איז זיך צו־לאָפֿען אין פֿערשיעדענע זייטען. בעני האָט זיך אינגאַנצען פֿער־לאָרען, ר׳ האָט זיך אַ וואָרף געגעבען אין אַ פֿאָטער־שטוהל אין אַ ווינקעל און האָט דאָס פּנים מיט די הענד פֿערשטעלט. נור מאַניע איז זעהר גיעך צו זיך געקומען און מיט איהר געוועהנלי־כער אָפֿענהערציגקייט איז זי צוגעגאַנגען צו בעני׳ן, האָט איהם פֿאַר אַ האַנד אָנגענומען און צוגעפֿיהרט צום פּראָפֿעסאָר, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויפ׳ן שוועל און האָט אַרויסגעזאָגט:

— מיר האָבען די עהרע צו רעקאָמענדירען זיך: חתן־כלה, די קינפֿטיגע פּאָר טערעסקאָ.

— דאָס פּאָרי־פּאָלק טערעסקאָ?—האָט דער פּראָפֿעסאָר גע־פֿרעגט ערשטוינט,—וואָס איז דאָס פֿאַר מין פֿויגעל?

— דאָס האָב איך שוין צוגעטראַכט אַ פּסעוודאָנים פֿאַר די

אַפּישען פון אונזערע דעביוטען,—האָט מאַניע ערקלעהרט.

— אַליזאָ, בעניסלאַוואַ, טראַכסטו ערנסט צו ווערען אַנ'אַרטיסט, און ניט קיין קאָמערסאַנט?

— וועגען קאָמערציע האָב איך קיינמאָל ניט נעטראַכט און וועל ניט טראַכטען,—האָט ער געענטפערט פעסט און ענטשלאָסען. איך וועל זיין אַנ'אַרטיסט! דאָס איז שוין פאָלשטענדיג בעשלאָסען, און אַנדערש וועט עס ניט זיין.

— איב אַזוי, האָב איך נאָר נישט געגען אייער ליעבע,— האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט, אַריינטרעטענדיג שוין אינגאַנצען אין זאַל אַריין.—אַזוי האָב איך מורא געהאַט, אַז מיין זינגערין זאָל חלילה ניט, אָנשטאָרט דער סצענע, אַריינפאַלען אַלס פּרימאַדאָנע אין אַ באַקאַליי-קראָם, וואָס ס'וואָלט זעהר פערדראָסיג געווע און אויך אונפּאַסענד.

— עס וואָלט אָבער זעהר פּאַסענד געוועז, ווען איהר, אונזער טייערער פּראָפעסאָר, זאָלט אונז אייער ברכה געבען,—האָט מאַניע געזאָגט צוגייפלעגענדיג די הענד תחנונים'דיג.

— מילא, מ'קאָן. לאָזט מיר נור עפּוואָס אָבּרוהען. איהר האָט זיך דאָ טאַקי אַרומגענומען און געקושט, און איך האָב אין דער צייט געראַטעוועט פון היסטעריק אַ נערוועזע אַלטיטשקע. דאָס איז אַביסעל מעהר טרחא, ווי האַלזען זיך און קושען זיך—ווי רעכענסטו ווענען דעם, דו „יוננער-מאַן" אין פרויען-קליידעל?

— איך ווייס שוין, ווי איך רעכען,—האָט דאָס מיידעל געזאָגט מיט אַ רמאות'דיג שמייכעל,—רוהט אייך אָב, זיידעניו. הערה בענוא, דערלאַנגט אַהער דעם פּאָטער-שטוהל. און איך וועל דערלאַנגען דאָס פוס-בינקעלע.

די יונגע פּאָר האָט אַוועקגעזעצט דעם אַלטען אין גרויס הרחבה און האָבען זיך ביי איהם איבערגענומען, ווי נעפּיסצעטען קינדער ביי אַ גוטער באָבען. דער אַלטער האָט געלויכטען פון דער ליעבשאַפט און צערטליכקייט.

— איצט, קינדער—צום ענין,—האָט ער געזאָגט אָברוהענדיג און זיך אויפהייבענדיג פון שטוהל.—בענציאַ, שטעל אַוועק דעם שטוהל אַנטקעגען היילינען בילד און ברענג אַהער די „באָבעשי" די באָבעשע פלעגט ער אָנרופען זיין וויאָלאָנטשעל, אויף וועלכער

ער האָט אין דער יוגענד קאָנצערטען געגעבען). און דו, מאַניע, נעהם די נאָטען Ave Maria.

— צו וואָס נאָטען?—האָט מאַניע געזאָגט,—איך געדענק עס אויסווענינג.

— מילא, ווי דו ווילסט.

— און איך זאָל נעהמען דאָס פיעדעל?—האָט בעני נעפּ-רעגט, אַריינבּרענגענדיג פון קאַבּינעט דעם וויאָלאָנטשעל.

— איך מיין, אַז ניט קיין קאָטשערע.

דער אַלטער האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט זיין וויאָלאָנטשעל און האָט מאַניען אָנגעוויזען צו שטעלען זיך—רעכטס, און בעני׳ן—לינקס, און לויט זיין סיגנאַל האָבען זיך אין זאָל צוטראָגען הילכיג און פייערליך די בנעימות׳דיגע קלאַנגען פון דעם גייסטליכען הימן. מאַניעס שטים האָט עטוואָס וויבּרירט פון אינערליכער צורודער-קייט, געמישט מיט עהרפורכט פאַר דאָס הייליגעם, געטליכעם, נור צוזאַמען מיט די שווימענדע שטריכען פון דעם פיעדעל און די גע-דיכטע קלאַנגען פון ווילאָנטשעל איז עס אויסגעקומען אַ האַרמאָ-נישער טריאָ, אַנ׳אַרטיסטישער, וואָס ערהויבט דאָס האַרץ און די נשמה, און בפרט, אַז דער אַלטער פלעגט אַריבּער פון אַקאָמפּאַני-מענט צו סאָלאָ און פלעגט די ווענד ערשיטערן מיט וויינענדע אַקאָרדען, וועלכע ער פלעגט אַרויסבּעקומען פון זיין בּעליעבּטען אינסטרומענט, אויף וועלכען ער האָט שטענדיג געשפּיעלט מיט יוגענד-התפּעלות,

דער נערוועזער, פיהלבּאַרער בעני איז אַזוי ערשיטערט גע-וואָרן פון די וויינענדע אַקאָרדען, אַז ווען דער קאָנצערט האָט זיך געענדיגט, האָט ער זיך אויף די קניה אַראָבגעלאָזט פאַר זיין לעה-רער, ר׳האָט דעם קאָפּ געבּויגען און שטיל געוויינט, מאַניע האָט איהם נאָכגעטהון. דער אַלטער האָט צוגעדריקט די קעפּ פון די יונגע לייט צו זיין שווער אָטעמענדען בּרוסט און איז, דוכט זיך, פערשטאָרבּען אין דער דאָזיגער פּאָזע. דערנאָך האָט ער שנעל אויפגעהויבּען דעם קאָפּ, האָט אין דער הויך דערהויבען זיינע פייכ-טע אויגען און האָט אַרויסגעזאָגט מיט אַ ציטערענדער און אויפגע-רעגטער שטים:

— וואנדאַ, וואנדאַ! מיר האָבּען גיט געקאָנט גליקליך זיין... זיי אַ גוטע בעטערין, זאָלען די קינדער גליקליך זיין... דאָס זענען

מיינע קינדער, פון דער געטליכער קונסט, וועלכער איך וועל דיענען ביז׳ן קבר...

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט די יונגע לייט אָנגעקושט אין שטערן און שווער סאָפּענדיג און זיך אָבבלאָזענדיג אונטער דעם איינדרוק פון עפּיס אַנ׳אַלטער, טרויעריגער ערינערונג, איז ער וואַקלענדיג, אַוועק אין זיין קאַבינעט און האָט די טהיר פערשלאָסען נאָך זיך.

די יונגע לייט זענען אַוועק.

XIII.

די „געענדיגטע“ און ווייטערע אויסזיכטען אויף „איינאָרדנונג“.

— מיינע הערען, איהר האָט געזעהן די לעצטע ביכער „רוסקי וועסטניק“?—האָט געפרעגט אַ יונגער־מאַן מיט בלאָנדע קורץ געשאָרענע האָאָר אויפ׳ן קאָפּ און אַזעלכע באַקענבאַרדען אויך, וואָס האָבען אַרומגעקרייזט זיין אויסדריקליכע, אינטעליגענטע און גאַנץ אָנגענעהמעם פּנים, מיט קוים מערקבאַרע זומער־שפּרענקלעך. דאָרט דרוקט זיך איצט אַ פּראַכטפולער ראָמאַן „אַנאַ קאַרענינאַ“ פון גראַף טאָלסטאָי.

— פון אייער מיניסטר?—האָט אַ צווייטער געפרעגט, אַ ברונעט מיט פּרעטענזיעז פערדרעהטע וואָנצעס, מיט אַ ענגלישען טייל אויפ׳ן קאָפּ און אין אַלגעמיין געקליידט ווי אַ פראַנט.

— וואָסער אונזער מיניסטר!—האָט אָבגעענטפערט דער באַקענבאַרדען־מענש, אַ פּראָפעסיאָנעלער לעהרער, מיט אַ אונגעדולדיגע און פעראַכטענדע מינע. אונזער מיניסטר שרייבט ניט קיין ראָמאַנען, ער האָט אָנגעשריבען אַ היסטאָרישע ערפאָרשונג. ער איז אַ געלעהרטער, אָבער ניט קיין בעלעטריסט.

— אָ, דאָס איז דער גראַף טאָלסטאָי, וואָס שרייבט לידער? האָט געוואָלט טרעפען אַ דריטער יונגער מענש מיט אַ ברייטען שטערן און אַ שמאָלען קין, וואָס האָט זיך נאָך שמעלער, אָבגעדוכט איבער דעם געלבליכען בערדיל, ווי ביי אַ באָק.

דעם באַקענבאַרדען־מאַן האָט עס אַ צופּ געטהון, ער האָט

א ציה געגעבען מיט די אקסלען און האָט זיך נאָך מיט מעהר פערשאבטונג צוקרימט, ווי איינער זאָגט: „געה רייד מיט אזעלכע עמי הארצים״.

— ליעדער,—האָט ער ארויסגערעדט לאנגזאם און מעשה לעהרער—שרייבט גראף א. ק. טאָלסטאָי, און ראָמאַנען—גראף ל. נ. טאָלסטאָי, דער אויטאָר פון „מלחמה און שלום״. נור אַ קשיה אויף א מעשה, אפשר ווייסט איהר אויך ניט פון אָ־דעם ראָמאַן, וואָס איז אויף דער גאַנצער וועלט פערשפרייט?

— נו, דאָ איז שוין צופיעל,—האָט דער ברונעט ארויסגעזאָגט, האָט א טרייסעל געטהון זיין קאָפּ מיט׳ן ענגלישען טייל און א דרעה געגעבען זיין רעכטע וואָנץ. אין דעם ראָמאַן בין איך פערשכורט געווען, ווען איך בין נאָך א גימנאזיסט געווען. איצט אבער, דעם אמת זאָגענדיג, גיב איך ניט אכטונג אזוי אויף ליטעראטור.

— אומזיסט, אומזיסט—האָט דער בלאָנדין גע׳טענה׳ט,— א גוטער דאָקטאָר דארף ניט פרעמד זיין פון ליטעראטור, פון דער שענער ליטעראטור, פערשטעהט זיך.

— צו וואָס דאַרף אַ דאָקטאָר די שענע ליטעראטור? ער בעדארף אַנאַטאָמיע, פיזיאָלאָגיע...

— און פסיחאָלאָגיע,—האָט דער בלאָנדין אונטערגעזאָגט.

— פסיחיאטריע, ווילט איהר זאָגען?

— ניין, ניט פסיחיאטריע, נור דוקא פסיחאָלאָגיע, האָט דער בלאָנדין גע׳טענה׳ט. איך האָב מיך ניט אויסגערעדט גלאט אזוי. פסיחיאטריע איז—אַ לעהרע וועגען דער נשמה אין איהר פאַטאָלאָגישען צושטאַנד, אַ לעהרע פאָרלויפיג פון השערות, ווי מיר דוכט זיך, אָדער אליענפאַלס, אַ אויסנאַהמע, מיט וועלכער ס׳דאַרפען זיך בעשעפטיגען נור ספעציאַליסטען. אָבער פאַר יעדעם דאָקטאָר, פון יעדעם ספעציאַליטעט, איז פיעל וויכטיגער צו קענען פסיחאָלאָגיע ד, ה. די לעהרע וועגען די איינענשאפטען פון דעם מענשענס נשמה אין איהר נאָרמאַלען צושטאַנד, ווייל מיט אזא נשמה האָט ער צו טהון יעדע שעה, יעדע וויילע. און די שענע ליטעראטור, בעלעטריסטיק איז—א פראַקטישע שול פון פסיחאָלאָגיע, וואו ס׳איז לייכט צו שטודירען כאַראַקטערען, בעוועגונגען, דעם צושטאַנד און גענענזייטיגע בעציהונגען פון מענשען, פאַר וועלכע א דאָקטאָר איז פריהער פון אלץ און דערהויפט אַ גוטער ראַטה־

געבער Konsuliarzem, ווי די פּאָליאַקען דריקען עס אויס זעהר־ריכטיג, און ניט אַ דאָקטאָר, אַ רופא אין דעם פּשוטס'טען און גע־גרייזטען זין פונ'ם וואָרט: אַ מענש אַמענשען קאָן ניט היילען, ס'היילט נור די נאַטור, די צייט. נור אום צו זיין אַ גוטער ראַטה־געבער, דאַרף מען זיין אַ קלוגער, ערפאַהרענער און געבילדעטער מאַן, וואָס פערשטעהט דאָס לעבען, די וועלט און מענשען. ווען ניט, איז דער דאָקטאָר, בײ אַלע זײנע ספּעציעלע קענטניס—זעהר אַ שלעכטער בעל־מלאכה, וואָס ס'איז גאָר שווער זיך פאָרצושטע־לען, ווי שעדליך ער איז.

— אַזוי גאָר!—האָט דער ברונעט אויסגעשריען מיט אַ שמײ־כעל און האָט אַ קנאַק געטהון מיט די פינגער.—און דו, יוריסט, בינסט געניוויטיגט אין שענער ליטעראַטור?—האָט ער זיך געווענדט צו דעם מענשען מיט'ן בערדיל, ווי בײ אַ באָק, און האָט איהם מחותּנת'דיג אַ פּאַטש געגעבען איבער'ן פּלייצע.

דאָס בערדיל, וואָס האָט די גאַנצע צייט געבלעטערט אַ גרויסען אַלבאָם און האָט זיך, קענטיג, זעהר ווייניג אינטערעסירט מיט'ן געשפרעך דאָ ארום, האָט גאָרנישט ניט געענטפער־ט, האָט נור זויער אַ קרים געטהון זיך און האָט פעראַכטענד אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד, ווי איינער זאָגט: „אַ יוריסט דאַרף שוין גאָרנישט, אויסער אַ גוטע פּראַקטיק. צום טייוועל דאַרף ער ליטעראַטור".

אָה, אַ יוריסט דאַרף אַלץ,—האָט פאַר דאָס בערדיל אָבגע־ענטפערט דער לעהרער, וואָס האָט. קענטיג, ליעב געהאַט דעם גרעסטען טייל אין אַ געשפּרעך צו נעהמען פאַר זיך און איז געווען אַ גוטער בעל־ויכוח און אַ פּשטלעך־זאָגער. אויף אַ יוריסט איז אַלץ חל: אַלע שפּראַכען כמעט, וויסענשאַפטען, און קונסט און האַנד־ווערק אַ צונאָב דערצו. אַ יוריסט דאַרף זיין אַ ענציקלאָפּעדיסט. אין אַנדערע לענדער יוריסטען—זענען עס די קווינט־עסענץ פון דער אינטעליגענץ פון גאַנצען לאַנד. פון זייערע רייהען ווערען גענומען מיטעלע און העכערע בעאַמטע, מיניסטאָרען, רייכס־לייט, דיפּלאָ־מאַטען, קורץ, זיי זענען דער אָנפ'הרענדער קלאַס און זיי דאַרפען אַליין שטעהן אויף דער העכסטער שטופע פון דער ציוויליזאַציע פון דער צייט.

דאָס בערדיל האָט אַ קרעכטש געגעבען און האָט. קענטיג, געוואָלט עפּיס זאָגען, נור דערמאָנענדיג זיך, אַז פּאָלעמיזירען מיט

איהם — איז אַ שווערער ענין, האָט ער ליעבער נאָך אמאָל
אַ קרעכטש געטהון און געשוויגען, בלעטערנדיג ווייטער דעם אַלבאָם.
דער דאָזיגער געשפּרעך איז אַמאָל אין אַ אָוועָנד פאָרגעקו=
מען אין בעקוועמען און רייך מעבּליערטען גאַסט=ציכ[ער] ביי ר׳ משה
גרונימוס. דאָ אויפ׳ן דיוואַן בּיים טיש איז געזעסען די מוהמע אננאַ
און האָט עפּיס געשטריקט מיט הילצערנע פרענטלעך, צוהערענדי[ג]
זיך צום געשפּרעך פון די יונגע לייט, נור זי אַליין האָט זיך אין
דעם ניט בעטייליגט. די פריילין ראַשעל און די פריילין בּריניטאַ
האָבען זיך דאָ ארומגעדרעהט ווי צודולטע, איטליכע ווילע אַרויס=
לויפענדיג און אַריינלויפענדיג, צושפּרינגענדיג אָפט צו דער מוהמע
אַננאַ, אַריינצודרוימען איהר עפּיס אין אויער אריין, אַ קוש טהון
איהר און זיך צולאַכען, ערנסט רעכענענדיג, אַז דאָס דאָזינע
אַרומדרעהעניס מאַכט זיי שרעקליך אינטערעסאַנט אין די אייגען
פון די יונגע לייט.

איינער פון די יונגע לייט, דער בּאַקענבּאַרדיסט,איז, ווי גע=
זאָגט, אַ לעהרער געוועזען און פלעגט פון צייט צו צייט בעזוכען
דאָס הויז צוליעב דער קענטשאַפט מיט אַנאַ, ווייל ער איז צוזאַמען
מיט איהר פערשטאָרבענעם מאַן לעהרער געוועזן אין א יודישער
שול. אויף די איבעריגע צוויי יונגע מענשען וועלען מיר זיך עט=
וואָס לענגער אָבּשטעלען, ווייל זיי בעזוכען דאָס הויז פון אונזער
סוחר אָפטער, ניט ווייניגער ווי דריי מאָל אַ וואָך, און איבער אַ
גרינדליכערער סיבּה, ווי די קענטשאַפט מיט אַ אינטערעסאַנטער
אַלמנה.

דער ערשטער פון זיי, דער פּאַצעטישער בּרוניעט וולאַדימיר
פעדאָראָוויטש מלמד איז געוועזן אַ פריש=געבּאַקענער דאָקטאָר, און
דער צווייטער, דאָס צאַפּען=בּערדיל ניקאָליי גריגאָריעוויטש לאָק=
שין—א פריש=געבּאַקענער יוריסט. דער ערשטער האָט לאַנג, אין
דער צייט, ווען ער איז נאָך אַ סטודענט געוועזן, ניט ווייניג זיך גע=
קלעמט פון זיין פאַמיליען=נאָמען, וואָס האָט גלייך אָנגעוויזען אויף
זיין יודישער און אָרימער אָבּשטאַמונג, און האָט ערנסט געטראַכט
וועגען דעם, צי זאָל ער זיך ניט אָבּשמד׳ן, אום צו האָבּען דאָס
רעכט אָנצונעמען זיך א־וואַנאָוו, אַרחיפּאָוו אָדער טערענטיעוו, נור
ענדליך האָט ער זיך בערוהיגט דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעהויבען
אונטערצושרייבען און צו רעקאָמענדירען זיך „מעל־אַמעד“,

װאָס האָט עפּיס געקלונגען טערקיש אָדער פּערסיש, אָבער ניט יודיש. דער צװײטער איז זעהר צופריעדען געװען פון זײן פאַמיליען־נאָמען, בפרט נאָך, אַז מאַכענדיג דערבײ דעם טראָפּ אויפ׳ן סוף װאָרט, איז שװער געװען אָנצושטויסען זיך, אַז עס שטאַמט פון אַ נאַציאָנאַל־יודישען שבת־געריכט, און דעם אײנעם, װאָס האָט אַזאַ פאַמיליען־נאָמען, האָט מען לײכט געקאָנט אָננעהמען פאַר אַ געבירטיגען, שיעי ניט פון׳ם אדעל. אין אַ סביבה, װאו אַ מענש װערט אויפגענומען לויט זײן אָנגעקלעבטער עטיקעטקע, איז עס נאָר קײן שפּאַס ניט, און מ׳קאָן דעריבער ניט זײן גלײכגילטיג דערצו, װי מען רופט זיך אָן. נ״ר ב״דנ יונגע לײט זענען מעהר בעקאַנט געװען אין שטאָדט, װאוה׳ן זײ זענען בײדע מיט אַ יאָהר צוריק אָנגעפאָהרען—אײנער פון צפון, און דער אַנדערער פון דרום, מיט׳ן נאָמען „צװײ אַיאַקסען“, װײל זײ האָבען צוזאַמען געלעבט, אומעטום צוזאַמען אַרומגעגאַנגען; און האָבען בײדע אײן גורל געהאַט: דער דאָקטאָר האָט קײן פּאַציענטען ניט געהאַט, און דער יוריסט—קײן קליענטען. אמת, די ערשטע צײט האָבען זיך צום דאָקטאָר מעל־אַמעד אָנגעהויבען צו בעװײזען פּאַציענטען, און צום יוריסט—קליענטען, נור אַז ס׳איז גלײך קלאָר געװאָרען, אַז זײ זענען אַזעלכע „געענדיגטע“, אַז זײ װאָלט נאָר ניט געשאָדט זײ זאָלען װידער פון אָנפאַנג אָנהויבען, האָט מען צו זײ אויפגעהערט צו געהן און זײ צורוה געלאָזט. די יונגע לײט האָבען אַ צײט אַזוי קלוג ניט געקאָנט זײן און פערשטעהן, פאַרװאָס האָט זיך עס פּלוצלונג איבערגעריסען? נור ענדליך האָבען זײ זיך געכאַפּט, אַז שולדיג איז דאָס—אײנקומעניש: װען בײ זײ זאָל די װאוינונג זײן רײך מעבלירט, װאָלטען זײ האָבען פּראַקטיק. פון װאַנען אָבער זאָל מען עס נעהמען אַ בעסערע אײנקומעניש? װלאַדימיר פעדאָראָװיטש האָט געלעבט פון די געמײנע מיטלען, װאָס ס׳האָט פאַר איהם געשאַפען זײנע אַ כלה אַ פערהאָרעװעטע יתומה־מײדעל, װעלכע איז ערגיץ אַ גובערנאַנטין געװען און האָט זיך אַבאָנירט אויף איהם, װען ער איז נאָך געװען אויפ׳ן צװײטען קורס פון אַקאַדעמיע. און ניקאָלאַי גריגאָרעװיטש׳ן האָבען זײנע עלטערן, בעלי־מלאכות, צוגעשיקט דאָס לעצטע, אום ער זאָל האָבען די מעגליכקײט צו װערען אַ „סענאַטאָר“, ד. ה. צו דיענען אין סענאַט אָדער אין ערנסטען פאַל—צו זײן אַדװאָקאַט: די אָרימע לײט האָט

מעהר פערנומען דער רויטער קאַנט, ווי די טויזענדער פּרנסה פון אַדוואָקאַטען, אַזאַ כאַראַקטער-שטריך איז זעהר געוועהנליך פאַר „די געלד-גיעריגע יודען". פערשטענדליך, אַז די מיכלען, וואָס די ביידע יונגע לייט צוזאַמען האָבען בעקומען, האָבען ניט גע-קלעקט ניט נור אויף אַ בעסערע, נור אויך אויף אַ פיעל-וועניגער אָנשטענדיגער איינקומעניש, אין זיי האָבען זיך בעדאַרפט בעגנו-גענען מיט אַ ליאַדי צימעריל אין אַ ווינקעלכען ס'איז האָטעל און מיטטאָג עסען אין אַ ביליגער גאָרקיך, וואו אַ זופּ דערמאָנט שטאַרק אָן די ברוד-וואַסער פון אַ קיך און די קאָטלעטען—אָן צונעבראָ-טענע שטיקער ברויט. פונדעסטוועגען זענען אונזערע יונגע-לייט ניט אַראָבגעפאַלען ביי זיך: דאָס בעוואוסטזיין, אַז זיי בעזיצען דיפּלאָמען, וואָס גיט זיי, לויט זייער מיינונג, דאָס רעכט אויף כל-טוב אויף דער וועלט, האָט אין זיי אויפגעהאַלטען די האָפנונג, אַז פריהער-שפּעטער וועט צו זיי דאָס כל-טוב קומען, און זיי זע-נען זיך רוהיגערהייד געזעסען און געוואַרט. דאָס הייסט ניט, אַז זיי זענען דערווייל געזעסען און זיך בעשעפטיגט מיט זייער ספּעציאַלי-טעט, נור זיי האָבען געשפּאַנט איבער'ן שטאָדט—איינער מיט זיינע וואוילעריש פערדרעהטע וואָנצעס און דעם ענגלישען טייל אויפ'ן קאָפּ, און דער צווייטער מיט זיין בערדיל, האָבען געשפּיעלט אויפן ביליאַרד, האָבען געפייפט אַריעס און קופּלעטען, האָבען ווי ס'איז פערבראַכט די צייט אין דער ערוואַרטונג אויף אַ„איינקומעניש", וואָס האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט ווי אַ סגולה צו בּרענגען ער-פאָלג אין זייער פּראָפעסיע.

אויף איינער אַ עפענטליכער פערוויילונג האָבען זיי זיך בע-קענט מיט די פיקאַנטע פרייליינס גרוזימוס, וואָס האָבען פאָרמעל אַ געיעג געמאַכט אויף „געענדיגטע"—און די אינבעגרענצטע פריי-צייט פון אונזערע יונגע לייט האָט בעקומען א מעהר פּראַקטישע אָנווענדונג.

— דו ווייסט וואָס, קאָליאַ,—האָט אַמאָל אין אַ פריה-מאָרגען געזאָגט מעל-אַמעד, זיצענדיג ביים איינציגען טיש אין צימער און זיך פערקעמענדיג ביי דער שפּיעגעלע אין אַ בלעכענע ראַהם,— ס'וואָלט גאָר ניט געשאַדט צו מתקרב זיין זיך צו די פריילינס, מיט וועלכע מיר האָבען זיך די טעג בעקענט. זיי זענען רייכע כלות און, ווי איך פערשטעה, וואָלטען זיי גאָר ניט דערגעגען זיין. און

דערצו איז דער פּאָרטרעט אויך נישקשה׳דיג, אַ פּאַסענדער: בלאָנ־דינים, חנורינגע און פלאַפּלען פראַנצויזיש, וואָס זאָגסטו?

— מילאָ, איך בין מסכים,—האָט זיך פון דעם אייזערנעם בעטיל אָבגערופען קאָליע, ד. ה. דער יוריסט לאָקשין, אַ גלעט געבענדיג זיין בערדיל און האָט אויפגעהערט צו פייפען זיין גע־ליעבטע Juristen-Polka, וואָס ער האָט עפּיס געמעכנט, אַז שטרויס האָט עס אָנגעשריעבען לויט דער בעשטעלונג פון צווייי רוסישע אַדוואָקאַטען, וועלכע האָבען דורך אַ מוזיקאלער פּיעסע גע־וואָלט פערהייבינען דעם אָנדענקען וועגען אַ גרויסען פערדיענסט, וואָס זיי האָבען געהאַט פון אַ קלינגענדען פּראָצעס.

— איך ווייס, אַז דו בינסט מסכים. נאָך ווי מסכים! ס׳איז דאָך אַ—איינקומעניש!... אָבער איך, איך דער בעל־יסורים, וואָס זאָל איך טהון? ביי מיר, ווייסטו דאָך, איז דאָ אַ פּעקיל, אַ כלה אויף די פּלייצעס, צעהנערם שיקט מען, און איך נעהם צו, וויל— מ׳דארף דאָך עסען.

— וואָס איז, רעכען צונויף, וויפיעל האָסטו ביי איהר אָנ־גענומען, שטעל צו נאָך אַ צוויי־דריי הונדערטער אויפ׳ן חשבון פּראָצענט און בעצאָהל עס, און—קוויט.

— און דאָס פערשפּרעכען חתונה צו האָבען?

— האָסטו איהר דען אַרויסגעגעבען אַ שריפטליכע התחיבות?

— קיין שום התחיבות. ביי אונז האַלט עס אויף אַ עהרען־וואָרט. ווי האַלסטו. יוריסט, קאָן זי מיך אין געריכט אָנקלאָגע? יאָ, איך האָב דיר פערגעסען צו זאָגען, אַז אין אונזערע בריעף, פערשטעהט זיך, געפינט זיך ... רעדט זיך וועגען אויסזיכטען אויף דער צוקונפט, וועגען חתונה און דערגלייכען. פרעגט זיך, צו קאָן זי אויפ׳ן סמך פון די פּריוואַטע בריעף און ליעבע־ערקלעהרונגען פערפיהרען געגען מיר אַ פּראָצעס?

— קאָנען, קאָן זי, נור וואָס וועט זי דערמיט אויספיהרען? חתונה צו האָבען לויט׳ן אורטייל פון געריכט וועט זי געוויס אַליין נים וועלען, וואָרום זי איז, דוכט זיך, אַ געבילדעטע פריילין, אַ גע־בערנאַנטין, האָט געענדיגט גימנאַזיע. ס׳איז דאָ אַלזאָ פיעל שאַנסען, אַז זי וועט וועלען פערענדיגען די זאַך בשלום, בעקומענדיג צוריק דיעם שאָדען.

— אָבער מיר איז אַ רחמנות אויף איהר, — האָט מעל־אַטעד

אַרויסגעזאָגט מיט אַ זיפץ, אויפהערנדיג צו פערקעמען זיך — נים אַזוי ווי איך ליעב איהר. וואָס פאַר אַ ליעבע קאָן דאָס זיין? מיר זענען זיך צונויפגעקומען אויסגערעכענטערהייד. איך האָב נים גע־האַט מיט וואָס צו פערענדיגען דעם קורס, און זי האָט געוואָלט צו אַ תכלית קומען — אָבער אַ מיידעל האָט אַזויפיעל יאָהרען גע־וואַרט, געראַנגלט דערבייף, געשיקט איהר פערהאָרעוועט געלד אין מיט אַמאָל — וויל איך דיך נים קענען! אָט דאָס איז אַ רחמנות!

— פערשטעהט זיך, ס'איז אַ רחמנות און נים פיין, אָבער צוריק, אין אַ איינציגע העמד געהנטער. דו בינסט אַנ'אביון און זי איז אַנ'אביונטע, וואָס פאַר אַ תכלית איז אייער חתונה צווישען אַנאַנד? דו בעדאַרפסט געלד, אַ איינקומעניש, אָהן דעם איז אוג־מעגליך צו בעקומען פראַקטיק. און וואו וועסטו עס נעהמען, אַז דו וועסט חתונה האָבען אויף אביונ'טע? אַ קאַריערע — איז נים קיין קליינינקייט!

און ווי אונזער דאָקטאָר האָט נים פערדראָסען אויף זיין אָרימער כלה, וועלכע ער האָט טיעף אין האַרצען געעהרט, אַלס אַ גוטע, ערנסטע און געבילדעטע מיידעל, און ווי ער האָט נים אנערקענט, אַז עס בינדט זיי צוזאַמען עטוואָס מעהר, ווי אַ איינ־פאַכע אויסרעכענונג, האָט ער פונדעסטוועגען איבער זיין לייכטזי־ניגקייט און האַרטקייט אָנגעהויבען צוזאַמען מיט זיין חבר צו בעזוכען גרונימוס'עס הויז, לאָזען זיך דערנעהנטערן צו פריילין ראַשעל, איבערלאָזענדיג לאָקשינען די פריילען בריגיטאַ, און קוקען אייף זיך, ווי אויף אַ חתן פון אַ רייכער כלה, וואָס וועט איהם איינשאַפען די נויטיגע איינקומעניש. די יונגע פריילענס האָבען זעהר צופריעדען אויפגענומען די יונגע לייט, בענשענדיג דאָס גורל וואָס האָט זיי אָהן בעזונדער מיה און זאָרג ציגעשיקט „געענדיגטע", דעם אידעאַל פון זייער מיידעלשען טרוים, און זיי האָבען מיט אונגעדולד ערוואַרטעט דעם טאָג, ווען זייערע לאַנג־אָניגע האָפ־נונגען וועלען פערווירקליכט ווערען און אַ פאָרמעלער תנאים. די תנאים אָבער האָבען זיך לאַנג געלאָזט וואַרטען, וויל די יונגע לייט האָבען זיך מתקרב געווען, האָבען פיעל קאָמפּלימענטען געמאַכט, נור זיי האָבען געשוויגען מכח דעם עיקר, וואָרום זיי האָבען נים געתאוסט, ווי גרויס איז דער שכל. די אַלטע מחותנטעס האָבען קיין

צייט נים געהאַט און האָבען אַלץ אָבגעלענט דעם ענין, צו שרכנים
האָט מען זיך ניט געווענדט, און די מוהמע אַגאַ, וואָס די פיר-
אינטערעסירטע צרדים האָבען געהאַט אויסגערעכענט אויף איהר
פערמיטלונג, האָט זיך דערפון אַוועקגעמאַכט. אַוועקגעמאַכט האָט
זי זיך דערפון, ווייל די יונגע לייט זענען איהר ניט געפעלען גע-
ווען, אַלס וויסטע, אונגעראָטענע און ניט קיין גרויסע קענער אי-
זייער פאַך, זי האָט דעריבער גערעכענט, אַז איהרע פלימעניצעס
וועלען דאָ קיין גליק ניט בעקומען, איז צו וואָס זאָל זי מיטהעלפען
אין אַזאַ שדוך? דעריבער האָט זי זיך פערהאַלטען צו די יונגע
לייט העפליך, אָבער קאַלט. אויף זייערע אָנצוהערענישען, אַז זי
זאָל זיי שדכנען, פלעגט זי פשוט ענטפערן: „איך בין ניט קיין
שדכנ'טע".

— בריניטאַ,—האָט זי געזאָגט, ווען דער אויבען-געבראַכטער
געשפּרעך האָט זיך פערענדיגט אין דער לעהרער האָט אַ קוק געטהון
אויף זיין זייגער, איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און האָט גענומען
דעם קאַפּעליוש.

— וואוהין איז עס? — האָט זי געפרעגט.—זיצט, מ'וועט
דערלאַנגען טיי. בריניטאַ, טהו אַ קלונג.

בריניטאַ האָט אַ פריהער אַ טאַנץ געטהון אויפ'ן אָרט, וואו
זי איז געזעסען. איז אונטערגעשפּרונגען צום גלעקיל און האָט
אָנגעקלונגען.

— איך קאָן ניט,—האָט דער לעהרער געזאָגט, אַ קוק גע-
בענדיג נאָך אַמאָל אויפ'ן זייגער,—ביי מיר איז אַ לעקציע, און איך
האָב שוין אַזוי אויך פערשפּעטיגט אויף פינף מיוט.

— אין די ביכער „רוסקי וועסטניק" וועט איהר מיר ברענ-
גען, ווען זיי וועלען פריי ווערען?

— פערשטעהט זיך: איך בין דאָך אייער געשוואָרענער
ליפעראַנט פון ליטעראַטור.

— פאַרוואָס ווילט איהר ניט זיין אויך מיין ליפעראַנט?
האָט ראַשעל קאָקעטיש געפרעגט.

— צוויי האַרען דיענט מען ניט, דערצו וויל איך ניט קאָנ-
קורירען מיט וולאַדימיר פעדאָראָוויטש, — האָט דער לעהרער גע-
זאָגט און האָט זיך געזעגענט.

— אָה, וולאַדימיר פעדאָראָוויטש איז זעהר ניט קיין לי-

בענסווירדיגער קאוואַליער, — האָט ראַשעל זיך געשפּיעלט מיט צוקינפּטינגען. — ער ברענגט מיר גאָר ניט צום לעזען.

— און „איזאַבעלא", אָדער די געהיימניסען פון מאַדרידער הויף?" — האָט איהר וולאַדימיר פּעדאָראָוויטש דערמאָנט.

— אָ, דעם ראָמאַן האָב איך שוין לאַנג געענדיגט.

— פאַר וואָס זשע האָט איהר מיר ניט געזאָגט? איך וואָלט אייך ברענגען אַנ׳אַנדער ראָמאַן פון דעם זעלבינגען אויטאָר; „עווגעניא, אָדער די געהיימניסען פון פראַנצויזישען הויף".

— צו וואָס ניט איהר לייענען אַזעלכע נאַרישע און... אונפּאַסענדע ביכלעך? — האָט אַננאַ נעפרעגט מיט כעס און עקעל אין דער שטים.

— ענטשולדיגט, מאַדאַם, — האָט זיך פערטיידיגט דער דאָקטאָר אָהן פּאַציענטען, — דער גענעראַל פרים... די שפּאַנישע רעוואָלוציע... אַ היסטאָרישער ראָמאַן!

— סקאַנדעליעזע כראָניק איז אויך היסטאָריש? — היסטאָריש? — האָט זי געפרעגט, אָנקוקענדיג דעם דאָקטאָר פערוואונדערט און ערשטוינט, ווי געזאָגט: אָדער דו מאַכסט זיך אונוויסענד אָדער דו ביסט טאַקע אַזוי?

— דער אַדוואָקאַט אָהן קליענטען האָט דערפיהלט, אַז זיין חבר איז דאָ אריינגעפאַלען, האָט ער צו איהם צו הילף געאיילט, מיט אַ סטראַטעגישען גאַנג.

— ווער איז עס אָט דער הערר? — האָט ער געפרעגט, שנעל צורוקענדיג אַננאַ׳ן דעם אַלבאָם און אָנווייזענדיג אויף אַ פאָטאָגראַפישעם בילד, וואָס האָט איהם כלומרשט שטאַרק פּטראינטערעסירט.

— מיר דוכט, אַז עפּיס אַ פאַבריקאַנט, אַ דייטש, — האָט אַננאַ בעפּדידיגט די כלומר׳שטע נייגיעריגקייט פון דעם אַדוואָקאַט, וואָס איז אין געוועהנליכען לעבען אָפט זעהר געשיקט געוועזען, וואָס מיט איהם פלעגט עס ניט געשעהן ווען ער פלעגט אויף זיך נעהמען די ראָלע פון אַ שטיצער פון אלמנות און יתומים.

— און ער זעהט אויס גאָר ווי אַ ענגלישער לאָרד, אַ דעפּוטאַט פון פּאַרלאַמענט, — האָט ער בעמערקט, צופריעדען מיט

זיין געלונגענעם אײנפאַל, וואָס האָט זײן חבר געראַטעװעט פון אַ גרויסער מפלה

אויף אַ גרויסען זילבערנעם מאָס האָט מען טיי אַרײנגע־בראַכט — און דער געשפּ־עך, אין וועלכען עס האָבען זיך שוין לעבעדיג בעטייליגט אויך ביידע מיידלעך, איז אַריבער אויך צו די טאָג־גייעס, שטאָדטיגע רכילות, טעאַטער און אַנדערע גע־וועהנליכע טעמען. ביי דעם אַדוואָקאַט זאָגאַר, וואָס האָט ביז אַהער געשװיגען, האָט זיך אויך די צונג אָנגעהויבען צו בעווע־גען, וואָרום געבונדען האָט ער זיך געפיהלט נור אין דער נעגענ־וואַרט פון דעם לעהרער, וועלכען ער האָט ניט ליעב געהאַט או מורא געהאַט פאַר איהם, אַלס פּעדאַנט, אַ „קריטיקירער“ און אַ „מליצה־זאָגער“, ד. ה. אַזאַ איינער, וואָס האָט איהם שיין ניט איין מאָל געלאָזט פיהלען, ווי גייסטיג העכער ער איז פון איהם מיט זיין אוניווערזיטעטען־בילדונג, מיט׳ן קאַנדידאַטען־דיפּלאָם. וועהרענד דער לעהרער האָט געענדיגט ניר אַ מיטעלע שול.

בעת׳ן טיי איז אַרײנגעקומען אַ נייער גאַסט: אַ מאַנס־פּער־זאָן פון מיטעלע יאָהרען פון מיטעלען וואוקס מיט גרויסע בולט׳ע אויגען, אַ גוטמיגעז פּנים, אַ שוואַרץ געשאָרען בערדיל, רייך גע־קליידעט, מיט בריליאַנטענע שפּאָנקעס און אַ דיקע גאָלדענע קייט צום זייגער, אָבער ניט געניג מאָריש.

— אַ, ה׳ רויכמאַן! — האָט די גאַנצע קאָמפּאַניע פרעה־ליך בעגריסט, אין דעם אויך אננאַ. — און אונז האָט מען גע־זאָגט, אַז איהר זענט אַוועקגעפאָהרען קיין פּעטערבורג.

— אמת, איך בין געפאָהרען און ערשט מיט אַ שעה צוריק זיך אומגעקעהרט,—האָט רויכמאַן געענטפערט, דריקענדיג די הענד כסדר אַלעמען און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּריי גע־מאַכטען אָרט נעבען אַנאַן.

— האָט איהר ניט געזעהן מיין פרידעריקאַ?—האָט אַנאַ געפרעגט אַזוי זיך, וואָרום זי האָט גאָר ניט חושד געווען, אַז דער גוטער און איהר איבערגענעבענער מאַן זאָל עקסטראַ פאָהרען קיין פּעטערבורג, אַ קוק צו טהון אויפ׳ן אָרט, פאַר וואָס פרעדעריקאַ שרייבט ניט אַזוי לאַנג און פערשאַפט דערמיט איהר מוטער אַנגסט און שלאָפלאָזע נעכט.

— ניט נור געזעהן, איך בין פון איהר ניט אַוועק, ביז

וואגען זי האט מיר ניט געגעבען בריעף צו אייך.

— ס'איז גוטער איהר זענט, ה' רויכמאַן! האט אויסגע־שריען די ערפרעהטע אַנאַ און האט איהם שטארק די האנד גע־דריקט. - ניט אַהער, ניט גיכער. פארוואס האט זי ניט געשריע־בען? זי איז קראַנק געווען?

— וואו קראַנק?—האט רויכמאַן געזאָגט, אָבגעבענדיג אַנאַ'ן א בריעף. — זי איז געזינדטער פון מיר מיט אייך. זי זאָגט, אַז זי האט קיין צייט ניט געהאַט צו שרייבען, ווייל ס'זענען רעפעטיציעס געווען צו עפּיס אַ קאָנצערט אָדער אַ פאָרשטעלונג: גרויס־פירסטינס דארפען די טעג בעזוכען די קאָנסערוואַטאָריע.

אין דער צייט, וואָס אַנאַ האט דעם בריעף געלעזען, האט ראַש־ל מיט בריגיטא זיך איבערגעקוקט און צוגעוואונקען צו די יונגע לייט, אין די יוגענד איז שטיל און איינציגווייז אריבער אין זאַל „אום ניט צו שטערען דעם פערליעבטען פאָר'ל", כאָטש זיי האָבען אַלע געוואוסט, אַז די פערליעבטקייט איז דאָ נור מצד רויכמאנען, און אַננאַ איז אינגאַנצען גלייכגילטיג צו דעם רייכען אלמן און זיין שרכ'נען זיך צו איהר.

— יאַ, — האט אַנאַ געזאָגט, דורכלייענענדיג דעם בריעף און אוועקלעגענדיג איהם אויפ'ן טיש, — זי שרייבט, אַז זי איז געווען פערנומען, איז עס דען אַ תירוץ? האט זי דען פאַר די גאַנצע צייט ניט געקאָנט אָבברייסען אַ פיערטיל שעה, אָנצושרייבען, לפּחות, אַז זי לעבט און איז געזונד? אָ, קינדער, קינדער, ווי ווענינ זיי בעזאָר־גען זיך פאַר די רוה פון זייערע עלטערען! איך פלעג דאָ פין זינען אראָב, כ'בין שיער ניט קראַנק געוואָרען פון אַנגסט און אלערליי שרעקען, און זי האט רעפעטירט! זי האט רעפעטירט די גאַנצע פיער און צוואַנציג שעה אין מעת־לעת!

— און דעריבער,—האט רויכמאַן בעמערקט מיט אַ זיפץ און שפילענדיג מיט זיין קייטעל,—וואָלט דאָס בעסטע געווען, ווען איהר אַלט וואוינען אין פעטערבורג און די טאָכטער זאָל זיין נעבען אייך.

— אָבּיזר, ה' רויכמאַן, איהר ווייסט דאָך, אַז דאָס איז פאַר מיר אונמעגליך.

— פאַרוואָס עפּיס אונמעגליך? קיין אונמעגליך איז אויף דער וועלט ניטאָ. זאָלט איהר נור וועלען—וועט עס מעגליך זיין. דאָס ווענדט זיך נור אָן אייך אַליין.

אַנאַ האָט אויף איהם פרעגענדיג א קיק געטהון. ער האָט זיך עטוואָס אײנגעגעווּרעט און האָט צוגעגעבען:

— איהר שטויסט אײך אָן געווים. וואָס איך מײן: איך בין נים אײנמאָל אַזוי דרייסט געווען צו זאָגען אײך װעגען דעם. צו-ליעב אײך בין איך גרייט אריבערצופיהרען אַלע מײנע געשעפטען אין פעטערבורג און זיך בעזעצען דאָרט. אַלס סוחר פון ערשטער גילדיע האָב איך רעכט דערויף. בעפעהלט נור—װעל איך זיך גליקליך פיהלען צו בענוצען זיך מיט דעם דאָזיגען רעכט.

אַנאַ איז רויט געוואָרען, האָט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט און א װײלע געשוויגען. פון זאָל האָט זיך דערהערט א דינינקע און פאַלשע שטימעלע פון פריילין ראשעל, װאָס האָט געזונגען בײ א קאָמפּאַנעמענט פון דער פיאַנאָ: „מ׳זאָגט, אַז איך בין א קאָקעטין“.

— ה׳ רויכמאַן,—האָט אַנאַ געזאָגט,—אמת, איהר האָט מיר נים אײנמאָל געגעבען אָנצוהערעניש װעגען דעם, נור אײך איז דאָך בעוואוסט מײן מײנונג. אָפען געזאָגט, האָב איך גאָרנישט געגען אײך. פערקעהרט, איך שעץ אײך זעהר, אַלס עהרליכען און גוטען מענשען. איך שווער אײך, אַז בײ דעם קלענסטען פערלאַנג, בײ דעם קלענסטען בעגעהר חתונה צו האָבען א צווייטען מאָל, וואָלט איך גאָר קײן בעסערע פּאַרטיע נים געזוכט. אָבער איך האָב בע-שלאָסען צו דערלעבען שוין מײן ביסעל יאָהרען אַנ׳אלמנה.

— דערלעבען?—האָט רויכמאַן אויסגעשריען מיט א שטאַר-קען פּראָטעסט אין דער שטים, איהר זענט נאָך יונג, שען און פול קרעפטען. איהר דאַרפט נאָך לעבען, נים דערלעבען. פאַר אײך איז פריה, צופריה נאָך צו פערשרייבען זיך צווישען אַלטימשקע. אַלע װעלען דאָס אײך אַזוי יאָגען.

— זאָלען אַלע זאָגען, װאָס זײ װילען, אָבער איך וויים און פיהל, אַז מײן לעבען איז שוין אָבגעלעבט. און איך דערלעב נור איצט: איך לעב נור פאַר מײן פרעדעריקאַ, און דאָס קלעקט פאַר מיר. װעגען א נײעם לעבען, נײע פליכטען און בעציהונגען װיל איך גאָר נים טראַכטען.

— פאַרוואָס װילט איהר עפּים נים טראַכטען, פאַרוואָס איז עס עפּעס אַזאַ פינסטערע שטימונג? איהר האָט נאָך פאָרויס א גוטע העלפט פון אײער לעבען. לעטב אײך איהר קאָנען צוליעב אײער

פרעדעריקאַ, נור צו דען דאַרפט איהר דאַן לעבען דוקא אין אַזעלכע בעדינגונגען, און נים אין אַנדערע?

— איך בין צופריעדען מיט די בעדינגונגען פון מיין לעבען.

— איהר לעבט ביי פרעמדע.

— ניין, ביי אייגענע. די שוועסטער זשאַלעוועט נים פאַר מיר. און וויפיעל דאַרף איך דען?

— איהר וואָלט דאָך אָבער געקאָנט לעבען זעלבשטענדיג, מיט אַ אייגענער בעל הבתישקייט, ווי אַ פריצטע, אין רייכקייט או כל-טוב.

— איך האָב מיך קיינמאָל נים נאָכגעיאָגט נאָך עשירות און כל-טוב, און אויך יעצט יאָג איך זיך נים נאָך דעם. מיינע קרובים זענען זעהר גוט צו מיר, זיי האָבען מיך ליעב און איך האָב זיין ליעב. איך לעב שטיל, רוהיג, כ'בין בעשעפטיגט, און ווען ס'איז נימאָ קיין בעשעפטיגונג, פערגעהם איך מיך מיט אַ בוך אָדער מיט פרויען-אַרבייט. וואָס נאָך זאָל איך וועלען ביז וואַנען מיין פרעדעריקאַ וועט ענדיגען די קורסען און וועט ווערען זעלבשטענדיג? ווער וועט איהר דאַן אָבהיטען און פיהרען, ווען איך זאָל מיך ווידער לאָזען פערבינדען? פערגעסט נים, אַז דער וועג פון אַנ'אַרטיסט איז—זעהר אַ גליטשיגער, דערהויפט פאַר יונגע, אונערפאַהרענע און... שענע פרויען. און מיין פרעדעריקאַ איז דוקא אַ שענהייט!..

אַ ווײַלע שטיל.

פון זאַל האָט זיך איצט דערהערט דאָס דינינקע און פאַלשע שטימעלע פון פריילין בריגיטאַ, וואָס האָט געזונגען ביים אַקאָמפאַנעמענט פון דערזועלבער פיאַנא: „פאָהר נים אָב, מיין טייערער“

— אַנאַ, ליעבע אַנאַ,—האָט דער פערליעבטער אַלמן איבערגעריסען דאָס שטיל שווייגען, אָנחאַפענדיג איהר האַנד און געדריקט זענט מיר מוחל, וואָס איך רוף אייך אָן אַזוי. איך ווייס, אַז איך האָב דערויף קיין שום רעכט נים, נור דאָס האַרץ, און נאָך אַזאַ האַרץ, ווי מיינס, קוקט נישט אויף קיין רעכט. ערלויבט מיר צו האָפען... צו לעבען מיט דער האָפנונג, אַז דאָס איז נים אַייער לעצט וואָרט. אפשר וועט איהר זיך נאָך בעדענקען; און איהר וועט אומענדערן אַייער בעשלוס. פרעדעריקאַ דאַרף אייך נאָרנים בעאונרוהיגען: איך שווער אייך, אַז איך וועל איהר זיין דער סאַמע צאַרטער פאָטער-פערזאָרגער, פון דער ערשטער פרוי זענען ביי

מיר דאָך קיין קינדער ניטאָ. וועט זי מיר אַנ׳איינגען קינד ווערען, מיר וועלען לעבען, וואו איהר וועט וועלען: דאָ, איז דאָ, אין פּעטערבורג — איז אין פּעטערבורג. און בנוגע דעם גליטשיגען וועג פון אַרטיסטען, איז צו וואָס דאַרף זי עס גאָר אינגאַנצען? אַ צעהנדלינג-צוויי צעהנדליג טויזענד רובל נדן פאַר איהר וועט זיך ביי מיר אלע מאָל געפינען. איך בין דאָך רייך, זעהר רייך. מיר וועלען זי אויסגעבען פאַר אַ גוטען מענשען — אָט איז אייך אַ תכלית. ווילט איהר, וועל איך מאָרגענדיגען טאָג אויף איהר נאָמען אין באַנק אוועקלעגען צוואַנציג טויזענד רובל. צו וואָס וועט זי שוין דאַן דאַרפען קאָנצערטען אָבגעבען אָדער זינגען אויף דער סצענע? מענשען טהוען עס דאָך פון נויט, ווייל זיי האָבען ניט קיין בעסערס. איבעריגענס, זאָג איך עס אַזוי גלאַט. איהר, אַלס מוטער, פערשטעהט עס בעסער. ווי איהר וועט זאָגען, אַזוי וועט זיין. איך וועל גיט דערווידערן, קיין מוזיק פערשטעה איך גיט. און דעריבער איז מיין מיינונג ניט וויכטיג. נור אין גאָטעס נאָמען, שטויסט ניט אַוועק פון זיך אַ איינפאַכען. ניט זעהר קיין געבילדעטען, אָבער אַ אָפענהערציגען און אַ עהרליכען מענשען, וואָס לעגט אייך פאָר פשוט, אָפען, אָהן קאָמפּלימענטען און שענע מליצות — זיין האַרץ, זיין האַנד, זיין פערהאָרעוועט פערמעגען און לעבען. יאָ. ליעבע אַנאַ, איך חיים ניט, ווי ווערט עס אויסגעדריקט אין די ביכער, נור איך פיהל, אַז איך בין גרייט דאָס לעבען אָבצוגעבען פאַר אייך. מיט מיין ערשטער פרוי — עליה-השלום! — בין איך ניט געווען גליקליך, און איך שווער אייך, אַז ניט איך בין אין דעם שולדיג געווען, נור איך בין עפּעס פעסט איבערצייגט, אַז מיט אייך, ליעבע, גוטע, קלוגע אַנאַ, וועל איך גליקליך זיין, אַזוי גליקליך...

ער האָט ניט געקאָנט ווייטער ריידען, ווייל פון שטאַרקען געפיהל האָט ער זיך צעוויינט. אַנאַ האָט אויך געוויינט, גערירט פון זיין איינפאַכער, אונבעגרענצטער ליעבע און איבערגעבענהייט. זי האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נור אין דער ווילע זענען אין צימער אַריינגעפלויגען ראַשעל און בריגיטאַ.

— ליבינקע, גוטע מוהמע אַנאַ, האָבען זיי ביידע איהר געבעטען, חי קליינע מיידעלעך — איהר זאָלט אונז ניט ענטזאַגען, שפּיעלט אונז אַ קאַדריל, מיר וועלען טאַנצען, מיר האָבען שוין אַזוי לאַנג ניט געטאַנצט! אַ צייט ניט געטאַנצט, שוין צוויי וואָכען!

אַנאַ, א צופריערענע, וואָס די פלימעניצעס האָבען נים בע־מערקט איהר צוטראָגענקייט, האָט זיך נים געלאָזט לאַנג בעטע און איז אַוועק אין זאַל. וואו ס'האָבען זיך פאַלד דערהערט די קלאַנגען פון אַ קאַדריל אויפ'ן מאָטיוו, „מיר אַלע בעגעהרען די ליעבע”.

.XIV

דער אבמאך אין קעלער אנטקעגען דעם אבמאך אין צווייטען עטאזש.

אין דערזעלבער צייט, ווען די יונגענד בײַ גרונימוסעז אין זאַל האָט געטאַנצט קאַדריל, פאָלקע און וואַלסען בײַ די קלאַנגען פון פיאַנאַ, האָבען זיך עטליכע קלאַפּטער אונטער דער פאָר־לאָגע, אין קעלער, אונטער דעם שטיינערנעם, שטארק פערויכער־טען געוועלב, זיך געלאָזט הערען גאָר אַנדערע מיני קלאַנגען. אין קעלער, צווישען דעם מישמאַש פון פעסלעך, צעבערס, פילטרען שטויסלעך, קעסלעך, מעסטלעך. פלעשעלעך און גלעזלעך, אויף דער ציעגעל־פּאָדלאָגע אויף עפּעס ברודיגס און הארטעס, וואָס האָט זיך פונדעסטוועגען אָנגערופען מאַטראַץ איז געלעגען אַ געזונדטער יונג מיט אַ אָקסען קאָפּ, מיט א רונדען רויטען פנים, וואָס האָט גע־גלאַנצט פון שווייס, מיט ברייט אויפגעעפענטע פייכטע אויגען וואָס זענען, דוכט זיך, גרייט געווען אַרויסצושפּרינגען פון זייערע לעבער. לויט דער רחבות, ווי ער איז געלעגען אויסגעשפּרייט און דעם ברייטען שמייכעל, וואָס האָט זיך געצויגען פון די ווינק־לעך פון מויל ביז די סאַמע שלייפען, בעדעקענדיג דאָס גאַנצע פנים, און אין דעם אויך די גרויסע פליישיגע נאָז, איז קענטיג געוועז, אז דער יונג האָט זיך איצט געפונען אין דעם גליקלי־כען צושטאַנד, וואָס נים יעדעם אָנגעזויפטען דייטש דאָס רעכט צו זינגען פון געטהע'ס „פויסט”:

„מיר איז קאַניבאַליש וואויל”.

דער יונג אָבער, חאָטש ער איז געווען א דייטש, האָט ער נים געזונגען פון „פויסט”, נור אַרייַנשטעקענדיג די הענד אין זיינע געדיכטע, אויפגעשויבערטע און ביז עקעל אָנגעשמירטע בלאָנדע האָהר און קלאַפּענדיג טאַקט מיט די שטיוואלעס אָן דער הילכי־

נער דעק פון אַ לײדינער פּאַס, װאָס איז בײַ זײַנע פּיס געלעגען, האָט ער געזונגען משונה'דיגע

אָ, טאַנענבוים, אָ. טאַנענבוים,
װי גרין זינד דײַנע בלעטער;
דו בליהסט צו יעדער יאַהרעס צײַט
אונד אויך בײַ יעגליכעם װעטער
אָ!!! טאַנענבוים!"

— דו װעסט אויפהערען, דו פערפלוכטע דײַטשורע?— האָט געשריען קאַרפּעל, װאָס איז געשטאַנען אויף די קניה מיט פערקאַטשעטע אַרבעל, אין אַ לעדערנעם שירץ בײַ דעם אײַזערנעם אײַװעלע און האָט אין אַ קעסעל געקאָכט עפּעס אַ פליסיגקײַט. — שלאָף דאָרט, אַז דו האָסט זיך אָנגעזויפּט, װי אַ שװײַן, און בּומקע ניט.

חאַ, חאַ, חאַ! – האָט זיך יענער צולאַכט, האַפּענדיג זיך פאַר די זײַטען און האָט װײַטער „געבּומקעט".

— קאַרל!—האָט קאַרפּעל אויסגעשריען נאָך שטרענגער— איך שװעהר דיר, אַז איך װעל דיך אָבבריהען מיט די זודיגע. עס דרעהט מיר אַזוי אויך דער קאָפּ גאַנץ גענוג, און ער האָט זיך נאָך צװונגען דאָ מיט זײַנע הינטישע ליעדער.

קאַרפּ'פּכען!—האָט קאַרל אָבגעענטפערט—נאָט גרים דיך, קלײַנעס, שװאַרצעס, משוגע'נעס קאַרפּפּכען. און ער האָט זיך װידער צושריגען:

„דער קאַרפּפען איזט אײַן פיש.
אײַן פויגעלײַן—דער שפּאַטץ;
געדעקעט איזט דער טיש,
ניכט בלײַבע אויס, מײַן שאַטץ!"

— אַך, דו װעסט זיך נאָך זידלען, האָט גע'כעסט דער גוטער נור היציגער קאַרפּעל, װאָס האָט געמײַנט, אַז קאַרל האָט עס אויסגעזונגען זעהר אַ בעלײדיגענדעס ליעדעל װעגען איהם, איך װעל דיר שוין װײַזען, װאָס פאַר אַ פיש איך בין! איך װעל דיר שוין אַ פּעפּער טהון!

ער האָט געלאָזען דעם קעסעל, איז צוגעשפּרונגע צו קאַרלען, האָט זיך אויף איהם אָנגעװאָרפען און גענומען איהם קלאַפּען. קאַרל האָט געשריען, זיך געשלאָגען, געביסען, געדראַפּעט. נור, צולעצט, װען ער איז אָבגעשװאַכט געװאָרען,

האָט ער אָנגעהויבן מחילה בעטען.

— נו, וואָס, דו וועסט „בוסקען“ און זירלען זיך, האַ? — האָט געפרעגט דער צובייזערטער קאַרפעל, וואָס האָט דעם שכור געשלאָגען, וואו ער האָט נור געטראָפען.

— נענוג נו, קאַרפּכען, קאַרפּישינקע, — האָט קאַרל געקרעהט, שיער ניט דערשטיקט אונטער דעם שווערען דיקען ווינגיסער. איך וועל שוין ניט מעהר—נייִן!

— זעה ניר,—האָט קאַרפעל אָנגעזאָגט, אויפהייבענדיג זיך פון מאַטראַץ,—אַ ניט. וועל איך דיך ווייטער אָנקלאַפּען און כ׳וועל דיך בינדען אַזוי ווי אייערנעכטען.

דער דייטש האָט שוין מעהר ניט גערעוועט, נור ער האָט אָנגעהויבען צו שלוכצען, און ר׳האָט אַזוי געשלוכצעט ביז ער איז שטאַרק איינגעשלאָפען. קאַרפעל האָט דעם שלאָפענדען צוגעדעקט מיט אַ פעלץ, כדי ער זאָל זיך ניט פערקיהלען אין דעם קאַלטען און פייכטען קעלער.

קאַרפעל און קאַרל זענען שוין פון לאַנג אָן געוועזען גרויסע גוטע פריינד. זיי זענען געווען אַזוי צו זאָגען שול־חברים אין דעם ערלערנען די וויינעריי־קונסט אין ריגאַ. חאָטשי קאַרל איז געווען עטוואָס געבילדעט און האָט עטוואָס געוואוסט פון חעמיע און דעריבער האָט ער פיעל בעסער פערשטאַנען די וויינעריי, ווי דער אונוויסענדער קאַרפעל, וואָס האָט דעם פאַך דערלערנט נור פּראַקטיש. און חאָטשי ער האָט ביי זיין בעל־הבית אַ וויינהענדלער אַ דייטש, בעקומען דאָפּעלט אַנטקעגען קאַרפּלען, פונדעסטוועגען איז ער דאָפּעלט אָרימער געווען פון איהם. וואָרוּם, אַלס בחור און מיט אַ תאוה צו שכרות, פלעגט ער זיין פערדיענסט אויסברענגען לייכטזינינג און אָהן אַ תכלית, ר׳האָט זיך קיינמאָל ניט געזאָרגט וועגען דעם מאָרגען, ווערהענד דער ניכטערער קאַרפעל און אַ פאַמיליען־מענש האָט יעדע קאָפּיקע פון זיין קאַרגע געהאַלט אויסגעגעבען פאָרזיכטיג און שטרענג אויסגערעכענט, וויסענדיג, אַז ווען די קאָפּיקע וועט אויספעהלען, וועט אויסקומען צו הונגערן איהם און זיין פאַמיליע. אויף די גוט־הערציגקייט פון ר׳ משה גרינימוס האָט ער זעהר ווייניג געהאָפט, וואָרום ר׳ משה גרונימוס האָט ניט ליעב געהאַט צו טראַכטען וועגען דער לאַגע פון זיינע משרתים. דאָס געהאַלט, וואָס די רעצטע בעקומען, האָט ער גע־

רעכענט, אַז ניט זיי פֿערדינען עס מיט זייער מיה, און דעריבער קומט עס זיי, נור עס איז אַ נדבה, אַלזאָ איז ער שוין נעניג גוטהערציג דערמיט. וואָס ער גיט זיי אַרויס, וויפֿיעל עס איז אָבגערעדט, ד. ה. וויפֿיעל ער האָט בעשטימט לויט זיין איינזעהן. דער ניט־אויסגע־רעכענטער קאַרל וואָלט אינגאַנצען פֿערפֿאַלען געוואָרען ביי זיין שכרות אין הולאַנקעס, ווען ניט קאַרפֿעל, וואָס האָט זיין חבר גע־שטיצט מאָראַליש און מאַטעריעל, ר'האָט איהם אַמעגליכסטען אָבגעהאַלטען פֿון משוגעת'ן, האָט איהם געשיצט פֿון זיך זעלבסט, פֿלעגט איהם צו זיך נעהמען אין הויז, ווען ער פֿלעגט אָנוועהרען אַ שטעלע, פֿלעגט שלום מאַכען צווישען איהם און דעם בעל־הבית אין אַכמונג געבען אויף איהם בעת אַ קראַנקהייט. קאַרל האָט אָנערקענט, וואָס פֿאַר אַ גוטען מלאך ער האָט אין דעם „קליינעם, שוואַרצען קאַרפֿלען" און האָט איהם ליעב געהאַט, ווי אַ ברודער. אַזוי איז צווישען די צוויי ווינערס געוואָרען זעהר אַ שטאַרקע, צאַרטע פֿריינדשאַפֿט. עס פֿלעגט קיין איין טאָג ניט אַריבער, אַז זיי זאָלען זיך ניט זעהן, לפּחות, צוויי־דריי מאָל: אַמאָל זיצט קאַרל ביי קאַרפֿלען אין קעלער, און אַמאָל קאַרפֿעל— ביי קאַרלען אין קעלער. יום-טוב צייט אָדער ווען אין קעלער איז ניט געווען קיין שנעלע אַרביים, פֿלעגען זיי זיין צוזאַמען. נור אַז קאַרל פֿלעגט זיך אָנשכורן און אָנהויבען צו טומלען אָדער שטערן קאַרפֿלען אין דער אַרבייט, פֿלעגט דער לעצטער איהם שלאָגען און איינשטילען מיט אַלע מיטלען, זאָגאַר מיט שטריק—און קאַרל פֿלעגט עס אָנ־נעהמען, אַז אַזוי דאַרף עס זיין, האָט דערפֿאַר קיינע פּרעטענזיעס ניט געהאַט און פֿלעגט זאָגאַר בעדאַנקען זיין חבר פֿאַר זיין „בע־זאָרגען זיך" וועגען איהם.

— אַ דאַנק, ברודער,—פֿלעגט ער זאָגען, אויסניכטערנדיג זיך און אויסהערנדיג קאַרפֿעלס ערצעהלונג, ווי אַזוי ער האָט איהם בערוהיגט—דו זאָלסט מיך, ווי עפּיס, וואָס שטאַרקער בינדען, וויייל איך בין אַ מנוול, איך ווייס אַליין. ווען דו וועסט אויף מיר ניט אַכטונג געבען, איז ווער וועט אַכטונג געבען? איך בין דאָך איינער אַליין אויף דער וועלט.

אין דעם דאָזיגען אָווענד איז קאַרל געווען ביי קאַרפֿלען אין קעלער ניט מיט אַ געוועהנליכען וויזיט, נור וועגען אַ ענין. דער

פֿיין איז געווען. וואָס צווי פּעסלעך ווײַן זענען אַזוי קאַליע געמאַ-
רען, אַז קאַרפּעל האָט זיך מיט זיי געעסק'ט פֿון סאַמע פֿריה-
מאָרגען, האָט פּראָבירט אַלע בעוואוסטע מיטלען, האָט אויסגע-
בראַכט אַ סך שפּירט. זויערס אין ד. גל.—און אַלץ אומזיסט: דאָס
ווײַן איז צומישט, זויער און דער קאָליער איז עפּעס אַזאַ טאָרנער.
אַ חאָטש וואַרף עס אַרויס. און דעריבער האָט ער אויף אַ קאָנ-
סיליום אַרויסגערופֿען זײַן מעהר געניטען חבר. דער חבר האָט אויך
לאַנג מיט'ן קאָפּ געאַרבײַט, האָט פּראָבירט פֿילטרירען, זידען, מיט
קויהלען, געשטויסענע צוקער און ז. ח. און אַלץ אומזיסט. ענדליך
איז ער אויפֿגעפֿלויגען צו זיך, האָט געכאַפּט זײַן בוך, געזוכט
עפּעס אין גיכער בירט—און אין אַ קאַרגע שעה אַרום האָט מען
שוין בעקומען אַ גאַנץ גוטען גלאָז ווײַן. הוראַ! האָבען די ווײַנערס
אויסגעשריען, און פֿון פֿרייד האָט קאַרל עטוואָס אויסגעטרונקען,
איז שכּור געוואָרען, איז צונעפֿאַלען אויפֿ'ן מאַטראַץ, האָט אָנגע-
הויבען „ביטקען". האָט ער פֿון קאַרפּלען בעקומען זײַן געוועהנ-
ליכע פּאָרציע, האָט ער געחניצעט און איז אײַנגעשלאָפֿען. און
קאַרפּעל האָט זיך ווײַטער געאַרבײַט, זינגענדיג אַ חסידישען ניגון'ל,
העלפֿען ער האָט אָהן רחמנות צוקאַלעטשעט, נור ער איז אינ-
גאַנצען זיכער געווען, אַז ער זינגט, ווי מ'דאַרף, נור ער לאָזט
דורך טרעלען, אויף וועלכע ער האָט איצט קיין צײַט ניט, און
דערצו איז ער נאָך פֿון נעכטען אָן אַביסעל הייזעריג, ניט בײַ דער
שטים.

צײַטענווײַז פּלעגט ער אויפֿהויבען דעם קאָפּ פֿון קעסיל,
אָנווענדען די אויגען צו יענעם ווינקעל, וואו קאַרל ליעגט. פּלעגט
אויפֿמערקזאַם און בעזאָרגט זיך צוהערען, צי שלאָפֿט ער רוהיג, צי
אָטעמט ער, ווײַל ער איז עפּיס איבערצײַגט געווען, אַז קאַרל וועט
שטאַרבען פּלוצלונג, פֿון אַפּאָפּלעקסיע. וואָרום „בײַ זײַן פֿולקײַט, קור-
צער האַלז און אָפּטע שכּרות קאָן עס ניט זײַן אַנדערש".

— אַ וואַרילער יונג און אַ גוטער חבר,—טראַכט ער
פֿאַר זיך,—און ס'וועט פֿון איהם גאָרנישט זײַן. וואָלט ער חתונה
געהאַט, וואָלט ער אפשר טײַשבדיג געוואָרען. נור וועלכע מיידעל
וועט עס מיט איהם חתונה האָבען? הויל, ווי אַ פֿיכטויל, און
דערצו נאָך אין חובות. און וואָס פֿאַר אַ געהאַלט בעקומט ער?
ס'וואָלט געקלעקט פֿאַר צוויי פּאַפּיליאָסעס, און ער, ווען ניט איך,

האַלט ער אָפט געהונגערט... עפּיס אַ נאָרישער עולם! מענשען גוטע, קלוגע, נור ווי אזוי צו לעבען—פערשטעהען זיי ניט. געלד האָבען זיי ליעב ניט ווייניגער, ווי מיר, אָבער געהיטען עס קענען זיי ניט, ווילען ניט. ווי נור דער רובל איז דאָ, פטר'ען זיי עס אויף אַלע נאַריטקייטען. פוי! איך שווער, אַז ס'איז ניט כדאי צו בעדויערן זיי, ווייל זיי אַליין בעדויערען זיך ניט.

נור ער קאָן כוויזענד מאָל שווערען, אַז ס'איז ניט כדאי צו בעדויערן, און ער בעדויערט קאַרל'ן פון גאַנצען הארצען. און דער ווײלע טראַכט ער זאָגאַר פון דעם, ווי אזוי מאַכט מען עס, אַז בעת קאַרל וועט בעקומען די שכירות זאָל ער זיך קויפען אַ פעלצ'יל, אום ער זאָל ניט פריהרען אין זיין צוריסענעם פּאַלטאָ און זאָל זיך ניט פערקיהלען, וואָרום אויף דער גאַס וועגען שוין פרעסט.

אַרום צעהן דעם זייגער אין אָווענד האָט זיך דורך דער בהיר אין כטעליע אַראָבגעלאָזט אין קעלער דער פריקאַזשציק מאָטקע.

— וואָס איז ביי דיר אזוי פינסטער?—האָט ער געפרעגט, אַריינפאַלענדיג אין פינסטערן קעלער, וואָס האָט זיך עטוואָס נור בעלויכטען פון דער הייצענדער אייווען. פאַרוואָס צינדסטו ניט אָן קיין לאָמפּ?

— איך האָב ניט בעמערקט, אַז זי האָט זיך אויסגעלאָשען,— האָט קאַרפּעל געענטפערט און האָט זיך גענומען פאַר'ן לאָמפּ וואָס איז געשטאַנען אויף אַן אומגעקעהרטען פעסיל. — וואָס איז, איהר פערשליעסט שוין דעם מאַגאַזין?

— ניין,— האָט דער פריקאַזשטיק געזאָגט, האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ קעסטעל און האָט פערדרייט אַ פּאַפּיראָס, — איך האָב זיך עס נור אויף אַ ווײלע אַרויסגעריסען, דורכצושמועסען מיט דיר וועגען אַ ענין. לאָז אָב אַ ווײלע דיינע קעסלעך! האָט ער אַ געשריי געטהון, זעהענדיג, אַז קאַרפּעל האָט אָנגעצונדען די לאָמפּ און האָט זיך ווידער גענומען פאַר זיין אַרבייט. זעץ זיך און הער. ס'איז זעהר אַ וויכטיגער ענין.

קאַרפּעל האָט פון קעסיל אַריבערגעגאָסען אין אַ פּאָרצעלאַ-געם שיסעל און האָט עס איבערגעדעקט מיט אַ בויגען פּאַפּיער, האָט צו דעם אָרט, וואו מאָטקע איז געזעסען, צוגערוקט אַ האָלץ אויף דער פּאָדלאָגע און האָט זיך אויף דעם געזעצט, אַרומנעהמענ-

דינג די קניה מיט די הענד, אום אויפצוהאַלטען די גלייכגעוויכט.

— נו, רייד, איך הער.—האָט ער געזאָגט, אויסשטעלענ-דיג אויף דעם פּריקאַשציק זיינע גרויסע, גוטע אויגען.

— ביי אונז איז דאָ גרויסע נייעס צו הערן,—האָט ער אָנ-געהויבען, לאַנגזאַם שאָקלענדיג זיך און גלעטענדיג זיינע קניה.

— נייעס? — האָט קאַרפּעל געפרעגט און זיינע אויגען האָבען זיך נאָך ברייטער אויפגעעפענט.

— זעהר גרויסע און וויכטיגע. די בעלי-בתים וועלען אָב-שטעלען דאָס געשעפט.

— אָבשטעלען דאָס געשעפט! — האָט אויסגעשריען דער איבערראַשטער קאַרפּעל, אַראָבלאָזענדיג זיינע קניה פון די הענד, אז ער איז שיער ניט אַמגעפאַלען.—ווער האָט עס דיר געזאָגט?

— קיינער ניט, נור איך האָב דען אליין קיין אויגען ניט? איך זעה אליין.

— וואָס זעהסטו פאָרט?

— איך זעה, אז זיי האָבען דעם מאַגאַזין אָבגעלאָזט פון די הענד, קוקען אַריין אַהער נור אויס רגילות, בעווייזען נור די נאָז און געהען אַוועק, אין דעם גאַנצען טאָג פיהרט מען זיך אַרום מיט מעקלערס און מיט מלוה'ס.

— איז וואָס? מכתבא, זענען זיי נעגויטיגט אין געלד צו שיקען קיין ריגאַ אָדער קיין וואַרשוי.

— די מעשה איז אָבער, וואָס זיי שיקען גיט ניט קיין ריגאַ און ניט קיין וואַרשוי, חאָטשי ס'האָט זיי שוין געלד אָנגעטראָגען גאַנצענע זעק. אַ סך נויטיגע אַרטיקלען האַלטען שוין ביים סוף, אַ סך זענען שוין אינגאַנצען אויסגעגאַנגען, און מען שרייבט ניט אויס קיין נייע טראַנספּאָרטען. איך זאָג זיי אָן אַלע טאָג, אז דאָס איז ביי אונז ניטאָ, דאָס וועט באַלד אויספעהלען. קינים קומען, פרעגען וואָס, זענען בייז, ווען מ'גיט זיי ניט, וואָס זיי פערלאַנגען, איינער אַ פאָלקאָווניק האָט מיך נעכטען אויסגעזידעלט זאָגאר, וואָס ס'איז ניטאָ קיין באַליק — און וואָלט עס זיי גאָר געאַרט! ס'איז קלאָהר, אז צו ניי-יאָהר וועלען זיי דאָס געשעפט אינגאַנצען פער-מאַכען אָדער זיי וועלען עס וועמען איבערגעבען.

— וייסטו ניט, פאַרוואָס פערמאַכען זיי דאָס געשעפט? גע-ווים, ברענגט עס זיי גרויס שאָדען?

— וואָס פֿאַר אַ גרויס שאָדען? מיר פֿערקויפֿען דען מיט אַנווערער? אויף אַלע יודען געזאָגט געוואָרען אַזאַ געשעפֿט. ווי אונזערס.—

— פֿאַרוואָס זשע פֿאָרט ווילען זיי עס פֿערמאַכען? ווער לאָזט עס אַ פּרנסה?

— מיין סברא איז: זיי וועלען עפֿענען אַנ'אַנדער געשעפֿט, עפּיס אַ אַנגרא לאַגער צי וואָס.

— דאָס איז דיין השערה אָדער דו האָסט עפּיס געהערט?

— אי איך שטוים מיך אָן אי איך האָב עפּיס געזעהן. אונזער נראָבע פֿיהרט אַלץ די מעקלערס איבער די שטאַהלען און מעה'ט אַלץ: „אַ סקלד”, אַ „סקלאַד”, וועט עס אַ פּנים זיין טאַקי אַ סקלאַד. און איבריגענס, וואָס וענען מיר מחויב דעם קאָפּ צוברעכען דערויף, וואָס זיי זעלען טהון? מיר דאַרפֿען טראַכטען וועגען דעם, וואָס מ י ר זאָלען טהון.

אין דער ווייל האָט זיך פֿון מאַטראַץ אין קעלער דערהערט אַ שווערער הויסט.

— ווער איז דאָ?—האָט מאַמקע אומרוהיג געפֿרעגט, אויפֿשפּרינגענדיג פֿון אָרט.

— דאָס איז קאַרל. ער איז שכור, ער שלאָפֿט. קאַרל, דו שלאָפֿסט?

קיין ענטפֿער איז ניט געווען.

— ער שלאָפֿט שטאַרק,— האָט קאַרפּעל אַרויסגעזאָגט און האָט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד אין דער זייט, וואו דער מאַטראַץ איז געלעגען. ווי געזאָגט: מיר קאָנען ריידען ווייטער.

— וואָס זאָלען מיר טהון?—האָט דער פּריקאַזשטשיק געפֿרעגט בערויהיגט און זעצענדיג זיך אויף זיין אָרט.

— כ'ווייס וואָס—מיר'ן מאַכען אַ געשעפֿט.

— מיט דריי הונדערט רובל?

— און דיינע דריי הונדערט? מיר וועלען דאָך זיין שותפים?

— אונטער דער פֿירמע: „אביון עט דלפֿון”?

— מיר'ן האָבען קרעדיט.

— מיר'ן האָבען קרעדיט, אַז מיר'ן האָבען אַ געשעפֿט. און מיט זעקס הונדערט רובל עפּענט מען ניט קיין געשעפֿט: דאָס גאַנצע געלד וועט אַוועק אויף אַ וואוינונג און פּאַטענטען.

— וואָסוּשע זאָלען מיר מהון?—האָט שוין קאַרפּעל געפרעגט.

— פאַראַטען מאַכען,—האָט מאָטקע אַרויסגעזאָגט קורץ, שטיל און געהיים, אָנבויגענדיג זיך איבער'ן אויער צו קאַרפּלען, וואָס איז ביי זיינע פּיס געזעסען.

— פאַרראַטען?—האָט יענער געפרעגט, נים פערשטעהענדיג, פאַרוואָס האָט עס מאָטקע די לעצטע ווערטער אַרויסגעזאָגט געהיים און מיט אַ וואונק.—וואָס פאַר אַ פאַרראַטען?

— פאַרראַטען פון משקאות,—האָט מאָטקע אַרויסגעמורמעלט שטיל איז נאָז און האָט פערקנייטשט דעם שטערן.

— דו זאָגסט דאָך אָבער, אז דאָס געלד וועט קלעקען נור אויף אַ וואוינונג און פאַטענטען. אויף וועלכע געלד וועלען מיר עס איינקויפען משקאות?

— און וואָס איז דאָס?—האָט מאָטקע געפרעגט, אָנווייזענדיג מיט דער האַנד אויף די פעסער וויין און פלאַשען מיט פערשיעדענע משקאות דאָ אין קעלער.

די שטימונג פון דעם תמואַטען ווינער איז אַלץ גרעסער געוואָרען.

— איך פערשטעה נים וועגען וואָס רעדסטו,—האָט ער אָפענהערציג געזאָגט צו זיין חבר, וואָס זיין פנים האָט איצט בעקומען אַ בייזען און גרויזאַמען אויסדרוק.

— דו פערשטעהסט נים, וויל דו בינסט אַ גרויסער קאָפּ.

— רייד קלאָרע דבורים, וועל איך פערשטעהן.

— הענד האָסטו?—האָט דער פּריקאַזשטשיק אָנגעהויבען אַ הסברה.

— כ'האָב.

— און פלאַשען מיט וויין זענען דאָ?

— דו זעהסט דאָך, אז ס'איז פאַראַהאַן.

— איז נעהם די פלאַשען אין די הענד—וועלען ביי אונז פיין פאַרראַטען,—פערשטעהסטו, יונגערמאַן, וואָס מען רעדט צו דיר?

— מה... אזוי גאָר!—האָט דער ווינער ענדליך פערשטאַנען און גענומען קראַצען די פּאַטיליצע. — נור דאָס איז דאָך אָבער, דוכט מיר, אַביסעלע יענע...

— גנבה, כּינסטו? קיין שום גנבה. דו פערשטעה מיך נור גוט. מיר אַרבּייטען, ווי די אָקסען, צו זעכצעהן שעה אין מעת-לעת, פון 7 פריה ביז 11 בּיי-נאַכט. און אַז ס'זענען דאָ אַ סך קונדען, זיצען מיר נאָך שפּעטער, ביז 2--3 דעם זייגער נאָך האַלבּער נאַכט. אַפילו שבת אין יום-טוב זענען מיר אויך ניט אינ-גאַנצען פריי: ווי נור נאָך הבדלה עפענען מיר שוין דעם מאַגאַזין און מיר זיצען כּמעט אַ גאַנצע נאַכט. מיר האָרעווען, און וואָס פאַר אַ געהאַלט גיבען זיי אונז. פאַר אונזער גאַנצער מיה?

— אַ גאָרנישט, וואָס קלעקט נור אויף בּרויט, און ווען ניט אַזאַ זעלטענע בּעל-הבּית'טע, ווי מיין יענטיל — זאָל געזונד זיין — האָלט אויף בּרויט אויך ניט קלעקען, וואָרום ס'איז דאָך אַזאַ יקרות.

— אָט זעהסטו, — האָט דער פּריקאַזשטשיק זיך צוהיצט, צו-פריעדען, וואָס דער תמאַוואַטער ווייבער האַפּט אונטער זיין גע-דאנק. — וואָס בּינסטו ערגער פון קאַרל'ן? און וואָס פאַר אַ געהאַלט בּעקומט ער, און וואָס דו? ווען ער זאָל ניט שכּורן, וואָלט זיין בּעל-הבית ניט געקאַרגט פאַר איהם אויך אַ גרעסערע געהאַלט. אַ, ווען דו זאָלסט געוועזן דינען בּיי פריימנער'ן, וואָלט ער דיך אויף די הענד געטראָגען און דו וואָלסט אַרומגעהן אין גאָלד, וואָרום דו בּינסט ניט קיין שכּור, אַנ'אַרבּייטס-יונג און פערשטעהסט דיין פאַך. זאָג מיר אָבער, וואָס פאַר עהרע האָסטו פון ר' משה גרונימוס און פון זיין דיקער שרה רבקה?

— וועגען דעם איז אָבגערעדט, — האָט דער ווייבער געזאָגט, אַ מאַך געבּענדיג מיט דער האַנד, — אַ שמאַטקע בּין איך בּיי אים, איך ווייס עס דען ניט?

— נו, זעהסטו, — האָט דער פּריקאַזשטשיק צוגעגעבען, פער-רוכערסנדיג ווידער אַ פּאַפּיראָס, — מיר האָבען אַזוי פיעל יאָהרען זיך בּגעדיענט, ניט דערשלאָפען, ניט דערעסען, און וויפיעל האָבען מיר פאַר דער צייט, גראָשען צו גראָשען אָבגעשפּאָרט אויף אַ שלעכטע צייט? סך-הכּל צו דריי הונדערט רובּל, איז דאָס אויך ניט פון אונזערע שכירות — אינזערע שכירות קלעקט קוים צום לע-בען — נור בּיי דיר פערדיענט דיין יענטיל אויך פון נייהען און האַפּטען, און איך האָב מתנות פון קונדען, וועלכע איך שטעל צו-ריערען און שטעה אויס זייערע גראָבּהייטען, זייער שפּיי אין פּנים און פּעטש זאָגאַר, וואָרום וואָס קאָן מען מסכּן מיט אַ שכּור?

פע־שווייגנם מען, און אויף מאָרגען גלעט ער דיך איבערן פּלייצע און שענקט אַ רובל, ר'איז דאָך אַ פּריץ, ניט פון בייז האָט ער דיך בעליידיגט, נור אַזוי גלאַט, אין זשעבאָס, פון פרייד, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען. אַ רובל צו אַ רובל—האָב איך אָנגעקליעבען דריי הונדערט רובליאָקעס. אָבער ווען ניט די זייטיגע פערדיענסטען, איז זאָל רב משה מאָרגען פערשליעסען דעם מאַגאַזין, וואָלטען מיר מאָרגען גלייך בעדאַרפט די ציינער לעגען אויפ'ן פּאָליצע. איז עס אַ יושר?

— וואו איז דאָ יושר! — האָט דער ווייגער אַרויסגעזאָגט, ציהענדיג מיט די אַקסלען.

— נור ס'איז דאָ אויף דער וועלט אַ גלייכוואָרט: „אַז מען גיט ניט, וואָס ס'קומט, נעהמט מען אַליין מיט אַ פּראָצענט נאָך“. דאָס איז איינס. און צווייטענס, אַז דאָס געשעפט בײַ אונזערע וועט ווערען ליקווידירט, וועלען זיי אַלע רעשטלעך פון די סחורות, אָבגעבען, געוועהנליך, פאַר אַ גאָרנישט. איז פרעג איך דיך: צו וואָס זאָלען זיך דערמיט בענוצען זייטיגע, פרעמדע לייט, און ניט מיר? מיר האָבען דאָך דערויף געהאָרעוועט! און וואָס בעטרעפט פאַר אַזעלכע גבירים אויסצולייזען בײַ דער ליקווידאַציע מיט אַפּאָר־צעהנדליג רובל מעהר אָדער ווייניגער? גאָרנישט. דער רוח וועט זיי ניט נעהמען! זיי וועלען ניט אָרעם ווערען.

— אַך, זאָלסטו... האָט קאָרפּעל אַרויסגעזאָגט מיט אַ שמייכעל און האָט פריינדליך אַ פּאַטש געגעבען אויפ'ן קניה דעם פריקאַזשטשיק דעם אייניידער. אַנ'אַבתר שטן איצר־הרע, דו רעדסט, ווי אַ מזמור. גערעכט בינסכו, מיר וואָלטען אין בית־דין אויך אויסגעשפּיעלט. נור... איך וועל זיך אַפריהער מישב זיין מיט מיין פרוי.

— ע, וואָס איז דאָ פאַרהאַן וואָס צו מישב זיין זיך,—האָט מאָטקע זיך צוקניטשעט און האָט געמאַכט אַ אומגעדולדיגע בעוועגונג.— אַ יודענע פערשטעהט אַ סך.

— אָ, מיין יענטיל,—האָט קאָרפּעל זיך אָנגענומען פאַר זיין פלונית. מיין יענטיל איז ניט עפּים אַזוי אַ יודינע.

— ס'קאָן זיין, אַז זי איז ניט ווי אַלע,—האָט דער פריקאַזשטשיק נאָכגעגעבען זיין חבר, וואָס האָט אַזוי געשעצט זיין פרוי,— נור אין קאָמערציע פינדעסטוועגען פערשטעהט זי גאָרנישט, ווייל ס'איז ווייבערשער שכל. די קליגסטע יודענע איז אַנטקעגע

אַ מאַנזביל אַ קינד, אַ קליין קינד. דעריבער האָסטו ניט וואָס צו ריידען מיט יענטלען, בעסער אַז דו זאָלסט איהר גאָר ניט זאָגען וועגען דעם. דו האָסט אַליין קיין שכל ניט?

— דו ווייסט אָבער, — האָט קאַרפּעל געשטאַמעלט, קראַצענדיג דאָס בערדיל,—ס'איז דאָך פאָרט עפּיס אַ שרעק.

— וואָס איז די שרעק? ס'איז איצט ביי אונז אַזאַ גערודער, אַז ס'וועט נאָרנישט ניט בעמערקען.

— און... דער יושר.

— דאָס איז אַ קלייניגקייט, איך נעהם די עבירה אויף זיך.

— אויף זיך טאַקי?

— אינגאַנצען אויף זיך.

— עהרענוואָרט?

— איך זאָג דאָך דיר, איך נעהם די עבירה אויף זיך. וואָס נאָך ווילסטו? איך זאָל דיר ביי אַ ספר-תורה שווערען אָדער איך זאָל דיר אַ כתב אַרויסגעבען?

— נו, אויב אַזוי,—האָט דער וויינער געזאָגט מיט אַ בערוהיגטען געוויסען,—איז דו פאַראַנדיר, און איך וועל אַלץ טהון, וואָס דו וועסט מיר הייסען. נור געדענק, אַז די עבירה איז אויף דיר.

— אויף מיר, אויף מיר! האָט מאָטקע געשריען, אוממאַכענדיג מיט די הענד. איך זאָג זיך ניט אָב פון מיינע ווערטער. און וואָס זאָל איך דיר טויזענד מאָל איבערקייען איינס און דאָס זעלבע? לאָמיר בעסער בעטראַכטען, ווי מאַכט מען עס אַלץ אין דער שטיל. ווייל איך וויל זיך אויך ניט אַריינכאַפּען: מ'זאָל מיך רופען גנב און שלעפּען אין פּאָליציי. אויף יענער וועלט וועל איך שוין ווי ס'איז פערענטפערן זיך, און וועט מען שמייסען, איז אויך קיין ביז ניט: וועמען שמייסט מען דאָרט ניט? קיין איין מענש איז ניטאָ אָהן אַ עבירה. אָבער אויף דער וועלט דאַרף מען זיין אָבגעהיט, ווייל אויף דער וועלט האַפּען זיך אריין נאַראָנים נור, און מאָטקע האַלט זיך ניט פאַר אַ נאַר. ניב דו אָקאָרשט אַן עצה, ווי אַזוי מאַכט מען עס, אַז פּאָרראַטען זאָלען ביי אונז זיין און מיר זאָלען זיך ניט אַריינהאַפּען.

קאַרפּעל האָט געצויגען מיט די אַקסלען.

— ביי מיר פרעג בעסער ניט. וואָס בין איך? אַ וויינער, איך האָב מיין זאַך, און ווייטער פערשטעה איך גאָרנישט. ווי קום

איך עצות צו געבען! דו האסט די גאנצע זאך אויפגעטהון, זיין שוין דו דער בעל-יועץ.

— איך האב עס געוואוסט, אז איך וועל פון דיר אזא ענט-פער בעקומען, — האט דער פריזשאטשי ארויסגעזאגט צופריעדען, אנערקענענדיג, ווי קלינער ער איז פון דעם תמאוואטן ווייגער.— נור דו קאנסט רוהיג זיין, איך האב שוין געטראכט פאר מיר און פאר דיר, ווי און וואס מען דארף. הער נור! דו ווייסט אט די אייזערנע שטאקעט? — האט ער געזאגט, אנווייזענדיג אויף א גראט-קע, דורך וועלכער ס'האט אין קעלער קוים אריינגעדרונגען ד טאג-שיין.

— כ'זעה.

— זי עפענט זיך אויף?

— נים ז, נור די האלצערנע ראהם עפענט זיך.

— א פלאש געהט דא דורך?

— האטשי טויזענד.

— איז וואול. אהינטער דער גראטקע איז א הויפעל פון אן'ארימער אלמנה פון א בעטלער, א טויב-שטימע. ביי איהר איז דא א נטער קעלער, וואס איך האב שוין אבגערונגען פאר א סקלאד פאר אינזערע משקאות.

— שוין אבגעדונגען? — האט דער ווייגער זיך געוואונדערט.

— אט איז דער שליסעל פון איהם. יא, ביי-נאכט ווען אלע אין שטוב וועלען שלאפען, וועסטו עפענען די ראהם און ארויסשטעלען פלאשען, און פון יענער זייט גראטקע וועט שוין שטעהן אנגעגרייט א קעסטיל מיט היי, וואו די פלאשען וועלען גלייך איינגעפאקט ווערען.

— ווער וועט זיי עס צונעהמען און איינפאקען?

— ווער? פערשטעהט זיך, איך, און נים ר' משה גרונימוס.

— צי וועט די אלמנה נים חושד זיין עפּיס?

— זי לעגט זיך שלאפען, ווי נור אוועגד, און דערצו איז זי נאך א טויב-שטומע, זי הערט גארנישט. און בכלל וואס ארט עס איהר?

— מילא, זאל זיין, ווי דו ווילסט, — האט דער ווייגער ארויס-געזאגט שטיל און אינערליך אומרוהיג.

— דאס איבערפעקלען וועלען מיר אנהויבען פון מארגע

ביי־נאַכט,—האָט מאָטקע געזאָגט, אויפשטעהענדיג פון קעסטיל און אויסגלייכענדיג זיך. איך װעל אפריהער אָדער אריינלױפען צו דיר אָדער כ'װעל אָנקלאַפּען אין גראַטקע. צו יענער צייט זאָל ביי דיר אַלץ זיין פאַרטיג, דו הערסט? פון יעדעם זאָרט קלויב אָב צו צוויי—דריי פלאַשׁ. מיר װעלען נעהמען צו ביסעלעכווייז, ס'איז נאָך דאָ גענוג צייט...

מאָטקע האָט זיין קינפטיגען שותּף די האַנד דערלאַנגט אויף מזל און האָט געשווינדט אַרויפגעקלעטערט אויפ'ן לייטער, בעאָוגרוהיגט, צי האָבען די בעלי־בתּים ניט בעמערקט, אַז ער איז ניט אין מאַגאַזין און צי זוכט מען איהם ניט.

XV.

מאָטקע און קאַרפּעל פאַר דער נאַכט־עקספּעדיציע.

אויף מאָרגען אין אָװענד אַרום האַלב־עלף דעם זיינער איז מאָטקע װיעדער געזעסען ביים װיינער. קאַרל איז אין קעלער ניט געװען, ער איז געװען אַריינגעקומען, נור קאַרפּעל האָט איהם משלח געװען. דער פּריקאַזטשיק איז געװען אָנגעטהון, װי ביים אַװעקגעהן אַהיים, װאָרום דער מאַגאַזין איז שוין געװען געשלאָסען, די לעצטע צייט האָט מען אָנגעהויבען גאַנץ פריה צו פערשליסען דעם מאַגאַזין: די גרונימוס האָבען עפּעס אויפגעהערט צו זיצען אין געשעפט ביז האַלבע נאַכט און פלעגען זעהן בעסער פריהער אין דער־היים צוקומען.

— איך בין שוין היינט געװען דאָרט, — האָט דער פּריקאַזטשיק געזאָגט, האָט אַ גענייץ געטהון און זיך אַ ציה געגעבען.

— װאו דאָרטען? — האָט דער װיינער געפרעגט, אויסװישענדיג די הענד מיט אַ האַנדטוך.

— אין אונזער קעלער, — האָט דער פּריקאַזשציק געזאָגט, האָט געקנאַקט מיט די פינגער און האָט װיעדער אַ גענייץ געטהון, — כ'האָב דאָרטען אַװעקגעלעגט זעקס פונט צוקער אויף אַ התחלה.

— אַ גוטער סימן, — האָט דער װיינער נביאות געזאָגט, — מיר הויבען אָן מיט זיסען.

— מאָרגען, אם ירצה־השם. װעל איך אַהין אַריבערטראָגען אַ גאַנצע קעפּיל צוקער. דאָס שטעהט שוין ביי מיר צוגעגרייט פון

עטליכע טעג, און ווינקעל פערדעקט מיט אראָנזשע. די בעלי־בתים בעמערקען נים.

— הלואי.

— ביסלעכווייז, נים געאיילט, וועל איך צו זיך אריבערציהען אויך אַנדערע באַקאַלי־. דאָס וועט שוין זיין מיין זאַך. נו, און ווי איז עס מיט דיין פּאַרטיע?

— שטעהט גרייט — האָט דער וויינער געענטפערט, אָנ־ווייזענדיג אויף ד׳ פלאַשען אין א ווינקעל קעלער, פערקאָרקעוועטע, פערזיעגעלטע און מיט עטיקעטקעס, — און ס׳וואַרט אויף דעם טראַנספּאָרט.

— מיר׳ן עס טראַנספּאָרטירען, ווען די ציים וועט קומען. זאָל מען זיך נור שלאָפען לעגען. וויפיעל האָסטו אָנגעגרייט?

— א טוץ. ס׳איז נים גענוג?

— ניין, פאַר׳ן ערשטען מאָל גענוג. צו ביסעלעך, צו קאַפּעלעך. וואָס לאַנגזאַמער, איז בעסער, וואָס פאַר א זאָרטען?

— פערשיעדענע זאָרטען.

— און דער „סאַם־פּאַן" (שאַ־פּאַניער) איז דאָ?

— ווי זשע דען! דער רעכטער פּרייז זאָל נים זיין!

— פון גוטען זאָרט?

— צו פינף רובל א פלאַש וועל איך פערקויפען.

— גוט. אַך, יאָ, כ׳האָב דיר פערגעסען צו זאָגען... אין א וואָך אָדער אין צוויי וואָכען אַרום זאָלסטו קיין נאַר נים זיין און אָנזאָגען דעם בעל־הבית, אַז די וויין האַלט ביים אויסגעהן, ס׳איז שוין קנאַפּ געבליעבען, מ׳דאַרף אויסשרייבען. א נייעם טראַנספּאָרט, דאַרף מען רעכענען, וועלען זיי נים אויסשרייבען. נור דו האָסט דיינס געטהון, דערמאָנט. דערנאָך וועט מען זיך חאַפּען, אז ס׳איז ניטאָ קיין וויין, אָדער עס איז זעהר קנאַפּ, איז מען אליין שולדיג: דו האָסט ז׳אַך אָנגעזאָגט און זיי האָבען נים בעמאָהרענט. פערשטעהסט?

— נאָך ווי!

— און פאַר אונז וועט קלעקען?

— אָ־האָ, ס׳וועט אין אונזער קעלער נים אַריין. דאָ איז נאָך פאַרהאַן משקאות אויף עטליכע טויזענד רובל, אָדער מעהר. הלואי, זאָלען מיר עס אין אונזער אייגענעם קעלער פערטאָגען אין

פינף יאהר ארום, וואס ס'איז דא אין דעם איצט. אפילו ביי פרייסנער׳ן איז דא ניט מעהר, ווי ביי אונז, און ביי פרייסנער׳ן איז דאך א ווייַן-קעלער פון ערשטען ראנג.

— און די מעוגעים איז איינגעפאלען אומצוביטען אזא גאלדענע, אזא פרנסה'דיג געשעפט אויף עפּיס א נייעם, א אונבעקאנטעם וואס קאן זיין מיט שאדען — האט מאטקע אויסגעשריען, ציהענדיג מיט די פלייצעס, ווארום ער האט אויף דעם אופן פערשטאנען דאס. וואס זיינע בעלי-בתים האבען איצט אזוי אבגעקיהלט צו זייער געשעפט און פיהרען זיך ארום מיט מעקלערס. זעגען „קאנצערט" וואס גרייט זיך ביי די גרונימוסעס האט ער גאר ניט חושד געווען, און ווי אזוי האט ער עס געקאנט חושד זיין, וויסענדיג, ווי זיי זענען רעיעל אין צאהלונגען און ווי זיי זענען דערויף שטאלץ. ווען עמיצער זאל איהם זאגען, אז זיינע בעלי-בתים האבען בדעה צו מאכען א באנקראט, וואלט ער יענעם געשפיגען אין פנים און וואלט איהם אנגערופען ליגנער אדער שוטה. אזוי ווייט זענען זיינע מחשבות ווייט געווען דערפון, מיט וואס ס'זענען איבערפילט געווען זיינע בעלי-בתים, וועלכע ער האט געהאלטען פאר קארגע, פאר אומגערעכטע בנוגע צו זייערע אנגעשטעלטע, אבער כלל ניט פאר אונעהרליכע רויבערס און ניעדערטרעכטיגע, וואס וועלען זיך ערקלעהרען פאר אונפערמעגליכע, כדי אום אריינצוקריגען עטליכע צעהנדליג טויזענד רובל פרעמדע געלד. און דעריבער, ווען ר'איז געקומען צום געדאנק צו ביסלעכווייז בעגנבה'נען זיינע בעלי-בתים, ד. ה. זיין א רויבער, ניעדערטרעכטיג, האט ער זיך דערויף ניט לייכט בעשלאסען. דאס געוויסען האט איהם שטארק געפייניגט, גענאגט. ער האט עטליכע נעכט ניט געשלאפען, האט אנגעוואהרען דעם אפעטיט, איז מאגער און בלאס געווארען, האט געוואקעלט, זיך געראנגעלט, נור ענדליך האט ער זיך בעשלאסען אויף די ניעדערטרעכטיגקייט, ווייל ער האט ניט געקאנט בייסטעהן זיין ליידענשאפט צו מאניען, א ליידענשאפט, וואס איז געשטיגען פון טאג צו טאג, האט אלץ מעהר און מעהר בעהערשט זיין גאנץ וועזען און האט זיין פערשטאנד פערדונקעלט. ער האט געטראכט און איז איבערצייט געווען, אז מאניע, „דאס דאזיגע בופעטען-מיידעל און געוועזענע שאַרמאַנקע-זינגערין" — ענטזאגט זיך פון איהם נור דערפאר.

ווייל ער איז אָרעם, ר'האָט איננאַנצען קוים אָנגעקליבענע דרייַ הונדערטער. נור ווי ניר זי וועט זעהן, אַז ער פערמעגט אַ גאַנץ פּיינעם געשעפט, וועט זי מיט פריידר איהם אָבגעבען איהר האנד. וואָרום פאַרוואָס זאָל ער דאַן ניט זיין פּאַר איהר אַ פּאַרטיע? -צי-דען קאָן אַ כופעט-מיידעל, אַ שאַרמאַנקע-זינגערין וואָס האָט עסקים -מיט פריצים, רעכענען אויף אַ בעסערע פּאַרטיע? 'ס'איז קלאָהר, אַז מ'דאַרף קענען אַ „געשעפט" — און ער האָט בעשלאָסען רויס גנב'נען, זעלבסט אַ-ערקענענדיג די גאַנצע געווי-כענלאָזיגקייט, ניע-דערטרעכטיגקייט און פערברעכען פון דעם בעשלוס. אין האָט כלל ניט געגלויבט אין די אַלע תירוצים און חשבונות, וואָס ער האָט ארויס-געזאָגט דעם תמאוואַטען קאַרפּלען. דאָס האָט ער אזוי געזוגגען נור אום איינצושלעפער'ן קאַרפּעלם געוויסען. אָבער זיין אייגענע געוויסען האָט זיך פון דעם ניט איינגעשלעפערט און זיין הארץ האָט זיך אויף שטיקער געריסען. און אַז ס'איז געקו-מען די צייט אויף אויסצופיהרען זיין בעשלוס, איז ער געוועזן טרויעריג, פערפינסטערט, האָט איטליכע ווייַלע געגעניצט און די פינגער געקנאַקט אום אויפצומונטערן זיך און צו פערטרייבען די טרויעריגע מחשבות. און גערעדט האָט ער איצט ניט געהן, נור אום ניט ארויסצוווייזען זיך פאַר קאַרפּלען אין אזאַ צושטאַנד. קאַרפּעל האָט בעדאַרפט מיינען, אַז דאָס, וואָס זיי וועלען איצט טהון, דאַרף אזוי זיין, און קאַרפּעל איז אין זיינע תמימות רוהיג געוועזן, בפרט נאָך, אַז מאָטקע האָט די עבירה גענומען אויף זיך. ער האָט גאָר ניט חושד געווען, ווי זיין חבר איז געבויגען אונ-טער דער שווערער לאַסט און איז נור מאַניעס פערפיהרענדע גע-שטאַלט ערלייכטערט איהם עטוואָס די שווערקייט. אין געגענטייל. וואָלט ער זיך תיכף אָבגעזאָגט פון פערברעכען און וואָלט זיין חבר ניט דערלאָזט דערצו, און ס'וואָלט איהם אויך ניט שווער געווען, ווען עמיצער זאָל איצט אין דער ענטשליעסענדער מינוט נור אַ פּיפּס טהון דעם פּריקאַזשציק — וואָלט ער אָבגעלאָזען זיין בע-שלוס, וואָרום ער האָט ניט פון געבוירען פערמאָגט אַ נטיה צו גנבה, נור די אומשטענדען האָבען איהם אַראָבגעפיהרט פון עהר-ליכען וועג, אויף וועלכען ר'איז געגאַנגען ביז זיין ליעבע צו מאַניען.

— געדענק מיין וואָרט, קאַרפּעל, — האָט ער געזאָגט,

ארויפלעגענדיג זיין האנד דעם חבר אויפ'ן אקסל, — קיין נוטס וועט זיי ניט ארויסקומען דערפון, זיי וועלען האלז און קאפ ברעכען אין זייער נייעם געשעפט.

— איך רעכען אויך אזוי — האט דער זינגער מסכים געווען.

— אין שולדיג איז — די גראבע, זי הענגט איהם אויף, און ער פאלגט זי אין אלץ. דאס איז א אלט'ער גלייכווארט, א „וואו דאס ווייב איז די פיהרערין, איז דער שטן א טענצער". און אויף ר' מנחם פערדריסט מיך: ער איז א פעט־פאלענער.

א ווייל האט מען געשוויגען. גאטקע האט ארומגענומען דעם זינגער.

— עלף דער זייגער — האט ער ארויסגעזאגט — צוטראגענדיג דעם זינגער צום אויער — פריהער פון צוועלף קאן מען ניט, און מיר ווילט זיך אזוי שלאפען! נור פערפאלען, מ'מוז ווארטען.

ער האט פערווינקערט א פאפיראס, ר'האט זיך אנגעשפארט אויף א ווין-פעטעל דא דערביי און האט זיך פערטראכט. אין א ווייל ארום האט זיך פון זיין ברוסט ארויסגעריסען א זיפץ אדער א קרעכניש.

— וואס זיפצסטו אזוי, מאטקע? — האט קארפעל געפרעגט מיט מיטלייד.

— ס'איז דא נעניג פון וואס, — האט דער פריקאזשטשיק געענטפערט און האט א קנאק געגעבען די פינגער, — ווייניג צרות האב איך ביי מיר אין הארצען?

— וואס פאר א צרות?

— וואס? טאנקען! טאג און נאכט טראכט איך פון איהר, און זי וויל אין מיין זייט ניט קוקען. זי האט מיך שוין אויסגעטריקענט, די גולנ'טע!

— עך, שפיי אויס! — האט קארפעל געזאגט און גערגיש א מאך געטהון מיט דער האנד. — געפינען טאקי א גרויסע דאגה! ס'הייסט, אויף דער גאנצער וועלט איז דא נור איין טאנקע פארהאן. ווייניג שענע מיידלעך זענען דא אין שטאדט אויסער טאנקען?

— איך חיים, אַז ניט װעניג, אָבער װאָס טהוט מען מיטץ האַרץ, אַז עס פאָלגט דיך ניט? מיך ציהט נור צו איהר, און דו זאָלסט נור װיסען, װי אַזוי עס ציהט! דו װעסט עס ניט פערשטעהן.

— װאָס איז דאָ פאַרדאַן צו פערשטעהן? ס'איז אַ בעאױסטע זאַך: אַ מיידעל ציהט צו אַ בחור, און אַ בחור — צו אַ מיידעל. מיך האָט צו יענטלען אױך געצױגען.

— אַן ס'איז אַ שרוך געװאָרען.

— אַ דאַנק גאָט, ניר אױב ניט, װאָלט איך אױך מיינע אױגען ניט אױבגעװיינט. װאָרום װען ניט יענטל, װאָלט זיך אַנ'אַנדערע געפונען, יעדער װערט דאָך געבאָרען! מיין בעשערטער און מען רופט אױס אױפ'ן הימעל: „דער און די". איז מאַנקע דיין בעשערטע, װעט זי דיר אָנקימען, װען זי זאָל עס אפילו ניט װעלען, װאָרום געגען דעם אױבערשטענס װילען טהוט זיך גאָרנישט, און איז זי ניט דיין בעשערטע, איז װען אַפילו זי זאָל װעלען, װעט זי דיר אױך ניט אָנקומען, װאָרום מ'װעט אױבען זאָגען: ניין, קאָנסטו גאָרנישט ניט אױספיהרען. איז װאָס האָסטו דיר דאָ אַזױ דעם מח צוטריקענען און אױף די װענד קלעטערן? װאָס עס דאַרף זיין, װעט זיין.

— זי האָט מיך בכשופ'ט, די גזלנ'טע, — האָט דער פריקאַזשציק אַרױסגעזאָגט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפ, — איך װעל שװעהרען, אַז זי האָט מיך בכשופט, װאָרום איך פיהל, אַז איך ליעב זי גאָר ניט מעגליך. מיר זענען דאָך ביז איצטער געפעלען געװען פיעל אַנדערע מיידלעך. פלעגט געפעלען זיין אַ מיידעל, רעדט מען מיט איהר. פערברײנגט מען, מ'שפאַסט איין מאָל, אַ צװייטען, — און דערנאָך פערגעסט מען, אַז ס'איז דאָ גאָר אַזאַ איינע, און בעגעגענט מען זיך צופעליג, פױלט מען זיך זאָגאַר צו בעגריסען, פונקט װי מען װאָלט קיינמאָל ניט געװען בעקאַנט... און זי... ניט נור אױפ'ן װאָהר, אױף יעדעם אָרט, װאו איך זאָל ניט שטעהן און זיצען און װאָס איך זאָל ניט טהון, איז זי שטענדיג פאַר מיינע אױגען און אין מיינע געדאַנקען, נור אױך אין חלום איז נור זי און זי. און איך פיהל, אַז דאָס בלוטה זידט אין אַלע מיינע אָדער'ן און דער מח דרעהט זיך אום אין מיין קאָפּ, װי איך טהו נאָר אַ טראַכט, אַז אפשר װעט זי ניט זיין מיי-

נע! איז עס רעדן ניט אַ כשוף? דו געדענק מיין וואָרט, קאַרפּעל, אויב איך וועל מיט איהר ניט חתונה האָבען, איז... וועל איך מיט מיין טויט ניט שטאַרבען, כ'וועל זיך אַליין דאָס לעבען נעהמען.

— ביס דיר אָב די צונג! — האָט קאַרפּעל בייז אויסגעשריען, איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און האָט זיך האסטיג אַ לאָז געטהון צום פּריקאַזשטשיק, ווי ער זאָל איהם וועלען אָנשלאָגען. — הלואי, אין אַ גומע שעה צו ריידען, און אַ בייזע שעה צו שווייגען. אָט ווענען עס אַביסעל שטותים. טפוי! שעמען זיך דאַרפסטו! דו בינסט פון זינען אַראָב?

איך פיהל, אַז ס'איז שוין ניט ווייט פון דעם, — האָט מאָטקע אומעטיג און פערטרויערט געזאָגט. — דו ווייסט ניט און קאָנסט ניט וויסען, ווי טיעף דאָס מיידעל איז ביי מיר אין האַרצען! נור איך וועל דיר בעסער דערצעהלען. ביי זיי איז פאַראַהאַן אַנ'אַלטער הונד, גאָר אַנ'אַלטער, שוין כמעט אין גאַנצען בלינד און קוים וואָס ער שלעפּט די פיס. מרופט איהם פריץ. ווּעסטו מיר גלויבען, עס איז דאָך אַ בושה צו זאָגען, נור איך שווער דיר, אַז איך בין מקנא אָט דעם אַלטען הונד, ווייל ער געפינט זיך שטענדיג נעבען איהר, טרעט ניט אָב פון איהר אויף איין שריט, לעקט איהר די הענד, און זי, קענטיג, האָט איהם זעהר ליעב, גלעט איהם דעם קאָפּ, גיט איהם צו עסען פון איהרע הענד, און איך וואָלט, עהרען-וואָרט, גערן געביטען זיך מיט איהם. וואָס וועסטו זאָגען אויף דעם?

— איך וועל זאָגען — האָט קאַרפּעל געענטפערט — אַז ווען ס'זאָל איצט ניט זיין אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, וואָלט איך דיך אָבגעגאָסען מיט אַ צעבער קאַלטע וואַסער, ווארום דו בינסט אמת משוגע. אַזוי דאַרף ריידען אַ משוגענער. מקנא זיין — אַ הונד? טפוי! —

— און כארא פערדרוס עס איז! האָט מאָטקע צוגעגעבען, ניט לעגענדיג קיין אַכט אויף זיין חבר'ס בעמערקונג. — וואָלט זי מיך אָוועקגעטריבען, געזאָגט: געה ניט מעהר, איך קאָן דיך ניט סובל זיין אָדער ווי מען זאָגט עס. אַלענפאַלס וואָלט איך געוואוסט, כ'וואָלט פערקירעווען דעם דישעל, און מיט דער צייט וואָלט די שטות אפשר פערשוואונדען, איז דאָך ניין. פערקעהרט: זי איז צו מיר גוט, צוגעלאָזט, בעט, אַז איך זאָל אָפטער קומען, איז מיך

מכבד מיט איינגעמאַכטס, פרעגט זיך נאָך וועגן מיינע געשעפ־טען, גיט מיר עצות, מיט איין וואָרט, ס׳איז קענטיג. אז איהר ערווידערט ניט פון מיר. אלאָ וואָס. ווי איך מאַך נור אַ אונצוהעי־רענים וועגען התונה, הויבט זי אָן גלייך צו ריידען וועגען עפּיס אַנדערס. פרעג איך דיך, ווי דאַרף איך עס פערשטעהן?

קאַרפּעל האָט אויסגעטהון דעם הוט פון קאָפּ, האָט אַ קראַץ געגעבען די פּאַטילניצע און די שלייפען און האָט אַרויסגעזאָגט:

— איך מיין, אַז זי, די ננב׳טע, פראַוועט רמאות.

— וואָס הייסט רמאות??

— פשוט, רמאות: זי זאָגט אַזוי, און מיינט עפּיס אַנדערס. אַ פרויען זענען אַ רמאות׳דיגער עולם, דערהיפּט מיידלעך, ווען זיי זוכען אויף חתנים. מיין יענטל זאָגט אויך, אַז זיי זענען מיט רמאות. זיי דאַרף מען אַלע מאָל פערשטעהן פערקעהרט, ווען אַ מיידעל זאָגט, אַז זי האָט דיך ליעב, הייסט עס, אַז דו בינסט פאַר איר ביטערער ווי אַ רעטעך, און אויב זי שפּייט אויף דיר, וויל אין דיין זייט ניט קוקען, זאָלסטו וויסען, אַז זי צאַנקט נאָך דיר. מיט די הינטישע שטיק נעהמען זיי עס אַריין אונזערע ליי־טעלעך אין זייערע הענד אַריין, וואָרום, וואָס ס׳קומט אָן שווער, ווי אַנ׳אוצר, נאָך דעם יאָגט מען זיך, אַזוי איז שוין אונזער טבע און ס׳איז פערפאַלען.

— מה... אפשר איז דאָס אַלץ ריכטיג--האָט בעמערקט מאָטקע, וואָס האָט געוואָלט, אַז דעם ווייגערס טעאָריע וועגען פרויען בכלל און וועגען מיידלעך בפרט זאָל זיין ריכטיג,—נור ווי זאָל איך עב אָבטרעפען די מחשבות פון מיין גזלנ׳טע?

קאַרפּעל האָט אַ ווײלע געשוויגען, דערנאָך האָט ער אַ קנאַק געטהון מיט די פינגער און געזאָגט:

— אָט וואָס דו טהו, גיה אַריין צו דער טרעפערען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טרעפערין?

— אין פאָרשטאָדט וואוינט אַ פרוי, עפּיס אַ דייטשיכע, צי אַ דייטש,—וואָרום, מען זאָגט, אַז איין חדש איז זי אַ מאַנספּערזאָן, און דעם אַנדער חדש—אַ פרויענצימער, הקיצור אַ מכשפה. איז אָט די דאָזיגע מכשפה, און אפשר דער מכשף, טרעפט אַזוי אויסגע־צייכענט אויף קאָרטען, אַז זי לייענט דיר אויס, ווייסט אַלץ פון אונ־טערן נאָגעל, זאָגט וואָס איז געווען, וואָס איז איצט און וואָס

ס׳וועט זיין, פון איהר ווערט גאָרנישט פערבאָרגען, ביי דער גרעסטער רמאות.

— אַזוי גאָר?

— איך זאָג דיר אמת, איך האָב עס אַליין אויסגעפּרובט, וואָס פאַר אַ זעלטענע וויסערקע זי איז, און דאָס האָט מיך געקאָסט נור איין צוואַנציגער.

— איך וועל ניט זשאַלעווען קיין צעהן צוואַנציגער, זאָל זי מיר נור זאָגען די ווירקליכקייט, וואָס טראַכט מאַניע וועגען מיר.

— זי וועט זאָגען,— האָט קאַרפּעל פערזיכערט זיין חבר,— זי וועט פון דיר גאָרנישט ניט פערבאָרגען, זי וועט דיר אַלץ זאָגען, ווי ס׳איז געווען מיט מיר. דו הער נור, ווי עס איז געווען.

דער אַבערגלויביגער פּריקאַזשציק האָט אויסגעגלאָצט די אויגען און האָט די אויערן אָנגעשטעלט, ער זאָל קיין איין וואָרט ניט דורכלאָזען פון דעם, וואָס דער ווינער וועט דערצעהלען, וועלכער איז אויך געווען אַבערגלויביג און דערצו נאָך נאַריש.

— ווען איך האָב זיך געשדכנ׳ט פאַר מיין יענטלען, — האָט ער אָנגעהויבען, — בין איך אויך זעהר אומרוהיג געווען, וואָרום איך האָב אויך ניט געוואוסט אויף־געווים, וואָס מיט מיר איז. אַמאָל דוכט זיך מיר, אַז זי האָט מיך ליעב, און אַמאָל — אַז ניט. און זי איז מיר שרעקליך געפעלען געוואָרען און ס׳האָט מיך שרעקליך געצויגען צו איהר, פּינקט, ווי דיך צו מאַנקען.

מאָטקע האָט זיך צוקנייטשט און האָט פּעראַכטענד אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, ווי געזאָגט: אַ משל, להבדיל! קיינער אויף דער וועלט האָט אַזוי ניט געליעבט, קיינער האָט ניט געקאָנט און קאָן ניט אַזוי ליעבען, ווי איך — מאַניען.

— נור ווי ס׳זאָל דיך ניט ציהען צו אַ מיידעל, — האָט דער זיינער צוגעגעבען, ניט איבערטראַכטענדיג פון דעם פּריקאַזשציקס מינע, — ווי דו זאָלסט זי ניט ליעב האָבען, פונדעסטוועגען ווילט זיך ניט, ס׳איז אַ שרעק און אַ פּערדרוס אויך, התונה צו האָבען מיט איהר, ווען זי קעהרט אָב פון דיר דעם קאָפּ.

— זי פּלעגט דען אָבקעהרען פון דיר דעם קאָפּ?

— מהו... יאָ, — האָט קאַרפּעל נעשטאַמעלט שעמעוודיג האַפּענדיג זיך, אַז ער האָט צופיעל אויסגעפּלאַפּלט. — כמעט

אַזוי איז עס געווען, ד. ה. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי איז בלומרשט... הער אָבער, וואָס דערנאָך איז געווען. איך האָב זיך אויך נעפּיינינגט, דעם קאָפּ געבראָכען, ווי אַזוי צו דערגעהן יענטל׳ס מחשבות. איך געדענק ניט, ווער האָט עס מיר געראַטהען צו געהן צו דער טרעפּעריך. איך האָב מיך אַ לאַנגע צייט געקליבען, ביז איך בין אַוועק. געקומען. אין האַרצען האָט מיר אַ טיאָבק געגנע־בען, וואָרום איך האָב דערזעהן — אַ פּרויענצימער מיט שוואַרצע וואָנצעס! דאָס הייסט ניט גאָר קיין וואָנצעס, נור ס׳איז זעהר קענטיג, אַז זי גאָלט זיי און אַז זיי זענען ביי איהר שוואַרצע. אַ שרעק, און טאָמער איז עס גאָר עפּעס אַ איבערגעטהונענע זאַך? וואָרים זי איז געווען אויך פון גרויסען וואוקס און מיט ברייטע פּלייצעס. זי, ד. ה. אפשר איז עס גאָר ע ר, וואָס ווייס איך? איבריגענס, אַזוי ווי זי איז אַלע מאָל אָנגעטהון, ווי אַ פרוי, וועלען מיר זאָגען, אַז זי איז אַ פרוי. הייסט עס, האָט זי מיך געבעטען זיצען. האָב איך זיך געזעצט און איך וואַרט, און זי קוקט אויף מיר, אַזוי שטאַרק, אַזוי שטרענג. אַז איך ווער רויט און לאָז אַראָב די אויגען. „עפּיס אָנגעוואָהרען“ — פרעגט זי שנעל און בייז. — ניין — זאָג איך — ניט אָנגעוואָהרען, גאָר פערקעהרט, — „כ׳ווייס — זאָגט זי, אַז ניט אָנגעוואָהרען, נור כ׳האָב שפּאַס געפיהרט“. זי האָט אויפגעדעקט דעם טיש, — און דער טיש איז ביי איהר אינגאַנצען בעצייכענט געווען מיט שוואַרצע און רויטע קרייזען, אותיות, ציפער, שלאַנגען, עקדיסען און נאָך פערשיעדענע מוראָ׳דיגע חיות, — זי האָט גענומען אַ טאַש קאָרטען, ניט אַזעל־כע, ווי ביי אונז, נור עפּיס אַזעלכע משונה׳דיגע, האָט געשעפּצעט און פונאַנדערגעלעגט. לעגט זי פונאַנדער די קאָרטען, קוקט אויף מיר פון אונטער די ברעהמען און ווינקט צו מיר מיט איין אויג אַזוי רמאות׳דיג, שמייכעלט צו מיר. — וואָס שמייכעלט איהר? — פרעג איך. — די קאָרטען ווייזען, אַז דער יונגער־מאַן איז פערליעבט. — יאָ, זאָג איך, די קאָרטען לייגען ניט, יאָ אַ ליעבע, אַ שרעקליכע, אַ גרויל, איך ברען, איך פלאַקער; נו, און ווער, למשל, האָט עס מיך ליעב! — מיר, זאָגט זי, וועלען דאָס אויך באַלד דערזעהן. זי האָט מיט אַ פינגער אָנגעהויבען צו פיהרען איבער די קאָרטען, און אָבשטעלענדיג זיך אויף איין פיגור, האָט זי געזאָגט: „איך האָט ליעב אַ בלאָנדינע מיט בלאָהע אויגען“.

— דיין יענטל איז דאָך גאָר אַ שוואַרצע מיט שוואַרצע אויגען, — האָט מאָטקע בעמערקט.

— איך זאָג עס איהר אויך — האָט דער ווייבער געענטפערט — וואַרט. אויס, יונגער־מאַן, זאָגט זי, שלאָגט מיך ניט איבער, מיר'ן אַלץ אויסזאָגען מיט דער צייט, ביי זיך ווילען מיר גאָרנישט ניט איבערלאָזען. אַייך האָט ליעב אַ בלאָנדינע, נור איהר חייסט גאָר ניט פון דעם, ווייל זי איז זעהר אַ פערבעהאַלטענע. נור אַייך האָט אויך ליעב איינע אַ ברונעטין, און ווי גען דער ווייסט איהר שוין און ווילט מיט איהר חתונה האָבען, זי איז אייך פונקט אויפ'ן האַרץ אויסגעפאַלען. יענע שטעהט פון דער זייט, און די איז אויסגעפאַלען אויפ'ן האַרצען. אַט קוקט אַליין". איך קוק — פונקט אויפ'ן האַרצען אויסגעפאַלען, האָט מיין קאָרט צוגעדעקט אינגאַנצען, — „אַ ברונעטין, זאָגט זי. האַנדעלט אין אַ קראָם?

— יענטל איז דאָך אָבער אַ נייטאָרין געווען, — האָט מאָטקע בעמערקט מיט אַ צווייפעל אויפ'ן פנים.

— איך זאָג איהר אויך דאָס זעלבע: אַ נייהטאָרין. — עך, זאָגט זי, וואָס איז ניט אַלץ איינס צו אַ נייהטאָרין קומט מען אויך צו קויפען, הייסט עס אַקראָם. אַ מאַגאַזין, אַ קראָם, אַ וואַרשטאַט— דאָס איז אַלץ אַ געשעפט. — נו, און ווייטער וואָס? — פרעג איך. — „ווייטער, זאָגט זי, וואָלט זי מיט'ן גרעסטען פערגעניגען חתונה האָבען מיט אַייך, טאָג און נאַכט טראַכט זי פון אַייך, מיט אונגעדולד וואַרט זי אויף דער חתונה, נור מען שטערט זעהר אין דעם מען אינטריגירט, ס'רעדט אָן איינע זעהר אַ פאַלשע פרוי, במעט אַנ'אייגענע מוהמע.

— ביי יענטלען זענען, דוכט זיך, ניטאָ קיין מוהמעס, — האָט ווידער בעמערקט דער פריקאַזטשיק, וואָס האָט אַלץ מעהר נעצווייפעלט אין דער טרעפערין, — איך האָב איהר דאָס אויך געזאָגט. — „ווייס איך, זאָגט זי, דאָס רעדט זיך נור אַזוי אַ מוהמע, ביי אונז רופט זיך אָן יעדע בעקאַנטע פרוי, יעדע פריינדין אַ מוהמע, ווייל אַפטמאָל האָט אַזאַ מעהר נעפיהל פאַר דיר, ווי אַ אייגענע מיהמע אָדער זאָגאר אַ שוועסטער". און די קאָרטען האָבען דאָך אמת געוויזען. דער נאָך, אין אַ צייט אַרום נאָך דער חתונה, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ניט אַ מוהמע, נור שיינקע די

פארבערין האט אלץ אנגערעדט יענטלען, אז זי זאל מיט מיר נים חתונה האבען, ווייל איך בין אזא און אזא, א נאר, און נים קיין שענער, און א גרויסער עם־הארץ. און אנגערעדט האט זי, ווייל זי האט געוואלט, אז איך זאל חתונה האבען מיט איהר געשטופעלטער ראנקע, נור יענטל האט איהר נים געהערט און האט חתונה געהאט מיט מיר. נו, זעהסטו? יא, איך האב דיר פערגעסען צו זאגען, אז די טרעפערין האט מיר געזאגט, אז סוף־כל־סוף וועלען מיינע פערלאנגען ערפילט ווערען, אז איך וועל חתונה האבען מיט דער, וועלכע איך וועל פערלאנגען. און ס'איז אויסגעקומען פונקט אזוי, ווי זי האט געזאגט. וואס נאך ווילסטו?

— ניין, קארפעל, — האט מאטקע אבגעענטפערט פערצווייפעלט און א מאך געטהאן מיט דער האנד. — איך וועל נים געהן צו דיין ווייסערקע. כ'וועל ביי איהר קיין אמת נים דערגעהן. זי איז א אבנארערין, א שווינדלערין און גאר. זי האט דיר געדרעהט א קאפטור, גור דו, א תם, האסט עס נים בעמערקט. און חיעדער אויך, וועלען אנטקעגען מאנקען נים העלפען קיין שום טרעפערינס, קיין שום קארטען. זיי קאנען דיר טויזענד מאל זאגען: חתונה, און זי וועט זיך פער'עקשענען און וועט נים חתונה האבען; זי איז מיט א כאראקטער, מיט אמביציע, נים ווי — דו זאלסט אויף מיר קיין פעראיבעל נים נים האבען — ווי דיין יענטעל, חאמשי דיין יענטעל — דעם אמת זאגענדיג — איז א וואוילע פרוי, א קלוגע.

— א, הלואי, וואלט איך א העלפט פון איהר שכל געהאט! האט זיך דער ווינער ריכטיג געווינשט, אליין חיסענדיג, אז דער חאונש זיינער איז ווייט־לויפיג.

— צו מאניען דארף מען גאר אנדערע מיטלען.

— חעלכע, דהיינו?

— איך האב געהערט — האט מאטקע צוגעגעבען פערטראכט, איך האב געהערט פון מענשען, וועלכע מען קאן גלויבען, וועלכע חעלען ליגען קיין נים זאגען, אז ס'איז דא אזא גראז, חאס רופט זיך „ליעבלינג". ווען מ'זאל די גראז אויסקאכען און געבען עס טרינקען א מיידעל, מאגסטו זיין אפילו א גולם, א מאלפע, וועט דאס מיידעל דיר נאכלויפען, ווי א הונד נאכ'ן ווירטה, זי וועט דיך ליעב בעקומען אזוי שטארק, אז זי וועט אויף די חענד

קלעטערן. אַט, ווען איך זאָל דאָס גראָז קריגן, וואָלט איך גע־ווען דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

— מילאָ, גייט מען אין אַפּטייק און מען קויפט.

— אין אַפּטייק איז ניטאָ אַזאַ גראָז, איך האָב שוין גע־פרעגט ביי פּראָוויזאָר, — זיי זאָגן, אַז ס'איז ניטאָ. און אויב ס'איז דאָ, וועט מען עס אַרויסגעבן, מ'הייסט ניט. נור ביי דאָר־פיש'ן פּראָוון, ביי וויסערקעס קאָן מען עס בעקומען. וואָלט איך העלפן דיך בעטען, איבערריידען מיט יענטלען: זי גייט דאָך אויפ'ן מאַרק, בעגעגענט זיך מיט פויערטעס, צי וועט זי ניט אָנ־נעהמען זיך צו דערגייהן, וואו מ'קאָן דאָס גראָז קריגן?

— רעכט, — האָט דער וויינער מסכים געווען, — איך וועל עס איהר זאָגן, זי וועט ניט זשאַלעווען איהר טרחא.

— אָ, איך וועל איהר דערפאַר דאַנקבאַר זיין כל־זמן איך וועל לעבען. זאָג איהר, אַז זי וועט נים דאַרפען יום־כפּור פאַס־טען, זי וועט אַ מענשען פון טויט ראַטעווען, ווארום איך פיהל, אַז איך וועל דאָס ניט איבערלעבען, איך וועל שטאַרבען פון אַנגסט אָדער... איך וועל זיך אַליין דאָס לעבען נעהמען.

— דו בינסט ווידער מיט דיין משוגעת! — האָט דער וויינער אָנגעשריען, אויפהויבענדיג די האַנד. — מיר האָבען דאָך אָבער געוואָלט היינט עפּיס טהון, — האָט ער צוגעגעבען, אום אָבצעווענדען די געדאַנקען פון דעם יונגען מאַן אויף עפּיס אַנ־דערס.

— אָך יאָ, — האָט זיך מאָטקע דערמאָנט און האָט אַקוק געטהון אויף זיין זייגער. — ס'איז שוין כמעט צייט איך זאָל געהן, און דו וואַרט, ביז איך וועל דיר געבען אַ צייכען.

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט פערשפּילעט דעם מאַנטעל און איז פון קעלער אַרויס דורכ'ן הויף. אין אַ פערטיל שעה אַרום האָט ער דריי מאָל אָנגעקלאַפּט אויף דער אייזערנער גראַטקע, דאָס פענסטעריל האָט זיך שטיל אויפגעעפענט און פון קעלער, וואו דאָס פייער איז אויסגעלאָשען געווען, האָבען זיך בעוויזען פלאַשען, אַרויסגעשטעלט דורך אַ אונגעזעהענע האַנד. די נאַכט איז געווען אַ שטאָק פינסטערע —

XVI

די גרונימוס מאכען א רעוויזיע.

האלבע נאכט. מיר זענען ווידער ביי אונזערע סוחרים אין שלאף־צימר. פון אונזער ערשטען וויזיט אן אין שלאף־צימער איז אריבער העכער פון צוויי מאנאטען. דאן איז אין דרויסען געווען א פייכטער הערבסט, מיט רעגענס און שניי, איצט איז אין דרויסען — א שוואכער ווינטער, מיט שניי און רעגען די לעצטע צייט זענען די וועטערן עהנליך צו אונזערע היינטיגע מענשען: אויך אזוי צובראכען, אונבעשטימט און געוואקעלט. די נאטור־קרעפטען האבען א פנים אנגעהויבען צו צופאסען זיך צו די מדות פון מענשען, צו איז עס ניט א בעוויז אויף די פיזישע אבגעלעבטקייט פון אונזער פלאנעטע בכלל, און דערהויפט אויף די גייסטיגע צוקראכענקייט פון איהרע איינוואוינער? נור ווי אזוי ווייסט מען דאס, וואס מען ווייסט ניט? נור, ווען פאר מענשען וועט ענטפלעקט ווערען דאס פערבארגענע, וועלען מיר עטוואס דערוויסען זיך אויך וועגען דעם.

פאר די צוויי מאנאטען איז א סך וואסער אריבער. דאס וואס איז מיט צוויי מאנאטען צוריק נור א פראיעקט געווען, האט שוין איצט אנגעהויבען צו פערווירקליכט ווערען. ווי נור אונזער קאמערסאנט האט א פיפס געטהון, האט מען צו איהם אנגעהויבען צוטראגען געלד פון אלע זייטען, ווי אין א גרויסע באנק. געשעהן איז עס אין יענער צייט, ווען דאס געלד־געשעפט האט שוין אריינגערונגען אויך אין דער פראווינץ, ווען די פראווינציאלען האבען זיך אויך משונה א לאז געטהון אויף דיסקאנט, אויסלייהען געלד אויף „סוחרישע" פראצענט, ווען מיט דער ירידה פון דעם ווירקליכען האנדעל און אינדוסטריע, איז דער קרעדיט געשטיגען אלץ העכער און העכער, שטיצענדיג זיך אויף די קרעדיט־אנשטאלטען, וואס האבען זיך אלץ ערעפענט. דאס איז גראד פאסענד געווען פאר ר' משה גרונימוס: אין פינף־זעקס וואכען צייט האט ער צונויפגענומען און אוועקגעלעגט אין זיין אייזערנער שאפע פיעל, וואס ער האט אליין ניט געוואוסט וויפיעל.

אין דעם אווענד האט ער ברעה צו מאכען א ארדנונג אין

צודערגעהן דעם סבים פון דעם איינגעזאַמעלטען, אום צו חיסען צו איז שוין צייט אויפצוהערען אָדער מ׳דאַרף נאָך זוכען נייע קרבנות. די אָרדנונג וועט געמאַכט ווערען אין שלאָף-צימער, ערשטענס דערפאַר, וואָס ס׳איז אַ פערבאָרגענען אָרט, זעהר אַ פאַסענדער פאַר די געהיימניסען, צווייטענס דערפאַר, וואָס דאָ געפינט זיך אויך די אייזערנע שאפע.

ר׳ משה איז געווען אָנגעטהין אין זיין זיידענעם וואַטאָווען שלאָפראָק, דער קאָפּ אַרומגעוויקעלט מיט א האַנדטוך, אַז פון ווייטען האָט ער זיך אויסגעזעהן ווי א טערק. זיין פרוי איז געווען אין אַ אַלט מאָרישען יאַק, און די האַלז ארומגעוויקעלט מיט א וואָלענעם געשטריקטען שאַרף. זיי האָבען זיך עס אַזוי משונה-מאָדנע אָנגטהון דערפאַר, ווייל, ווי זיי האָבען נאָך אין אָנפאַנג אָוועגד געמעלדעט, איהם טהוט וועה דער קאָפּ פון טשאַד און איהר טהוט וועה אין האַלז פון א פערקיהלונג. אין אמת׳ן זיינען זיי ביידע קיין חולאים ניט, און די דאָזיגע קראַנקהייטען זענען געווען אָנגעשטעלטע, אום צושטערען די טעכטער צו פראַווען היינט זייער געוועהנליכען אָוועגד מיט „פערענדיגטע״, וועלען די אונשטוביגע לייט פריהער שלאָפען גיהן, און דאָס וועט געבען אונזערע קאָמערסאַנטען די מעגליכקייט צו רעווידירען די קאַסע אונגעשטערט. ס׳זענען פּאַרהאַנען מענשען, וואָס זיי איז זעהר ניט אַנגענעהם, ווען זייטיגע מענשען זענען דאָ בעת זיי עסען אָדער זיי צעהלען געלד — דאָס פּאָר-פאָלק גרונימוס זענען געווען פון דעם אָרט מענשען.

דער שלאָף-צימער איז בעלויכטען געווען ניט נור מיט דער לאָמפּ אונטער׳ן גרינעם קאָלפּאַק, וואָס איז אַראָב געהאַנגען פון דער סטעליע, נור אויך מיט צוויי סטעאַרין-ליכט, וואָס זענען געשטאַנען אויף א קאָרטען-קישעל. וועלבען דאָס פּאָר-פאָלק האָט מיט א פּאָר מינוט צוריק אין דער שטיל עס אַריבערגעטראָגען פון גאַסט-צימער. אויפ׳ן טישעל איז געלעגען אַ קרייד און א בארשט. מ׳האָט געקענט מיינען, אַז דער בערטשאַדעמיער ר׳ משה און זיין פרקיהלטע פרוי הילען זיך אמוזירען מיט אַ פרעפעראַנס מיט „אַ נאַר״ איינענטליך, עס איז אַזוי געווען. דאָס פּאָר-פאָלק האָט זיך איצט וירקליך געקליבען צו שפּיעלען, נאָר ניט אין פרעפעראַנס. נאָר אין אַ׳אַנדער „קאָמערציע״-שפּיעל, און ניט מיט

א נאַר, נור מיט „נאַרען״, וואָס האָבען זיי אָנגעטרויט זייערע קאַפּיטאַלען, און מיט אַ זיכערען חשבון צוזברעננען אין רעמיז צו לאָזען פערשפּיעלען אַנ׳אַנדרן, וואָס איז דאָ דערביי נימאָ. אָט דאָס וועט זיין אַ סיורפּריז! — האָבען זיי זיך נעטראַכט. אָט וועט זיין אַ געוויין און אַ ציהן-סקריהעריי! וואָלטען זיי געזאָגט, ווען זיי וואָלטען וואָטשי עט׳זאָס אַריין אין דער לאַגע פון די, וועלכע דאַרפען פלוצלונג און אומגעריכטערהייד פערשפּיעלען.

ווען די גרויניטום האָבען משער געווען, אז די שטוביגע זענען שוין אַיזעק שלאָפען און זיי שלאָפען שוין וואָהרשיינליך, איז ר׳ משה, לויט דעם צייכען פון זיין פרוי, אויפגעשטאַנען פון בעט, וואו ער איז געזעסען, די הענד אויפ׳ן ברוסט איבערגעפלאָכטען, און איז צוגעגאַנגען צו דער אַייזערנער שאַפע. א ווײלע איז ער געשטאַנען מיט׳ן שליסעל און געטראַכט, ווי אַזוי מאַכט מען עס, אַז ביים אָבשליעסען זאָל זיך ניט הערען דער געוועהנליכער נערוויש פון די ספּרוזשינעס, ער האָט אָבער גענען דעם גאָר ניט געקאָנט טהון: די ספּראָנזשינעס האָבען אָבגעקלונגען אַזוי פיעל מאָל, ווי ס׳איז פאַר זיי אָנגעבאָטען געווען אויף דער פאַבריק, וואו זיי זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען.

אַך, ס׳אַרא מטמון געלד! — האָט ער זיך ניט געקאָנט אָבהאַלטען פון דעם פרייד-געשריי, און ער האָט דערזעהן די דיקע פּעקלעך אַסיגנאַציעס, וואָס זענען אָהן אַ סדר געלעגען אין פערשיעדענע ערטער און ווינקלעך פון שאַפע. די קבלות זענען געווען אַזוי אָפּט, אַז ס׳איז קיין צייט ניט געווען צו סאָרטירען זיי און פונאַנדערצולעגען זיי אין אָרדנונג, און מ׳האָט זיי געוואָרפען, ווי ס׳האָט זיך געמאַכט.

שאַ, גיב קיין עין-הרע ניט, — האָט שרה רבקה אָבגעשטעלט דעם מאַן, צולעגענדיג אַ פינגער צו די ליפּען. וואָרף אַהער — האָט זי געזאָגט, אונטערשטעלענדיג איהר וואָלענעם שירץ.

ר׳ משה האָט איהר אָנגעוואָרפען אַ פולען שירץ און זי האָט די ברעגען צוגעהאַלטען מיט די הענד און מיט די ציינער. איהר דריי-גאָרדיגער קיהן האָט זיך אָנגעהויבען צו שאָקלען און די בלייגע אויגען האָבען זיך פערגלאָצט פון גרויס נחת, וואָס זי האָט אין אַלע איהרע גליעדער דערפיהלט פון דער לייכטער אַנגענעה-

מע־, טײַערע־ און חאַרימער משא, מיט װעלכער זי חאָלט, דוכט זיך, קײנמאָל ניט צושײדט, זי װאָלט מיט דעם זיך שלאָפן געלעגט און אין קבר מיטגענומען הײנט, זאָגאַר אין דער װײַלע. פאַר לײדענשאַפטליכע, בעגיערינגע און אײנגענוציגע נאַטורען — איז געלד טײַערער פון לעבען, ס׳איז טײַער אָן און פאַר זיך, ניט נור אַלס מיטעל צום לעבען, נור אַלס אהעכערע ציעל. צװישען פרויען־סיחר׳טעס פון אונגעבילדעטע זענען אַזעלכע נאַטורען ניט זעלטען: זײער גיעריגקײט צו געלד איז אונגעװעהנליך. נור דוקא צװישען „ס ח־׳טעס״, אָבער ניט צװישעי אָרימע מאַרק־הענדלערינס: די לעצטע זענען אין דעם פּרט אַריסטאָקראַטינס אין פערגלײך מיט די ערשטע.

שרה רבקה האָט זיך צוגעזעצט צום לאָמבער־טישעל און האָט אָבגעלאָזען פון מויל די ברעגען פון שירץ. איהרע ענטציקטע אויגען האָבען אַ צײט לאַנג אָנגעקװאָלען ציקוקענדיג דאָס בערניל אַסיגנאַציעס אויף איהרע קניה.

— איצט װעלען מיר צײהלען, — האָט זי ענדליך געזאָגט, פרײ מאַכענדיג דעם האַלז פון שאַרף און אָנטהיענדיג ברילען. ר׳ משה האָט אויך אָנגעטהון זײנע ברילען און האָט זיך געזעצט אַנטקעגען דער פרוי. זי האָט פון שירץ אַרויסגענומען אַ דיקען פּעקיל פערשמאָלצענע און צוריסענע אַסיגנאַציעס און האָט מיט אַ פינגער פון דער רעכטער האַנד נענומען פאַרזיכטיג און לאַנגזאַם צו צײהלען די פּאַפּירלעך, װאָס פלעגען איבער זײער גרויס פערשמאָלצענקײט זיך צוקלעפּען אַמאָל צום פינגער און אַמאָל אײנס צום אַנדערן. שרה רבקה פלעגט בעהוטזאַם בלאָזען אוי־ף זײ, װי מ׳בלאָזט אויף אַ װאונד, װען מ׳נעהמט אראָב אַ קלעבינען פּלאַסטיר.

— גיב מיר אויך אַ פּעקיל, האָט ר׳ משה געבעטען, פערקאַטשענדיג די אַרבעל פון זײן שלאָפראָק און אויסקנאַקענדיג די פינגער, אז זײ זאָלען זײן בװיגזאַמער צום צעהלען.

נײן, כ׳װעל ניט געבען, — האָט שרה רבקה געענטפערט— די נעהם בעסער אַ קרײד און פערשרײב, אַנים, װעלען מיר זיך טועה זײן אין חשבון.

ר׳ משה האָט געמאַכט אַ אונצופריעדענע מינע, װאָרום ער האָט אויך געװאָלט הנאה האָבען פון דעם געלד צײהלען, װאָס פיעלע מענשען האַלטען עס גראָד פאַר לאַנגװײלינ. נור װאָס זאָל

מען טהון — ער האָט גענומען אַ קְרייד און האָט אָנגעהויבּען שרייבּען.

שרה רבקה האָט אָבּגעאַרבּייט אַ שעה צייט און האָט זיך דערפיהלט פערמאַטערט. זי האָט געחאַפּט אַ שוויץ, דער קאָפּ איז איהר שווער געוואָרען, און די אויגען — שלעפּעריג. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן ווענדטיל פון שטוהל, האָט אָבּגעעטעמט, און אַראָבּלאָזענדיג די אָנגעדראָלענע הענד, האָט זי זיי אָנגעהויבּען אומצוּוואַרפען און מאַכען בּעוועגונגען.

— ווי אַ מענש איז שוואַך, זאָל נור דער לעבּעדינער רחמנות האָבּען! — האָט זי אַרויסגעזאָגט פּרוּם, — אפילו געלד ציילען ווערט מען אויך אָבּגעמאַטערט. און וואָס, דוכט זיך, איז גרינגער און אָנגענעהמער פון דעם? איך האָבּ געמיינט, אַז איך וועל קענען פיער און צוואַנציג שעה נאָכאַנאַנד געלד ציילען — ערשט נאָ דיר! כ׳האָבּ איין שעה געציילט, האָבּ איך זיך פערשוויצט און בּין אָהן כחות געבּליבּען, אָח—האָ—חאָ! — אוי! — האָט זי פּלוצלונג אויסגעשריען, ווי געבּיסען פון אַ שלאַנג, זי איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, האָט זיך מיט׳ן גאַנצען קערפּער אָנגעוואָרפען אויף די בּערגלעך אַסיגנאַציעס אויפ׳ן טיש, ווי זי וואָלט וועלען שיצען „איהר אייגענס”. שאַ! — עמיצער געהט אַרום אין זאַל... די טיהר האָט געסקריפּעט...

ר׳ משה איז בּלאַס געוואָרען און, פערהאַלטענדיג דעם אָטעם, האָט ער אָנגעהויבּען זיך צוהערען.

— דאָס האָט זיך דיר אַ פּנים אָבּגערוכט, — האָט ער געזאָגט, ניט הערענדיג קיין שום גערויש און שאָרך פון זאַל. — ווער וועט עס איצט אַרומגעהן? אַלע שלאָפען שוין לאַנג, און די טהיר אין פאָדער-צימער איז פערריגעלט, איך אַליין האָבּ צוגעשלאָסען. ס׳האָט זיך נור אָבּגערוכט.

— ניין, ניט אָבּגערוכט, — האָט שרה רבקה געשעפּצעט, ניט אויפהויבּענדיג זיך פון טיש און ציטערענדיג אינגאַנצען.

— איך האָבּ געהערט אַ שאָרך. דו הערסט דאָך שלעכט. געהם אַ ליכט און טהו אַ קיק, וואָס טהוט זיך דאָרט אין זאַל.

ר׳ משה האָט אַ ווײַלע געקווענקעלט, וואָרום ער האָט מורא געהאַט, נור אָננעהמענדיג זיך מיט מוטה, האָט ער שנעל געחאַפּט אַ ליכט פון טיש און איז דרייסט אַוועק אין זאַל, קלאַפּענדיג עקי-

סדרא מיט זיינע שטעק־שיך און קרעכצענדיג אויפ׳ן קול, כדי דער „רוצח״, אויב ער איז דאָ נור אין זאַל, זאָל בײַציײַטענס בשלום אַרויס פון דאַנען, אַזוי ווי ער איז אַריין. זיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפט, דער לייכטער האָט ביי איהם אין דער האַנד אַרומגעטאַנצט און די ציינער האָבען געקלאַפּט. נאָך אַ ווײַלע — וואָלט ער פון גרויס דרייסטקייט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן שוועל פון זאַל און וואָלט געשריען: גוואַלד, ראַטעוועט!

— אין זאַל איז קיינער ניטאָ, — האָט ער געזאָגט, צוריקקערענדיג זיך בשלום פון זיין געפעהרליכער שליחות — איך האָב אויסגענישטערט אַלע ווינקעלען און אונטער דעם מעביל אַ קוק געגעבען. קיינער ניטאָ און ס׳קאָן גאָר ניט זיין. איך האָב דאָך געזאָגט, אַז ס׳האָט זיך דיר אָבגעדוכט, אָדער אפשר. האָט זיך אַ מויז אַ דראַפּע געגעבען — ביי אונז זענען דאָ אַ סך מייז.

— אוף! — האָט שרה רבקה אָבגערוהט, האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף איהר אָרט און האָט צוגעהאַלטען איהר ברוסט, וואָס האָט נאָך שטאַרק געקלאַפט פון שרעק. זי האָט זיך אָנגעבויגען און גענומען אויפקלייבען די פעקלעך ניט־געצעהלטע אַסיגנאַציעס, וואָס זענען אַראָבגעפאַלען אויף דער פּאָדלאָגע. — נאַ, צעהל דו אויך, — האָט זי אַ וואָרף געגעבען דעם מאַן עטליכע פעקלעך — אַניט, וועלען מיר דאָ ביז אין דערפריה ניט פערענדיגען, ס׳איז שוין צוויי אַ זייגער.

די ציפערען אויפ׳ן גרינעם געוואַנד פון טישעל האָבען שוין בעוויזען איבער פיערציג טויזענד, און ניט־געציילטע אַסיגנאַציעס זענען נאָך בערבליעבען מעהר ווי אַ העלפט.

ביי ר׳ משה׳ן מיט זיינע דינערע און בויגזאַמערע פינגער האָט די אַרבייט געבּרענט. ער האָט שנעל געצעהלט, און די פעקלעך פלעגען דוכט זיך צוגעהן ביי איהם אין די הענד. אין אַ האַלבע שעה צייט איז די אַרבייט געווען פערענדיגט, און דער סך־הכל האָט בעוויזען נײַנציג טויזענד. צונויפגענומען האָט מען מעהר, נור עטליכע טויזענד איז אַוועק אויף קורטאַזש פאַר די מעקלערס און אויף פּראָצענט פאַר עטליכע מאָנאַטען פאָראויס.

— אַ רעכטע סומע, — האָט ר׳ משה אַרויסגעזאָגט, אָנקוקענדיג די אויסגעלעגטע אַסיגנאַציעס אויפ׳ן טיש אין גלייטענדיג

דעם באָרד. פערשטעהט זיך, ווען מ'זאָל אײַנגעהן אויף אַן'אָבמאַ־
מיט די בעלי־חובות...

— אַן'אָבמאַך? — האָט שרה רבקה איבערגעפּרעגט און
האָט צוקרימט דאָס מויל און דעם גאַנצען פּרצוף, וואָס איז אַזוי
אויך ניט איבעריג גראַד געווען. איך וועל דיר באַלד לאָזען אײַנ־
צוגעהן אויף אַן'אָבמאַך, האָסטו געהערט? קיין שום אָבמאַך, דו
הערסט, משה? אַז עסען חזיר, איז אַ פעטס. דעם כלל זאָלסטו
האָבען. און וואָס פאַר אַ נוץ וועט זײַן די בעלי חובות, ווען דו
וועסט זיי שיין אַ שמיר טהון אויפ'ן ליפּ, וועסט געבען צו צעהן
קאָפּיקעס פאַר'ן רובל? פון די צעהן קאָפּיקעס וועלען זיי ניט רייך
ווער'ען, און דו וועסט אַלץ איינס בלײַבען אין זייערע אויגען אַ אָנזעצער.

— דאָס איז טאַקי אמת, — האָט ר' משה געזאָגט, וואָס האָט
קיינמאָל ניט געקאָנט בײַשטעהן אַנטקעגען די טעמים פון זײַן פרוי.
טעמים, וואָס זענען אַלע מאָל געווען מיט זעהר פיעל לאָגיק,
אָבער מיט זעהר ווייניג יושר, — אָבער דאָך געפינען זיך
צווישען אונזערע נײַע בעלי־חובות אַזעלכע, מיט וועלכע
מ'דאַרף זיך אויסגלײַכען על־פּי יושר, ניט צו צעהן, נור לפּחות
צו פופציג קאָפּיקעס, וואָרום זיי האָבען אונז אָבגעגעבען זייער
גאַנצעס פערמעגען און זיי לעבען דאָך נור מיט דעם פּראָצענט
פון דעם פערמעגען.

— ווער איז עס אַזעלכע? יאַחנע־באַשע, פייגע־לאַה, אסתר־
מלכּה, חיים דבורה'ס, יענקיל ליפּמאַן?

— נו, יאָ, די און נאָך עטליכע אַזעלכע?

— ע, ס'איז נאַרישקייט, — האָט די סוחר'טע אַ מאַך
געגעבען מיט דער האַנד. — זיי וועלען גאַנץ זײַן, פון הונגער
וועלען זיי ניט שטאַרבען. גאָט וועט זיי העלפען. ער פערלאָזט
קיינעם ניט. זאָלען זיי מאַכען עפּיס אַ געשעפט. וואָס עפּיס נור
פּראָצענט און פּראָצענט, פרעסען דעם צווייטענס? וואָס זענען זיי
קראַנקע צי קאַליקעס? אַז בײַ זיי וועט ניט זײַן קיין קאַפּיטאַל,
וועלען זיי זיך נעהמען פאַר אַ בעשעפטיגונג, וועלען זיי אַרבייטען,
האָרעווען, און ניט זיצען צונויפגעלעגט די הענד, רעכענען פּראָ־
צענט און לעבען אויף דעם אַנדערנ'ס חשבון. פאַרוואָס עפּיס
האָרעווע איך פון אין דער־פריה ביז בײַ־נאַכט, איך אַרבייט
שווער, צורײַס זיך דעם האַלז, ברעך דעם קאָפּ, איך דערעס ניט,

דערשלאָף ניט, און זיי—גאָרנישט, מ׳זיצט זיך אין דער וואַרעם, מ׳עסט, מ׳שלאָפט און מ׳גערט שפּאַצירען, צו מאַכען אַפּעטיט פאַ־ן עסען און שלאָפען. זיי לאָזען אַרויס פון קאַמאָד עטליכע צעהנדלינג רובל—דאָרפסטו זיי דערפאַר שאַפען אַל׳ץ, וואָס זיי איז נויטיג. דאָס איז אַ יושר?

מיט איין וואָרט, עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז די סוחר׳טע האָט נור געוואָלט פּראַקטיש פּערענטפערן די פראַגע פון יושר. און אַז זי וויל נור אויסראָטען דעם פּאַראַזיטיזם אין נאָך אַזעלכע פּעהלערען פון פּערשיערענע לאה׳ס, פּיינעס, יענקלעך און חיים׳ס. פאַרוואָס אָבער פּערש־יעס זי די קאַפּיטאַלען אין איהר אייזער־נע־ שאַפע, — אויף דער פראַגע שטעלט זי זיך ניט אָב אין איהר מוֹשבה.

— מילא, — האָט ר׳ משה געזאָגט, וואָס איז דאָס מאָל קענטיג געבליעבען ניט אינגאַנצען איבערציינט פון זיין פרוי׳ס טעמים, — ווגען דעם וועלען מיר נאָך צייט האָבען אַ טראַכט צו טהון. דאַן וועלען מיר זעהן, וואָס מ׳קאָן און וואָס מ׳קאָן ניט. ווען אפילו ס׳זאָל אויסקומען אַרויסוואַרפען עטליכע הונדערטער אָדער טויזענדער, אַז מ׳זאָל ניט זעהר שטאַרק שרייען, איז אויך קיין אומגליק ניט, מיר וועלען דערפון ניט אָרעם ווערען. די סומע איז אַ גרויסע, מיט די פריהערדיגע בעטרעפט עס ביז הונדערט טויזענד. לאָמיר בעסער אַ קלעהר טהון, וואָס טהוט מען איצט, פון וואָס הויבט מען אָן?

— פריהער פון אַלץ—זענען די קינדער, — האָט געענט־פערט די ליעבענדע מוטער, — מ׳דאַרף אונזערע מיידלעך אויס־געבען, שוין צייט, און חתנים זענען אויך פאַרהאַן.

— די געענדיגטע?

— יאָ, אומזיסט וואָס בעזוכען זיי אונזער הויז? היינט—מאָרגען וועלען זיי שוין אָפיציעל זיך שדכנען.

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען, שרה רבקה? — האָט ר׳ משה אָנגעהויבען אונענטשלאָסען, קראַצענדיג אין רעכטען שלייף,— מיר געפעלען עפּיס ניט די געענדיגטע.

— פאַרוואָס? איינער איז דאָך אַ דאָקטאָר, און דער אַנ־דערער—אַ יוריסט. וואָס דאַרף מען בעסערס? און אונזערע טעכ־טער וועלען דאָך קיין אַנדערע, ניט קיין געענדיגטע, ניט וועלען,

זיי זענען דאָך עפּיס געבילדעטע פרייליגס, זיי ווילען דאָך ני־
קוקען אויף בחורים פון סוחרים־שטאַנד, איך האָב עס שוין בעֿ־
מערקט. און דעם אמת זאָגענדיג, וואָס איז דאָ אַזוינס פאַר אַ
גוטס אין אַ סוחר? ניט קיין טיטעל, ניט קיין מונדיר מיט בלאַנ־
קענדע קנעפּ. אין אַ געענדיגטער איז דאָך פאָרט עפּיס אַ פריץ
אַ מין בעאַמטער, ניט קיין פּשוט'ער יהודי.

— אָבער, — האָט ר' משה אָבגעענטפערט. — ערשטענס
נאָט ווייס, פון וואָס פאַר אַ פאַמיליע זיי זענען, ווער זענען זייערע
עלטערן? ווי דאָס איז, מאָג זיך דער איידים זיין אַ גרויסער פריי־
פונדעסטוועגען איז ניט אַנגענעהם צו האָבען קרוּבים, אַזויצוזאָגען
מחותנים... גאָט ווייסט ווער, אפשר עפּיס אַ שוסטער אָדער אַפּרוּ־
זירער. און די דאָזיגע געענדיגטע שטאַמען דאָס רוב נור פון
אַזעלכע. אָט צו דיין פאָטער און צו מיין פאָטער פלעגט מען ניט
שרייבען „וואַשע בלאַהאָראָדיע", און פונדעסטוועגען זיינען זיי גע־
ווען אמת'ע אדעל־לייט. אין אונזערע פאַמיליעס זענען געווען אי
גערימהמטע רבנים, אי גרויסע גבירים, אי פּרנסים, מיט איין
וואָרט — יחסנים. קיין טיטלען האָבען זיי ניט געהאַט, וואָרום
מיר זענען דאָך אין גלות, נור מיר זענען אַדעל־לייט, און מתחתן
זיין זיך אַבי מיט וועמען פון המון איז פאַר מיר זעהר און זעהר
ניט אַנגענעהם.

— יאָ, טאַקי, — האָט שׂרה רבקה מסכּים געווען, וואָס
איז אויך געווען ניט גאָר גלייכגילטיג צו איהר יחוס — נור וואָס
זאָל מען טהון? איצט איז שוין אַזאַ צייט: קיינער קוקט ניט היינ־
טיגע צייטען אויף יחוס, מ'קוקט נור אויפ'ן ברויט, אַז ס'זאָל זיין
אַ זיכערער שטיקעל ברויט.

— וועגען אונזערע געענדיגטע קאָן מען אָבער דאָס אויך
ניט זאָגען, — האָט ר' משה בעמערקט, — וואָרום וואָס איז עס
פאַר אַ דאָקטאָר און וואָס איז עס פאַר אַ יוריסט? גאַנצענע טעג
געהען זיי אַרום איבער די גאַסען, און אין אָווענד זיצען זיי אָב
ביי אונז, לייז־ליידיגע. וואָס איז דאָ פאַר אַ זיכערע ברויט? אַרומ־
געהענדיג לייז־ליידיג פערדיענט מען ניט קיין ברויט. איך וועל
זאָגען, ווי דו זאָגסט: „איז עסען חזיר — איז אַ פעטס". ווען מיר
'אָלען שוין אויסגעבען פאַר געענדיגטע, איז לפחות פאַר אַזעלכע,
וואָס פערדיענען אַ סך געלד. אונזערע טעכטער, גאָט צו דאַנקען,

פּערמאָגנען גדן, יעדע איינציגע וועט אונז, וועניגסטענס, קאָסטען־פּ־פּצעהן טויזענד רובל, אויב ניט מעהר. איז וואָס זשע זאָלען מיר נעהמען עפּיס אַ שלעפּער? וואָס פאַר אַ נויט איז אונז?

— די נויט איז — האָט שרה־רבקה געענטפערט, וואָס אונזערע טעכטער איז שוין לאַנג צייט געוועזן חתונה צו האָבען: זיי זענען שוין איבער צוואַנציג. מיר קאָנען שוין ניט לאַנג וואַרטען און אויסקלויבען: זיי זאָלען זיך, הלילה, ניט פערזעסען. אַלזאָ האָבען זיך געמאַכט חתנים היינט־מאָדישע, ווי אַלע מיידלעך פערלאַנגען איצט, דאַרף מען ניט לאַנג קלויבען: וואָרום אויף זיי וועלען זיך געפינען אַנדערע בעלנים און וועלען זיי נאָר אָבציהען פון אונז. וואָרום איצט האַפּט מען דאָך אויס די געענדיגטע, מען שלאָגט זיך פאַר זיי. און וואָס אונזערע יונגע לייט פּעֶרדיענע, איצט קנאַפּ, איז עס דערפאַר, וואָס זיי זענען דאָ נייע מענשען ניט־היגע, קיינער קען זיי ניט אין שטאָדט. אָט אָבער, אַז מיר וועלען פאַר זיי אויסגעבען אונזערע טעכטער, און זיי וועלען זיך איינאָרדנען ווי געהעריג, מיט שיק, וועלען זיי נאָר אַן אַנדער רעספּעקט בעקומען אין שטאָדט און זיי וועלען קריעגען אַ גוטע פּראַקטיק. פון אַן אָרעמאַן אַנטלויפט מען דאָך, אפילו אַ פּאַציענט, מאָג דעם דאָקטאָר זיין זאָגאר אַ פּראָפעסאָר.

— ווייל מ'איז נאַראָנים.

— איך מיט דיר וועלען שוין די וועלט ניט איבערמאַכען. און פאַר אונזער דאָקטאָר וועלען מיר זיך משתדל זיין, אַז ער זאָל בעקומען אַ שטעלע אין מיליטער־שפּיטאָל.

— פאַרוואָס עפּיס דוקא אין שפּיטאָל?

— ווייל דאָרט איז מיט אַ מונדיר. דו ווייסט, איך וואָלט זעהר וועלען, אַז מיין איידים זאָל זיין אָנגעטהון, ווי אַן אָפיציר מיט שליעפּעס און שפּאָרען.

ס'אַרא שטותערייען ביי דיר איז אין קאָפּ.

— ס'זענען גאָרניט קיין שטות'עריען: דאָס איז פיעל בעסער. וואָרום אַ דאָקטאָר אין אַ געוועהנליכען סורדוט רוקט מען אַריין אין האַנד פּופצעהן קאָפּיקעס אָדער אַ צוואַנציגער, אָבער אַ דאָקטאָר אין אַ מונדיר — זעהסטו, איז שוין מאָרגען־פריה.

— אויב אַזוי איז רעכט. אָבער גאָר אַזוי פלוצלונג — שליע־

פעם! נו, און ווייטער וואָס וועלן מיר טהון?—האָט ער נעפרעגט, גלעטענדיג זיין באָרד.

— ווייטער — האָט שרה־רבקה געענטפערט, אָנווייזענדיג מיט׳ן פינגער אויפ׳ן מאַנ׳ס קאָפּ, ווייטער... איז פריהער פון אַלץ... נעהם אראָב דעם האַנדטוך פון קאָפּ. די קאָפּ־שמערצען זענען שוין, געוויס, ביי דיר אריבער?—האָט זי צוגעגעבען מיט אַ רמאות־דיג שמייכעל.

— טפוי, איך האָב גאָר פערגעסן, — האָט ר׳ משה געהאַפּט און אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם האַנדטוך.—נו, און ווייטער וואָס?

— און ווייטער דאַרפסטו די טעג זיך זעהן מיט נחום׳ען.

— מיט וועלכען נחום׳ען?

מיט וועלכען?—האָט איהם שרה רבקה איבערגעקרימט. — ביי אונז זענען דאָ דען אַ סך נחום׳ס? מיט נחום בריינים.

— צו וואָס?

צו ריידען מיט איהם, זיך דורכשמועסען, זיך בעראַטהען.

— בעראַטהען זיך מיט אָט דעם בעהעלפער;—האָט ר׳ משה אויסגעשריען און האָט איננאַנצען געציטערט פאַר כעס, האַס און פעראַכטונג צו דעם דאָזיגען כראָנישען אָנזעצער.

— וואָס אַרט עס אונז, וואָס ער איז פריהער געוועזן?—איצט איז ער אָבער אַ מיליאָנער און קאָן אונז צונוץ־קימען, דאַרף מען זיך זעהן מיט איהם.

— איך וועל אָבער צו נחום׳ען ניט געהן, חאָטשי שנייד מיר.

— דו וועסט צו נחום׳ען יאָ געהן, חאָטשי איך וועל דיך ניט שניידען.

— כ׳וועל ניט געהן!

— דו וועסט געהן.

— שרה־רבקה!

— משה!

דו ווייסט דאָך אָבער, אַז איך בין ניט סובל אַ דעם מנוול.

— איך שיק דאָך דיך ניט קושען זיך מיט איהם. אָהן איהם וועלען מיר ניט אויסקומען. ער איז איין די זאַכען אַ געניטער. קאָן ער אַ גוטע עצה געבען, אָנווייזען, ווי און וואָס צו טהון. אָהן

זיין עצה וועסטו מיט דיין גרויס שכל אַזוי אָנפּלאָנטערן נאָך, אַז מ'וועט דערנאָך ניט קאָנען פעריכטען. דו בינסט דאָך בײַ מיר אַ גרויסער חכם! איך קען דיך ניט, וואָס? אַ דאַנק גאָט, שוין ניט דער ערשטער צעהנדליג יאָהר.

ר' משה האָט זיך מיט בײדע הענד אָנגעשפּאַרט אויפ'ן טיש, האָט זיך אָנגעבלאָזען, ווי אַ אינדיק און האָט אַ ווײַלע געשוויגען

– ס'איז שוין אָבער צייט שלאָפען — האָט ער געזאָגט. ער איז צוגעגאַנגען צום האַנדוואַש, האָט אָבגעוואַשען די שפּיצען פינגער, האָט זיך געזעצט אויפ'ן בעט און אין דער שטיל „קריאת־שמע“ געזאָגט. שרה־רבקה האָט אויך דאָס־עלבע געטהון. איהר' דאַרפט וויסען, אַז אונזער סוחר און אונזער סוחר'טע זענען געווען זעהר פרום.

נאָך „קריאת־שמע“ האָבען זיי דאָס געלד אין שאַפע אַוועקגעלעגט, אויסגעלאָשען די לאָמפּ און די ליכט, האָבען זיך שלאָפען געלעגט און זענען אײַנגעשלאָפען שטאַרק און געשמאַק.

XVII

אין מעזאַנין.

אין דער זעלבער צייט, ווען די גרוינימוס זענען געזעסען אין שלאָף־צימער און האָבען געצייהלט זייער, ד. ה. ניט זייערס, נור פרעמדע געלד, וואָס זיי האָבען שוין גערעכענט ווי זייערס,— איז די מוהמע אַנג... אין איהר קליין, געמיטליכען און זויבערן צומערל אויף איין פענסטערל, געלעגען אין איהר שניי־ווייסען בעט און האָט געצייהלט די שעה'ן און מינוטען, ווען דער געבענשטער שלאָף וועט זיך שוין ערבאַרימען אויף איהר און וועט בערוהיגען איהר אויפגערייצטען מח און צובריזטע האַרץ. געוועהנליך פלעגט זי אײַנשלאָפען לייכט, שנעל, נור היינט האָט איהר געפּײַניגט אַ האַרטע שלאָפלאָזינקייט, נעגען וועלכער זי האָט זיך געראַנגעלט שוין עטליכע שעה, און שלאָפען האָט איהר ניט געלאָזט דאָס־זעלבע טאַקי, וואָס האָט היינט אַזוי וואָך געמאַכט שפּעט נאָך האַלבער נאַכט איהרע קרובים: זייער פאָרשטעהענדער באַנקראָט.

ווי געהיים, בעהאַלטען און פאָרזיכטיג די גרויניטוס האָבען געפיהרט זייערע הכנות צו דעם פּראָיעקטירטען „געשעפט“, דאָך

זענען פון דעם דורכדרינגענדען בליק פון דער קלוגער אננא ניט פערבאָרגען געווען די מחשבות פון איהרע קרובים. פריהער האָט זי נור משער געווען, און דערנאָך האָט זי שוין אינגאַנצען אָבגעטראָפען אין וואָס עס האַנדעלט זיך. זי האָט די שוואַרצע, נידערטרעכטיגע מחשבה פון איהרע קרובים איבערגעלייענט אויף זייערע צוקרימטע אין פאַלשע פנים׳ער, — זי האָט עס איבערגעלייענט און האָט זיי פערהאַסט פון טיעפען האַרצען. עס איז ניטאָ קיין גרעסערע פערדעטער, ווי דאָס פנים זעלבסט פון אַ פערברעכער אין דער צייט, ווען ער גרייט זיך ערשט צו אויסצופיהרען זיין אויפגעטראַכטען פערברעכען. אין ווען מענשען זאָלטען זיך בעסער צוקוקען צו די פנימער פון זייערע נאָהענטע און זאָלען קאָנען לייענען דאָס, וואָס ס׳איז אָפט אָנגעצייכענט אויף זיי מיט גאַנץ קלאָהרע שטריכען, דאַן וואָלט מען פיעלע פערברעכענס געקאָנט בייצייטענס בעוואָהרענען. נור מענשען אין אַלגעמיין זענען קורצזיכטיג און זיי קאָנען ניט לייענען געוויסע שריפטען. פאַר אַננאַ׳ן איז עס נאָך לייכטער געווען צו לייענען די אויפשריפט, ווייל פיעלע זאַכען האָבען איהר ניט ווילענדיג אָנגעשטויסען אויפ׳ן לייענען...

אמת, זי פלעגט קיינמאָל ניט צוקוקען זיך צו די פרטים פון זייער געשעפט, זי האָט זיך זאָגאַר ווייניג אינטערעסירט מיט זיי און איז אינגאַנצען בעשעפטיגט געווען מיט׳ן שטוב מיט דער ווירטשאַפט, נור זי האָט דאָך געוואוסט, אַז דאָס געשעפט געהט גאַנץ גוט און אַז ס׳איז קיין שום סבה ניטאָ צו אַ אָנזעץ. הייסט עס, אַז די גרונימוס ווילען מאַכען אַ אָנזעץ בלויז נור אויס בעניערינגקייט, ווייל זיי ווילען זיין רייכער, ווי איצט. דאָס האָט נאַטירליך אויפגעבראַכט איהר עהרליכע נאַטור און זי האָט אָנגעהויבען טיעף צו ליידען פון דעם געדאַנק, אַז איהרע קרובים געהען צו טהון אַ גרויסע נידערטרעכטיגקייט, און זי איז ניט אומשטאַנד צו שטערען אין דעם. זאָגען די מעקלער, אַז די גרונימוס נאַרען זיי אָב מיט זייערע כלומר׳שט פראָיעקטירטע אַנגראָ-סקלאַדען—שיקט זיך עס ניט, דאָס איז עפּיס אַזוי ווי פעלשען אין אייגענע, און אגב, וועלען נאָך די מעקלערס ניט גלויבען, וואָרום ר׳ משה גרונימוס איז דאָך זיין גאַנץ לעבען געווען אַ׳עהרליכער סוחר, וואָס וועט ער עס אויף דער עלטער ווערען אַ שווינדלער? איז

ריין זיין מאַגאַזין ניט דער ערשטער אין שטאָדט? לייזט ער דען
ניט מעהר, ווי אַלע זיינע קאָנקורענטען? דורכשמועסען זיך מיט
זיי, מיט די גרוינימוס, זאָגען זיי פשוט, ערקלעהרען זיי, אַז זיי
האָבען אויפגעטהין זעהר אַ מיאוס שפּיעל, וואָס פּאַסט זיך גאָר
ניט פאַר זיי, — איז אויך אוממעגליך. זיי וועלען בייז ווערען, ווע-
יען איהר אויסזידלען, זאָגען, אַז זי מישט זיך אַריין אין פרעמדע
עסקים, וועלען איהר פאָרוואַרפען, וואָס זי איז אונדאַנקבאַר פאַר
זייער ווינקעל, וואָס זיי האָבען איהר געגעגעבען, פאַר זייער
ברויט. עס וועט אַרויסקומען אַ פאַמיליען-סקאַנדאַל. און די גריינ-
מוס וועלען זיך טהון דאָס זייעריגעס.

וואָס טהוט מען? ווי טהוט מען? ווי פערבלייבט מען אין
אַ הויז און אויף אַ טיש ביי מענשען, וועלכע מ׳האַסט, מ׳פעראַכ-
טעט? ווי איז מען ביים אויספיהרען אַ פערברעכען, וואָס מאַכט
אויפגעבראַכט דאָס גאַנצע וועזען, — און מ׳זאָל שווייגען, און די
פערברעכער זאָלען דעריבער מיינען, אַז דו בינסט איינשטימיג,
צום ווענינגסטענס ניט דערגענען זייער פערברעכען? צו הייסט עס
ניט נאָכגיביגקייט, געמיינזאַמקייט, אונדירעקטע בעטייליגונג אין
דעם, וואָס דו אַליין האַלסט פאַר אַ פערברעכען. וואָס דאַרף בע-
שטראָפט ווערען...

און דאָ איז ניטאָ אַפילו פאַר ועמען אַרויסצוזאָגען דאָס
אָנגעוועהטאָגטע האַרץ, בעראַטען זיך, צוטראַכטען עפּיס, ווי אַזוי
צו בעוואָהרענען דאָס אומגליק, די בזיונות, וואָס שטעהט פאָר
דער גאַנצער פאַמיליע, וואָרום אויסער די בזיונות האָט אַננאַ
גאָרניט ניט ערוואַרטעט פון דער אָפּעראַציע, וואָס די גרוינימוס
האָבען אויפגעטראַכט. ראַשעל און בריגיטאַ, חיסטע און לייבטזי-
ניגע מיידלעך, בעטערקען גאָרנישט, וואָס עס טהוט זיך אין שטיב,
זיי זענען אינגאַנצען פערנומען מיט זיך, מיט זייערע טואַלעטען
און מיט זייערע „געענדיגטע“! און ווען זיי זאָלען אַפילו בעמער-
קען, וואָלטען זיי אויך ניט געווען דאַגעגען. און ווער ווייסט —
אפשר וואָלטען זיי זאָגאַר צופריעדען געווען מיט דעם אָנזעץ,
וואָס וועט רייכער מאַכען זייערע עלטערן, און דאַדורך וועלען זיי
בעסערן גדן בעקומען. אויף דאָס מאָראַלע געפיהל פון איהרע
פּלימעניצעס האָט די מוהמע אַננאַ זעהר וועניג גערעכענט. און זי
האָט דערצו קענטיג, אַ פעסטען סמך געהאַט. בלייבט נור איין

בעני. נור דער דאָזיגער עהרליכער און אַדעלער בחור איז אינ־גאַנצען פּערטהון אין זיין קונסט און זיין ליעבע, ר'האָט זיך בכלל קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט די געשעפטען פון זיינע עלטערן, ר'האָט ווענינער פון אַלץ בעמערקט זייערע קאָמערציעלע קאָמבינאַציעס און האָט גאָר ניט חושד געווען וועגען דעם פאַר־שטעהענדען קלאַפּ פאַר דער אונבעפלעקטער עהרע פון זייער פאַ־מיליע. און דערצו איז ער איצט זעלטען ווען אין דער היים: דאָס איז ער כיים פּראָפעסאָר, אום צו זעהן זיך מיט מאַניען, ווייל אין „פּאַריזער בופעט" האָט ער בעטלאָסען ניט צו נעהן איבער פיעלע סבות, דאָס איז ער אויף זיינע לעקציעס, דאָס — אין די אריסטאָקראַטישע סאַלאָנען — אויף היימישע קאָנצערטען און דועטען. ער האָט זאָגאַר אויפגעהערט צו פריהשטיקען אין דער־היים, און אננא האָט דעריבער אָנגעוואָהרען די מעגליכקייט צו שמועסען מיט איהר פלימעניק אָפענהערציג און געמיטליך.

די אונמעגליכקייט מיטצוטיילען וועמען ס'איז וועגען די נע־דאַנקען אין געפיהלען, וואָס האָבען איהר געפּייניגט, האָבען די אָרימע אננא נאָך אומגליקליכער געמאַכט, און זי האָט די לעצ־טע צייט אָנגעוואָהרען דעם אַפּעטיט אין שלאָף.

זי האָט זיך אומגעדרעהט פון איין זייט אויפ'ן צווייטען פלעגט איבערלעגען און פערריכטען די קישענס און בעמיהען זיך גיט צו טראַכטען פון דעם אַנזעץ, איינרייידענדיג זיך, אַז דאָס וועט ניט זיין אַז זיי וועלען אין דער לעצטער מינוט חרטה האָבען, וועלען ניט וועלען בעשעדיגען זייער גאַנצע פריהערדיגע עהרע, זיי וועלען זיך דערמאָהנען אָן גאָט — זיי זענען דאָך אַזעלכע פרו־מע, זיי וועלען זיך דערמאָהנען אָן זייערע עלטערן, וואָס האָבען געלעבט און זענען געשטאָרבען עהרליכע, איבעראַל געעהרטע סוחרים, זיי וועלען זיך דערשרעקען פאַר די טרעהרען און קללוה פון יתומים און אלמנות און פון אַלע אַנדערע בעלי־חובות, וואָס האָבען זיי אָנגעטרויט זייער פערמעגען, און זיי וועלען ניט ווערען אויף דער עלטער קיין גנבים, שווינדלער, רויבערס... די געדאַנקען אָבער פלעגען שנעל, ווי אַרויך פערשווינדען, און אין איהר מח און האַרץ האָט געהערשט — דער אַנזעץ, דער בייזער אַנזעץ, מ־... אויפגעעפענטען מויל, משנה'דיגע ציינער און נרויזאַמען ניפּט.

זי האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען פון בעט, האָט אָנגעצו־

רען א ליכט אויפ׳ן טישעל בײַ איהר צוקאָפּענס, האָט גענומען א בוך פון טישעל און געפּרובט לייענען... אומזיסט: די בלעטער דוכטען זיך איהר אָדער אינגאַנצען רײנע, ווייסע, אָדער בעדעקט מיט עפּיס מאָדנע, אינפערשטענדליכע אויפשריפטען: זי קוקט אוּן זעהט גאָר נישט, זי לייענט און פערשטעהט ניט; יאָ, דוכט זיך, אַז זי האַלט דאָס בוך מיט׳ן אויבען אַראָב.

— ניין, — זאָגט זי, צומאַכענדיג דאָס בוך און אוועקלעגענדיג עס צוקאָפּענס, — איך קאָן ניט שלאָפען און איך קאָן ניט לייענען. איך ווער דערשטיקט, דער קאָפּ שפּאַלט זיך, און דאָס האַרץ נאָגט, קלעמט... איך מוז מיט עמ׳יצען דורכשמועסען, דער־צעהלען, אַ ניט פלאַץ איך... בעני איז שוין געווים בײַ זיך אין צימער. איך האָב דוכט זיך געהערט זײַן שפּיעלען אויפ׳ן פּיערעל. ער וועט זיך דערשרעקען, ווען איך זאָל איצט אָנקלאַפּען צו איהם, נור פערפאַלען, איך מוז מיט איהם דורכריידען היינט, וואָרום מאָרגען וועל איך איהם ניט חאַפּען. מיר וועלען אָקאָרשט הערן, וואָס וועט ער דערויף זאָגען. ער איז ניט קיין נאַר, און דערצו עהרליך, מיט אַ האַרץ און א געוויסען, ניט אַזא. ווי זײַנע שוועסטער...

זי איז אַראָב פון בעט, האָט זיך שנעל אָנגעטהון, האָט גענומען פון טישעל דאָס ליכט און איז אויף די שפּיצען פינגער דורכגעגאַנגען דעם זאַל, האָט שטיל אָבגערוקט דעם ריגעל פון טהיר און איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר.

שרה רבקה׳ן אַלוא האָט זיך עס ניט אָבגעדוכט, אַז זי הערט אַ שאָרך אין זאַל און א סקריפּ מיט דער טהיר. איהר שאַרפער געהאָר, ווי בײַ אַ רויב פויגעל, האָט איהר ניט אָבגענאַרט. און ווען בײַ דעם פּחדן ר׳ משה׳ן זאָל געווען קלעקען מוטה אויף אַ גרינגלי־כערער ערפאָרשונג פון דעם אָרט, פון וואַנען ס׳האָט זיך געהערט דער שאָרך און דאָס סקריפּען, וואָלט ער דערזעהן, אַז די טהיר אין פאָר־הויז איז אויף־האַלב אָפען און עס הייסט, אַז יעמיצער איז אַרײַן אָדער אַרויס. צום גליק אָבער האָט ר׳ משה זיך געשראָקען און האָט זיך בעגנינגענט נור מיט׳ן אַרומקוקען דעם זאַל, אַניט וואָלט אַננא׳ן זעהר אונבעקוועם געווען, וואָרום מיט וואָס וואָלט זי ערקלערט איהר וויזיט צום פּלימעניק אַזוי שפּעט בײַ־נאַכט? צום מעזאָנין, וואו ס׳האָט געוואוינט אונזער פּיערעל־שפּי־

לער, האָט מען פֿון קאָרידאָר בעדאַרפֿט אַרויפֿקלעטערן אויף נאַנץ משופּע'דינע פֿינף'און צוואַנציג טרעפּ. חאָטשי אַננאַ האָט נעקלעטערט אויף די טרעפּלעך לאַנגזאַם, פֿונדעסטוועגען האָט זי אויפ'ן לעצטען פּאַר'ן אַיינגאַנג אין מעזאָנין נעמוזט זיך אָבשטעלען רוהען, ווייל ס'האָט איהר דער אָטעם פֿערחאַפּט און זי האָט געפֿיהלט, ווי ס'קלאַפּט איהר שטאַרק דאָס האַרץ און ס'טהוט וועה אין די שלייפֿען. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן די שטאַקעטלעך און האָט אָבגעטעטעמט. דאָס פּנים איז געווען בלאַס און צוטראָגען.

אין מעזאָנין איז געווען שטיל, מ'האָט פֿון דאָרט ניט נעהערט קיין נערויש, קיין שאָרך. נור בעני האָט נאָך ניט נעשלאָפֿען וואָרום פּאַסען ליכט האָבען זיך אַרויסגעשלאָגען דורך די שפּאַרענעם פֿון דער ניט פֿעסט פֿערמאַכטער טהיר און האָבען זיך אָבנעשפּיגעלט אויף די פּאַרענצעס אין אויף די בלעך פֿון דאַך. דער פֿיעדעל-שפּיעלער, מיט די הענד איבערגעפֿלאָכטען אויפ'ן ברוסט, אָנגעטהון אין זיין קורצער אַרבייטס-העמדיל, איז נעלעגען אויפ'ן סאָפֿע און האָט געטרוימט, פֿערשטעהט זיך, וועגען איהר, וועגען איהר, וועגען מאַניען. דאָס האָט ביי איהם נעהייסען רוה פֿון אַרבייט, חאָטשי דאָס טרוימען וועגען איהר פֿלעגט איהם אָבמאַטערן מעהר ווי די סאַמע שווערסטע מוזיקאַלע איבונגען — און די לעצטע צייט פֿלעגט ער אָפֿט אָנווענדען די אָבמאַטערנדע רוה. אין דעם גרויסען, נור ניט זעהר הויבען צימער, בעלויכטען פֿון אַ קליין אַרבייטס-לעמפּיל אונטער אַ ראָזעווען קאָלפּאַק, איז געווען האַלב פֿינסטער, וואָס האָט עטוואָס פֿערבעהאַלטען די אונאָרדנונג אין אַלע ווינקעלעך פֿון צימער. דוכט זיך, אַז קיינעם וועט ניט נעלינגען אַזוי צו שטעלען און פֿונאַנדערצוואַרפֿען זאַכען אין אַזעלכע אונפּאַסענדע ערטער, ווי דאָס נעלינגט אַנ'אַרטיסט, אַ פּאָעט. דאָס נעהערט שוין נור צו די זכיות פֿון אויסנאַהם-נאַטורען. דעריבער איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס אינזער אַרטיסטיס וואַש-טישעל איז געשטאַנען מיטען צימער, די שופבערשטלעך מיט דער פּושקע שוה-וואַקס זענען נעווען אויפ'ן טיש, וואָס איז נעשטאַנען עפּיס מיט אַ זייט ביי דער סאָפֿע, אויף דער סאָפֿע איז אונמעגליך נעווען צו זעצען זיך, ווייל ס'איז פֿערנומען געווען מיט אַ גרויסען טשעמאָדאַן, מיט וועש, מיט'ן שלאָף-ראָק מיט איין אַרבעל אַנ'אויסגעקעהרטען אויף לינקס, איין שטעק-שוך

און אין שטיוועל, די טרויב פון סאַמאָוואַר און דער קוימען-רעקעל, וואָס ווער ווייסט ווי אַזוי דאָס איז געוואָרען דאָ און ניט אין קוי-מען. אַ קערביל פון אַ קאַפּעליוש, וואָס איז געשטאַנען אויף דער פּאָדלאָגע, אַ ליידיגע פּושקע פון סאַרדינען און אַ זילבערן נאָפּעל אין אַזוי ווייטער און ווייטער. דאָס האָט אָבער גאָר ניט געשטערט אונזער יונגען מאַן צו טרוימען זיס און צו זעהן אויפ'ן וואָהר ענט-ציקענדע, פּאָעטישע חלומות. אַ לייכטער און רערשראָקענער קלאַפּ אין טהיר האָט איהם אויפגעוועקט פון די הלומות.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער זיך אָבגערופען און איז אונרוהיג אויפגעשפּרונגען פון סאָפקע.

— איך, די מוהמע, עפען, בעני, — האָט זיך דערהערט אַננאַ'ס קול.

ער האָט זיך אַ לאָז געטהון צום טהיר און אויפגעעפענט.

— מוהמע אַננאַ?... אַזוי שפּעט?... איהר שלאָפט נאָך ניט? קיינער שלאָפט נאָך ניט ביי אונז? וואָס איז עס עפּיס? צי איז היינט ניט די תנאים ביי די שוועסטער מיט די „נעענדינגטע“? האָט ער אָנגעהויבען אויסצופרעגען, וועהרענד די אַריינקומענדע האָט דאָס ליכט אָוועקגעשטעלט אויפ'ן פּיאַנאָ און האָט זיך אַוועקגע-זעצט אויף אַ נאָהענטען שטוהל, ניט ענטפערענדיג דערווייל אויף די פראַגען פון איהר פּלימעניק.

— יאָ, איהר זענט עפּיס טרויעריג, צוטראָגען, אונרוהיג — האָט בעני צוגעגעבען מיט אַ געבראָכענער שטים, צוקוקענדיג זיך שטאַרקער אין אַננאַ'ס פּנים און דערשרעקענדיג זיך פאַר איהר מאָדנעם אויסדרוק. — וואָס איז מיט אייך? זאָגט גיכער, פּייניגט ניט.

— זעץ דיך, בעני, — האָט אַננאַ אַרויסגעזאָגט, אָנווייזענדיג אויף אַ שטוהל דערביי. איך וועל דיר דערצעהלען, וועגען דעם בין איך דאָך געקומען.

דער יונגער מאַן האָט די נאָטען אַראָבגעוואָרפען פון שטוהל און אוועקשטעלענדיג עס אַנטקעגען אַננאַ'ן, האָט ער זיך אַוועקגע-זעצט און האָט איהר פערוואונדערט און אונרוהיג אָנגעקוקט.

נו, רעדט שוין, דערצעהלט — האָט ער געזאָגט אין אָנגע-האַפּט איהר אייז-קאַלטע הענד און האָט זי געטרייסעלט מיט פּי-

בערהאפטען אומגעדולד וואס איז ביי איהם געשטיגען פון מינוט צו מינוט.

אננא האט בעפרייט איהרע הענד, האט זיך אָבגערוקט פון איהר אויפגערעגטען פלימעניק, וואס האט, דוכט זיך, געוואָלט איינשלינגען איהר מיט דער טרויעריגער בשורה צוזאַמען.

— דו זיי ניט אומרוהיג, בעני, בערוהיג דיך און הער מיך אויס מיט קאָפּ, אַניט איז אונמעגליך צו דערצעהלען און צו בעראטען זיך. דו זיי אַ ביסעל מעהר געלאַסענער.

— יא, איך בין זעהר געלאַסען, אינגאַנצען רוהיג, — האט ער פערזיכערט, און נערוועז אויפגערעגט האט ער אינגאנצען געציטערט און איז בלאַס געווען. — רעדט זשע גיכער. איך הער אייך.

— ביי אונז, בעני, — האט אננא אָנגעהויבען רוהיג אַז פעסט, — איז ניט גאָר כשורה'דיג.

— וואס הייסט ניט כשורה, אין וואס ניט כשורה? — האט בעני געפרעגט, אויסגלאָצענדיג די אויגען.

— מיין ליעבע שוועסטער און דיין גוטער פאָטער האָבען אויפגעטראַכט זעהר ניט קיין גוטע זאַך, וואס עס וועט אַ בזיון זיין פאַר אונזער גאַנצער פאַמיליע.

— וואס איז עס אַזוינס?

— זיי וועלען זיך ערקלערען פאַר אונפערמעגליכע, אויפהערען צו צאָהלען.

— זיי זענען דען צורואינירט געוואָרען, האָבען זיך פערשפעקולירט?

— כלל ניט צורואינירט, פערקעהרט, דאס געשעפט אין גלענצענד, קיינמאָל, דוכט זיך, איז דאס געשעפט ניט געווען אַזוי גוט, ווי איצט.

— הייסט עס, אַז זיי קאָנען צאָהלען?

— יאָ, זיי קאָנען, נור זיי ווילען ניט צאָהלען.

— ווי הייסט, זיי ווילען ניט, אַז זיי קאָנען? — האָט ער זיך געוואונדערט און האָט ניט פערשטאַנען, ווי אַזוי קאָן מען עס ניט וועלען צאָהלען הובות, ווען עס איז פאַרהאַן מיט וואס צו צאָהלען.

— די זאַך איז אַזוי — האָט אננא איהם ערקלערט, — אַמאָל, ד. ה. ניט זעהר לאַנג, נור מיט אַ יאָהר צוואַנציג, דרייסיג

צוריק פלעגען סוחרים אויפהער׳ן צו צאָהלען, פלעגען אָנזעצען נור דאַן, ווען די געשעפטען זענען געווען שלעכט, ווען די קאסע איז געווען ליידיג, קורץ ווען ס׳איז קיין שום מעגליכקייט ניט גע-ווען צו צאָהלען. היינט אָבער בעגעהען זיך פיעל סוחרים פער-קעהרט: דוקא דאַן, ווען דאָס געשעפט האַלט גלענצענד, ווען די קאסע איז פול אָנגעפאַקט, שטעלען זיי אָב די צאָהלונגען און, שטעלען אוים די בעלי-חובות א פייג.

— פאַרוואָס טהוען זיי עס אזוי? — האָט ער נאאיוו גע-פרעגט.

— ווייל זיי ווילען זיין רייכער, לעבען מיט מעהר הרחבה און איינאָרדנען בעסער זייערע קינדער.

פאַר פרעמדע געלד?

— דאָס וואָס איז אַריין אין זייער טאַש, האַלטען זיי שוין פאַר זייערס.

— דאָס איז דאָך אָבער ניט עהרליך, ניט קיין יושר ניט-דערטרעכט׳ג! דאָס איז גנבה, רויבעריי!

— נו, יאָ, אויף אַזאַ גנבה, איז אַ רויבעריי לאָזען זיך איצט דיינע עלטערן, די עהרליכע פירמע „גרונימוס".

— ס׳קאָן ניט זיין! — האָט בעני אויסגעשריען און אין אייפגעשפרונגען פון זיין אָרט מיט צונויפגעדריקטע פויסטען. — דאָס הייסט. — האָט ער גלייך צוגעגעבען, — אייך, מוהמע אַננאַ, גלויב איך, אַז איהר זאָגט, ווייסט איהר דאָס גענוי. איך האָב גע-וואָלט זאָגען, אַז דאָס וועט ניט זיין, איך וועל עס זיי ניט ערלויבען, איך וועל ניט דערלאָזען!

— וואָס וועסטו טהון?

— איך וועל אויפהויבען אַ געוואַלד אויף גאַנץ שטאָדט; — האָט ער געשריען, אַרומלויפענדיג איבער׳ן צימער, ווי משוגע, און אומוואַרפענדיג מיט די פויסטען. — איך וועל דאָס גאַנצע הויז איבערקעהרען מיט׳ן אויבען אַראָב! דאָס איז ניעדערטרעכטיג דאָס איז עקעלהאַפט! ווי דערוועגען זיי זיך?! איך... איך... וואו זענען זיי? איך לויף גלייך צו זיי!

און ער האָט זיך געוואָרפען צום טהיר, נור אַננאַ איז אַראָב-געשפרונגען פון שטוהל און האָט איהם דעם וועג פערשטעלט.

— וואוהין לויפסטו, מטורף? — האָט זי געשריען, אָנחאַפּענדיג איהם פאַר די הענר און האָט איהם אָבגעשטויסען פון טיר. — ס'איז שוין צוויי דער זייגער אין דער נאַכט. זיי שלאָפען שוין. זעץ דיך און זייַ רוהיג.

— איך קאָן ניט! ס'קאָכט אין מיר אינעווייניג! — האָט בעני געשריען מיט שוים אויף די ליפען. — אַ אָנזעץ מיט'ן בייזען חילען! איהר פערשטעהט, וואָס דאָס בעדייט? דאָס איז דאָך גזלה, נור וואָס זאָג איך? דאָס איז דאָך ערגער פון גזלה, פון גנבה! ווארום אַ גנב, אַ רויבער ריזיקירט ניט נור מיט זיין עהרע, נור אויך מיט זיין לעבען, אין דעם איז דאָ, לפּחות, העזה, דרייסטיגקייט. און אַ בייזער אָנזעצער — איז פּשוט אַ מנוול, אַ פערמאַכטער פּחדן, אַ עקעלהאַפטער. בעשטראָפען — איז פאַר זיי אַ צוגרויסער כבוד, אַ תּליה איז פאַר גרעסערע מערדער. פאַר געמיינע טאשען-גנבים'לעך קלעקט צו פאַטשען זיי אין די באַקען און שפּייען זיי אין פּנים. אַ בייזער אָנזעצער איז דערזעלבער נע־מיינער טאַשען-גנב, און איך וועל ר' משה גרונימוס'ן ניט דערלאָזען דערצו. ווארום ער איז מיר אַ פאָטער. זאָל זיין וואָס ס'וויל, איך וועל איהם ניט דערלאָזען צו אַזאַ ניעדערטרעכטיגקייט!..

די אויפרעגונג און כעס פון יונגען מאַן זענען געשטיגען, זיין פּנים איז געווען בלאַס, צוקרימט און האָט זיך פיעבערהאַפּט געקניישט. ער האָט אינגאַנצען געציטערט, ווי אין פיעבער און האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען. אננא האָט פעסט זיינע הענד געהאַלטען און האָט איהם ניט געלאָזען אַ טריט צו מאַכען. זי האָט דערבייַ אָנגעשטרענגט איהר לעצטע ביסעל קרעפטען.

— גוט... דערלאָז נים — האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַ שוואַכען קול — נור... זעץ דיך אַנידער. איך בעט דיך, זעץ זיך. דער קאָפּ שווינדעלט מיר פון שוואַכקייט... נאָך אַ ווייל'ע — וועל איך חלש'ן. — בעני! דו ווילסט קיין רחמנות ניט האָבען אויף דער סוהמע אננאַ?

— דער פאָרוואורף האָט אויף איהם געהוידקט מעהר ווי אַ בקשה. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן ביינקעל, און אננאַ איז כמעט צוגעפאַלען אויפ'ן שטוהל, שווער עטעמענדיג.

— צי וואָס דאַרפען זיי גאָר פרעמדע געלד? — האָט ער שוין עטוואָס רוהיגער געפרעגט. — וואָס איז זיי איינעגע וועגי

און פאַר וועמען קלייבען זיי עס? איך דאַרף נית זייערע עשירות, אויב זיי ווילען נור, וועל איך ביים נאָטאַריוס זיך אָבזאָגען פון דער ירושה. און וואָס אָנבעלאַנגט די שוועסטער, וועט פאַר זיי נאָך קלעקען גרן. ווי מיינט איהר, מוהמע אַננאַ?

— נים נור פאַר זיי, נור ווען ביי דיינע עלטערן זאָלען זיין נאָך צוויי טעכטער, וואָלט פאַר זיי אויך געקלעקט. זייער פערמעגען איז, גאָט צו דאַנקען, אַ היבשער.

— היינט וואָס ווילען זיי פרעמדע?

— די בעגירינקייט לאָזט זיך נית אָנזעטיגען.

— האָט איהר נים געפּרובט צו ריידען מיט זיי, ערקלעהרען זיי?

— ערשטענס, זענען זיי, דוכט זיך, גאָר נית חושד, אַז איך חיים עפּים ווענען זייער פלאַן. צווייטענס, איז מיר אונבעקוועם צו ריידען מיט זיי וועגען דעם, און ס׳וועט נית העלפען אויך. איך ראַטה דיר אויך נית צו ריידען, ס׳איז אומזיסט, דאָס איז שוין ביי זיי אַ בעשלאָסענע זאַך און זיי וועלען זיך דערפון בשום־אופן נית אָבזאָגען, דערהויפּט די מוטער דיינע, מיין שוועסטער. דו וועסט נור אַ סקאַנדאַל מאַכען, און זיי וועלען טהון זייערס, וואָרום זיי, ווי פיעל אַנדערע, האָט זעהר דערנומען דער ביישפּיעל פון אַנדערע בייזע אָנזעצער, וואָס זייער צאָהל ווערט די לעצטע צייט אַלץ גרעסער. אַ בייזער אָנזעץ איז איצט געוואָרען אַ געשעפט, ווי אַלע געשעפטען, און עס פערוואונערט קיינעם נית און רעגט נים אויף. אונזער איינציגער טרייסט איז — וואָס זיי, אונזערע, זענען נית די ערשטע און נית די לעצטע אין דעם פרט. פערשטעהסט זיך, דאָס קאָן זיי נית פערענטפערן: ניעדערטרעכטיגקייט בלייבט ניערערטרעכטינקייט, ווען אפילו דאָס ווערט בעגאַנגען פון טויזענדער מענשען, דאָס בעווייזט נור, אַז דער סוחרים־שטאַנד פאַלט מאָראַליש, זינקט. נית אומזיסט איז פון מיין סאַמע קינדהייט פיהל איך עפּים אַ אינסטינקטיווע פעראַכטונג צו דעם שטאַנד, אויך דאַן זאָגאַר, ווען זיי האַנדלען עהרליך, ד. ה. ווען זיי בעשווינדלע און נאַרען אָב די קונדען אויפ׳ן געזעצליכען אופ׳ן. ווען איך האָב בעדאַרפט חתונה האָבען, האָב איך ליעבער אויסגעקליבען אַנ׳אָרימען לעהרער, וואָס פערדיענט זיין ברויט מיט שוויים, ווי די רייכע סוחרישע זיהן, אויף וועלכע איך האָב שטענדיג געקוקט, ווי

אויף, אָנשטענדיגע עהרליכע״ שווינדלער און בייזע אָנזעצער.

— אָ, מוהמע אַננאַ, איהר זענט אַנ׳איידעלע, היילינע פרוי,— האָט ער אַרויסגעזאָגט איננאַנצען בערוהיגט און האָט איהר׳ע הענד געקושט. — איך בין שטאָלץ מיט אייך. ניט אומזיסט האָב איך אייך אַזוי ליעב און רעספּעקטיר אייך,—רעספּעקטיר אייך, עהרען־וואָרט, מעהר ווי מיין מוטער און אַלע אונזערע. וואָס זאָלען מיר אָבער טוהן? — כ׳וועל אויסער זיך, איך וועל משוגע, ווען איך גיב אַ קלערע, אויף וועלכע נידערטרעכטינקייט מיינע עלטערן לאָזען זיך אויף דער עלטער.

— עס איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס דאָס רעגט דיך אויף אַזוי,—האָט אַננאַ רוהיג בעמערקט.—אַנ׳עהרליכער מענש קאָן ניט גלייכגילטיג צוקוקען, ווי פאַר זיינע אויגען ווערט בעגאַנגען אַ גרויזאַמע אומרעכט, אויף קיין אַנדער בעציהונג דערצו האָב איך זיך ניט געריכט פון דיר, מיין וואוילער בעני קאָן ניט בערעכטיגען דאָס, וואָס איז נידעריג און מאוס. אָבער זעהר אויפגערעגט צו זיין דאַרף מען ניט. דו האָסט דערצו קיין שייכות ניט. דו בינסט אַ׳ אַרטיסט, היינט־מאָרגען וועסטו אַ זעלבשטענדיג לעבען פערפיהרען אין אַ גאַנץ אַנדער סביבה און וועסט אַפילו איננאַנצע אָבפאָהרען פון דאַנען. אַלזאָ וועסטו זיך ניט בענוצען מיט דעם אָנגעראַבירטען אייגענס. און פאַר דיינע עלטערן בינסטו נים פעראַנטוואָרטליך ניט פאַר ליימען, ניט פאַר דיין אייגענעם געוויסען. עלטערן זענען אָפּטמאָל פעראַנטוואָרטליך און דאַרפען פעראַנטוואָרטליך זיין פאַר די מעשים פון זייערע קינדער, אָבער קינדער פאַר עלטערן—קיינמאָל ניט. דו קאָנסט אַלזאָ רוהיג און מיט אַ ריינעם געוויסען ווייטער געהן אין דיין וועג, וואוהין עס ציהט דיך דיין טאַלענט, דיין בערוף... איך אָבער, מיין לאַגע איצט איז די סאַמע קריטישע. אונערטרעגליכע.

— פאַרוואָס?

צי דען פערשטעהסטו ניט פאַרוואָס? צי דען פערשטעהסטו ניט, אַז ווען דאָס וועט פאָרקומען, דאַרף איך ניט און איך קאָן ניט פערבלייבען אין דעם הויז קיין אײן ווילע ניט? איצט שוין ברענט אונטער מיר די פאָדלאָגע, איך ווערג זיך מיט יעדען ביסען, איצט שוין דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז געגנבה׳טע, אָנגעראַבעוועטע אָנגעווייקט פון פרעמדע טרעהרען. און וואוהין אָבער

אָל איך געהן? איך בין אַן אָרימע אלמנה און אַ יתומה, פאַר מיר איז דאָ איצט איין וועג נור: פון בריק אין וואַסער!...

זי האָט דאָס פּנים בעדעקט מיט אַ טיכעל און געוויינט. דעם יונגען מאַן האָט שטאַרק פערקלעמט דאָס הארץ. צוזעהענדיג די פערצווייפלונג פון דער איינציגער פּערזאָן, וועלכע ער האָט אַזוי געליעבט און געעהרט אין זיין פאַמיליע.

אָ, מערדער! — האָט ער אויסגעשריען, איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און געבראָכען די הענד. אין דער ווייל האָט ער געהאַסט זיינע עלטערן. מיט שנעלע טריט איז ער אַרומגעגאַנגען אין צימער הין און צוריק, האָט געשווּבערט די האָר און שווער געטעמט. דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געטהון אויפ'ן סאָפקע.

— צי איז דען פאַר אונז קיין שום אויסגאַנג ניטאָ? האָט ער געפרעגט און ווידער די הענד געבראָכען.

—גאָרניט.

— און רויכמאַן?—האָט ער אַ פרעג געגעבען, וויסענדיג וועגען זיין ליעבע צו אננא'ן.

— רויכמאַן האָט דאָ נים לאַנג מיר געמאַכט אַ פאָרמעלע פאָרשלאָג, און איך האָב ש'ער ניט מסכּים געווען, נור איצט האָב איך זיך בעדענקט און כ'האָב בעשלאָסען אין קיין פאַל ניט הייראַטען מיט איהם!...

— פאַרוואָס?

— ווייל ער איז אַ סוחר.

— וואָס איז, אַז ער איז אַ סוחר? ער איז, דוכט מיר, אַן ערליכער מאַן.

— ווער ווייסט איהם זיין ערליכקייט,—האָט אננאַ געזאָגט, אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד,—מיר דוכט זיך, אַז אַלע סוחרים זענען ערליך—ביז דעם ערשטען נסיון, ביז דער ערשטער ניערערטרעכטיגקייט: אַז דיין פאָטער ר' משה גרוניטוס, וואָס האָט אַזוי פיעל צעהנדליגע יאָהרען געהאַנדעלט ערליך און איז שטאָלץ געווען מיט זיין אונבעפלעקטער פירמע, בעשליעסט זיך אויף די עלטערע יאָהרען צו ווערען אַ בייזער אָנזעצער און פערשענדען זיך און זיין פאַמיליע אויף דאָס גאַנצע לעבען, קאָן מען אויך שוין ניט ערב זיין פאַר די ערליכקייט פון קיין סוחר. ניין, איך וועל מיט רויכמאַן ניט חתונה האָבען, דאָס איז שוין פאָלשטענדיג בע-

שלאָסען. ביי אונזער ערשטער בענגעניש וועל איך עס איהם גלייך זאָ־
גען ער זאָל אויף מיר גאר נים ריכטען זיך. איך וועל בעסער
בעטלען געהן, ווי חתונה צו האָבען מיט א סוחר. איצט האָב
איך אָנגעטאָהרען יעדע צוטרוי צו סוחרים און דאָס ביסעל אכ־
טונג, וואָס איך האָב ביז אהער געהאַט פאַר זיי. זיי האָבען אלץ
אויסגעזעהן אלס אָנשטענדיגע לייט פיעל־ווינציג, האָטשי זייער אָנ־
שטענדיגקייט איז בעשטאַנען אינ׳ם אָבנאַרען אין מאָס און אין וואָג
פערקויפען שלעכטע וואַרע אָנשטאָדט גוטע און נעהמען דערפאַר
גוט געלד, איצט אָבער ווערען זיי פשוט רויבער: איז א פרעמדער
גראָשען אריינגעפאַלען אין טאַש, פערהאַלט מען איהם וואָס
שמאַרקער. מיט ליכט דאַרף מען זוכען א סוחר, וואָס האָט קיין
בייזען אָנזעץ נים געמאַכט האָטשי איין מאָל אויף זיין לעבען.
— ניין, בעני,—האָט זי איהר לאַנגע רעדע פערענדיגט פעסט
און ענטשליסענד,—צוואַנציג יאָהר האָב איך צוזאַמענגעלעבט מיט
אַנ׳עהרליכען, אדעלן און געבילדעטען מענשען, דעריבער וויל איך
ניט איצט ווערען א פרוי פון א וועלכען ס׳איז ווייניג־קענענדיגע
סוחר׳ל, וואָס, אויב ער איז נאָך היינט עהרליך, קאָן ער מאָרגען
ווערען א מנוול.
א לענגערם שטיל־שווייגען, אננא איז געזעסען פערזאָרגט און
געשוויגען, און בעני איז געלעגען אויף דער סאָפע, האָט גע־
שויבערט זיינע האָאָר און האָט געדרעהט די וואָנצעס, קענטיג,
בעטראַכטענדיג עפּיס.
— הערט נור, מוהמע אננא,—האָט ער פלוצלונג אויסגע־
שריען, צושפרינגענדיג צו אננא׳ן—אָט וואָס איך האָב איצט
אָבגעטראַכט. ווען דאָס וועט פאָרקומען, וועל איך דאָך אויך
אנטלויפען פון דעם פערפעסטעטען הויז,—וואָרום, ווי זאָל איך זיך
עס בענוצען מיט אָנגעראַבירטע?
— וואוהין זשע וועסטו געהן?
— איך וועל דינגען א דירה, און מיר וועלען זיך לעבען
שטיל, רוהיג, וואוילו!
— און מיטלען?
— מיטלען זענען דאָ. ערשטענס, האָב איך דריי לעקציעס,
און ווען איך זאָל וועלען, בעקום איך נאָך. צווייטענס, וועל איך
שפּיעלען אין אָרקעסטר. דער פאַן סטעמפקאָוויטש רופט מיך שוין

פון לאנג, אז איך זאל בײַ איהם דאָס ערשטע פּיערזל שפּיעלען ווײַל בײַ איהם איז זעהר א שלעכטער סאָליסט. ער לעגט מיר פאָר זעכציג רובל א מאָנאט. איז עס דען ווענינ מיטלען בײַ אַזאַ ער אויסגעצייכענטער ווירטשאַפט?

— איבערגעטנג, אָבער וואָס וועלען דערויף דײַנע עלטערן זאָגען?

— וואָס נעהט מיך אָן, וואָס זיי וועלען זאָגען? און איך וועל זיי זאָגען: אַז איך שטעהע אָן צו זײַן בײַזע אָנזעצער. איז פאַרוואָס זאָל מיר ניט אָנשטעהן צו צײַן סאָליסט און כעאַ־מער־אָרקעסט? אַלענפאַלס שעלט מיך קײנער ניט און קײנער וויינט ניט איבער מיר.

— אמת.

— הייסט עס, זענט איהר מסכים?

— יאָ,—האָט אננא געענטפערט.

— אורא!—האָט ער פרעהליך אויסגעשריען, און האָט אַרומגענומען און געקושט זײַן מוהמע.—איהר וועט זעהן, ווי וואויל עס וועט זײַן! און מאַניע וועט עס אביסעל צופריעדען זײַן! מיר וועלען איך ניט אָבלאָזען, איהר וועט מיט אונז פאָהרען קײן אויסלאַנד. מיר וועלען פרידעריטאָ'ן אויך מיטנעהמען, זי וועט דאָך דרײַ־יאָהר ענדיגען קאָנסערוואַטאָריע, מיר וועלען נאָך דעם אַלטען ■יאָפּעסאָר אויך מיטנעהמען. שטעלט אײַך פאָר: מעצאָ־סאָפּראַנאָ, קאָנטראַלט, וויאָלאָנטשעל און פּיערזל! מיר וועלען עס אינטער־וועגס קײן אויסלאַנד אַזעלכע קאָנצערטען געבען, אַז א רויך וועט געהן!

קירץ, אַזוי ווי מיט א האַלבע שעה צוריק האָט ער שיער איוף די וועגד געקלעטערט אויס פערצווייפלונג, אַזוי איז ער איצט משוגע געוועזן פון פרייד און גלענצענדע האָפנונגען איוף דער צו קונפט. בײַ נערוועזע נאַטורען זענען גאַנץ געוועהנליך אַזעלכע שאַרפע און האַסטיגע איבערגאַנגע, און אונזער אַרטיסט האָט נאָך לאַנג פאַנטאַזירט וועגען זײַן קינפטיגער אַרטיסטישער טעטיגקייט, ביז וואַנען אננא האָט איהם דערמאָנט, אַז ס'איז שוין צײַט צו שלאָפען, און זי איז אַוועק צו זיך. און בעני איז אַרומגעגאַנגען איבערן ציכער און האָט אָנגעקוואָלען פון נחת ביז סאַמע פריה־מאָרגען.

XVIII.

די ערשטע טריט צום אַנזעץ.

פערשטעהט זיך, אַז שרה־רבקה האָט איהר׳ס אויסגעפיהרט: ר׳ משה איז פאָרט געגאַנגען צום געהאַסטען נחום ברײנים בעראַטהען זיך מיט איהם וועגען דער פאַרשטעהענדער אָפּעראַציע. ר׳ נחום, אַ געניטער אין הלכות אַנזעצען, האָט צופריעדען און העפליך אויפגענומען דעם אפרוחל. איהם הײסט עס, איז זעהר אָנגענעהם געווען אויפצונעהמען בײ זיך אַן׳ערשטען מאָל דעם געעהרטען קאָמערסאַנט מיט אַ סאָלידער רעפּוטאַציע און מאָראַלען אויטאָריטעט. חאָטשי ער איז פּ׳ער מאָל רײכער געווען פון ר׳ משה גרונים, האָט ער דאָך געפיהלט, אַז אין דער געזעלשאַפטליכער מײנונג שטעהט ער פיעל נידעריגער פון דעם סוחר, וועלכען ער האָט קײנמאָל ניט געקאָנט גלײך אין די אויגען קוקען: דאָס ניט־רײנע געוויסען, בײ דער גאַנצער כלומרשטער רוהיגקײט, פאַלט ניט וױלענדיג פאַר דער ווירקליכער עהרליכקײט. אַ מענש מיט ניט אַ רײנעם געוויסען און מאוסע מעשים מאָג ווי פיעל ס׳גלוסט זיך קוראַזש מאַכען איבער דער געזעלשאַפטליכער מײנונג, אָבער אין האַרצען אינעווײניג בױגט ער זיך דאָך דער פאַר און לײדט פון דער אונאַכטונג. ר׳ נחום ברײנים, וואָס איז ניט קײן נאַר געווען, האָט גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַ ווירקליכע ווערטה ס׳האָט דער רעספּעקט, וואָס ער האָט אין דער געזעלשאַפט. ער האָט געוואוסט, אַז דער רעספּעקט און דער אײנפלוס זענען בלויז נור אַ דאַנק זײן עשירות, ווײל פיעלע זענען פון איהם מאַטעריעל אָבהענגיג. אויסער דער עשירות אבער וואָלטען איהם אַלט פערראַכטעט... ער האָט עס גוט געוואוסט, און דעריבער וואָלט ער איצט גערן זיך געביטען מיט דעם וועניגער רײכען ר׳ משה גרונימוס, אַז ער זאָל, אַזוי ווי ער, דאָס רעכט האָבען צו קוקען יעדערן גלײך אין די אויגען און ניט רויט ווערען בײם וואָרט „אַנזעץ״, „אַנזעצער״, וואָס אײנער זאָל אונגערן אַרויסזאָגען אין זײן געגענוואַרט... ווען ער האָט פון די האַלבע ווערטער פון זײן גאַסט ר׳ משה גרונימוס אָנגעהויבען משער צו זײן, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט ער לכתחילה זיך אלײן נים געגלויבט:

דערנאָך אָבער, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז פּאַר איהם איז דאָ ניט מער קיין ענ־ר. ווי אַ קאַנדידאַט אין אַנזעצער, האָט ער זיך אַזוי דערפרעהט, פּונקט ווי איהם אַליין וואָלט געלינגען צו מאַכען נאָך אַ אָנזעץ, און דערביי בעקומען נאָך אַ גרויסען הויז.

הייסט עס, עס קומט צו נאָך איינער צו די „אונזערע", האָט ר' נחום אַ טראַכט געטהון צופריעדען. וואָס אַזאַ געעהרטע פּער־זאָן, ווי ר' משה גרונימוס וועט פון איצט אָן פערנעהמען אין שטאָדט דעמזעלבען אָרט, וואָס ער. און ער האָט מיט אַ מאָל דערפיהלט צו איהם אַזאַ התקרבות, אַזאַ ליבשאַפט. אַז ער וואָלט איצט ניט געקאַרגט זיינע אייגענע עטליכע טויזענדער רובל, אַבי נור דער „ענין" זאָל געמאַכט ווערען. ער האָט זיך אַלץ געשראָ־קען, אַז גרונימוס וועט נאָך אפשר חרטה האָבען און וועט בליי־בען אַנ'עהרליכער מאַן, און איהם איז אַזוי נייטיג זיין אָנזעץ: גרונימוס'עס אָנזעץ וועט בערעכטיגען זיינע אייגענע דריי אָנזעצען און זיין פלעק וועט בעדייטענד פערקלענערט ווערען.

ער האָט דעריבער גענומען אויפמונטערן דעם שעמעוודיגע קאַנדידאַט, בערוהיגען איהם, איינריידען און געבען איהם עצות.

—ניטאָ, איז פערפאַלען,—האָט ער צו איהם געטענה'ט.—ניטאָ מיט וואָס צו צאָהלען, דאַרף מען ניט צאָהלען. די לעצטע העמד אָבגעבען בעלי-חובות—איז קיינער ניט מחויב. אַ פאַמיליע, קינדער... ווען גאָט וועט אייך העלפען, וועט איהר זיך אויסקווי־טעווען... זאָל מען וואַרטען... אַלע טהוען אַזוי... איבער אָבגעש־טעלטע צעהלונגען פון אַ סוחר וועט די וועלט ניט אונטערגעהן... און פון וואַנען זאָל מען עס איצט צאָהלען רעיעל? ס'זענען אַזעל־כע שווערע צייטען! גלויבט מיר, ר' משה, מיר צאָהלט מען אויך ניט, און איך שווייג וואָרום מ'קאָן גאָרנישט ניט מאַכען.

— אָבער...—האָט גרונימוס אויסגעמורמעלט.

— נאַרישקייט—האָט בריינים אָבגעשנפט,—דערהויפּט איז—די ביכער זאָלען זיין אין אָרדנונג, אַז נאָך די ביכער איי־רע וועלען מיר מאַכען אין אָרדנונג, וועגען דעם מאָגט איהר שוין רוהיג זיין, ר' משה. איך קען דאָ איינעם, וואָס קאָן אויסגע־צייכענט איינאָרדנען קאָנטאָר־ביכער. אַ בוכהאַלטער איז ער אין אַ באַנק, ער ווייס, ווי מ'מאַכט באַלאַנצען, רעכענונגען, מיט איין

וואָרט, אַ מיסטער דערויף, אויב איהר ווילט, קאָן איך איהם היינט צושיקען צו אייך.

— נו, און... האָט ר׳ משה ווידער אויסגעבראָכט.

— און וואָס אָנבעלאַנגט אייער בעוועגלעכעס און אומבעוועגליכעס פערמעגען, דעם מאַגאַזין און דאָס איבעריגע, — האָט איהם ברייניס איבערגעריסען, — דאַרף מען עס וואָס גיכער און בסוד־סודות איבערמאַכען אויף אַנ׳אַנדערס נאָמען, נו, חאטשי אויפ׳ן נאָמען פון אייער שרה רבקה, זאָל לעבען.

— אויף די וועקסלען געפינט זיך אויך איהר אונטערשריפט, — האָט גרונימוס בעמערקט.

— דאָס איז, זאָלט איר מיר מוחל זיין, זעהר אונפאָרזיכטיג געוועזען פון אייער זייט, — האָט דער געניטער אַנזעצער אויסגערעדט, — דעם ווייבס אונטערשריפט דאַרף זיך קיינמאָל ניט געפינען אויף אַ וועקסעל — וואָרום מיר זענען דאָך אַלע לעבעדיגע מענשען און ווער ווייסט, וואָס מיט אונז קאָן פאַסירען, צו וואָס נאָך דאָס ווייב אַריינפּלאָנטערן? נור, ס׳מאַכט ניט אויס, מיר׳ן עס פעררריכטען. מ׳קאָן עס איבערמאַכען אויף אַ פרעמדען נאָמען, אויף אַ קרוב, נו זאָל זיין אויפ׳ן נאָמען פון אייער שוועגערין, וואָס איז ביי אייך, די אַלמנה הנה, דוכט זיך? אָדער אויף אַ סוחר׳ס נאָמען. אויף וועמענס נאָמען, דהיינו!? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, צולעגענדיג אַ פינגער צום שטערן און האָט זיך פערטראַכט.

— איך האָב שוין איינעם ביי זיך בעמערקט, — האָט גרונימוס אַ גלעט געטהון דעם באָרד.

— איז גוט. — האָט ברייניס אַרויסגעזאָגט צופריעדען, וואָס ער דאַרף ניט ברעכען דעם קאָפּ אום אויפצוזוכען וועמען. — און די דאָקומענטען וועט אייך צורעכט מאַכען איינע אַ זיכערע פערזאָן, וואָס מ׳קאָן אויף איהם פאָלשטענדיג זיך פערלאָזען. ער וועט מאַכען אַלץ, וואָס מ׳בעדאַרף, שנעל און רעיעל, מיט אַלע נויטיגע פאָרמאַליטעטען און — ניט טייער. איך וועל איהם צושיקען צו אייך. איהר וועט איהם אַרויסגעבען אַ פאָלמאַכט, איהר וועט איהם געבען די פאפּיערען — און איהר וועט איהם אין די אויגען ניט אָנזעהן ביז וואַנען ס׳וועט אַלץ פארטיג ווערען, שוואַרץ אויף ווייס. ער וועט זיך אַפּילו ניט דינגען מיט אַייך: איהר וועט שוין אַליין זיי געהעריג אָבשאַצען זיין מיה און וועט איהם בעפריעדיגען

ליבטיקטן ארבייט ער אָב גלאַט, װאָרום ער איז א בקי אין דעם. א גאָלדענער מענש איז ער, איהר װעט מיר דאַנקען פאַר דער ריקאָמענדאַציע.

מיט איין װאָרט — ר׳ נחום ברײנים איז קענטיג קאַפּאַבל געװען אויסצוציהען זיך פאַר די אינטערעסען פון ר׳ משה גרוני־מוס, װאָס האָט זיך אָנװאונדערן ניט געקאָנט פון דער גרויס גוט־פריינדשאַפט, װאָס ער האָט אָנגעטראָפען ביי א מענשען, צו װעלכען ער פלעגט ביז אַהער אַרויסװייזען ביי יעדער געלעגענהייט פעראַכטונג און שנאה. און ער האָט ביי זיך בעשלאָסען, אַז ער איז ביז אַהער אומגערעכט געװען בנוגע צו נחום׳ן, װאָרום חאטשי נחום איז אַ ביסעלע א... נור אין תוך אריין איז ער א גוטער, א אויפריכטיגער, אָהן קנאה, אָהן שנאה, און אַז ער איז אַ קליגער, דאָס װייסען דאָך אַלע. ר׳ משה האָט דאָס הויז פון דעם דריי־גאָרנדיגען בייזען אָנזעצער פערלאָזט אינגאַנצען שלום׳דיג מיט־איהם און מיט זיין דריי־גאָרנדיגען „אָבשטעלעו די צאָהלונגען״ אַזוי פשוט און גלאַטיג האָט ער איצט אָנגעהייבען אָנצירופעו דאָס, װאָס ער פלעגט פריהער אָנרופען בייזע אָניעצען, רויבעריי. דער שד אין אונז איז א גרויסער בעל־פלפול: עס ארט איהם גאָר ניט די נים־אויסגעהאַלטענקייט, און ביי איהם איז היינט װייס, װענען װאָס ער האָט נעכטען געשריען, אַז ס׳איז שװאַרץ, און פערקעהרט דאָס גלייכען.

ביים געזעגענען זיך האָבען אונזערע נייע ידידים גוטע פריינד לאַנג און פעסט די הענד געדריקט איינער דעם אַנדערן און האָבען זיך אַפילו צוקושט, פערשפּרעכענדיג פון איצט אָן אָפטער צו בע־זוכען איינער דעם צװייטען, װי ס׳פּאַסט פאַר גוטע פריינד.

אינ׳ם פערלאַנג צו שמיעדען דאָס אייזען כל־זמן עס איז היים, איז ר׳ משה גלייך פון נחום׳ן אַװעק צו עזריאל, װעלכען ער האָט אָנגעמערקט צום איבערשרייבען אויף זיין נאָמען דאָס פער־מעגען, כדי די בעלי־חובות זאָלען ניט האָבען פון װאָס צו מאָהנען.

ר׳ עזריאל, אַן אַלטער סוחר אין דער עלטער־רוה, האָט געהערט צו די אָנגעזעהנסטע פערזאָנען פון שטאָדט. מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט ער זיין גרויסען מאַנופאַקטור־געשעפט איבער־געגעבען זיינע זיהן, און אַליין האָט ער זיך איצט אָבגעגעבען צו תפלות, צו לערנען און צו צדקה־ענינים, און דער בער האָט מע

איהם געקאָנט זעהן אָדער אין קלויז, אָדער בּיי איהם אין קאַבּינעט בּיי דער גמרא, אָדער אין די צדקה־חברות, וואו זיין דעה האָט גרויס תּקיפות געהאַט. טראָטץ דעם, וואָס ער האָט זיך אינגאַנצען דערווייטערט פון דער פּראַקטישער, געשעפטס־וועלט. פונדעסטוועגען פלעגען געשעפטס־לייט אָפט ווענדען זיך צו איהם וועגען אַן עצה און אויך מכח אַ בּרירות אין אַ ספק, וואָרום זיין גלייכער פערשטאַנד, זיין פיעל־יעהריגע סוחרישע ערפאַהרענקייט און פעסטע עהרליכקייט האָבּען איהם ערוואָרבּען גרויס צוטרוי פון אַלעמען. ער פלעגט קיינעם ניט אָבּזאָגען אין אַ געפעליגקייט, פלעגט אַלעמען אויסהערן, אַן עצה געבּען, אויסגלייכען סכסוכים, פּשרות מאַכען. אויך וואָהרענען פון ריזיקאַלע אָדער ניט גאָר ריינע געשעפטען, פלעגט פיעלע אַרויספּלאָנטערן פון אַ פערדרעהטער לאַגע, און די יודישע בּעפעלקערונג האָט איהם דעריבּער טיעף געעהרט און געליעבּט.

ר׳ משה גרונימוס איז אויפ׳ן געדאַנק געקומען אַז ער זאָל זיך אויך ווענדען צו איהם. ווען ר׳ משה זאָל זיין עטוואָס קליגער וואָלט ער געוואוסט, אַז ר׳ עזריאל איז גאָרניט דער מענש, וועלכען מ׳קאָן פאָרלעגען דירעקט אָדער אונדירעקט מיטצוהעלפען אין אַ שווינדלעריי. ער וואָלט געוואוסט, אַז מיט אַזאַ מין פאָרשלאַג וועט ער שטאַרק בּעליידיגען ר׳ עזריאל׳ן, רעכענענדיג אויף זיין מיטווירקונג אין אַזאַ ענין, וואָס מאַכט שוידערן דאָס געוויסען פון יעדעם עטוואָס אָנשטענדיגען מענשען, און בּפרט נאָך אַזאַ עהרליכען און פרומען יודען, ווי ר׳ עזריאל. ר׳ משה איז אָבּער, ערשטענס, בּכלל קיין חכם ניט געווען, און צווייטענס האָט דער בּעשלום זיינער וועגען דעם אָנזעץ איהם אַזוי בּלינד געמאַכט, אַז ער האָט אויפגעהערט צו פערשטעהן דאָס סאַמע איינפאַכסטע. און די קלוגע שרה־רבקה מיט איהר ווייניג ענטוויקעלטען מאָראַלען געפיהל האָט געהאַט עפּיס מאָדנע בּעגריפען וועגען עהרליכקייט און גערעכטיגקייט, און זי האָט עס געהאַלטען פאַר אַ גוט־פריינדליכע געפעליגקייט. אַז ר׳ עזריאל, וואָס איז אַ פריינד, אַ חבר איהר מאַן פון דער קלויז, וואו זיי האָבּען צוזאַמען אין דער יוגענד געלערנט, זאָל זיי איצט מיטהעלפען אין זייער געשעפט. דעריבּער האָט זי אַליין אָנגעטריבען טאַקי אויף ר׳ עזריאל׳ן, און דער תּם ר׳ משה האָט עס אָנגענומען.

איבער צוויי שעה צייט האָט ר׳ משה פערבראַכט ביי ר׳
עזריאלן אין קאַבינעט. אין דעם קליינעם עס־צימער איז שוין
לאַנג דער טיש געגרייט געווען צו מיטאָג, די בעל־הבית׳טע חנה
יבורה איז שוין פינף מאָל צוגעגאַנגען צום טיש ערקונדיגען זיך,
צי איז אַלץ אַוועקגעשטעלט און אַוועקגעלעגט געוואָרן אויפ׳ן
עהעריגען אָרט און דריי מאָל האָט זי אָנגעקלאַפּט אין טהיר פון
קאַבינעט דערמאָנענדיג דעם מאַן, אַז ס׳איז שוין צייט צו מיטאָג
עהן, נור די טהיר האָט זיך ניט געעפענט. צווישען די אַמאָליגע
שול־חברים איז קענטיג פאָרגעקומען זעהר אַ ערנסטער געשפּרעך:
ביידע האָבען געשריען: „ר׳ עזריאל האָט געגעבען צו פערשטעהן,
פאָרווירפע געמאַכט, געבעטען, און ר׳ משה האָט אָבגעענטפערט,
געטענה׳ט און זיך געשוואָהרען. איצט האָט ער שוין גוט פער־
שטאַנען, אַז ער האָט אָנגעטראָפען ניט וואוהין מ׳בעדאַרף, אַז ער
איז אַריינגעפאַלען און אין דער מחשבה האָט ער זיך אליין פער־
שאָלטען. וואָס ער האָט געפאָלגט זיין צו־קלוגע ווייב. נור ס׳איז
שוין פערפאַלען, צוריק קאָן מען שוין ניט געהן, וואָרום ר׳ עזריאל
שטויסט זיך שוין אָן געוויס וועגען דעם ווירקליכען האַראַקטער
פון דעם אָנזעץ, צו „וועלכען די אומשטענדען האָבען מיטגע־
בראַכט״, און אין זיינע אויגען איז ער שוין קאָמפּראָמעטירט אויף
אַלע מאָל, ווען אפילו ער זאָל זיך איצט אָבזאָגען פון זיין פּלאַן.
ער האָט דעריבער געאַרבייט מיט דער גאַנצער פערצווייפלונג
און האָט בעשלאָסען ניט אַרויסצוגעהן פון קאַבינעט כל־זמן ער
וועט ניט איבעררעדען ר׳ עזריאל׳ן. ער האָט געשוויצט, אין האַלז
איז איהם טרוקען געוואָרען פון די קולות, ליגענס און פאַלשע
שבועות, דאָס פנים האָט זיך איהם צוקרימט, די הענד האָבען גע־
טרייסעלט, און אין קאָפּ האָט געברענט און געראוישט, און ער האָט
נאָך אַלץ אָנגעשטרענגט זיין גאַנצע ענערגיע, וואָרום איצט האָט
זיך געהאַנדעלט ניט אַזוי וועגען דעם גרויס געווינס — אין דער
מינוט וואָלט ער עס אַרויסגעוואָרפען פאַר׳ן טייוועל, — נור וועגען
עטען זיין עהרע, ד. ה. צוציהען צו זיין פּלאַן די פּערזאָן, וועל־
בע ער האָט אַלע מאָל אַזוי טיעף געעהרט און וואָס איז איצט
אָך חשיב׳ער געוואָרען אין זיינע אויגען. ווען די פּערזאָן זאָל אונ־
דירעקט אַ שייכות האָבען צו זיין שווינדעל האָט זיך איהם געדוכט,
אַז דאָס איז די בעסטע גאַראַנטיע, דאָס די געזעלשאַפטליכע מיי־

זונג וועט איהם ניט זײַהר שטרענג משפט׳ן, וואָרום יעדערער וועט דאָך פערשטעהן, אַז אויב ר׳ עזריעל, דער עהרליכער ר׳ עזריאל האָט איהם מיטגעהאָלפען, הייסט עס דאָך טאַקי, אַז זײַנע אומשטענדען זענען ווירקליך שלים און ער איז אַן׳אומגליקליכער אָנזעצער, ניט קיין פאַרזיכטיגער, וועלכען מ׳דאַרף בעדוערן, און ניט פעראַכטען, פערהאַסען און פערפאָלגען. און די גוזעלשאַפטליכע מיינונג איז איהם טייער געווען און פאַר איהר משפט האָט ער מורא געהאַט, וואָרום ער איז דאָך אויפגעוואַקסען און האָט די גרעסערע העלפט פון זײַן לעבען אָבגעלעבט מיט אַ גוטען אונבעפלעקטען נאָמען, וואָס ער האָט געירשנט פון זײַנע עלטערן און אור־עלטערן, און ער האָט עס ניט געוואָלט אָנווערהען איצט, ווען עס דערנעהנטערט זיך די צייט, אַז ער זאָל זײַן יחוס איבערגעבען צו זײַנע קינדער.

אין פערלויף פון דעם געשפרעך מיט ר׳ עזריאל׳ן איז געווען אַ ווײַלע ווען ר׳ משה האָט זיך מיאוש געווען פון דער מענשליכקייט איבערצורײַדען דעם עהרליכען מענשען און ער האָט שוין געוואָלט מיט אַמאָל חרטה האָבען, מודה זײַן זיך אין אַלץ או אָבלאָזען זײַן ניערערטרעכטיגען פּלאַן, און דערמיט וואָלט איהם אפשר געלונגען צוריקציקעהרען זײַן גוטע רעפּוטאַציע זאָגאַר אין די אויגען פון דעם חבר, וואָס האָט איהם דאָ ערשט לערנען געקענט. אָבער די מחשבה „וואָס וועט שרה־רבקה דערויף זאָגען?“ האָט שנעל דערשטיקט אין איהם זײַן גוטען פערלאַנג, און ער האָט זיך נאָך שטאַרקער געלאָזט צו זײַן ציעל. — חנה־דבורה האָט גערעכענט, אַז זיי וועלען נאָך לאַנג שרייען אין קאַבינעט, איז זי אַוועק אין קיך, האָט געזאָגט דער דיענסט, אַז זי זאָל ניט אַראָבלאָזען דאָס פייער אין אייווען אוי, צוריקקעהרענדיג זיך אין עסצימער, האָט זי זיך צוגעזעצט צום פענסטער, האָט אָנגענומען איהרע ברילען און האָט זיך ווידער גענומען צו די וואָלענע זאָקען, וואָס זי פלעגט פון פריה־מאָרגען ביז׳ן אָוונד און ביז סאַמע שלאָפען שטריקען פאַר די תלמוד־תורה־יתומים. די דאָזיגע מצוה האָט זי ניט אָבגעלאָזט פאַר קיין אַנדערע וואָלטעטיגע פרויען: די תלמוד־תורה־יתומים האָבען בעדאַרפט טראָגען נור איהרע וואַרעמע זאָקען, אויף די זאָקען פלעגט זי אין יאָהר אויסברענגען גאַנצע פודען וואָל אין איהר גאַנצע פרייע צייט. און זאָגאַר ווען

זי פלעגט זײַן ניט אײַנגאַנצען געזונד און פלעגט זיצען אין בעט, פלעגט זי זיך אויך ניט שײדען מיט די זאָקען, און האָט כּסדר געשטריקט, אָפּמאָל אײַנדרעמלענדיג בײַ דער אַרבײַט. גאַנצע קאָמאָדען זענען אָנגעפּאַקט געווען מיט זאָקען. און אַז מען פלעגט איהר פרעגען: צי וואָס איז עס אַזוי פיעל אָנגעגרייט, פלעגט זי ענטפער'ן:

— וואָס הייסט, נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אַז די פּיהיג׳טלעך וועלען נאָך מײַן מטה געהן אויפ'ן „הײליגען אָרט" וועלען זײ צו צווײ פּאָר זאָקען אָנטהון, גאַנצע, נײַע, ניט קײַן צוריסענע, זײ זאָלען חלילה זײערע פיסעלעך ניט פערפריהרען, וואָרום ס'וועט דאָך זײַן אַ פראָסט. איך וועל פּאר'ן טוידט עזריאל'ן פערזאָגען, אַז למעה"ש צו צווײ פּאָר.

זי איז עפּיס זיכער געווען, אַז זי וועט שטאַרבען דווקא ווינטער-צײַט און פריהער פון איהר מאַן.

— וואָס שרײַען זײ עס דאָרט אַזוי לאַנג? — האָט זי איצט געטראַכט און שנעל געאַרבײַט מיט די שפּיזלעך. — וואָס האָט זיך עס מײַנער היינט אַזוי צושריען? ער האָט זיך דאָך נעכטען בע־קלאָגט, אַז איהם טהוט וועה אין ברוסט! ער היט זיך גאָר ניט אָב. און דעם אמת זאָגענדיג, לאָזט מען איהם ניט צורוה: דאָס קומט דער, יענער, מיט אַלעמען איבעררײדען, און מיט דעם נאָך אויסשרײַען זיך. ס'קלעקט טאַקי קײַן קרעפטען ניט. נײן, עזריאל, ווי דו ווילסט זיך, אָבער די ברוסט-גראָזען וועסטו שוין בײַ מיר טרינקען אַלע פריה-מאָרגען, אויס טײ, נור די גראָזען, און קאַפּע מיט מאַנדלען, אונבעדינגט מיט מאַנדלען, איך וועל אויך טרינקען מיט מאַנדלען. אַלץ איז — אַ געוואוינהייט. צו וואָס נור וועט זיך אַ מענש ניט צוגעוואוינהנען? ווערט מען געוואוהנט צו עפּיס, ווערט עס געשמאַק. אָ — האָ — האָ! אַ מענש ווערט געוואוהנט אפילו צו זינדיגען, און דעריבער ציהט עס איהם אַזוי צו עבירות, צו נאַ־רישקײט, און וועגען יענער וועלט פערגעסט מען גאָר. אין „מנורת-המאור" שטעהט געשריעבען...

נור אין דער ווײַלע האָט זיך די טהיר אויפגעעפענט און פון קאַבינעט איז אַרויס ר' משה גרונימוס, סאָפּענדיג און בלאָזענ־דיג פון זיך, אַ רויטער און פערשוויצטער, ווי נאָך אַ הייסער באָד, אָבער זײַן פּנים איז ניט נאָר טרויעריג געווען. לויט דעם לײַכטען

שמייכעל אויף זיין פערשוויצטען פנים איז געווען צו דערקענען, אז זיין ענין איז איהם מאקי געלונגען. דורכגעהענדיג האט ער דעם קאפ לייכט א שאקעל געטהון צו דער ווירטהין, וואס איז ביים פענסטער געזעסען, און איז שנעל און סקריפענדיג מיט די שיך דורכגעגאנגען אין עס־צימער און איז ארויס.

— וואס, עזריאל, ס'איז נאך ניט צייט מיטאג צו עסען? האט חנה דבורה געפרעגט, זעהענדיג, אז דער מאן איז נאך אליין פערבליעבען אין קאבינעט און בעחיוס זיך ניט אין עס־צימער.

— איך וויל איצט ניט עסען, — האט ר' עזריאל בייז גע־ענטפערט און האט וויעדער פערשפארט די טהיר פון קאבינעט.

— דער זופ וועט אבקיהלען, — האט חנה דבורה געשריען.

— וועסטו אנוואַרעמען, — האט ר' עזריאל געשריען אהנ־טער דער טהיר.

— די בראטענס וועט צוברענט ווערען.

— וועסטו עס ארויסוואַרפען!

— עזריאל, וואס וואַרפסט זיך עפּיס מיט גאטעס נאכ?

— איך בין בייז. איך בין אין כעס! דו רייד איצט ניט מיט מירו לאז מיר צו זיך קומען, בעדענקען זיך.

חנה דבורה האט א מאַך געטהון מיט דער האַנד און איז אנטשווינען געוואָרען, האט ווייטער געשטריקט און האט ניט גע־וואוסט וואס איבערצוטראַכטען, וואס האט עס אזעלכעס געקאָנט פּאָרקומען צווישען איהר עזריאל'ן און ר' משה גרונימוס, וואס האט זיי ביידען קענטיג, צורודערט. נור זי איז געווען רוהיג, וויסענדיג, אז איהר עזריאל איז אַנ'אויפגעהאַפּטער, אָבער גלייך בערוהיגט ער זיך: אַז די איפּערעגונג וועט דורכגעהן, וועט ער אַליין איהר דער־צעהלען, ווארום ער האט פון איהר קיינמאָל גאָרנישט ניט פער־בעהאַלטען און אָפּט־מאָל בעראַטהה ער זיך זאָגאר מיט איהר, שעצענדיג איהר פשוט'ן און גלייכען פערשטאַנד.

און אַזוי איז עס ווירקליך געווען. אין א פיערטיל שעה אַרום איז ר' עזריאל אַרויסגעגאַנגען פון קאַבינעט איינגאנצען כמעט א בערוהיגטער, אַלענפאַלס ניט קיין בייזער.

— איצט קאָנען מיר מיטאָג עסען, — האט ער געזאָגט, צונעהענדיג אין ווינקעל צימער צום מאַבורעט, וואו ס'האָבען זיך געפונען אַלע מכשירים צו וואַשען די הענד.

— דעם מיטאָג האָב איך אַרויסגעוואָרפען, — זי דו האָסט געהייסען, — האָט חנה דבורה זיך געחיצעלט, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט.

— אָבער אַ מאַרינירטער הערינג וועט זיך נאָך געפינען בײַ אונז אין שטוב?

— אפילו צוויי אויך.

— איז אַלזאָ פאַרהאַן וואָס צובײַסען.

צווישען דעם זופּ און בראָטענס, אומבײַטענדיג די טעלער, האָט חנה דבורה, דערזעהענדיג, אַז איהר מאַן האָט זיך שוין אײַנגעאָנצען בערוהיגט, אַ פרעג געגעבען:

— דו האָסט זיך געקריגט מיט גרונימוס'ן?

— ניט נור געקריגט זיך, — האָט ר' עזריאל געענטפערט, — נור חען איך זאָל ניט מורא האָבען פאַר גאָט און ניט נעשעמט זיך פאַר לײַטען, וואָלט איך בײַ דעם אַלטען שוטה די באָרד און פאות אויסגעריסען.

— וואָס איז עפּיס? האָט חנה דבורה זיך פערוואונדערט.

— שטעל זיך פאָר, ער וויל מעלדען אַ אָנזעץ. פריצים האָבען זעהר פיעל אָנגענומען אויף באָרג און צאָהלען נים. אַ גרויסער טראַנספּאָרט ווײַן איז אין קעלער זייער געוואָרען און ער פערקויפט עס אַלס עסיג. באַקאַלייען זענען צופוילט, קיילע געוואָרען און ער וואַרפט עס אַרויס. מיט איין וואָרט, גרויסע נומגליקען און צרות. נור איך גלויב איהם ניט, ער זאָגט ליגען, נאָך זײַנע אויגען נאָך זעה איך, אַז ס'איז שקר.

— צו וואָס זאָל ער עס ליגען זאָגען? פון נחת וואָס ווערט אַ סוחר אַ אָנזעצער?

— חנה דבורה, חנה דבורה! — האָט ר' עזריאל אויסגעשריען מיט אַ טיעפען זיפץ און צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. — דו זיצסט זיך אין דער־היים און שטריקסט זאָקען פאַר דײַנע תלמוד־תורה יונגלעך, ווייסטו ניט, אין וואָס פאַר אַ מאַוסער צײַט מיר לעבען איצט. ס'איז איצט כלל ניט דאָס, וואָס אַמאָל איז געווען. אַמאָל פלעגט אַ סוחר בײַ שווערע אומשטענדען זיך אַליין אײַנדריקען, פערקלענערען זײַנע הוצאות, פלעגט שטילערהייד פערקויפען פון שטוב אַלע קאָסטבאַרע חפצים. דאָס זילבער, די מעשענע כלים, די יום־טוב'דיגע בגדים זײַנע און דער פרוי'ס די ירושה־ברילִיאַנ־

טען, די פערינעס אין קישענס אַפילו, אום נור אָבצורעכענען זיך עהרליך מיט די בעלי-חובות, וועלכע האָבען זאָגאַר קיין וועקסע-לען ניט געהאַט אויף איהם, נור א „שטר-חוב" אויף א פשוטען שטיקעל פאַפּיער, אָהן שטעמפּלען און אָהן חתימות. און נור דאַן, ווען ביי איהם איז שוין קיין איין פאָדים ניט איבערגעבליבען אין שטוב, פלעגט ער ערקלערען: „ברידערלעך, אויב איהר ווילט, נעהמט די נשמה מיינע, מעהר האָב איך ניט"... אזוי פלע-גען האַנדלען אמאָליגע סוחרים.

— איך נעדענק עס ניט, וואָס?

— נו, אין איצט איז גאָר אַנדערש. איצט בעוונותינו הרבים — איז זיך א סוחר מיטב פון העלער הויט און הערט אויף צו צאָה-לען חובות, ניט ווייל דאָס געשעפט איז שלעכט, אָדער א אומ-גליק האָט פּאַסירט, נור פשוט ווייל ער וויל ניט צאָהלען. ער האָט מיט וואָס צו צאָהלען, נור ער וויל ניט. ער לעבט ווי פריהער רייך, בהרחבה, ברענגט אוים טויזענדער, און פאַר בעלי-חובות איז קיין גראָשען ניטאָ. אַ מיטטאָג פון דריי-פיער געריכ-טען מיט ווייגען, און דער בעל-חוב זאָל הונגערן. די פאַמיליע שיקט מען קיין אויסלאַנד אין די בעדער, מ'געהט אין טעאַטער און אין קלוב, מ'מאַכט בעלער, מ'נעהט זיך פוטערס, מ'גיט די קינדער גרויסע נדנ'ס, און בעלי-חובות שטעלט מען אַרוים א פייג: נאַט אייך, טיילט זיך איין, מעהר וועט איהר ניט בעקומען. און אויב איהר וועט דערעסען, וועט מען אייך פון די טרעפּ אראָבוואַרפען". אָט וואָס פאַר א צייט ביי אונז איז איצט געוואָרען, בעוונותינו הרבים!

— סדום און עמורה! — האָט חנה דבורה בעמערקט, צו-שניידענדיג די דערלאַנגטע בראַטענס.

— יאָ, סדום און עמורה, — האָט ר' עזריאל מסכים געווען. — און אונזער גוטער ר' גרונימוס, א אייניקעל פון דעם גרויסען ר' שמחה'לע, ע"ה, וויל אויף די עלטערע יאָהרען ווערען אויך א סדום-בעל-הבית'ל! ווי געפעהלט עס דיר, האַ?

חנה דבורה האָט זיך צוקנייטשט און האָט פעראַכטענד א מאַך געטהון מיט'ן מעכע אין גאָפּעל, ס'הייסט אז איהר געפעהלט עס גאָר ניט.

אָבער מיט וואָסער ענין איז ער עס צו דיר געקומען?

האָט זי געפרעגט, אַזעקלעגענדיג אויף זײן טעלער א בעפּער־ע־שטיק בראַטענס.

— ער איז געקומען בעטען,—האָט ר' עזריאל געענטפערט־אָבשנײַדענדיג א שטיקעל זויערע אוגערקע צום בראַטענס,— ר'א געקומען בעטען, אַז איך זאָל איהם ערלויבען איבערצושרײבען אויף מײן נאָמען זײן גאַנץ פערמעגען, כּדי די בעלי־חובות זאָלען צו דעם ניט קאָנען צוטרעטען, פערשטעהסט ?

— נו, און דו וואָס ?

— פריהער, פערשטעהסט זיך, האָב איך בשום אופן ניט געוואָלט מסכּים זײן. איך האָב איהם אָבגעהאַלטען, עצות געגעבען, ווי אַזוי ארויסצופּלאָנטערן זיך פון דער לאַגע, אויב זי א באמת א שלעכטע, כ'האָב פערשפּראָכען איבערצוריידען מיט די בעלי־חובות, אַז זיי זאָלען ניט בעשטעהן אויף די טערמינען, אַז זיי זאָלען וואַרטען ביז דאָס געשעפט וועט זיך בעסערן און ער וועט אימשטאַנד זײן צו צאָהלען. איך האָב אַפילו פאָרגעלייגט ערב צו זײן די בעלי־חובית פאַר איהם. גור ער האָט ניט מסכּים געווען. כ'האָב איהם אנגעהויבען פאָרוואַרפען, שעמען איהם, שרײַען, דו האָסט דאָך געהערט, ווי מיר האָבען געשריען ?

— נו, און דער סוף ?

— לסוף האָב איך א טראַכט געטהון און האָב מסכּים געווען.

— וואָס ?—האָט חנה דבורה אויסגעשריען אויפשפּרינגענדיג פון איהר אָרט און די מעסער און גאָפּעל זענען בײ איהר פון האַנד אַרויסגעפאַלען.—דו האָסט מסכּים געווען א שותּף צו זײן מיט איהם אין דעם אומרעכט ? ווי אַזוי האָסטו עס געטהון ? האָסטו א טראַכט געטהון ? האָסטו א טראַכט געטהון, וואָס פאַר א עבירה דו נעהמסט אויף זיך און וואָס פאַר אַ חרפּה דו ציהסט אַרויף אויף דײן נאָמען ? אַ, עזריאל, עזריאל, דו האָסט זיך שוין גאָר אויסגעוועבט ! דו דאַרפסט דערפון חרטה האָבען ! איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט אַ שותּף זײן מיט אַ בייזען אָנזעצער, דו הערסט, עזריאל ? אנים—וועל איך דיך רוהען ניט לאָזען קיין איין ווײלע ניט, כ'וועל דיך גריזענען פון אין דער־פריה ביז דער נאַכט, אָדער איך וועל דיך אינגאַנצען פערלאָזען. איך וועל אַ גט פאָדערן אויף דער עלטער.

די גוטע אַלטיטשקע איז אויסער זיך געווען. זי האָט זיך אראָבגעלאָזט אויפ'ן טיש, האָט זיך בייז אָנגעבלאָזען, אין אירע אויגען האָבען זיך טרערען בעוויזען, ר' עזריאל האָט אויף איהר געקוקט און האָט רמאות'דיג געשמייכעלט.

— הער, חנה דבורה,—האָט ער אָנגעהויבען, אָנריהרענדיג איהר האנד,—דו האָסט מיך ווען ס'איז געהאַלטען פאַר אַ נאר אָדער אַ מנוול?

— ניין,—האָט די אַלטיטשקע געענטפערט, ניט קוקענדיג אויפ'ן מאַן,—אָבער איצט...

— איצט בין איך אויך גאָט צו דאַנקען ביים גאַנצען דעת און איך בין איבער אַ נאַכט ניט געוואָרען קיין מנוול.

— פאַרוואָס זשע ווילסטו מיטהעלפען דעם בייזען אָנזעצער?

— אז איך האָב גרונימוס'ן געגעבען מיין הסכמה דערויף, ווענען וואָס ער האָט געבעטען, האָב איך געוויס געהאַט, וואָס איך טהו. ס'איז דאָ אַ סיבה, און אַ גרויסע סיבה. דערוויל ווייסט דערפון נור גאָט און איך. מיט דער צייט ווערסטו אויך דערוויסען, אין גאַנץ שטאָדט. דערווייל אָבער דאַרף עס זיין אַ סוד, איך קאָן דיר נור זאָגען, אַז עזריאל וועט זיך מיט גאָט'ס הילף קיין בזיונות ניט אָנטהון אויף דער עלטער, און בכן בלאָז זיך ניט און עס.

— דו זאָגסט אויף דיין עהרען־וואָרט, אַז ס'וועט קיין בזיונות ניט זיין?—האָט חנה דבורה געפרעגט און האָט זיך איצט ערשט געווענדעט מיט'ן פנים צום מאַן.

— עהרען־וואָרט,—האָט עזריאל געזאָגט און דערלאַנגט זיין פרוי די האַנד.

חנה דבורה האָט זיך בערוהיגט, און דאָס אַלטע פאָר־פאָלק האָבען מעהר ניט גערעדט פון דער אונאַנגענעהמליכקייט. חנה־דבורה'ן איז געניג געווען, וואָס איהר עזריאל האָט קיין שייכות ניט צו דער בייזען אָנזעצער. אי דער סוד... דער סוד וועט זיך מיט דער צייט ענטפלעקען. עזריאל האָט אָפט ליעב אַזעלכע שפּאַסען, לכתחילה פערשטעהט מען גאָר נישט, און מען קלעהרט איבער נאָט ווייסט וואָס, און לסוף שטעלט זיך ארויס—אַ שפּאַס.

XIX.

„אַן אַלטער פריינד“.

ביז וואַנען ר׳ משה גרונימוס וועט אונטער דעם אָנפיהר פון דעם ע״פּאַהרענעם נחום בריגים מאַכען די געהעריגע הכנות צום אָנזעץ, וועלען מיר דעם לעזער איינלאַדען אין „פּאַריזער בופעט“, וואו מיר זענען שוין אַזוי לאַנג ניט געוועזען.

אין בופעט איז פון אַ צייט שוין עפּיס ניט גאָר כשורה׳דיג. קיין שום אומענדערונג איז קענטיג ניט פאַרגעקומען. אַלץ איז ווי געוועזען. די געסט טרינקען, אין אָפּטמאָל ביז שכור, די זינגערינס זינגען און ווינקען צו די, וואָס זיצען אין די ערשטע רייהען, אין די קעלנערשעס, ניט נור זיי ווינקען, נור זיי שעפּצען זיך אַפילו מיט די געסט און בעשענקען זיי מיט אַ ברייטען שמייכעל. פון וואָס אַן׳אַנדער פונפציג־יעהרינער בחור מיט אַ געבלויזטען קאָפּ און אַ־יינגעשטעלטע צייהן צוגעהט פון תאווה׳דיגען נחת, מיט איין וואָרט, אַלץ ווי ס׳דאַרף זיין. פונדעסטוועגען וואַרפט זיך אין די אויגען יעדערן, וועלכער ס׳איז נור פעהיג צו בעמערקען עפּיס אַרום זיך, אַז די לעצטע צייט איז דאָ פאַרגעקומען אַ אומענדערונג אין׳ם גייסט, אין דעם טאָן וואָס, איז ביז אהער געווען אין דעם בופעט.

דער בעל־הבית פון בופעט, דער זאָרגלאָזער, פרעהליכער און ליסטיגער אַלה׳קע פּרוסאַק געהט אַרום פערשאומערט מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און די הענד פערלעגט אַהינטער. אין זאַל הערט מען שוין ניט זיין הויך לאַכען און זיינע וויצלעך, גלייבּערטלעך. ער שווייגט, מיט קיינעם ניט גערעדט, און ווען מ׳הויבּט אָן מיט איהם צו רעדען, ענטפערט ער אָב קורץ, זעהר ניט גערן און מיט אַזאַ הארטקייט אין דער שטים, ווי געזאָגט: „טרינקט זיך אייער ביער און קריכט מיר ניט אין גרגרת מיט אייערע נאַרישע געשפּרעכען“. מעהרסטענטיילס אָבער געפינט ער זיך גאָר ניט אין זאַל, דערווייטערנדיג זיך אין די צימערן פון זיין וואוינונג, ווען ער דאַרט איינזאַם און שווייגענד גאַנצע שעות, אָבלאָזענדיג די גאַנצע אָרדנונג און דיסציפּלין, וואָס ער האָט געהאַט איינגעפיהרט אין בופעט. די זינגערינס פון עסטראַדע פּעקלען זיך אַריבער איינע נאָך דער אַנדערער אין פאַרטער, זעצען זיך אַוועק ביי די טישלעך און צוזאַמען

מיט די נעכט זיפען זיי ביער, וויין און פונש, ביז
זיי ווערען פאָלשטענדיג שכור און זיי זענען שוין נים פעהיג צו
קאָנטראָלירען א גאַנצען אָוועגר. די קעלנערשעם פערקלויבען
זיך אויך מיט וועמען ס'איז אין א ווינקעל, און זענען שוין דאן
טויב צו די פאָדערונגען פון אַלע איבעריגע געסט, און איניגע
פערלאָזען דעם „געשעפט" מיט כעס און זידלעריי, פארוואס מ'הערט
זיך ניט צו, וואָס מ'פאָדערט, און אַנדערע געהען אוועק אָהן כעס
און אָהן זידלעריי, נור ניט בעצאָהלט וואָס ס'קימט. קורץ—אי
געשעפט איז א גרויסע אונאָרדנונג געוואָרען. מאַניע... ס'איז איהר
קום צו דערקענען איצט. וואו איז אַהין געקומען איהר זאָרגלאָזינקייט
איהר פרעהליכקייט, איהר חנודיג רעדען מיט יעדעם, ווער ס'פלעגט
צוגעהן צום בופעט. איצט שטעהט זי דאָרט, ווי דער פערקערפער-
טע טרויער אַליין, מיט אַ געבויגען קאָפּ, אַראָבגעלאָזטע הענד,
און אָפט פערטראַכט זי זיך אַזוי טיעף. זי איז בלאַס, כמעט געלב
די באַקען איינגעפאַלען, און אויף די אויגען זענען קענטיג שפורען
פון שלאָפלאָזינקייט אָדער טרעהרען. אז די געסט ווענדען זיך צו
איהר, מאַכט ער איהר אויפגערעגט: זי קנייטשט זיך אין אַנשטאָדט
ווערטער, ענטפערט זי מיט א וואינק, מיט א שאָקעל מיט'ן קאָפּ.
די שטענדיגע געסט, איהרע פריינד און פערעהרער געלינגט איצט
גיט צו ריידען מיט איהר א פּאָר מינוט נאָכאַנאַנד. אָדער זי ענט-
פערט אָב קורץ, אָדער זי שווייגט אינגאַנצען אָדער זי טהוט א
שמייכעל ביטערליך, מרה-שחורה'דיג, ניט אויפהויבענדיג די אויגען.
אָפטער אָבער ווערט זי אינגאַנצען פערשוואונדען פון בופעט
און בעווייזט זיך ניט א צייט לאַנג. דאן זיצט זי פערשפּאַרט אין
איהר צימעריל, ברעכט די הענד און וויינט אין דער שטיל. די
שטענדיגע געסט קוקען זיך אָן און ציהען מיט די פּלייצעס און קאָ-
נען ניט אָבטרעפען, וואָס פאַר א אומענדערונג דאָ איז פאָרגעקומען
וואָס פאָרט איז די סבה פון די אומענדערונגען? ווען האָ-
בען זיי זיך אָנגעפאַנגען און ביי וועלכע אומשטענדען זענען זיי
פאָרגעקומען?

מיר וועלען דערצעהלען, וואָס מיר ווייסען וועגען דעם.

מיט עטליכע וואָכען צוריק אין א אָוועגד, ווען אין קאָנ-
צערט-זאַל האָבען די זינגערינס געזונגען, די געסט האָבען גע-
טרונקען און געראַכערט, און ביים בופעט איז ענג געווען פון די

צובייסענדע, איז אין „פּאַריזער בופעט“ אונבעמערקט אַרייננעקומען אַ הויכער מאַן מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ ברייטען ברוסט, מיט אַ צוקעמטער בלאָנדער באָרד, קורץ געשאָרענע האָר אויפ'ן קאָפּ און פּנים יאָ אַ רייכען לעבע־יונג. ער איז קענטיג געווען אַ אָנגעפּאָהענער, קיין היגער, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל אַריינגעפאַלען אין פּאַריזער בופעט, ווארום אין דער גאַנצער מענגע מענשען אַרום בופעט האָט ער נים געפונען קיין איין בעקענטען, מיט וועמען ער זאָל זיך בעגריסען. אַ ווײלע איז ער געשטאַנען אויף איין אָרט, זיך אַרומגעקוקט און געזוכט אַ דורכגאַנג אין זאַל, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט גערזאַנג און שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטען. זעהענדיג, אַז פאָרלויפיג איז קיין שום מעגליכקייט ניטאָ דורכצוגעהן אין זאַל, האָט ער אָנגעטהון די פּענסנע און האָט אָנגעהויבען פּלעגמאַטיש אַרומצוקוקען אַלץ אַרום. די אויגען האָבען פויל אומגעבלאָנדזשעט איבער דער געמאָלטער עטוואָס פערדרויכערטער סטעליע, איבער די וועגד מיט די אונגעוועהנליך שרייענדע אָביצעס, איבער די פערשיעדענאַרטיגע קעפּ און פּלייצעס פון דעם עולם אַרום בופעט, און אונטער האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט אויף דעם ברען־פּונקט פון גאַנצען בופעט, וואו צווישען גרויסע פּאַרצעלייען־טעפּ מיט בלומען צווישען קריסטאָלענע וואַזעס און עטאַזשערקעס מיט נאַשערייען האָט געפינקעלט דאָס שענע קעפּיל און לעבהאַפטעס געזיכט פון דער גראַציעזער מאַניע, וואָס האָט רעכטס און לינקס בעשאָנקען מיט צווייער־שמייכלען און פייערווערק פון לוסטיגע וויצלעך. קוים צוויי שריט מאַכענדיג פאָרויס צום בופעט, האָט דער נייער גאַסט שטאַרק גענומען קוקען אויף דאָס פּנים, וואָס האָט איהם פערא̈ינטערעסירט.

— מהו... אַזוי גאָר! — האָט ער צו זיך געזאָגט. דאָס איז זי. אָדער מיר האָט זיך שוין אָנגעהויבען אָבצודובטען. איבערינגענס, וועלען מיר עס באַלד זעהען. אָט איז אַ סיורפּריז!

ער האָט אַראָבגענומען די פּענסנע און האָט מיט די הענדפאַר זיך אַ וועג געמאַכט צווישען דעם עולם און איז דורכגעגאַנגען אין זאַל. אַרומקוקענדיג עס מיט אַ שנעלען בליק, האָט ער אין דער ערשטער רייה בעמערקט עטליכע ליידיגע שטוהלען, איז צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט דאָרט. די זינגערין אויף דער

בצענע מיט אַ גאַנצען מהורם מאָדנע פערפלאָכטענע האָאר, סטענ־געס אין בלומען אויפ׳ן קאָפּ און גאַנץ נאַקעט נעקליידעט פון אויבען און פון אינטען און מיט ענטבלויזטע עלענבויגענס, האָט פּערעגדיגט איהר נומער מיט אַ גאַנץ אויסדריקליכער מימיק און בעוועגונגען.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָט מען אין זאַל ענטציקט אַפּ־לאָדירט, ביס! — האָט דער נייער גאַסט געבאַסעוועט, דרעהענ־דיג די וואָנצעס. ער האָט זיך אויסגעקוקט אַהינטער און האָט דערזעהן אליה׳קען. — יאָ, ער איז דאָס! — האָט ער צו זיך גע־זאָגט, דרעהענדיג די וואָנצעס. — Zapeur! סטרעלאָקו! פּיף־פּאַף! האָט מען געשריען אין זאַל פון פערשיעדענע זייטען.

פון די זינגערינס אויף דער עסטראַדע איז אַרויסגעגאַנגען צו דער ראַמפּע איינע, אַ פראַנצויזערין, קעצטיג, און שיקענדיג פּאָרויס אַ קוש אַלע געסט, האָט זי אָנגעהויבען צו זינגען הויך און ענערגיש.

ווי די זינגערין האָט פערענדיגט דעם לעצטען קופּלעט, איז בײַ איהר אין האַנד געוואָרען אַ טעלער און זי איז אַראָבגע־שפּרונגען פון עסטראַדע און אַרומגעגאַנגען צווישען פּובליקום. דער נייער גאַסט האָט אויפ׳ן טעלער אוועקגעלעגט אַ בלאָהע אַסיגנאַציע. שפּעטער אויך האָט דער נייער גאַסט געלעגט אַלץ אויף די טעלער פינף־רובלדיגע. דאָס האָט צוגעצויגען די אויפ־מערקזאַמקייט ניט נור פון די זינגערינס, וואָס האָבען אָנגעהויבען צו שמייכלען צו איהם, נור אויך פונ׳ם גאַנצען זאַל, און בעזונ־דערס פון די קעלנערשעס, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען אַרומצו־דרעהען אַרום איהם, ווי פליגען אַרום האָניג. אויף סטעפּקי־אַאידע און לודוויסקע האָבען זיך פלוצלונג בעוויזען שניי־ווייסע שירצען, וואָס האָבען זיך אַהינטער פערשפּיעלעוועט מיט בענדער פון ווייסען אַטלאַס, פון וואַנען ס׳זענען אַראָבגעהאַנגען בלאָהע סטענגעס מיט שוואַרצע שפּיצען בעזוימט.

— אַ מאַגנאַט, — האָבען די זינגערינס צווישען זיך בע־שלאָסען.

— אַ העכט, — האָבען די קעלנערשעס עם אויסגעדריקט אויף זייער לשון.

אויסהערענדיג קאָמישע קופּלעטען פון דעם קאָמיקער בײַ

דער טריפּע, איז דער גאַסט אַריין אין אַ זייטיגן קאַבינעט, האָט אָנגעקלינגען און געפּאָדערט שאַמפּאַניער. די קעלנערשעס האָבן גלייך מודיע געווען דעם בעל־הבית וועגן דער פאָדערונג, וואָרום די איידעלע משקה האָט זיך געפונען אין רשות פון אליה׳קען און ער אַליין זאָגאַר פלעגט עס דערלאַנגען די געסט, ווייל קיינער קען ניט, ווי ער האָט געמיינט, אָבצוקאָרקעווען שאַמפּאַניער מיט אַזאַ שיק, ווי ער. אין אַ הרף־עין איז אליה׳קע מיט פערקאַטשעטע אַרבעל געשטאַנען שוין פאַר׳ן גאַסט מיט דער חיים־קעפּ׳נער פלאַש, פערוויקעלט אין אַ ווייסען סאַלפעט און, איינדריקענדיג עס צווישען זיינע קניה, האָט ער עס גענומען אָבצוקאָרקעווען.

— וואָס מאַכסטו, עפּיס? האָט דער גאַסט געזאָגט, פריינדליך אָנקלאַפּענדיג אליה׳קען אויפ׳ן אַקסעל. אליה׳קע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט זיך איינגעקוקט דעם גאַסט אין פנים און האָט געענטפערט:

— פּשעפּראַשאַם, פּריץ, איך האָב, דוכט זיך, די עהרע דאָס ערשטע מאָל צו זעהן דעם פּריץ.

— עך, אַ קאָפּ, אַ קאָפּ, — האָט דער גאַסט אַרויסגעזאָגט מיט פאָרוואורף, אַראָבלאָזענדיג זיך אויף דער קליינער סאָפקע און אויסציהענדיג זיינע לאַנגע פיס. צי דען דערקענסטו מיך ניט? קוק זיך גוט צו.

— בנאמנות, איך קען ניט דעם פּריץ, פאַנ׳ערשטען מאָל זעה איך, — האָט אליה׳קע געזאָגט. פונדעסטוועגען האָט זיך אין זיין האַרצען פערגנבה׳ט עפּיס אַ מאָדנע אונרוהיגקייט, פאָרפיהלענדיג אינסטינקטיוו, ווי עפּיס אינאַנגענעהמעס.

— צי דען בין איך שוין אַזוי אַלט געוואָרען? אַזוי פערענדערט? — האָט דער גאַסט צוגעגעבען, פעררויכערענדיג אַ פּאַפּיראָס. איבריגענס, איז גאָר קיין חידוש ניט: די באָרד האָט אינגאַנצען אומגעענדערט מיין געזיכט׳ אַ סך דערקענען מיך ניט, און דערצו בין איך אויך רעכט דיק געוואָרען. וואָס מאַכט עס אויס, איך וועל דיר אויסהעלפען... געדענקסטו דעם ראָטמיסטר פון „סאָסנאָווע קעמפּע״?

די לעצטע ווערטער האָבען ווי אַ דונער געטראָפען דעם בעל־הבית פון פּאַריזער בופעט. ער האָט זיך אינגאַנצען געבריי־

עלט. און די פלאַש איז בײַ איהם שיער פון די הענד ניט אַרויס־
געפאַלען.

— אַ, פאַן ראַטמיסטר! — האָט אַליה'קע אַרויסגעזאָגט מיט
אַ שוואַכער שטים, בלאַס ווערענדיג, ווי קאַלך און אַראָבלאָזענדיג
די אויגען, — ווילקאָמען, פאַן ראַטמיסטר.

— דו בינסט צופריעדען מיט מיר, קאָלענאַ?

אַליה'קע האָט אַ ווײַלע געשוויגען און דערנאָך האָט ער
אַרויסגעזאָגט מיט אַ זויערן און צוקרימטען שמייכעל:

— ווי אַנדערס, צופריעדען, זעהר צופריעדען.

— נו, אַז צופריעדען, איז זעץ דיך אַנידער, וועלען מיר
שמועסען, ווי אַלטע פריינד. הײַם אָקאָרשט דערלאַנגען נאָך אַ
גלאָז: לאָמיר אָבשפּריצען אונזער אונערוואַרטעטע בעגעגעניש נאָך
אַזאַ לאַנגען אָבשייד.

אַליה'קע האָט זיך אַ קנײַטש געטהון, דערמאָנענדיג זיך מיט
אַ ברענענדען ווייטאָג אין האַרצען, צו וואָס פאַר אַ פערברעכען די
שכּרות האָט איהם געבראַכט מיט זיבען יאָהר צוריק.

— פּטעפּראַטאַב, ה' ראַטמיסטר, — האָט ער געזאָגט, זעי־
צענדיג זיך אויפ'ן שמיהל און האַלטענדיג נאָך אַלץ די פלאַש אין
די הענד. — איך וועל ניט טרינקען: שוין עטליכע יאָהר, ווי
אויסער סעלטער־וואַסער, נעהם איך אין מויל ניט אַרײַן קיין שום
משקאות.

— וואָס איז עפּים?

— אַ נדר געגעבען, — האָט ער געלייגט, ניט רוים ווערענדיג
דערבײַ, — און דאָס געזונד איז קאַליע געוואָרען, גאַר אינ־
גאַנצען.

— מילא זעלטער־וואַסער איז זעלטער־וואַסער, — האָט דער
ראַטמיסטער געזאָגט אָנקלינגענדיג. ווײַבאַלד פאַר דיר איז עס
שעדליך, וועל איך דיך ניט נויטען. איך וועל שוין אַליין ווי ס'איז
פערטיג ווערען דערמיט, און אפשר נאָך מיט אַ פלאַש אויך. עך,
צרות מײַנע, צרות! — האָט ער קאָמיש געזיפצט. — מיר קומט
אָפּט אוים צו לײַדען פאַר אַלעמען. ווי רעכענסטו, פאַרוואָס בין
איך אַזוי אַלט געוואָרען, אַז אַמאָליגע פרײַנד דערקענען מיך ניט
זאָגאַר? דאָס איז אַלץ דערפאַר. און מ'זאָגט נאָך, אַז מ'האָט מיך
הענגען בעדאַרפט. די שבנים מײַנע זאָגען דאָס, האַ? ווי געפעלט

עֶס דיר! יאָ, ניט די שכנים, נור די שכנות זאָגען אַזוי, חייל זיי זענען חייבער. וואָס ווערט מיט זיי מאַכען?

מ'האָט דערלאַנגט אַ פלאַש זעלטער־וואַסער. פערפאַלען, מ'בעדאַרף טרינקען, האָטשי אליה'קע האָט ניט געקאָנט סובל זיין די דאָזיגע ניכטערע משקה. ער האָט אָבגעקאָרקעוועט די שאַמפאַניער, נור שוין אָהן שיק, און האָט אָנגעגאָסען פאַר דעם ראָטמיסטער, דערנאָך האָט ער אָבגעקאָרקעוועט די זעלטער־וואַסער און האָט אָנגעגאָסען פאַר זיך. זיי האָבען אָנגעקלאַפּט זייערע גלעזער איינס אָן דאָס אַנדערע.

— דו בינסט קענטיג רייך געוואָרען, — האָט דער ראָטמיסטער געזאָגט, אָבזופענדיג פון גלאָז, דו פערמעגסט אַזאַ געשעפט!.. זעהר היבש! און וויפיעל געסט! אַ פולער בעכער, ווי מ'זאָגט.

— נאָט צו דאַנקען, מ'דאַרף זיך ניט בעקלאָגען, ס'איז דאָ צום לעבען, — האָט אליה'קע געזאָגט, פערדריכערנדיג אַ פאַפּיראָס.

— ביי מיר איז אַ פּנים אַ גוטע האַנד, אַלע זאָגען, אז אַ גוטע, — האָט דער ראָטמיסטער צוגעגעבען. — דו האָסט גוט געטהון, וואָס דו האָסט געוואָרפען דיין „שענע קאַטרינקע" און דו האָסט זיך גענומען פאַר געשעפט. וואָרום וואָס איז עס פאַר אַ לעבען אומצעוואַנדערען, ווי אַ ציגיינער?

— מיין טאָכטער, זאָל געזונד זיין! — האָט עס מיר די עצה געגעבען צו נעהמען זיך פאַר אַ געשעפט.

— אַ חכמה איז זי, ווי איך, זעה — האָט דער ראָטמיסטער געלויבט, ווידער אָבזופענדיג פון גלאָז. — איך וואָלט איהר דערפאַר אין שטערן אַ קוש געטהון... ס'אַראַ פיינע פרוי זי איז געוואָרען — אַ נחת אָנצוקוקען.

— זי האָט שוין אַ חתן, — האָט אליה'קע אַ זאָג געטהון מיט אַ מיין. — מיר וועלען אין גיכען חתונה שפּיעלען.

— מה... אַ חתן... מזל־טוב... ווער איז ער?

— איצט איז ער אַ פּריקאַזשטשיק, נור גלייך נאָך דער חתונה וועט ער אַליין עפענען אַ קראָם.

— און דיינע... יאָ, ווי רופט מען זי? מאַניע — דוכט זיך?

— יאָ, מאַניע, דער פאַן ראָטמיסטער האָט ניט פערגעסען.

— און דיין מאַניע איז מסכים אַ קרעמערקע צו זיין?

— מיט'ן גרעסטען פערגניגען.

דער ראַטמיסטער האָט זיך אַ קנייטש געטהין, געצויגען די פּלייצעס און האָט אויף אַ מאָל אויסגעטרונקען פון גלאָז.

— דער פאַן ראַטמיסטער איז אייף לאַנג אין אונזערע קאַנטען? — האָט אליה׳קע אַ פרעג געטהון בכיון, אום אָבצווענדען דעם געשפּרעך אויף עפּיס אַנדערס, וואָס ווייטער פון זיין טאָכטער.

— איך ווייס דען? — האָט דער ראַטמיסטער געענטפערט פערדריסענדיג אַ ציגאַר. — איך בין דאָך, ווי אַ ציגיינער: היינט דאָ, און מאָרגען דאָרטען. קיין שום עסקים האָב איך ניט, און צייט און געלד איז דאָ גענוג. וואַנדער איך אַרום איבער דער וועלט. די לעצטע פיער מאָנאַטען האָב איך אין וואַרשוי די גאַסען געמאָסטען. האָט דערעסען — בין איך אַהער געקומען. וועט דאָ דערעסען, וועל איך אַוועקפאָהרען קיין קיעוו. איך וועל דאָך ניט זיצען אין דאָרף און זיך עוסק׳ן מיט די עקאָנאָמען — כאיז לאַנגווייליג.

— איהר וואָלט, פאַן ראַטמיסטער, חתונה האָבען.

— ערשטענס, וועט קיין שום אָנשטענדיגע פריילין מיט מיר ניט חתונה האָבען, וויל, איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, נור איך האָב אַ נאָמען, אַז איך בין אַזאַ און אַזאַ, האָטשי איך בין נור אַ גוטער און אַ לוסטיגער מענש. צווייטענס, בין איך נאָך צו יונג: איינגאַנצען ערשט פינף און דרייסיגסטער יאָהר.

— דאָס איז דאָך די בעסטע צייט טאַקי: ווי זאָגט דאָס שפּריכוואָרט אויך: „ווער ס׳איז ביז דרייסיג יאָהר ניט פערהייראַטעט"...

— יענער וועט העריגער בעקומען, חתונה האָבענדיג צו פערציג יאָהר?... ס׳מאַכט נישט אויס! איך האָב פאַר הערנער קיין מורא ניט. ביי מיר זענען דאָ שטאַהלען, זענען דאָ קאַנטשיקעס... און אַ חוץ דעם, אַז איך וועל חתונה האָבען, דאַן וועל איך אַ מאַנספּערזאָן צו מיין הויז ניט דערלאָזען אויף אַ האַרמאַטען־שאָס ווייט. און מיר גלוסט זיך ניט בכלל חתונה צו האָבען. ס׳ווילט זיך נאָך אַ לעב טהון אַביסעל, און פאַר אַ פערהייראַטען איז שוין אוים פערברענגען.

אַ לעבען איז בעת מ׳איז נאָך אַ בחור!

ער האָט אָנגעגאָסען די לעצטע גלאָז, האָט אויסגעטרונקען, האָט זיך אויפגעשטעלט און, אַוועקלעגענדיג אויפ׳ן טיש אַ רויטען

אַסיגנאַציע, האָט ער אָנגעהויבען זיך זעגנען.

— זײַ געזונד, מײַן פרײַנד, — האָט ער אליה׳קען אַ האַנד דער-
לאַנגט. — מיר וועלען זיך נאָר זעהען. אַ וואָך צײַט וועל איך דאָ
אַלעמפאַלס פערברענגען. אַ גרוס מאַניען. זאָג, אַז... אַן׳אַלטער
פרײַנד גריסט. כ׳האָב ניט געקאָנט פערזענליך, ווײַל ס׳איז שווער
געווען אַדורכצוגעהן צו איהר.

אויף מאָרגען איז דער „אַלטער פרײַנד“ געקומען אין בופעט
פריהער פון אַלעמען און האָט שוין די מעגליכקייט געהאַט פער-
זענליך צו גריסען מאַניען. מאַניע איז רויט און נאַכהער בלאַ-
געוואָרען און האָט זיך אײַנגעאַנצען פערלאָרען, ווען דער ראָטמיסטער,
וועלכען זי האָט לכתחילה ניט דערקענט, האָט איהר דערמאָנט
וועגען זײַער אַלטער קענטשאַפט... זי האָט שנעל די הענד צום
קאָפּ דערהויבען, ווי זי וואָלט וועלען די האָר רײַסען, נור בע-
מערקענדיג אין זאַל עטליכע געסט, האָט זי זיך געכאַפּט פאַר׳
ברוסט, וואָס האָט שטאַרק אויפגעשלאָגען. די גרויזאַמע נאַכט אין
„סאָסנאָווע קעמפּע“, וואָס האָט זיך איהר געדוכט, אַז ס׳איז אינ-
גאַנצען אָבגעמעקט און פערשוואונדען פון איהר לעבען און גע-
דעכטניס און וועגען וועלכער זי פלעגט אַמאָל מיט אַ שוידער זיך
דערמאָנען, ווי וועגען אַ שרעקליכען חלום, האָט זיך פּלוצלונג
פאָרגעשטעלט פאַר איהר אין דער גאַנצער עקעלהאַפט. „צו וואָס
איז ער געקומען? צו וואָס האָט ער מיר דערמאָנט וועגען זיך?“
האָט זיך דורכגעטראָגען אין איהר קאָפּ און האָט איהר הארץ
אויף שטיקער צוריסען. זי האָט געפיהלט, אַז די פיס איהרע
ציטערען און זי קאָן ניט שטעהן מעהר בײַם בופעט. זי איז אַרײַנ-
געלאָפען אין אַ דערבײַאיגען קאַמער, וואו ס׳זענען געשטאַנען
געפעס אין כלים פון בופעט, און האָט די טהיר צוגעשלאָסען.

זעהענדיג, וואָס פאַר אַ דריקענדען אײַנדרוק זײַן קומען האָט
געמאַכט אויפ׳ן מיידעל, האָט דער ראָטמיסטער אַ דרעה געטהון די
וואָנצעס, איז דורכגעגאַנגען אין זאַל און דעם גאַנצען אָווענד איז
ער שוין מעהר ניט צוגעגאַנגען צום בופעט און איז זאָגאַר אַוועק-
געגאַנגען, ניט געזעגענט ניט מיט מאַניען און ניט מיט אליה׳קען.
נור פון דעם אָווענד אָן איז ער געוואָרען אײנער פון די טרײַעסטע
בעזוכער פון דעם „פאַריזער בופעט“, ער פלעגט קומען פריהער
און אוועקגעהן שפּעטער פון אַלעמען, פלעגט וואַרפען מיט געלד.

געבען עסען און טרינקען כסדר פאַר דער גאַנצער טרופע, פלעגט מאַכען דעם אָנשטעל, אַז ער פערליעבט זיך אין דער אָדער אין יענע־ר זינגערין, פלעגט פאַר זיי איינאָרדנען בענעפיסען, קורץ, ר׳האָט זיך לוסטיג געמאַכט.

מאַניע און אליה׳קע האָבען זיך שוין געווען בערוהיגט און גאָט געדאַנקט, רעכענענדיג, אַז ער טראַכט שוין גאָר ניט וועגען זיי. נור זעהר גיך האָבען זיי זיך שרעקליך ענטוישט אין זייער השערה.

אי ן מאָל אין אַ פריה־מאָרגען, ווען אין בופעט איז, ווי געוועהנליך, קיינער נאָך ניט געווען, מאַניע איז אויך אין דער צייט אויף דער לעקציע געווען ביים פּראָפעסאָר און די דינסט איז געווען אין דעם אונטערשטען שטאָק אין די צימערען פון די דיענער — איז אין „פּאַריזער בופעט״ אַריינגעפלויגען דער ראָטמיסטער שוין עטוואָס לוסטיג און, אָנחאַפּענדיג אליה׳קען פאַר׳ן האַנד, האָט ער איהם אַריינגעפיהרט אין קאָנצערט־זאַל און צוגעשלאָסען די טהיר.

— זעץ דיך, — האָט ער איהם געהייסען, און האָט זיך אַליין אויך אַוועקגעזעצט. — איך דאַרף מיט דיר דורכשמועסען.

— ביהער פאַן, — האָט אליה׳קע אַרויסגעזאָגט מיט געמאַכטער רוהיגקייט, וועהרענד דאָס הארץ האָט אין איהם אַ טיאָכקע געטהון.

— די קאָמעדיע האָט מיר דערעסען, צו אַלע די רוחות! — האָט ער כמעט אויסגעשריען, פערדרייענדיג אַ ציגאַר. — דו מיינסט, אַז צוליעב דיינע געשמירטע און געמאָלטע מאַלפּעס געה איך צו דיר אין פּטר הונדערטער יעדעם אָווענד? זאָג, דו רעכענסט, אַז צוליעב זיי?

— פון וואַנען זאָל איך וויסען, צוליעב וואָס דער פאַן ראָטמיסטר געהט צו מיר? — האָט אליה׳קע געזאָגט, ציהענדיג מיט די פּלייצעס. — דעם פאַן ראָטמיסטר איז פרעהליך ביי מיר אין האַנדעל, דעריבער געהט דער פאַן ראָטמיסטער.

— מה... פרעהליך, — האָט דער ראָטמיסטער אַרויסגעזאָגט מיט אַ בייזען שמייכעל. — אַזוי פרעהליך, אַז איך בין גרייט צו דערשיסען זיך פון כעס. וואָס מיט אַלעמען איז זי פריינדליך ליעבליך, און אויף מיר וויל זי ניט אַ קוק טהון. איך רייד וועגען

מאגיען. זאָלסט עס װיסען, אז איך געה אַהער צוליעב איהר.

— א דאַנק פאַר דעם כּבוד, נור װאָס פערלאַנגט פון אונז דער פאַן ראָטמיסטער?

— ס׳אַרא ניט פערשטענדיגער דו בּינסט! דו װייסט דען ניט, װאָס איז דער פערלאַנג? דיין זכּרון איז גאָר קאַליע געװאָרען.

אליה׳קעס פּנים איז שטאַרק רויט געװאָרען און האָט זיך צוקרימט.

— איך בּעט דעם פאַן ראָטמיסטער ניט ריידען און ניט טראַכטען גאָר װעגען דעם,—האָט אליה׳קע געזאָגט אויפגעהאַלטען, אָבער פעסט.—איצט װעט דער טייװעל אַליין מיך ניט פערפיהרען. איך רייס די האָאָר אויף זיך בּיז איצט נאָך, װאָס איך האָב זיך דאַן געלאָזט פערפיהרען. אָבער איצט איז שוין ניט דאָס װאָס איז געװען.

— גאַנץ ריכטיג. איך פערשטעה אַליין. אז איצט איז שוין ניט דאָס װאָס איז געװען. נו, װעל איך דיר איצט מוסיף זיין דאָפּעלט מעהר, דריי מאָל אַזױפיעל. איבער געלד װעט קיין אָבּהאַלט ניט זיין.

— פאַן ראָטמיסטער!—האָט אליה׳קע אויסגעשריען, אויפשפרינגענדיג פון אָרט מיט צונױפגעדריקטע פויסטען,—איהר זאָלט ניט װאַגען צו ריידען מיט מיר װעגען דער נבלה! עס עקעלט מיך צו הערען עס פון אייך. איצט בּין איך ניט קיין שאַרמאַנקע שפּיעלער, קיין אומװאַנדערער, איך בּין א עהרליכער הענדלער, א בּעל-הבּית. און אויב איהר געהט אריין צו מיר מיט װעלכע ס׳איז מאוסע געדאַנקען, בּעט איך אייך, איהר זאָלט מעהר ניט אַריינגעהן צו מיר! מיט די סחורה, װעלכע איהר זוכט דאָ האַנדעל איך ניט! זאָל איהר עס װיסען איין מאָל פאַר אלע!

— א חוואַט, אליהקע, א חוואַט,—האָט דער ראָטמיסטער אַרויסגעזאָגט מיט א גוטמוטיגען שמייכעל און האָט גלייכגילטיג געדרעהט זיין רעכטע װאָנץ.—אַן אַרטיסט, צו אַל-די רוחות, ס׳פּאַסט דיר נור אויף דער סצענע, אין דער ראָלי פון א אַרעלען פאָטער; װאו האָסטו דאָס די קונסט געכאַפּט, דאָ אָדער װען ד האָסט זיך נאָך אַרומגעשלעפּט מיט דער שאַרמאַנקע?

אליה׳קע האָט אױסגענלאָצט די אייגען און האָט ערשטױנט געקוקט.

— וואָס פאַר א קונסט?—האָט ער געפרעגט, ניט פערשטעהענדיג, וועגען וואָס מ'רעדט 'דאָ.

— צו שפּיעלען א קאָמעדיע.

— א קאָמעדיע? דאָס איז גאָר ניט קיין קאָמעדיע, כּנאמנות אַז איך שפּאָס גאָר ניט, איך זאָג אייך דעם ריינעם אמת. דעם פאַן ראָטמיסטער גלויבט זיך ניט, אַז בּיי מיר זאָל זיין האָנאָר, א געוויסען?

— צום טייוועל דאַרף איך דיין זשידאָווסקען האָנאַר און דיין זשידאָווסקע געוויסען! גענוג דיר שוין צו מאַכען דעם אָנשטעל! דו רייד מיט מיר ווערטער. איך וועל דיר בּעצאָהלען אי פאַר'ן האָנאָר, אי פאַרן געוויסען, וויפיעל דו אַליין וועסט פערלאַנגען און מיר וועלען עס פערענדיגען, ווי ד ע ם אָ ל ס ט,

— פאַן ראָטמיסטער;—האָט אליה'קע אויסגעדוגערט און האָט ווידער צונויפגעדריקט זיינע פויסטען און האָט זיך אָנגעגעקוקט אויפ'ן ראָטמיסטער.—וואַגט אייך ניט צו בּעליידיגען מיך. וואַגט ניט אין מיין הייז צו זאָגען מיר אַזאַ חוצפּאָ! איך בּין אַן ערליכער מענש!—האָט ער מיט שוים אויף די ליפּען געשריען און האָט זיך מיט די פויסטען אין בּרוסט געקלאַפּט.—אהער הערט פאַן ראָטמיסטער? איך בּין אַן'ערליכער מענש! כ'האָב דאַן אייך פערקויפט מיין געוויסען, ווייל דאַן האָב איך געהונגערט. ווי א הונד איך און מיין קינד. אָבער איצט, אַז בּיי מ ר איז פאַרהאַן אַ קליין שטיקעלע בּרויט און א ווינקעלע, וועל איך אייך מיין געוויסען פאַר מיליאָנען ניט פערקויפען. פאַר קיין בּערג מיט גאָלד, וואָרום איך בּין א ערליכער מענש, ערליכער פון א פאַן! איהר הערט, פאַן ראָטמיסטער?

— שוייג, זשיד!—האָט דער ראָטמיסטער אויסגעשריען, אויפשפּרינגענדיג פון שטוהל און סקריטשענדיג מיט די ציינער.—עפּיס בּינסטו מיר אַזאַ חוואַט געוואָרען און האָסט זיך צושריען? איך קאָן דיר דיינע העלדישקייט אין איין ווילע צונישט מאַכען. היינט אין אָווענד מאַקי וועל איך צו וויסען געבען פאַר'ן גאַנצען פובּליקום דאָס, וואָס ס'איז בּעוואוסט מיר און דיר און דיין מאָכטער.

— ־ינער וועט אייך ניט גלויבּען.

— ניט גלויבען? חא—חא—חאַ—און דיין צעטעל? דו האָסט עס פערגעסען? דיין צעטיל איז בּיי מיר גאַנץ

— דאָס צעטיל!! — האָט אליה׳קע ווען געשריען מיט אַ ווילדען, אונמענשליכען קול, חאַפּענדיג זיך פאַר׳ן קאָפּ. איצט ערשט האָט ער זיך דערמאָנט וועגען דעם צעטיל, וואָס ער האָט אין דער בייזער מינוט אַרויסגענעבען מכח דעם פּריווילעגן אָבּ־מאַך. ער האָט אָנגעהויבען אַרויסצולויפען איבערן זאַל, ווי אַ אונ־טערגעשאָסענער, האָט די הענד געבראָכען, זיך פאַר׳ן ברוסט גע־חאַפּט, געשלאָגען מיט די פויסטען אין קאָפּ, געריסען די האָר אויף זיך. — אָ, גאָט, גאָט! — האָט ער געדרעוועט מיט ביטערע טרעהרען. — וואָס האָב איך עס דאָן אָנגעטהון? וואו איז דאָן מיין שכל, מיין פערשטאַנד געווען?.. אָבער איהר וועט דאָס ניט טהון. — האָט ער זיך אָבגעשטעלט פאַר׳ן ראָטמיסטר בעטענדיג. — איהר וועט אונז ניט אומברענגען! איך גלויב ניט, אז אַ מאַננאָט זאָל זאָל וועלען חוזק מאַכען איבער אָרימע מענשען. און מיט וואָס האָבען מיר אַזוי אָנטקעגען אייך פערזינדיגט, וואָס האָבען מיר אייך געטהון אַזוינס, וואָס איהר ווילט אונז מכיש זיין, — אומברענ־גען? אָ, איצט זעה איך, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט, וואָס געדענקט און דערמאָנט די אַלטע עבירות, וועלכע דער מענש האָט שוין אינ־גאַנצען געהאַט פערגעסען. עס ווערט מיר איצט דערמאָנט דאָס, וואָס איך בין בעגאַנגען מיט זיבען יאָהר צוריק. גאָט שטראָפט מיך דערפאַר, וואָס איך האָב מיין אומשולדיג קינד בעליידיגט. נור,.. ס׳איז דאָ אַ גאָט אויך איבער מאַגנאַטען. געדענקט מיין וואָרט, פאַן ראָטמיסטר! גאָט וועט אייך אויך שטראָפען.

דער ראָטמיסטר איז געוואָרען עפּיס אונבעקוועם פאַר זיין איינענעם געווּיסען. ער האָט אויך אָנגעהויבען אַרומצוגעהן איבר׳ן זאַל אויף און אָב, דרעהענדיג די וואָנצעס און בעטראַכטענדיג עפּיס.

— הער אוים אליה׳קע, — האָט ער געזאָגט, אַרויפלעגענדיג איהם די האַנד אויפ׳ן אַקסעל. — איך וויל אייך ניט אומברענגען, איך בין דאָך ניט קיין מערדער, ניט קיין שלעכטער מענש. דאָס האַרץ מיינס איז אַ גוטע. ס׳פערדריסט מיך זאָגאַר זעהר אויף אייך: נור האָט אויך מיטלייד צו מיר. איך זאָג זאָג דיר גלייך אין אָפען, אַז איך האָב מאַניען ליעב אַזוי אויפריכטיג, אַזוי שטאַרק, אַז איך קאָן אָהן איהר ניט לעבען. איך שווער דיר מיט דעם הייליגען אָנדענקען פון מיינע פערשטאָרבענע עלטערן, אַז דאָס איז אַ ערנס־

טע, איבינעם געפיהל. גלויב מיר, אז ווען ס׳וואָלט נור געווען אַ תאוה פון אַ ווײלע, וואָלט בײַ מיר געקלעקט דער ווילען אויף אָבצוזאָגען זיך דערפון: איך בין דאָך שוין עפּיס ניט קיין יונגיקער און נאָך ניט איננאַנצען קיין פעסטער מענש. נור דאָס דאָזיגע געפיהל וואַקסט אין מיר מיט יעדער שעה. איך שוועהר דיר אַז איך אַליין בין דערמיט ניט צופריעדען, נור וואָס זאָל איך טהון? איך ווער משוגע. פרעג אין האָטעל, נעכטען בין איך שוין נאָר גרייט געווען צום פאָהרען, כ׳האָב פערפּאַקט מיינע זאַכען און איך בין שוין געפאָהרען אויפ׳ן וואָקזאַל, כ׳האָב שוין זאָגאַר אַ בילעט גענומען, נור פּלוצלונג האָט מיך עפּיס אַ ריס געגעבען צוריק—און איך האָב מיך צוריקגעקעהרט אין שטאָדט.

— אָ, גאָט, גאָט!—האָט אליה׳קע אויסגעשריען, ברעכענדיג די הענד און וויינענדיג.—וואָס זאָל איך טהון? אַז מיין טײַערינקע וועט זיך דערוויסען, וועל איך מיך דאַרפען דערטרינקען.

-- איצט בינסטו אויפגערעגט, ווייסטו מיך דעריבער ניט פערשטעהן,—האָט דער ראָטמיסטר צוגעגעבען מיט רעמזעלבע ערענסטען טאָן.—נעכטיגע נאַכט איז מיר אייננעפאַלען אַ פּלאַן, וואָס, איך האָף, אַז ער וועט דיר געפעלען ווערען, נור איך וועל דיר עס זאָגען, ווען דו וועסט זיין רוהיגער. איך וועל אַריינקומען אַ העער מאָרגען, אין דערזעלבער צייט, און מיר וועלען גענוי דורכשמועסען. דו וועסט זיך איבערצייגען, אַז איך מיין גאָר ניט חוזק צו מאַכען איבער אײַך, נור איך בין אויסען אייער גליק. אַלזאָ, צום וויעדערזעהן, — האָט ער אליה׳קען געדריקט פאַר׳ן עלענבויגען.—היינט אָווענד וועל איך אַריינקומען, און אפשר ניט. דיין האַנדעל האָט מיר דערעסען, און דיינע זינגערינס—נאָך מעהר, אדיע!

ער איז אַוועק, איבערלאָזענדיג בײַ סאַמע פינסטערע נעגעדאַנקען און מחשבות דעם נעוועזענעם שאַרמאַנקע־שפּיעלער, וואָס האָט זיך איצט אינים ביטערן נסיון איבערצייגט, אַז קיין פערברעכען געהט ניט איבער אַזוי גלאַט פאַר אַ מענשען, ער האָט חרטה געהאַט און האָט אַנערקענט, אַז ער האָט די שטראָף פאָלשטענדיג פערדיענט.

מאַניע איז צוריקגעגאַנגען פון פּראָפעסאָר מיט אַ פּעקעלע נאָטען אונטער׳ן אָרעם. און זי האָט גאָר ניט חושד געווען

גאָר ניט פאָרגעפיהלט, וואָס ס'איז אין דערהיים פאָרגעקומען,
בעת זי איז דאָרט ניט געווען. דער טאָג איז געווען אַ פראָסטי-
גער, אַ קלאָרער, און אין איהר נשמה איז אויך אַלץ קלאָר גע-
ווען: איהר לעקציע איז היינט דורכגעגאַנגען גוט, זאָגאַר גלענ-
צענד, און דער פראָפעסאָר האָט איהר געלויבט, וואָס ס'פלעגט
איהר געוועהנליך פרעהן. אין דעם לויטערן וועטער האָט זיך גע-
גלוסט צו שפאַצירען, און מאַניע האָט בעשלאָסען צו מאַכען אַ
קליינעם קרייז, אום דורכצוגעהן זיך אַ ביסעל, בפרט נאָך, אַז אין
דערהיים האָט זי ניט געהאַט וואָס צו איילען.

געהענדיג לאַנגזאַם אין אַ שטילער גאַס איבער'ן טראָטואַר, וואָס
איז געווען מיט זאַמד בעשאָטען, האָט זי זיך אַלץ מעהר פערטראַכט
און איהר קאָפּ האָט זיך אַראָבגעבויגען און איהרע אויגען זענען
געווענדעט געווען אויף איהר הערמעל'ן מופטע. פערטראַכט האָט
זי זיך וועגען איהרע לעקציעס, וועגען דער צייט, ווען זי וועט
זיך צושיידען מיט דעם בופעט און מיט איהר גאַנצער פערגאַנ-
גענהייט און וועט אָנפאַנגען אַ נייע לעבען, אין אַ נייער סביבה, בײ
נייע בעדינגונגען. מיט וואָס פאַר אַ אומגעדולד האָט זי ערוואַר-
טעט די צייט! זי האָט גערעכענט די טעג און די שעות, וואָס
האָבען זיך איהר אָבגעדוכט אַזעלכע לאַנגע און לאַנגזאַמע. נאָך
יעדער לעקציע פלעגט זי זיך פרעהען, ניט אַזוי פון די צוגעקו-
מענע קענטנים אין דער פערגעטערטער קונסט, ווי דערפאַר,
וואָס ס'האָט איהר אלץ מעהר דערנעהנטערט צו איהר ציעל...
און דאָס ציעל איז דאָך אַזאַ איידעלע, אַזאַ ערהאַבענע! וואָס
איז ווערטה דאָס אַליין, וואָס זי וועט ניט דאַרפען אָטעמען מעהר
מיט דעם אַלקאָהאָל-לופט פון בופעט, דערמאָנען שטענדיג איהר
איינפאַכען, אונגעבילדעטען, אָבער דעם ווירקליך גוטען און ליע-
בענדען פאָטער אָן דער שווערער זינד, וואָס ער איז בעגאַנגען,
געפינען זיך אין דער סביבה פון האַלב און גאַנץ שכור'ע פער-
שווענדער, אויסהערן זייערע נאַרישקייטען, גראָבהייטען און נבול-
פה און אָננעהמען דאָס אַלץ פאַר אַ שפּאַס. אַ וויץ, עוסק'ן זיך
מיט חוצפא'דיגע נאַהאַלען, מיט נאַרישע פאַטען און בעריהמער
סקאַנדאַליסטען און אָבצוהאַלטען זיי פון אַ אונגעוועהנליכער העזה
און פון אַ אונגעהויערן סקאַנדאַל... דאָס אַלץ עקעלט איהר, דען
זי איז גאָר אַנ'אַנדערע. פון די סאַמע קינדהייטס-יאָהרען ציהט

איהר צו עפּיס שענעס, ערהאַבענס, וויבּערעס און האַרמאָנישעס, — צו דער געטליכער קונסט, וואָס האָט שטענדיג אָנגעפּילט איהר גאַנצעס וועזען, פריהער אונבּעוואוסטזיניג און איצט — אינגאַנצען בּעוואוסטזיניג. און איצט — ווי גליקליך זי איז! — איז זי שוין נאָהנט צו דער פערווירקליכונג פון איהרע האָפנונגען, און דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי לייכט, אַזוי נאַטירליך, ווי עפּיס אַ גוטער מלאך וואָלט אונטערגעהערט איהרע פערבּאָרגענע געדאַנקען און פערלאַנגען און ער פערווירקליכט זיי, אָהן בּעזונדערער מיה און זאָרג פון איהר זייט. צו איז עס ניט איהר פערשטאָרבּענע מוטער, וועלכע זי געדענקט, ווי דורכ׳ן חלום, בּעט פאַר איהר אין הימעל? האָט איהם דאָך עמיצער אַמאָל געזאָגט, אַז אַ מוטער שטאַרבּט און לאָזט איבּער אויף דער וועלט קליינע יתומים׳לעך, בּעזאָרגט זי זיך פאַר זיי אויף יענער וועלט. אַלס אַ אַרטיסטישע נאַטור, אַ ענטציקטע, איז זי געניינגט צו וואונדער און צו איבּערנאַטירליכעס, איז זי עטוואָס אַבּערגלויבּעריש. נור דאָס שטערט איהר ניט פונדעסטוועגען צו זיין קלוג און פּראַקטיש.

— אָט נעהמט שוין אַוועק פעבּרואַר מאָנאַט, — האָט זי געטראַכט, געהענדיג מעכאַניש אין לאַנגזאַם, — נאָך פינף-זעקס וואָכען — פערענדיג איך שוין דעם קורס. דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט, אַז צו דער צייט וועל איך געווים פערענדינען. און דאָרט קומט מאַי, דער לוסטיגער פריהלינג! דאַן וועלען מיר זיך אַוועקלאָזען אין וועג אַריין. ס׳איז ניט לאַנג אויסצוקלייבּען זיך, די הויפּט הכנות זענען שוין געמאַכט. ס׳וועט נ..ר זיין אַ ביסעל עסק מיט׳ן פאָטער: ער ווייסט נאָך גאָר ניט פון מיין פּלאַן, איך קלויבּ מיך אַלץ צו ריידען מיט איהם, און כ׳האָבּ נאָך בּיז איצט ניט גערעדט. כ׳וועל מיט איהם ריידען דאַן, ווען אַלץ וועט שוין זיין פאָלשטענדיג בּעשלאָסען, ווען דער אויסלענדישער פּאַס וועט שוין זיין בּיי מיר אין קעשענע. צוערשט וועט עס איהם איבּעראַשען, נור איך וועל עס איהם ערקלעהרען, וועט ער פערשטעהן, ער איז אַ קלוגער. און ער אַליין, רעכען איך, מיינט אויך ניט, אַז איך זאָל דאָס גאַנצע לעבּען זיין אַ בּופעטען-מיידעל. דאָס איז פאַר מיר קיין קאַריערע ניט... דעם בּופעט פיהרען וועט קאָנען די שטיף-מוטער אויך: זי איז אַ געשיקטע פרוי, אַ פערשטענדיגע, און קיין איבּעריגע חכמות דאַרף מען ניט דערצו: דער אָרט איז

שוין אַן אַנגעיעהנטער, געסט געהען און װעלען אויך װייטער נעהן. שטאַרק שטערן מײַן פּלאַן װעט ער ניט: ער האָט קײנמאָל ניט דערװאַרטעט מײַן פערלאַנג, ער װייסט, אַז אומגליקלעכע אָדער אומזיניגע פערלאַנג איר קײנמאָל ניט... װי לאַנג אָבער די צייט ציהט זיך! דרײַ מאָנאַטען; גאַנצע דרײַ אָדער פיער מאָנאַטען! װי װייט איז נאָך יענע גליקליכע װײַלע, װען איך װעל מיך בע- פרייען פון די בונטע-קלייניגקייטען און װעל אָנהייבען צו לעבען פאַר דער קונסט און... פאַר בענין!

— Bonjour, Marie? — האָט אין דערװײַלע איהר בע- גריסט עפּיס אַ בעקאַנטע שטים. זי האָט אַ ציטער געטהון און די אויגען אויפגעהייבען: פאַר איהר איז געשטאַנען בעני, װאָס איז אַזוי װי פון אונטער דער ערד דאָ אויסגעוואַקסען.

— אוי, װי דו האָסט מיך איבערגעשראָקען — האָט זי געזאָגט און האָט אויף איהם אַ פּאַכע געטהון מיט דער מופטע— פון װאַנען נעהמסטו זיך?

— גאָט אַליין, הייסט עס, האָט מיך אין דער אײַנזאַמער זאַל אַרײַנגעפיהרט, און ס'פרעהט מיך דוקא. און װאוהין נעהסטו דאָס?

— איך שפּאַציער.

— װעסטו אָננעהמען מײַן אַקאָמפּאַנימענט?

— נור ביזן װינקעל גאַס: איך האָב ליעב אַליין צו שפּאַציערען.

— אַ דאַנק דערפאַר אויך, — דו האָסט דאָך ניט ליעב צו צערטלען מיך.

— װײַל איך װיל ניט, אַז מײַן יונגעל זאָל זיין אַ צופיעלבעטעטער.

— ס'אַרא גליקליכער טאָג בײַ מיר איז הײַנט, ס'איז פשוט ניט צו בעגרײַפען, — האָט בעני אויסגעשריען, אומאָבגענדיג מיט די הענד. — איין גליק נאָכ'ן אַנדערן! שטעל זיך פאָר: ערשטענס, איז הײַנט אין דער-פריה מײַן טייערער טיי-סערוויז געװען אַראָבגעפלויגען אויף דער פּאָדלאָגע.

— װײַל דו האָסט איהם אַװעקגעשטעלט אויפ'ן פּיופּיטר.

— פון װאַנען װייסטו דאָס? — האָט ער געפרעגט פער- װאונדערט און האָט זיין געליעבטער אין פּנים אַרײַנגעקוקט. —

עמיצער האָט עס דיר שוין דערצעהלט?

— קיינער האָט מיר ניט דערצעהלט, נור צי דען ווייס איך ניט אַליין, וואָס פאַר אַ זעלטענער בעל־הבית דו בינסט? און שטיים מיך אָן.

— דאָס איז דאָך מאַקי אמת אָזוי. דו פערשטעהסט, איך האָב געוואָלט איבערשטעלען די עטאַזשערקע. האָב איך אַראָבגע־נומען דעם סערוויז און אויף אַ ווייִלע אַוועקגעשטעלט אויפ'ן פיופיטר, נעמט ער און פליהט אַראָב אויף דער פאָדלאָגע. נור ס'האָט זיך ניט צעבראָכען, וואָרום אויף דער פאָדלאָגע איז דאָן גראָד געלעגען מיין גרויסע אויסגענייהטע קישען.

— אַלע מאָל ליעגט זי ביי דיר גראָד אויף דער פאָדלאָגע?

— ניט גאָר אַלע מאָל, אָבער אָפט, וואָרום — וואו זאָל זי ליעגען? אויפ'ן סאָפקע ביי מיר איז אַ גאַנצער וואַלד, אַ מישמאַש.

— און וואָס איז דיין צווייטעס גליק?

— מיין צווייטעס גליק איז דאָס, וואָס איך בין אַרויסגע־גאַנגען אויפצוזוכען אַ קוואַרטיר, האָב איך אַקוראַט אָנגעטראָפען אויף אַזאַ, וואָס איז ווי אָנגעמאָסטען פאַר מיר. דריי צימערען — איינע אַ גאַנץ גרייסע — דאָס וועט זיין אַ זאַל, און צוויי זייטיגע, קלענערע, אויסער אַ קיך און אַ פאָרהויז.

— איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ זעלטענעם מישמאַש דו וועסט מאַכען אין דיינע דריי צימערען! אָרט וועט שוין קלע־קען פאַר דיין צעשטרוויאונג.

— און די מוהמע אננאַ?

— יאָ איך האָב גאָר פערגעסען. נור אויב אַזוי, וועסטו זיך דאַרפען זעגענען מיט דעם אַלעם, אָהן וואָס דו קאָנסט, דוכט זיך, ניט לעבען.

— וואָס זאָל מען טהון? מ'וועט מוזען.

האָט דיר היינט נאָך אין וואָס געגליקט?

— פערשטעהט זיך. געהענדיג מיט דער גאַס, האָב איך דיך בעגעגענט.

— נו, דאָס דאָזיגע גליק איז ניט אויף לאַנג: מיר זענען שוין אָט ביים ווינקעל גאַס. נור זאָג, דו האָסט ערנסט בעשלאָסען צו לעבען פאַר־זיך ביז אונזער אָבפאָהרען?

— זעהר ערנסט. מ'דאַרף דאָך ביסלעכווייז געוועהנען זיך

צו אַ זעלבשטענדיגען לעבען. ס'האָט שוין מיר שרעקליך דערעסע־
דאָס לעבען אויפ'ן בוידים אונטער טאַטע־מאַמעס השגחה און
ס'איז שוין אויך קיין יושר ניט אין מיינע יאָהרען צו לעבען אויף
זייער חשבון. איך בין דאָך שוין ניט קיין יונגעלע.

די ווירקליכע סיבה פון זיין בעשלוס האָט ער מאַניען ניט
אויסגעזאָגט: ס'איז איה שווער געװען אפריהער אָנצוזאָגען זיין
געליעבטער װעגען דער חרפה, װאָס זיינע עלטערן אליין גרייטען
צו פאַר זיך. ער װעט נאָך ריידען מיט איהר װעגען דעם.

— פאַר דאָס לויב איך דיך, — האָט מאַניע געזאָגט,
דערלאַנגענדיג איהם אַ האַנד צ'ם אָבשייד, אַזוי ווי זיי זענען שוין
דערגאַנגען צום ווינקעל גאַס. — ס'איז שוין ווירקליך צייט, אַז דו
זאָלסט לעבען מיט דיין אייגענעם שכל און פון דיין אייגענער מיה,
כאַליַנט און געזונד איז דאָ — צו װאָס זאָלסטו אָנקומען צו אַנ־
דערע? און דאָס, װאָס דיינע עלטערן זענען רייך, בעפרייט דיך
נאָך ניט פון דער פפליכט צו אַרבייטען און זיין זעלבשטענדיג.

דערביי האָבן זיי זיך צוזעגענט און זענען זיך פונאַנדערגע־
גאַנגען אין פערשידענע זייטען.

אַז מאַניע איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט זי דערוויסט איהר
פאָטער אין זאַל אויף דעמזעלבען אָרט, װאו דער ראָטמיסטר האָט
איהם איבערגעלאָזט.

ער איז געזעסען מיט אַן'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ. און האָט
שטיל געוויינט, פלעגט צייטענווייז די הענד ברעכען און שווער
אויסזיפצען. קענענדיג דעם ראָטמיסטר'ס שטרענגען האַראַקטער,
איז ער זיכער געװען, אַז דער לעצטער װעט צושטערן, פערניכטען
זיין איצטיגען מעמד, מיט װעלכען ער איז אינגאַנצען צופרידען
געװען, װאו ער האָט זיך געפיהלט אַזוי רוהיג, גלקליך און גוט!
ער װאָלט זיין איצטיגען מעמד אויף קיין אַנדערן בשום אופן ניט
פערביטען, װאָרום װאָס קאָן זיין בעסער, ווי „אַ געליבטער און
געעהרטער", ווי ער האָט עס גערעכענט, אייגענטימער פון „פּאַרי־
זער בופעט"? ער האָט זיך שוין אַזוי צוגעוועהנט צו האַלטען זיך
פאַר אַ עהרליכען, אַנשטענדיגען מאַן. אַ חשוב'ער סוחר און בעל־
הבית, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו מיינען, דאָס ער איז אַלע מאָל
אַזאַ געװען און איז אַזאַ געבאָרען געוואָרען. און דאָ קומט אַ בייזער

מענש און וויל איהם עיקר זיין פון דער ראזינער לאגע, און איהם און זיין טאטער פערשטויסען אויפ׳ן אונעהרליכען וועג, וועגען וואס ער קאן זיך נים דערמאנען אהן שוידער און עקעל!..

— וואס איז דיר? — האט איהם מאניע נעפרעגט בעמער־קענדיג זיין פערוויינט און צוטראגענעם פנים. — וואס האט דא פאסירט?

אליה׳קע האט לאנג געהאט זיך אוועקגעמאכט פון דער פראגע, ר׳האט געלייגט, נור ענדליך האט ער דעם גאנצען אמת דערציילט.

— גאט מיינער! — האט מאניע אויסגעשריען און האט זיך פאר׳ן קאפ געכאפט. — ווידער אמאל דער פערפלוכטער! וואס וויל ער פון אונז דער מנוול?

זי האט זיך אראבגעלאזט אויף א שטוהל און האט זיך פער־טראכט.

— איצט איז אדיע מיינע זיסע חלומות און האפנונגען! —

האט זי שטיל ארויסגעזאגט און טרעהרען האבען זיך אין איהרע אויגען בעוויזען. זי האט קיין איין ווארט פון פארוואורף נים ארויסגעזאגט איהר פאטער, וואס איז אנטקעגען איהר געזעצען, ווי א פער׳משפטער, מיט אנ׳אראבגעלאזטען קאפ און האט נים געוואגט די אויגען אויפצוהויבען צו איהר. זי האט געזעהן, זי האט געפיהלט, ווי טיעף ער ליידט, ווי אויפריכטיג זיין חרטה איז, און זי האט צו איהם זאגאר מיטלייד געהאט.

— ער האט געזאגט, אז מארגען אין דער־פריה וועט ער קומען מיט זיין פלאן? — האט זי געפרעגט מיט א פערצווייפעל־טען בעשלוס אין דער שטים.

— יא.

— מארגען אין דערפריה זאלסטו אין ערגיץ אוועקגעהן פון דער היים. איך וועל איהם אליין אויפנעהמען און איך וועל אליין דורכריידען מיט דעם פאן.

ביי אליה׳קען פון הארצען אין ווי א שווערער שטיין אראב־געפאלען. ער האט אזוי געגלויבט אין זיין טאכטער׳ס שכל, דאס ער האט גלייך אנגעהויבען צו האפען, אז דער ענין וועט זיך ענ־דיגען בשלום. ער האט אבגערוהט און איז אפילו פרעליכער גע־ווארען.

— מאַכטער'ל! האָט ער אויסגעשריען — זײַ מיר מוחל!..
איך האָב שווער געזינדיגט נעגן דיר.. ביז אין קבר אַרײַן וועל
איך פיהלען מײַן שווערע זינד.. נור...

— פּאַפּער! — האָט מאַניע געזאָגט פעסט און שטרענג.
דו פערגעסט, אז מיר האָבען אָבגערעדט, ניט צו דערמאָנען קיינ־
מאָל וועגען דעם? איך האָב דיר שוין לאַנג מיחל געווען. אלץ
איז בעשערט... ווען ניט דאָס, וואָלטען מיר אפשר ביז איצט נאָך
נעהאַט ארומגעוואַנדערט אויף פערפאַלען ווערען אין דעם זומפּ פון
ציגײַנער־לעבען... געוויס, האָט גאָט אַזוי געוואָלט. איך ערלויב
דיך ניט צו בעשולדיגען דיך. מעהר קיין וואָרט ניט וועגען דעם
קיינמאָל ניט — דו הערסט? קיינמאָל ניט!

אויף מאָרגען אַזייגער עלף אין דער־פריה האָט דער ראָב־
מיסטר אָנגעקלאַפּט אין דער צינעשלאָסענער טהיר פון קאָנצערט־
זאַל. די טהיר האָט זיך אויפגעעפענט — און פאַר איהם האָט
זיך בעוויזען מאַניע. ער האָט זיך פערשעמט און זיך אָבגערוקט
אַהינטער.

— פּאַרדאָן, פרײַלין, — האָט ער פערצײַהונג געבעטען
שטאַמלענדיג. — מיר איז נויטיג דעם ה' פּרוסאַק. וואו קאָן איך
איהם טרעפען?

— דער פּאָטער איז אין דער־היים ניטאָ, — האָט מאַניע
געענטפערט אַבלאַסע און אַציטערנדע אינגאַנצען. איהר קאָנט
אָבער אַרײַנגעהן. דער פאָטער האָט עס מיר איבערגעגעבען
אַבערציידען מיט'ן פאָן ראָטמיסטר.

ר'האָט אײַך איבערגעגעבען? — האָט ער געפרעגט שוין
עטוואָס צו זיך קומענדיג, און איז אַרײַן אין זאַל. — דאָס איז
אינטערעסאַנט. דאָס איז טשיקאַווע.

ער איז נאָך מאַניען דורכגעגאַנגען צו דעמזעלבען פענסטער
וואו ס'איז געבליבען פאָרגעקומען זײַן געשפּרעך מיט איהר פאָטער
און לויט איהר אײַנלאַדונג האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגען
איהר.

— אַלזאָ האָט אײַך ה' פּרוסאַק איבערגעגעבען אונזער נעכ־
טיגען געשפּרעך אויף דעמזעלבען אָרט, וואו מיר זיצען איצט? —
האָט ער געפרעגט אינגאַנצען שוין בערוהיגט.

— יאָ.

— איז אַוראַי גוט, אַוראַי גוט, — האָט ער אַרויסגערעדט גלעטענדיג די קניה און מיט תּאוה אָנקוקענדיג דאָס בלאַסע, גרויזאַמע, אָבער זעהר אינטערעסאַנטע פּנים פון דעם מיידעל וואָס איז געגענאיבער געזעסען מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּען און געשוויגען. — נו, וואָס וועט איהר זאָגען?

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען, דערנאָך האָט זי מיט שטאָלץ אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט אַרויסגעזאָגט ענטשליסענר און פעסט:

— איך וועל אַט וואָס זאָגען, פּאַן ראָטמיסטער, אַז איהר זענט אי אַ שלעכטער מענש, אי נישט קיין קלוגער, אַ שלעכטער וואָס איהר זענט געקומען צו צושטערן דאָס גליק און רוה פון אָרימע מענשען, וואָס האָבען אַייך קיין שום בייז ניט געטהון, און ניט קיין קלוגער — אַז איהר רעכענט מיט גוואַלד, מיט דראָהונ-גען צו נויטען אונז.

— אַייך איז דאָך אָבער נאָך ניט בעוואוסט מיין פאָרשלאַג.

— ניט בעוואוסט אין פּרטים, דער עיקר איז שוין בעוואוסט.

— דאָס הייסט דאָך דאָס, אז ניט, פּאַננא מאַריא, — האָט דער ראָטמיסטר אַרויסגעזאָגט ערנסט און פייערליך. — איהר זענט זיך שטאַרק טועה, ווען איהר נעהמט מיך אָן פאַר דעמזעלבען לעבע יונג און לייכטזיניגען, ווי איך האָב זיך אַרויסגעצייגט פאַר אייך אין דעם ערשטען טאָג פון אונזער קענטשאַפט. אַלענפאַלס בנוגע צו אייך פיהל איך זיך אינגאַנצען ניי-געבאָרען, גאָר אַנ׳אַנ-דערער, אַ נייער מענש.

— וואָס זאָגט אַרוים פאַר מיין פאָטער בנוגע צו מיר נייע חוצפּא און געמיינהייטען!

— זענט מוחל, — האָט דער ראָטמיסטר געבעטען אינגאַנ-צען אויפריכטיג. — זענט מוחל, וואָס איך האָב אַזוי אונגעשיקט, אַזוי גראָב זיך גענומען פאַר אַ זאַך, וואָס איז פאַר מיר ניי. יאָ, פּאַננא מאַריאַ, דאָס וואָס איך פיהל איצט, איז פאַר מיר אינגאַנצען ניי. איך אַליין בעוואונדער מיך, איך דערקען זיך ניט. נור מיט יעדעם טאָג, מיט יעדער שעה, — קאָן מען זאָגען, — איבערצייג איך זיך אַלץ מעהר, אַז אין מיין האַרצען איז די לעצטע צייט פאָרגעקומען אַזאַ גרויסע אומענדערונג, אַזאַ ראַדיקאַלע איבער-

קעהרעניס, וועלכע קאָן ברענגען צו גרויזאמעס, בפרט נאָך, אַז איך אין מיין ווילדקייט ווייס איך ניט, ווי אַזוי צו בעהערשען דאָס נייע געפיהל, וועגען וועלכען איך האָב ביז אַהער קיין שום בעגריף ניט געהאַט. ניין, דאָס איז ניט קיין קאַפריז, ניט קיין בעגעהר פון אַ ווייליע, נור אַ ערנסטע, טיעפע און שטאַרקעס געפיהל, איך שווער אַז מיינע אויסזיכטען וועגען אייך זענען סאַמע ריינע, איידעלע. כ'וועל אייך זאָגען קורץ און אָפען: כ'האָב אייך ליעב, פאַנאַ מאַריאַ, מיט דער גאַנצער נשמה, אויפריכטיג, ערנסט, פלאַמענדיג. איך קאָן ניט און וויל ניט לעבען אָהן אייך. איך בין גרייט מיין לעבען אוועקצוגעבען פאַר אייך, פאַר איין גוט וואָרט פון אייך, פאַר אַ פריינדליכען בליק, וואָס איז פאַר מיר נויטיג, ווי דאָס לופט.

אויף מאַניעס פנים האָט זיך בעוויזען אַ איראָנישער שמייכעל.

— איך איז לעכערליך מיין אומגעלומפּערטע ערקלערונג? — האָט ער טרויעריג צוגעגעבען, אָבווישענדיג דעם שווייס פון שטערען. — איהר גלויבט מיר ניט? יאָ, מיט מיין מאוסען אויפפיהר האָב איך פערדיענט, אַז קיין פרוי זאָל מיר ניט טרויען, ווען איך זאָג אפילו אמת — דאָס גאַנצע לעבען האָב איך אָבגענאַרט, ערנידעריגט און בעליידיגט פרויען, ליכטזיניג און מאוס, און זיי האָבען דעריבער פאָלשענדיגע רעכט צו האַלטען מיך פאַר אַנ'אָבנאַרער, אַ נידערטרעכטיגען. איך קאָן אייך אָבער שווערען, אַז איך האָב קיינמאָל מיט קיין פרוי ניט גערעדט אַזוי אויפריכטיג, אַזוי אמת'דיג, ווי מיט אייך, וואָרום צו קיין פרוי האָב איך ניט געפיהלט דאָס, וואָס איך פיהל צו אייך, פאַנאַ מאַריאַ!

מאַניע האָט אַנ'אומגעדולדיגע בעוועגונג געמאַכט אויף איהר שטוהל.

— איהר גלויבט מיר נאָך אַלץ ניט? — האָט דער ראָטמיסטער נעפרעגט, אַנריהרענדיג מאַניעס האַנד.

— ווען איך זאָל אַפילו גלויבען, וועט דערפון אייך גאָרנישט ניט אַרויסקומען, — האָט זי געענטפערט, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, — כ'וועל אייך זאָגען קירץ און אָפען, — וויל מיין האַרץ איז שוין פערנומען, איך האָב ליעב אַנ'אַנדערע.

— ווער? אַ פריקאַזשטשיק?

— זאָל זיין אַ פריקאַזשטשיק

— ניין! — האָט ער אויסגעשריען, אויפשפּרינגענדיג אַ דווטער פון זיין שטוהל. — ס׳קאָן נים זיין! איך גלויב אייך ניט. איהר ערניעדעריגט זיך עקסטרא. פאַנא מאַריאַ פּרוסאַקאָווגאַ קאָן נים ליעב האָבען אַ זשידאָווסקען בחור!

— און איך שוועהר, אַז איך ליעב אַ זשידאָווסקען בחור און אַז איהר זאָלט נאָך וויסען, ווי אַזוי איך ליעב אירם!..

— נאַרישקייט! שטות׳עריי! — האָט ער געשריען אַרום־לויפענדיג איבערן זאַל אויסער זיך און צופּענדיג די וואָנצעס און באָרד. — ס׳קאָן ניט און ס׳וועט ניט זיין! איהר קאָנט ניט און דאַרפט ניט זיין אַ העגדלערקע, אַ פּערקויפערקע, אַ שאַכער־מאַכער־קע!.. איך וועל עס ניט דערלאָזען! איך ערלויב ניט! איהר דאַרפט זיין אַ מאַגנאַטין.

— ביי אונז זענען ניטאָ קיין מאַגנאַטען, דעריבער קאָן איך נים זיין קיין מאַגנאַטין.

— איז ביי אייך ניטאָ, איז ביי אונז פאַרהאַן. על־פּי טעות זענט איהר געבאָרען געוואָרען און איהר לעבט אין דער יודישער מילבען־קופּע.

— נים מיר קאָנען פערריכטען די גרייזען פון דער נאַטור.

— און איך וועל דעם גרייז פערריכטען, צו אַל־די רוחות! האָט ער אויסגעשריען, אַ קלאַפּ געבענדיג זיך אין ברוסט. — הערט, פאַנא מאַריאַ, — האָט ער צוגעגעבען, אָבשטעלענדיג זיך נעבען מאַניען, — איך בין זעהר צופרידען, וואָס מיר זענען ענדליך צו־געקומען צום עיקר ענין, ווענען וואָס איך בין היינט אַהער געקו־מען. אָהן לאַנגע הקדמות, זאָג איך אייך קורץ און קלאָהר: פאַנאַ מאַריע פּרוסאַקאָווגאַ, איך לעג אייך פאָר מיין האַנד, מיי האַרץ, מיין נאָמען און דאָס גאַנצע פערמעגען, און זאָל מיך נאָט שטראָ־פען, אויב איך וויל אייך אין מיין הויז אריינברייננען נים אַלס מיין געזעצליכע פרוי! קלאָהר?

זיין פּנים האָט געשיינט אין דער אַנערקענונג פון זיין עהר־ליכען בעשלוס און ער האָט מאַניען אַ האַנד דערלאַנגט, נור . אַ־ניע האָט די האַנד נים אָנגענומען. טיעף פערנויגענדיג זיך און צולעגענדיג אַ האַנד צום ברוסט, האָט זי געזאָגט:

— פון גאַנצען האַרצען דאַנק איך אייך, ה׳ ראָטמיסטר פאַר אייער פאָרשלאַג. וואָס מאַכט עהרע אייך און מיר. דער פאָר־

שלאָג, וואָס איך ערוואַג מיך ניט צו צווייפלען אין זיין אויפריכ-טיגקייט, ברענגט מיך כמעט אינגאַנצען שלום צו ווערען מיט אייך וועלכער וואָלט ביי אַנדערע אומשטאַנדען געקאָנט מיטברענגען שאַנד און אומגליק אויף מיין גאַנצען לעבען. נור איהר פערגעסט, אַז איך קאָן בשום און ניט ווערען אייער פרוי.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך בין אַ יודיש קינד.

— איז וואָס? איז דען פאַר אייך, אַזאַ קלוגע און וועלטליכע פריילין, שווער צו צושיידען זיך מיט אייער אַבערגלויבערי?

— דער פאַן ראָטמיסטר קאָן זיך האלטען אונזער גלייבען פאַר אַבערגלויבעריי, — האָט מאַניע אָבגעענטפערט מיט פערדרוס אין דער שטים. איך האַלט עס אָבער ניט אַזוי, פאַר מיר איז עס הייליג, איבריגענס, וועלען מיר וועגען דעם ניט ריידען: אין די ענינים פון גלויבען פערשטעהט איך גאָרנישט. איך ווייס נור, אַז איך בין געבאָרען געוואָרען אַ יודיש קינד, אַז מיינע עלטערן און אור-עלטערן זיינען געווען יודען און אַז איך וועל דאָס גלויבען פון מיינע עלטערן ניט פערבייטען ניט פאַר קיינע גליקען און ניט פאַרן קיינע אומגליקען אין דער וועלט, און ביז דער לעצטער רגע פון מיין לעבען וועל איך בלייבען אַ יודיש קינד.

— איז ווי זשע? — האָט דער ראָטמיסטר אויסגעשריען אָנחאַפענדיג זיך פאַר'ן קאָפּ. — איך קאָן דאָך אָהן אייך ניט לעבען!

— אין דעם בין איך ניט שולדיג.

— אָ, ניט איהר, — האָט ער שוין אָנגעפאַנגען אויסער זיך צו ווערען, — נור יענער פאַרכעוואַטער בחור, וואָס האָט, צום טייוועל, פערחאַפּט שוין אייער הארץ.

— ס'איז נאָך ניט בעוואוסט, — האָט דאָס מיידעל, בע-ליידיגט אין איהר געפיהל, אָבגעענטפערט אויסערליך קאַלטבלוטיג, אָבער פעסט. — ס'איז נאָך ניט בעוואוסט, ווער ס'איז מאָראַליש פאַרכעוואַטע, מיין בחור צו עמיצער אַנ'אַנדערער.

— פּאַניע פּרוסאַקאָוונאַ! — האָט ער אויסגעשריען אויסער זיך און סקריהענדיג מיט די ציינער. — איהר... פונדעסטוועגען פער-געסט ניט מיט וועמען איהר רעדט.

— אָ, ס'איז מיר זעהר נויטיג צו ריידען מיט אייך!.. איז

מאַגיע אויך אייער פלאַמט נעוואָרען. — איך רייד נאָר ניט מיט אייך. איך בין נור אַנשטענדיג און ענטפער אויף אייערע פראַגען. אָבער איך האָב דאָך נאָך אייך ניט געשיקט, אַז איך זאָל האָבען דעם כבוד און דעם פערגניגען צו ריידען מיט'ן וועלמאָזשני פאַן: איהר קאָנט אייך געהן און לאָזען מיך צוריה!

— צוריה וועל איך אייך שוין אַלענפאַלס ניט לאָזען, זאָלט איהר עס וויסען, — האָט דער ראָטמיסטר געזאָגט און גענומען זיין הוט.

— צום טייוועל, ווענט איהר ניט מסכים אויף מיין איידעלען פאָרשלאַג, וועל איך אייך ניט שוויגען.

— שוויגט נישט,

— עי, פאַנאַ פרוסאַקאָאַנאַ, ברענגט מיך ניט אַריין אין כעס, שפּיעלט זיך ניט מיט פייער!

— איך בין פערהאַרטעוועט נעגען פייער, כ'האָב פאַר פייער קיין מורא ניט.

— איך וועל אייך אַזאַ שטיק מאַכען, אַז איהר וועט שרייען וועה. איך בין דאָך, ווי איהר געדענקט, אַ גרויסער סקאַנדאַלען־מאַכער!

— מיר זענען ניט אין אַ פערוואָרפען ווינקעל ערגיץ. דאָ זענען פאַרהאַן סקאַנדאַלען־מאַכערס גאָך גרעסערע. זיי וועלען שוין יעדערן אָנלערנען.

—דאָס וועלען מיר שוין זעהן, ווער וועמען וועט אָנלעהרנען. געדענקט אָבער איינס: אַז די סאַמע ברענענדע ליעבע קאָן זיך פערוואַנדלען אין אַ סאַמע בייזען האַס. און איהר זאָלט אייך היטען פון דעם האַס.

— כ'האָב קיין מורא ניט פאַר אייערע דראָהונגען, דאָס האָט מיין אַלטער פאָטער זיך דערשראָקען און געבעטען ביי אייך רחמנות פאַר די געמיינהייט, וואָס איהר זענט דער איינציגער און הויפּט גורם געווען דערפון. איך בין אָבער ניט קיין שרעקענדיגע: זאָלט איהר עס וויסען!

— איך צווייפעל ניט אין דעם, נור איך בין זיכער, אַז איהר וועט אין גיכען נאָר אַנדערס אָנהייבען צו זינגען און מיט נאָר אַנ'אַנדער קול... אַדיע, צום ווידערזעהן.

— מעהר וועט איהר מיך ניט אָנזעהן.

דער ראַטמיסטער איז אַחוץ בײז דרעהענדיג זײנע לאַנגע װאָנצעס.

XXI.

דער ראַטמיסטער און דער קאַפּיטאַן.

מאַניע'ן אָבער איז נור לײכט געװען צו זאָגען, אַז זי שרעקט זיך ניט פאַר דעם ראַטמיסטער'ס דראָהונגען, אין דער אמת'ן אָבער האָט זי יאָ מורא געהאַט. און געשראָקען האָט זי זיך ניט אַזױ דערפאַר, װאָס פון דעם אױסדערצעהלען דעם בעװאוסטען עפּיזאָד פון איהר פערגאַנגענהײט קאָן זי קאָמפּראָמעטירט װערען אין די אױגען פון איהרע בעקאַנטע און פערהערער — די דאָזיגע בעקאַנטע און פערעהרער האָבען איהר אײגענטליך זעהר װעניג אינטערעסירט, — געשראָקען האָט זי זיך מעהר דערפאַר, װאָס זי האָט ניט געװאוסט, װי װעט דעם דאָזיגען עפּיזאָד אָנגעהמען איהר געליבטער, װאָס לױט זײן יונגקײט און אונערפאַהרענקײט קאָן ער גאָט װײסט װאָס אַ טראַכט טהון װעגען דעם, װאו זי איז נור געװען אַ פערפיהרטער קרבן, אַ שוצלאָזער, װעלכען מ'האָט אַ פריהער פער'שכור'ט. אפשר װעט ער זי בעשולדיגען און זיך אָבזאָגען פון איהר בײ זײן גאַנצער ליעבע צו איהר? און צופיעל פערענטפערן זיך, אַרײנלאָזען זיך אין איבעריגע אױספיהרליכע און אונבעקװעמע ערקלעהרונגען װעט איהר שטאָלץ איהר ניט ערלױבען, איהר אײגענע זעלבסט־װירדע און אַנערקענונג פון איהר אונשולד. אין אַזױ װעט זיך צװישען זײ אַלץ פערענדיגען... און ער איז דאָך איהר טײער און מיט יעדעם טאָג װערט ער איהר נאָך טײערער. זײן ליעבע, זײן פערעהרונג זענען שױן געװאָרען די ערשטע בעדערפנישען פון איהר לעבען, אָבצוזאָגען זיך דרפון — קאָן זי שױן ניט. מיט בענין פערבינדט איהר ניט נור דאָס צאַרטע, טיעפע געפיהל, װאָס פערגרעסערט זיך מיט יעדעם טאָג, נור אױך אַלע יענע ליכטיגע האָפענונגען, װאָס אָט איז שױן אַזױ נאָהנט אונמענליך צו פערװירקליכען זײ! און אָט דאָס רעכענט זי אַלס אַ פערדיענטע בעלױנונג פאַר אַלץ, װאָס זי האָט איבערגעטראָגען און איבערגעליטען ביז אַהער, — און איצט װעט קומען עפּיס אַ סקאַנדאַליסט און מיט אײן װאָרט װעט ער הרוב מאַכען דעם גרױסאַרטיגען בנין, װעלכען זי האָט אױפגעשטעלט

מיט אזויפיעל מיה, געדולד און איבערנעבענהייט! ר׳וועט חיוב מאכען... יא, וואס איז אהן בענין, אהן דעם אידעאלען פריינד, דעם חבר אין קונסט, וועט זי זיך נים לאזען אויפ׳ן גליטשיגען וועג; ס׳וועט ביי איהר נים קלעקען קיין דרייסט, קיין מיגה און איס־געהאלטענקייט, — דאן וועט זי פערבלייבען דא ביים דעם בופעט, נים אויספיהרענדיג דעם גרויסען פלאן.

אט פארוואס, אז זי איז צו זיך געקומען נאך דעם ראטמייסטער׳ס אוועקגעהן, האט זי אנגעהויבען צו ברעכען די הענד און שיער נים צו רייסען די האאר פון זיך, וואס זי האט מיט איהר אומפאסענדען בעם אינגאנצען קאליע געמאכט.

— שלעכט, — האט זי געענטפערט אויף דעם פאטער׳ס פראגע, ווי איז זי דורכגעקומען מיט׳ן ראטמייסטער. — איך האב זיך מיט איהם צוקריגט. ער איז אוועק א אויפגערייצטער און ער וועט זיך נוקם זיין אן אונז.

— און אפשר שרעקט ער עס נור אזוי? — האט אליה׳קע געזאגט.

— ניין, — האט מאניע פערזיכערט, — פון אזא מנוול און סקאנדאליסט איז ניטא וואס צו ריכטען זיך אויף רחמנות.

דער ראטמייסטער האט ווייטער אויך בעזוכט דעם בופעט, האטשי עטוואס זעלטענער, נור אלץ איז נים געווען צו אפט פאר א מענשען פון זיין לאגע, פאר וועלכען ס׳זענען אין שטאדט געווען אנדערע, אנשטענדיגערע פערוויילונגען, ווי דהיינו, א טעאטער קאנצערטען, קלובען. פערברענגען און גוסקען זיך מיט די זינגערינ׳ס האט ער אויפגעהערט. ער פלעגט זיצען אויפ׳ן שטוהל און צוהערען דאס געזאנג שטיל, פערטראכט, דרעהענדיג די וואנצעס. ער פלעגט נים טרינקען אין די זייטיגע קאבינעטען. ער איז די גאנצע צייט נים אויפגעלעגט געווען. אלע האבען דאס בעמערקט, נור קיינער האט נים געוואוסט די סבה פון דער אומענדערונג מיט דעם לוסטיגען ראטמייסטער. צייטענווייז פלעגט ער אוועק אין א זייטיגען קאבינעט, פלעגט ארויסרופען צו זיך אליה׳קען און ריידען מיט איהם ביי א פיערטעל שעה, און יעדעס מאל, ווען אליה׳קע פלעגט ארויסגעהן פון דארטען, פלעגט ער זויער קנייטשען זיך און שטארק קראצען די פאטילניצע אדער די שלייפען. אויך מאניע, ווי זי פלעגט נור דערזעהן דעם ראטמייסטער

אין האַנדעל, פלעגט זי אַלץ וואַרפען און שנעל פערשוואונדען און פלעגט צוריקקומען צום בופעט נור דאַן, ווען דער ראָטמיסטר פלעגט אויסטרינקען זיינע צוויי גלעזער פונש און וואַרפען די זינגערין א פינף־רובלדיגע און פלעגט אַוועקגעהן. און אַוועקגעהן פלעגט ער איצט פריה. אין קומען פלעגט ער, קענטיג, נור אום צו בעווייזען, אַז ער געפינט זיך נאָך דאָ אין שטאָדט, און ער רעכענט ניט אָבצופאָהרען, כל־זמן ער האָט נאָך זיין ציעל ניט ערדרייכט.

אַזוי איז פערניפטעט געווען דאָס לעבען פון די, וואָס זענען א מאָל צו־גאַסט געווען אין „סאָסנאָווע קעמפע". זייעאיבערע קעפּ האָט די געפאַהר געשוועבט. דער ראָטמיסטער פלעגט אָפט אָנזאָגען אליה'קען, אַז ער וועט בשום אופן ניט אָבלאָזען זיין פלאַן, ער ציהט נאָר אָב און וואַרט, אפשר וועט זי זיך בעטראַכטען. נור ווען ביי איהם וועט זיך אויסנעהמען דאָס געדולד, — און אויסנעהמען וועט זיך, ווי ער רעכענט, זעהר גיך, — וועט ער פלוצלונג, ניט געוואָהרענט נאָר, אויסשיסען מיט אַזאַ סקאַנדאַל, מיט אַזאַ געשיכטע, אַז ס'וועט ווערען א וועה־געשריי. צו דעם ציעל האָט ער שוין פון דעם גוט אויסגעשריעבען דאָס קעסטעלע, וואו עס געפינט זיך דאָס בעוואוסטע „צעטעלע", און דאָס צעטעל טראָגט ער איצט שטענדיג מיט זיך אין דער טאַש. צו וויל ניט דער פאַן פרוסאַק א קוק טהון, צו איז ניט פערשוואונדען זיין אונטערשריפט מיט די גרויסע דייטשע בוכשטאַבען, פעציקט מיט א גרויסען טינט־פלעק?" פלעגט ער אָפט רייצען דעם אייגענטימער פון „פאַריזער בופעט", וואָס פלעגט בלאַס און פערצווייפעלט ווערען בלויז פון דעם דערמאָנען זיך אָן דעם ביזען צעטיל...

דאָס לעבען אין שטענדיגער מורא און אונרוה פאַר דער געפאַהר איז ענדליך אונערטרעגליך געוואָרען פאַר מאַניעץ, און בפרט, אַז בעני האָט אָנגעהויבען צו בעמערקען איהר טרויער, איהר אינערליכע אומרוה, איהר קרענקליכע בלייכקייט און איינצעהרונג. עס האָט עס אַפילו איינגעפונען פאַר זעהר אינטערעסאַנט און צוגעפּאַסט פאַר אַן אַרטיסטין, ווייל ער און אַלע, וואָס ליעבען די קונסט קאָנען ניט סובל זיין די דיקע, אומגעלומפערטע פרימאַדאָנעס מיט רויטע באַקען, ווי די קעכענס, פונ־

דערסטוועגען האָט ער זיך געפּרובט צו דערנעהן די כּבֿה פון דער אומענדרונג. זי פלעגט זאָגען, אַז זי פיהלט זיך עפּיס ניט געזונד, נור... אויב אַזוי פאַרוואָס זאָל מען ניט אָבשטעלען אויף אויף אַ צייט די מוזיק־לעקציעס און זיך בעראַטהען מיט אַ דאָקטאָר? די שרעק פון איין זייט און די פראַגען פון דער צווייטער האָבען איהר איננאַנצען צופּיינגט און זי האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען. איף די לעקציעס פלעגט זי שוין ניט נעהן, נור פאָהרען, וואָרום פון געהן צופוס פלעגט איהר דער אָטעם פערחאַפּען. זי וואָלט זיך שוין איננאַנצען צום בעט אַוועקגעלעגט, ווען ניט איהר יונגע און שטאַרקע נאַטור און די אונגעוועהנליכע ענערגיע, וואָס האָט איהר קרעפטען געגעבען צו ראַנגלען זיך געגען איהרע ליידען ביז דער לעצטער מעגליכקייט.

— ניין, — האָט זי זיך געזאָגט אַבֿאָל אין איינע פון איהרע שלאָפלאָזע נעכט. אַזוי איז אוממעגליך צו לעבען. מ'דאַרף דערפון אַ סוף מאַכען... ער וועט מיר העלפען, ר'וועט מיך שיצען, רעטען... איך וועל איהם אַלץ דערצעהלען... ער וועט מיך פערשטעהן, וועט מיך ניט משפּטן, ער וועט מיר אויסשטרעקען זיין האַנד צוהילף. ער... אָדער מעהר קיינער ניט!

ער — דאָס איז דער פּראָפעסאָר, איהר וואָלטעטער, איהר פריינד, וועלכען זי האָט ליעב, עהרט און טרויט אָן מעהר, ווי איהר אייגענעם פאָטער.

ווי נור בעגינען איז זי אַוועק צו איהם, צום פּראָפעסאָר. ניט אין פאָרהויז און ניט אין קיך האָט זי קיינעם ניט געטראָפען, וואָרום די דיענסט איז אַוועק נאָך געבעקס צו טיי, האָט מאַניע שטיל אויפגעעפענט די טהיר אין זאַל און איז שטיל, אויף די שפּיצען־פינגער, אַריין. דאָ האָט זי געטראָפען דעם פּראָפעסאָר אויף די קניה שטעהענדיג פאַר דעם היילינגען בילד און האָט נאָך געבעטען, קלאַפּענדיג זיך אין דאָס ברוסט. זי האָט פאָרזיכטיג, ניט רוישענדיג מיט'ן קלייד, אום ניט צו שטערן דעם אַלטען אין זיין תּפלה, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל און געוואַרט. אין צעהן מינוט אַרום, אַז דער פּראָפעסאָר האָט געענדיגט די תּפלה, האָט ער לאַנגזאַם און קרעכטשענדיג זיך אויפגעהויבען פון די קניה און, אַרומקוקענדיג זיך, האָט ער דערזעהן מאַניען.

— מאַניע! — האָט ער פערוואונדערט אויסגעשריען, צ'נ·

קוקענדיג דאָס מיידעל מיט׳ן אראָבגעלאָזטען קאָפּ און די הענד צונויפגעלגט איבער די קניה. — אַזוי פריה עפּיס!

דאָס פערטראַכטע מיידעל האָט זיך אַ חאַפּ געטהון, איז אויפגעשפרונגען פון שטוהל, איז צוגעלאָפען צום פּראָפעסאָר, האָט זיך פאַר איהר אויף די קניה געוואָרפען אין, אויסשפּרייטענדיג די הענד צו איהם, האָט זי אויסגעשריען:

— ראַטעוועט מיך, ה׳ פּראָפּעסאָר!..

דער פּראָפעסאָר האָט מיט אַ ציטער זיך אָבגערוקט.

— וואָס איז עס? — האָט ער דערשראָקען געפרעגט. — וואָס איז מיט דיר? דו שרעקסט מיך.

אָנשטאָדט צו ענטפערן, האָט דאָס מיידעל דעם פּנים פערשטעלט מיט׳ן טיכעל און האָט זיך ביטער צעוויינט.

— דו וויינסט? מאַניע וויינט? וואָס זעה איך עס! זאָג זשע, וואָס האָט אַזוינס פּאַסירט?

— איך בין אַזוי אומגליקליך! — האָט דאָס מיידעל געקלאָגט, ברעכענדיג ד׳ הענד, — אַלע מיינע האָפענונגען געהען פערלאָרען!...

— וואָס הייסט פערלאָרען? — האָט דער אַלטער גע־פרעגט, צוקוקענדיג זיך צום מיידעל. — איך פערשטעה דיך ניט, זאָג דייטליך, וואָס האָט פּאַסירט? אָבער שטעה אויף! — האָט ער צוגעגעבען, איפּהויבענדיג איהר פון די קניה — און דערצעהל מיט אַ סדר, וואָס האָט פּאַסירט?

— אַ אומגליק געשעהן, — האָט דאָס מיידעל געזאָגט, אַוועקזעצענדיג זיך אויפ׳ן שטוהל, וואָס דער פּראָפּעסאָר האָט פאַר איהר צוגעריקט.

— געוויס עפּיס אַ נאַרישקייט. דו האָסט זיך צוקריעגט מיט בענין? יאָ?

— אָך, ניין, ניט דאָס.

— וואָס זשע דען? דערצעהל.

— איך וועל אייך, ה׳ פּראָפּעסאָר, אַלץ דערצעהלען, כ׳וועל פון אייך גאָרנישט ניט פערלייקענען. נור... איך האָב מורא, איהר וועט מיר נישט גלויבען. ר׳וועט מיך פער׳משפט׳ן, ר׳וועט מיך פון אייך פערשטויסען, חאָטשי, — איך שווער אייך — איך בין ניט שולדיג.

— און װען אַפּילו דו זאָלסט אין עפּיס שולדיג זײַן, װעל איך דיך אויך ניט אָבשטויסען, װאָרום איך בין — אַ קריסט! מחילה, רחמנות, ליעבע צום צװײטען — איז אונזער הײליגע פּפליכט, און אַ גוטער קריסט ענטזאַגט זיך דערפון קײנמאָל ניט. און אַלזאָ דרײסטער, קינד מײנס! שרעק דיך ניט, און דערצעהל װאָס אויפ'ן האַרצען. און װיפּעל כ'װעל קאָנען, װעל איך דיר אויסהעלפען, כ'װעל מײן לעבען ניט שוינען, װאָרום איך בין לכתחילה איבערצײגט, אַז דו בינסט ניט מסוגל צו בעגעהן עפּיס אונעהרליכעס, מאוסעס. איך קען דיך בעסער, װי דו זיך אַלײן. דערצעהל נור.

אָננעהמענדיג דעם פּראָפּעסאָר'ס האַנד און פּעסט אַ קוש געבענדיג, האָט מאַניע אָנגעהויבען צו דערצעהלען מיט אַלע פּרטים די בעקאַנטע געשעהעניש.

דער פּראָפּעסאָר, װאָס איז נעװעגאַיבער נעזעסען און האָט קײן אויג ניט אַראָבגענומען פון איהר בלאַסען, לײַדענדען פּנים, האָט צוגעהערט מיט גרוים אויפמערקזאַמקײט, ניט איבעררײַסענדיג מיט קײן אײן װאָרט. זי האָט דערצעהלט די פערגאַנגענהײט פון איהר און פון איהר פאָטער אַזוי פּליעסיג און מיט אַ סדר אין געשעהעניש נאָכ'ן אַנדערן.

— נידערטרעכטיגע! האָט דער פּראָפּעסאָר אויסגעשריען, װען מאַניע, װײנענדיג און בעהאַלטענדיג איהר פּנים אין טיכעל, האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען פון דעם בײזען אָװענד אין „סאָסנאָװע קעמפּע", װאו זי, אַ קינד נאָך כמעט, אַ אונערפאַהרענע, אַ צוטרויליכע און צומישט פון װײַן, איז אַ קרבן געװאָרען דורך דער תאוה פון אײנעם און די געלד-ניערינקײט פון צװײ־טען... — נידערטרעכטיג! — האָט ער װידער אויסגעשריען, סקרײ־פּענדיג מיט די צײהן און צונויפדריקענדיג די פויסטען, װען מאַ־ניע האָט שוין דערצעהלט װעגען די געשעהענישען פון די לעצ־טע װאָכען — דעם ראַטמיסטער'ס פאַרשלאַגען און דראָהונגען.— דערשטיקען װעל איך איהם!... װי ערװאַגט ער עס!...

— כ'װאָלט פאַר זײַנע דראָהונגען און סקאַנדאַלען גאָר קײן מורא ניט געהאַט, — האָט מאַניע פערענדיגט. — איך װאָלט רוהיג ערװאַרטעט, װאָס װעט זײַן דער סוף פון דעם אַלעם, װאָ־רום אַלע קענען מיך און, איך האָף, אַז איך דאַרף זיך פאַר קײ־

נעם ניט שעמען... אָבער בעני! איהר פערשטעהט... נאָט ווייסט, וואָס ער קאָן קלעהרען וועגען מיר און וועגען מיין פערנאַנגענ-הייט... איך קאָן איהם אינגאַנצען אָנוועהרען... און ער איז דאָך מיר אַזוי טייער, אַזוי טייער!... אָהן איהם קאָן איך ניט לעבען וואָרום ער איז אַזוי עהרליך, אַזוי עהרליך, אַזוי איידעל, אָפען-הערציג;

— ר'איז גאָר אויף אַ יודען ניט עהנליך, אַזוי ווי דו, איך זאָג עס שטענדיג אלעמען. — האָט דער פראָפעסאָר אַרויסגעזאָגט זיין געוועהנליכען אָריגינעלען קאָמפּלימענט.

— איך וועל זיך ראָס לעבען נעהמען, — האָט מאַניע צו-געגעבען ענערגיש און מיט טרעהרען אין די אויגען, — אָהן איהם, אָהן זיין ליעבע וועל איך ניט לעבען מעהר!

— רעדצו וועט עס ניט דערגעהן — האָט דער פראָפעסאָר בערוהיגט — דו וועסט ניט אָנוועהרען ניט איהם און ניט זיין ליעבע. איך וועל שיין די זאַך דורכמאַכען היינט, אָט גלייך. מיר וועלען נור טיי אָבטרינקען און וועלען אָבפריהשטיקען. פּראַק-סעדאַ! – האָט ער אַרוף געטהון די דיענסט. — טראָג אריין דעם סאַמאָוואַר און צובייסען!

— אין זאַל גאר? — האָט די אַלטיטשקע זיך אָבגערופען פון פאָר-הויז און האָט געצווינגען מיט די אַקסלען.

— יא, אין זאַל.

די אַלטיטשקע האָט ווידער אַ ציה געגעבען מיט די אַקס-לען און האָט אריינגעטראָגען כסדר דעם טאַס, דעם סאַמאָוואַר, די טיי-געשיר, אַ קיישעל מיט ברויט און געבעקס און טעלער מיט פערשיעדענע קאַלטע צובייסענס.

— און וואו איז דעם פאַן ראָטמיסטערס קווארטיר? האָט דער פרפעסאָר געפרעגט, דערלאַנגענדיג מאַניען מיט איין האַנד אַ גלאָז טיי און מיט דער אַנדערער דאָס קיישעל מיט געבעקס.

— אין האָטעל „דרעזדען”, נומ, 12.

— גלייך נעה איך אַהין, איך וועל נור עמוואָס צובייסען, ס'זאָלען מיר קלעקען די כחות פאַר מיין שליחות.

רעמזועלבען פריהמאָרגען אַרום האַלב צעהן דעם זייגער אי עס געוועזען, ווען דער פראָפעסאָר אין זיין יום-טוב'דיגער בלאָהער טשאַמאַרקע, מיט אַ אָפיציערען-קרייץ פון עהרען-לעגיאָן אויפ'ן

ברוסט. מיט אַ פעלצענעם הוט אויף זיין רויטער פעסטע אויפ'ן קאָפּ, מיט אַ גרויסען בערן־פעלץ איף די אַקסלען און אַ ריקען שטאָק אין דער האַנד. האָט אָנגעקלאַפּט אין נומער 12 פון דרעזדענער האָטעל. אויף דעם אָברוף entrez, האָט ער אויפגע־עפענט די טהיר און איז אַריין. דער ראָטמיסטר איז אין שלאָפּ־ראָק נאָך געזעסען ביים טיי און האָט דורכגעקוקט די צייטונגען. אַראָוואַרפענדיג פון זיך ביי דער טהיר דעם הוט, דעם פעלץ און די קאַלאָשען, איז דער פּראָפעסאָר צוגעגאַנגען צום טיש לאַנגזאַם נור פעסט. קלאַפּענדיג אָן דער פּאָדלאָגע מיט זיין שטאָק און האָט זיך אויסגעגלייכט, חי ווייט דאָס איז פאַר איהם מעגליך געווען, און, צוויי פינגער צולעגענדיג צום רעכטען שלייף, האָט ער זיך רעקאָמענדירט מיט זיין באַס־שטימע און חשוב'דיג:

— קאַפּיטאַן פון געוועזענעם פּוילישען מיליטער, עמיגראַנט פון 1831 יאָהר און אויסגעדיענטער סובאלטערן־אָפיציער אין 16־טען זואַווער פּאָלק.

דער ראָטמיסטר איז אויפגעשטאַנען פון דער סאָפע און האָט פון קאָמאָד אין אַ ווינקעל פון צימער ארויסגענומען זיין טאַש און האָט איבערגעקליבען דעם פּעקיל אַסיגנאַציעס.

— בעאונרוהיגט זיך ניט—האָט דער פּראָפעסאָר ארויסגע־באַסעוועט, פערשטעהענדיג די כונה פון דעם יונגען מאַן.—איך בין ניט נאָך אַ נדבה געקומען: אַ דאַנק דער פּריינגיעביגקייט פון איינעם אַ אונזעריגען, בין איך אין נאָרנישט ניט גענויטיגט. איך בין צו אייך געקומען וועגען אַ ענין.

— אויב אַזוי, וועט זיך דער ה' קאַפּיטאַן צוזעצען?—האָט דער ראָטמיסטער געפרעגט, דערנעהנטערנדיג אַ שטוהל צום טיש.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך שווייגענד אַ נויג געטהון און זיך אוועקגעזעצט. דער ראָטמיסטר האָט איהם פאָרגעלעגט טיי און אַ ציגאַר, נור ער האָט זיך פון די ביידע ענטזאַגט, און געבעטען אַ ערלויבניס צו רויכערן זיין לולקע, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע פון משאַמאַרקע. ער האָט אַ פּאָר מאָל דעם רויך דורכגעלאָזט, אָבגעגלעט זיינע לאַנגע וואָנצעס און ברייטע באָרד און האָט אָנגעהויבען:

— זענט איהר, ה' ראָטמיסטר, אַנ'אדעלמאַן?

— גרייט צו דינען דעם פאַן קאַפּיטאַן,—האָט דער ראַט־מיסטער געענטפערט, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

— ענטשולדיגט, איהר האָט מיך ניט אינגאַנצען פערשטאַנען, — האָט דער קאַפּיטאַן צוגעגעבען, דורכלאָזענדיג דעם רויך דורך די וואָנצעס, וואָס האָבען אינגאַנצען זיינע ליפּען בעדעקט. — איך פרעג אייך, ה' ראָטמיסטער: צו זענט איהר אַנ־אַדעלמאַן אין דער הינזיכט, דאָס איהר פיהלט, אַז איהר געהערט אָן צום ריטערישען שטאַנד, פאַר וועלכען די עהרע און אַדעליג־קייט איז — העכער פון אַלץ אינ'ם לעבען, העכער פונ'ם לעבען אַליין?

— כ'האָף אַזוי.

— פאַרוואָס זשע בייגעהט איהר זיך... מעשה חם?

— ה' קאַפּיטאַן! האָט דער ראָטמיסטער איבערראַשט אויסגעשריען און איז אַ רויטער אויפגעשפּרונגען פון סאָפקע. נור דער קאַפּיטאַן האָט זיך גאָר ניט דערשראָקען און קאַלטבלוטיג, ווי פריהער, האָט ער צוגעגעבען:

— זענט אַזוי גוט, זעצט זיך און קאָכט זיך נישט, יונגער מאַן. איהר האָט ניט וואָס צו בעליידיגען זיך פון מיינע שאַרפע ווערטער: איהר אַנטקעגען מיר—זענט אַ אפרוח'ל. ווען איך האָב שוין געבראָגען עפּאָלעטען און שפּאָרען און האָב שוין מיין בלוט פערגאָסען פאַר דאָס פאָטערלאַנד, זענט איהר נאָך אויף דער וועלט ניט געוועזען. איך פּאַסט אייך פאַר אַ זיידען, און זיידעס, ווי בעוואוסט, וואָרטשענען, און וואָרטשענען נור אויס ליעבע צו זייערע קינדער, ווייל זיי ווינשען זיי אַל־דאָס גוטס. דערצו בין איך נאָך אַ מיליטער־מענש פון דער אַלטער שול: איך ריידּ, וואָס איך טראַכט און פיהל, און מיט די ווערטער, וואָס קומען מיר די ערשטע אויף דער צונג, שענע פראַזען צו מאַכען בין איך ניט געוועהנט. דעריבער זאָלט איהר קיין פעריבעל ניט האָבען. זעצט זיך אַוועק, הערט און בלאָזט אייך ניט, ווי אַ אינדעק. דאַן וועלען מיר בעסער פערשטעהן איינער דעם צווייטען און מיר וועלען גיכער קומען צו אַ גבר.

דער ראָטמיסטער האָט ניט־ווילענדיג אַ שמייכעל געטהון. זיין כעס איז אַריבער. ער האָט זאָגאַר דערפיהלט טיפע עהרע און סימפּאַטיע צו דעם לעבעדיגען רעשט פון די אַמאָליגע צייּ־

מען, צום הארטצן אבער נעזונדסטן און גאנצליבען סלאוויענער טיפ, וואס איצט בעגעגנט מען זיי נור אין די היסטארישע ערצעהלונגען פון קראשעווסקי און אנדערע שריפטשטעלער פון אלט פוילישען לעבען. דעם קאפיטאנ׳ס שענע, ענערגישע, קלוגע און פאטריארכאלע געזיכט האט איהם דערמאנט אן די פאמיליען פארטרעטען און זיין בילדער-גאלעריי — און ער איז גרייט געוועזן צו ווארפען זיך אויף דאס מעבטיגע ברוסט פון דעם לעבעדיגען ארגינאל פון יענע פאמיליען-פארטרעטען, פאר וועלכע ער האט עהרערבונג געהאט. אבער א צוקאלעטשעטער פון דער היינטיגער פאלשער ציוויליזאציע, ד. ה. פון דער אויסנאהם פריוויאליטעט, האט ער דערשטיקט אין זיך דעם איידעלען געפיהל און האט נור א דריק געטהון דעם אלטענ׳ס האנד און האט זיך געזעצט אויף זיין פריהעריגען ארט.

— אלזא — האט דער קאפיטאן צוגעגעבען — פרעג איך אייך: אויב איהר זענט אן אידעלמאן, איז פארוואס בעגעהט איהר זיך, ווי.. קלייבט איהר אליין שוין צו מעהר א דעליקאטע ווארט, אבער פון דער עלטער בעדייטונג: אין דעם היינטיגען שטערן סאלאגע-סיראפ נעמט שט מיט כם פערשטעה איך גארניכט.. איך רייד וועגען מאניע, ד. ה. וועגען דער פאנא מאריא פרוסאקאווא.

ביי דעם נאמען איז דער ראטמיסטר ווידער רויט געווארען. ער האט א קרעכטש געטהון, נור ער האט געשוויגען. דער קאפיטאן האט צוגעגעבען:

— איך וועל ניט ריידען פון דער בעוואוסטער העליאנקע אין אייער גוט... ווער חייסט עס ניט פון קיין זינד אין דער יוגענד? זאל איך גאט משפט׳ן, אין דעם בין איך ניט קיין שופט: איך אליין בין אויך אין דער יוגענד קיין הייליגער ניט געוועזן, — כ׳האב אויך נאריש קיי געטהון און געזינדיגט. איצט האב איך חרטה: אויף דער עלטער וועט איהר אויך געווים חרטה האבען. נור, יונגער מאן — דא איז דעם אלטענס שטים העכער געווארען — ווי אזוי אבער קומט איהר איצט צו פרעסרע מעגשען. וואס האבען זיי אייך פערגעסען, און איהר שטעלט ארויס צו זיי עפעס מאדנע פרעטענזיעס און זביות אין איהר ווילט עס אויספיהרען דורך וועלכע ניעדעריגע מיטלען — ווי דראהונגען? צי מיט אזעלכע מיטלען האבען יונגע לייט אין מיין צייט געזעהן צו פועל׳ן די אויפ-

מערקואַמקייט און ליעבע פון זייערע דאַמען! אָ, וואָס ס׳איז געוואָרען פון אונזער ריטערישען פאָלק! מיר אַלטע, פליגען מיט׳ן טייבעל־געברוס, מיט שטומען ערפורכט אָדער מיט פייערדיגע רייד, מיט דרייסטע נצחינות וועהן צו ערווערבען דאָס האַרץ פון אַ בעציבערנדער פרוי, דעם פעריל פון גאַנץ וועלט, און היינטיגע יונגע לייט — ס׳אַרא בושה עס איז! — ווילען ער ווערבען דאָס האַרץ דורך מאוסע מטבעות, פעררעטערישע נאַרעריי, נאַגייקעס!... צו דען די ניעדערטרעכטינקייט, וואָס איז אַמאָל בעגאַנגען געוואָרען דורך איינעם אַנאָנימען, הונגעריגען יודעל גיט אייך דאָס רעכט צו בעגעהן זיך אויך ניעדערטרעכטיג, געמיין, פעררעטעריש!... זאָגט, אז נאָטעם ווילען, צו זענט איהר אַנ׳אַדעלמאַ, אַ פאַליאַק, אַ מיטגליעד פון דער סאַמע, נאָך די פראַנצויזען, ריטערישער נאַציע אין דער וועלט!

ער איז אויפגעשטאַנען אוף, אָנווענדענדיג אויף׳ן ראַטמיסטער אַ פייערדיגען און שנײדענדען בליק פון אונטער זיינע לאַנגע און געדיכטע ברעהמען, האָט ער געוואַרט אויף ענטפער. דער ראַטמיסטער איז געזעסען מיט אַ געבויגטען קאָפּ און צראָבנעלאָזטע אויגען, ער האָט שווייגענד געצויגען זיין רעכטע וואָנץ, האָט געשוויגען, ווי אַ בעשולדיגטער, וואָס קאָן זיך מיט גאָרנישט ניט פערענטפערן.

— אָבער, ה׳ קאַפּיטאַן, — האָט ער ענדליך אַרויסגעזאָגט, זעהענדיג, אז דער אַלטער שטעהט און שווייגט און וואַרט אויף אַ ענטפער, — דראָהען הייסט נאָך ניט טהון. אמת, איך האָב זיי געשראָקען, אָבער קיין בייז האָב איך זיי נאָך ניט געטהון. ס׳קאָן זיין, אז איך האָב נאָך גאָר ניט געטראַכט זאָגאַר וועגען ערפילען מיין דראָהונג.

— אָבער אייער דראָהונג נעהמט אַוועק פון די אָרימע מענשען זייער רוה, זייער שלאָף און אַפּעטיט. זיי געהען אַרום, ווי דערשלאָגענע. כאַניע זעהט שוין אויס שרעקליך, איהר פערצווייפלונג איז אָהן אַ ברעג. צו וואָס און מיט וועלכען רעכט לאָזט איהר ליידען און פייניגט דאָס דאָזיגע גוטע, קלוגע און עהרליכע מיידעל? דאָס איז ניט נור קיין יושר ניט, דאָס איז אויך נאַריש און לעכערליך: מיט געוואַלד איז מען ניט ליעב און מיט סקאַנדאַליעזע צעטעלעך צווינגט מען ניט אַ מיידעל צו ליעבען.

— איהר ווייסט שוין אפילו פון דעם צעטיל? — האט דער ראטמיסטער אויסגעשריען, האפענדיג זיך פאר'ן קאפ, און איהם איז זעהר אונבעקוועם און פערדראסיג געווארען, וואס דעם אלטען, קענטיג, זענען בעוואוסט אלע פרטים פון דער מאוסער געשיכטע, פארוואס ער האט זיך איצט אויפריכטיג געשעמט. — ס'איז אונ פונדעסטוועגען אינטערעסאנט צו וויסען, פון וואנען נעהמט זיך עס אזא צוטרוי מצד די פּרוסאקאוו'ס צו אייך און פארוואס אינטערעסירט איהר אייך אזוי שטארק מיט די דאזיגע זשידעס?

דער קאפיטאן האט א גלעט געטהון זיין באָרד, האט פערריכט זיין פעסקע אויפ'ן קאפ און געענטפערט:

— איך קאן בעפריעדיגען אייער נייגעריגקייט, נור צוערשט ענטפערט מיר אויף מיין פראגע: צי זענט איהר אנ'אדעלמאן, צי זענט איהר א פאליאק?

— יא, ה' קאפיטאן, — האט דער ראטמיסטער געענטפערט פערברענט און איז אויפגעשפרונגען אויף זיין ארט,— איך בין אנ'אדעלמאן, איך בין א פאליאק, איך בין א מאגנאט און שטאם פון מאגנאטען, און אויף עפּיס געמיינעס, ניעדערטרעכטיגעס בין איך ניט פעהיג. די ליידענשאפט צו דער דאזיגער רייצענדער יודישקע האט ווירקליך עטוואס פערדרולט מיין קאפ און איך האב מיך די לעצטע צייט ווירקליך ניט גאר אנשטענדיג אויפגעפיהרט בנוגע צו איהר. נור ס'איז נאך זעהר וויט געווען צו א ענטשליסענדעם שריט, וואס איז אונפאסענד פאר א אָנשטענדיגער פערזאן און א אדעלמאן. אויב איהר, ה' קאפיטאן, צווייפעלט עטוואס אין דעם, בעליידיגט איהר מיך. איך בין אנ'אדעלמאן אין סאמע העכסטען זין פון דעם ווארט!

— אויב אזוי,—האט דער קאפיטאן ארויסגעזאגט, אויסשטרעקענדיג צום ראטמיסטער א האנד,—טא זענט מוחל ... דעם צעטעלע.

קיין איין ווילע ניט געוואקעלט, איז דער ראטמיסטער צוגעלאפען צום קאטאר, האט דארט ארויסגענומען דאס צעטעלע און אבגעגעבן דעם קאפיטאן. דער לעצטער האט פעסט די האנד געדריקט דעם יונגען מאן, ער האט דאס צעטעלע אוועקגעלעגט אין בוזעם-קעשענע פון זיין משאמארקע און האט זיך צוגעזעצט.

— איצט — האט ער געזאגט — וועל איך בעפריעדיגען

אייער נייגיעריגקייט. איך אינטערעסיר מיך אזוי שטארק מיט ד. פּרוסאַק׳ס, ד. ה. אייגענטליך ניט מיט די פּרוסאַקיס, דער פאָטער אינטערעסירט מיך ווייניג, מיך אינטערעסירט נור די פּאַנאַ פּרו־סאַקאָווא, ערשטענס, צוליעב קענטשאַפט, און צווייטענס דערפאַר. ווייל זי איז מיינע אַ שיהלערין.

— אייער שיהלערין? — האָט דער ראָטמיסטער פערוואונ־דערט געפרעגט.

— זי לערנט ביי מיר מוזיק, געזאַנג. זי וועט זיין אַנ׳אַר־טיסט׳ן.

— אַנ׳אַרטיסטין! — האָט זיך דער ראָטמיסטער נאָך מעהר פערוואונדערט.

— און דוקא ניט קיין געוועהנליכע. ביי איהר איז אַ זעל־טענע שטים און אַ אונבעדינגטער טאַלענט. זי וועט אַ כבוד זיין פאַר אונזער קאַנט, וואו זי איז געבאָרען געוואָרען און פאַר דעם פאָלק, צו וועלכען זי געהערט אָן לויט איהר געבורט.

— אָ, אויב אַזוי, וועל איך זיך צו איהרע פיס ווארפען, ביז וואַנען זי וועט מיך ניט אויסהערן און וועט ניט איינשטימען אויף מיין עהרליכען פאָרשלאַג.

— ס׳וועט ניט העלפען, ווייל איהר הארץ איז פערנומען, זי ליעבט אַנ׳אַנדערן.

— וועמען? אַ פריקאַזטשיק?

— אַ פריקאַזטשיק? ווער האָט עס אייך געזאָגט, אַז אַ פרי־קאַזטשיק? דאָס האָט מען אייך אַ ליגען געזאָגט. זי האָט ליעב אַ זעלטענעם יונגען מענשען, אויך אַנ׳אַרטיסט, אַ פיעדעל־שפּיעלער. אין עטליכע מאָנאַטען ארום פאָהרען זיי אָב קיין אויסלאַנד פער־פאָלקאָמען זיך — און די ארטיסטישע וועלט וועט אין גיכען דער־הערן וועגען זיי. איך בין אין דעם אזוי איבערצייגט, ווי אין דעם, אַז איהר געהט אומזיסט אין „פּאַריזער בופעט", בעאונרוהיגט די פּרוסאַקאָוו׳ס און מאַכט זיך אַליין אויפגערייצט. אייערע אויסזיכטען אויף טאַניען האָבען קיין שום באָדען ניט.

— וועל איך היינט טאַקי אַפּפאָהרען פון דאַנען, — האָט דער ראָטמיסטער טרויעריג ארויסגעזאָגט.

— איהר וועט עס זעהר גוט טהון. אויב איהר האָט דאָ ניט אין שטאָדט קיין אַנדער ענין...

— כ'האָב דאָ קיין שום עסקים נים.

— איז דאָס בעסבע — וואָס וויטער פון פייער.

און זיי האָבען זיך צוזעגענט, פעסט דריקענדיג די הענד אַזוי בייא דער גרעסטער נָהרע איינער צום אַנדערן.

ארויסגעהענדיג פון ראָבמיסטר. איז דער קאַפּיטאַן אוייף אַ שליטעל צוגעפאָהרען טנעל צום „פּאַריזער בופעט", וואָס ניעכער צו ערפרעהען זיין שיהלע־ין מיט דעם גליקליכען רעזולטאַט פון זיין שליחות. מאַניע איז שיער נים משוגע געוואָרען פאַר פרייד און התפּעלות. ווען דער אלטער האָט איהר אָבגעגעבן דאָס צעטעלע און האָט מודיע געווען, אַז דער ראָבמיסטר פאָהרט אָב היינט טאַקי פון שטאָרט. זי האָט זיך געוואָרפען צו איהר רעטער אויפ'ן ברוסט, האָט איהם געשטיקט אין איהרע אָרעמס, האָט אירם די הענד געקושט, געוויינט, געלאַכט און נים געוואוסט וואָס צו טהון פון גליק, נחת און ענטציקונג, וואָס האָבּען איצט פערפלייצט איהר אנגעווערזאָנט הארץ.

— איהר האָט גערעטעט, איהר האָט מיך אויפגעלעבט פאַר גליק, ליעבע און קונסט! — פלעגט זי יעדע ווילע אויסשרייען.— ביז אין קבר אַריין וועל איך דאָס נים פערגעסען. איך בין אייך אַן אייביגער בעל־חוב דערפאַר! נאָך גאָט, זענט איהר מיין ערשטער שיצער!

אליה'קע, וואָס האָט זיך צו דער גאַנצער סצענע צוגעהערט פון א דערבייאיגען צימער, איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך צו דעם אלטענס פיס געוואָרפען, האָט זיי דריי מאָל געקושט, איז אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען, קיין איין וואָרט נים אַרויסריידענדיג.

XXII.

א אומרוהיגער קלאַנג.

ענדע אפּריל מאָנאַט. דרויסען האָט זיך שטאַרק געשפּירט דער פריהלינג, און אין פיעל יודישע קעשענעס — איז לער און ליידיג געוועזן פון די גרויסע הוצאות אויף דעם אָקאָרשט פער-

גאַנגענעם יום-טוב פּסח, דער דאָזיגער יום-טוב, וואָס האָט ליעב-רייניקייט און זויבערקייט, רייניגט אויס היבש ניט נור די ווענד און ווינקלעך פון יודישע וואוינונגען, נור אויך די קאַמאָרען און קע-שענעס פון זייערע איינוואוינער. און פיעל אָרימע יודען, וואָס לעבען „פון ווינד", הויבען אויף זייערע אויגען אין דער הויך נאָך יום-טוב און פרעגען: „מאַין יבא עזרי?"... פון דער האַרגער פראַגע קאָן מען, דוכט זיך, פון זינען אַראָב, נור אַ יוד ווייסט, אַז „עזרי מעם ד' עושה שמים וארץ", נאָט פון הימעל העלפט, און די האָפנונג אויפ'ן הימעל מאַכט זיי אויפגעמונטערט און שטאַרק, וויל אַלץ, וואָס איז אויף דער ערד איז זיי פרעמד, פיינדליך צו זיי, זעלטען ווען צוטריטליך, האָפען זיי נור אויף די הילף פון'ם „שעפער פון הימעל און ערד", וואָרום די האָפנונג אויף אַ מענשע איז ניט זיכער און נאַרט אָב.

פיעלע פון ר' משה גרונימוס'ם בעלי-חובית, וואָס האָבען ספירה געצעהלט, האָבען מיט אומגעדולד ערוואַרטעט דעם ערשטען טאָג פון מאַי מאָנאַט, ניט צוליעב די זונען-טעג, דאָס שמעקענדע לופט און וואַרימע רעגענס, נור צוליעב דעם, וואָס לויט די וועקסלען פון אונזער סוחר, איז אין דעם טאָג נעווען בעשטימט דער צאָהלונגס-טערמין, ד. ה. דער טערמין אויף צוריק-צובעקומען די קאַפּיטאַלען, אָדער חאָטשי פּראָצענטען אין פאַל פון פּאָלאָנגאַציע. דעם טאָג האָבען זיי ערוואַרטעט ניט נור מיט אומגעדולד, נור זאָגאַר מיט אונרוהע, וויל ר' משה האָט אַלץ עפּיס ניט ערעפענט די אנגראָ סקלאַדען, פאַר וועלכע ער האָט עס אָנגענומען אַזויפיעל געלד, און האָט נאָך אַלץ געפיהרט זיין פריהערי-גען געשעפט, וואָס איז גאָר ניט געניי(ט)יגט געוועזען אין נייע, פרי-שע קאַפּיטאַלען. פיעלע האָבען דעריבער געשטוינט. פאַרוואָס לעגט ער עס אָב און הויבט ניט אָן דאָס נייע געשעפט. נור די דאָזיגע שטוינונג איז אין גיעכען קלאָהר געוואָרען.

אין איין אַפּריל-פריהמאָרגען, ווען די פריקאַזשציקעס און זייערע געהילפען אויף קאָלאָקאָלנע נאָס האָבען אָנגעהויבען אויפ-צושליעסען זייערע מאַגאַזינען און קראָמען, האָבען זיי זיך עטוואָס פערוואונדערט, וואָס גרונימוס מאַגאַזין, וועלכער פלעגט זיך געוועהנליך עפענען פריהער פון אַלע, איז נאָך צוגעשלאָסען. צו דען האָט מען זיך עס ביי די גרונימוס פערשלאָפען? נור מיט די גרו-

נימוס טרעפט עס גאָר קיינמאָל ניט: ניעבער וועלען זיי ניט דער-
שלאָפען, ווי פערשלאָפען די פריקאַזשציקעס האָבען זיך נאָך מעהר
פערוואונדערט, ווען זיי האָבען בעמערקט, אַז איבער דעם פער-
שלאָפענעם מאַגאַזין איז ניטאָ די גרויסע שילד מיט דעם הענ-
געל און טרויבען אין דער מיט. וואָס קאָן עס בעדייטען?—האָט
מען גיפרעגט איינער דעם אַנדערן צי האָט ניט געטראָפען ביי די
גרונימוס עפּיס אַ פאַמיליען-שמחה, אָדער אַ פאַמיליען-טרויער?
אָבער אַלעמען פון גרונימוס פאַמיליע האָט מען ערשט נעכטען
געזעהן פאָלשטענדיג געזונד, די פריילין ראַשעל און די פריילין
בריגיטאַ האָבען נעכטען אַלעמען אין די אויגען געפינטעלט מיט
זייערע נייע דעמי-סעזאָנע קאָסטיומען פון עפּיס אַ גראָהען צייג. און
וועגען אַ חתונה ביי גרונימוס אַ קינד האָט מען נאָך עפּיס גאָר
ניט געהערט. פאַרוואָס זשע איז דער מאַגאַזין פערשלאָסען און
די שילד איז פערשוואונדען?.. די שטימונג פון די פריקאַזשציקעס
האָט אָבער ביז צו דער העכסטער מדרגה דערגרייכט, ווען עס
האָט שוין צעהן דעם זייגער געשלאָגען, און דער מאַגאַזין האָט
זיך אַלץ נאָך ניט אויפגעעפענט. די פריקאַזשציקעס זענען אַוועק-
געפלויגען אָנצוזאָגען זייערע פרינציפּאַלען וועגען דער אומגעוועהנ-
ליכער ערשיינונג מיט גרונימוס מאַגאַזין, און די פרינציפּאַלען האָ-
בען געוואָרפען דעם פריהשטיק און זענען אַרויסגעלאָפען הענרום-
פענדום. פעררויכערענדיג ציגאַרען און אַוועקלענדיג די הענד אין
קעשענעס פון די הויזען, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט ביי די טהי-
רען פון זייערע מאַגאַזינען און האָבען זיך צוגעקוקט און געשטיינט.

מיט אַמאָל האָבען זיך אויפ'ן טראָטואַר ביי גרונימוס'ס הויז
בעוויזען דער פריקאַזשציק מאָטקע און דער ווייגער קאַרפעל. דער
פריקאַזשציק איז איצט ניט געווען אָנגעטהון אין דעם קרעמערי-
שען קאַפּעל און אין דעם אומגעלומפּעטען הוט, נור אין אַ פאַ-
צעטישען ראָק און אין ווייכען קאַפּעליוש, אויף אַ זייט פערדרוקט,
דאָס דיקע מעשענע זייגער-קייטעל, וואָס איז געווען אויסגעפּוצט
ביז צום בלאַנקען, האָט מיט גדלות זיך איבערגעוואָרפען אויף זיין
בויך, וואָס איז אוננאַטירליך אויסגעשטעקט געווען פון רעספּעקט
וועגען. און אויך קאַרפעל איז געווען אָנגעטהון גאַנץ אַרטיג, וועל
ניט זעהר פּאַצעטיש, און דאָס פּנים איז ריין געווען פון רוס און
די הענד זענען אויך געווען עטוואָס ריינער, ווי אַלע מאָל. מאָטקע

האָט אין האַנד אָן דער זייט געהאַלטן, און מיט דער אַנדערער געדרעהט די וואָנצעס, און קאַרפּעל האָט די הענד פערלעגט אהינ־טער און דעם קאָפּ אויסגעצויגען פאָראויס.

וואָס האָבען זיי אויפ׳ן טראָטואַר געטהון? אָט וואָס זיי האָבען געטהון. ווען צום מאַגאַזין פלעגט זיך דערנעהנטערן ווער ס׳איז פון די פּריצים אָדער פון זייערע בעדיענער, פלעגט מאָטקע גלייך צושפּרינגען צו איהם, אראָבנעהמען דעם קאַפּעליוש און אריינרוי־מענדיג עפּיס אין אויער אַריין, פלעגט ער איהם איבערגעבען צו קאַרפּלען. יענער פלעגט מיט איהם אין ערגיץ פערשווינדען מיט שנעלע טריט און אומפּאָכענדיג מיט די הענד, ווי א ווינדמיהל מיט די פליגלען. און אַזוי מיט איינעם מיט אַ צווייטען, מיט א דריטען און מיט די איבעריגע קליענטען פון ר׳ משה גרונימוס.

שטאַרק פּראינטערעסירט מיט דער דאָזיגער פּאַנטאָמימע אויפ׳ן טראָטואַר, האָבען די קאָנקורענטען פון אונזער סוחר זיך איבערגעקוקט צווישען אַנאַנד, זענען איבערגעגאַנגען די גאַס און צוגענאַנגען צו די יונגע לייט.

— וואָס איז אַזוינס בײ אײך?—האָבען די נײגיעריגע געפרעגט, ארומרינגלענדיג דעם פּריקאַזשציק פון אלע זייטען. — פאַרוואָס עפענט איהר ניט דעם מאַגאַזין?

— מיר וועלען איהם שוין ניט עפענען,—האָט מאָטקע גע־ענטפערט מיט אַ רמאות׳דיגען שמייכעל,—וויל מיר האָבען איהם שוין אינגאַנצען פערמאַכט.

— וואָס הייסט, אינגאַנצען פערמאַכט?—האָבען די קאָנקו־רענטען אַלע אין איין קול אויסגעשריען מיט ניט גאָר קיין פער־בעהאַלטענער פרייד.—דו פיהרסט עם שפּאַס, מאָטקע?

— איך שפּאַס ניט. מ׳האָט פערמאַכט און אַ סוף.

— פאַרוואָס עפּיס?

— דערפאַר,—האָט דער פּריקאַזשציק דאָ גלייך שוין צוגע־טראַכט,—וואָס ר׳ משה איז שוין אויף די עלטערע יאָהרען, האָט ער געזאָגט: גענוג זאָל זיין צו האַנדלען — ער וויל פאָהרען מיט דער פאַמיליע קיין ארץ־ישראל—אָברוהען הייסט עס און גאָט דיענען, וואָרום ס׳איז דאָך דאָ אַ יענע וועלט אויך.

— אַזוי גאָר!—האָבען די קאָנקורענטען אויסגעשריען, ענט־

ציקטע פון דער אָנגענעהמ׳ער בשורה.—און שרה־רבקה האָט דערויף מסכים געווען!

— זי אַליין האָט עס אַלץ אויפגעטהון, וואָרום זי האָט מורא פאַר׳ן טויט און אַנ׳אָרט אין גן־עדן ווילט זיך,—האָט מאָטקע גע־לײנט, ניט רויט ווערענדיג.

— גאָר אומגעריכט, ווי מיר זענען יודען, מיר האָבען זיך גאָר ניט געריכטו! אָט נא דיר, קאָן מען עפּיס דן זיין ווענען אַ מענשען! שרה־רבקה פערזאָרגט זיך וועגען אַנ׳אָרט אין גן־עדן!.. פּלאי־פלאים! נו, און די קונרען וואוהין שיקסטו זיי עס אָב מיט אייער ווײַנער?

— צו זיך.

— וואָס הייסט דאָס צו זיך?

— און מיין געשעפט, וואָרום איך, הייסט עס, האָב מיט גאָט׳ס הילף אַנ׳אײגענע געשעפט געעפענט. אָט, דאָס איז שוין מיין געדרוקטער אדרעס...

ער האָט שנעל אַרויסבעקומען פון זיין קעשענע דעם בריעף־טאַש און האָט אַרויסגענומען אַ קאַרטעל מיט פאָלגענדער אויפ־שריפט: „אַ געשעפט פון פערשיעדענע משקאות און אַלערליי באַקאַליי, און אויך טיי, צוקער און קיעווער אײַנגעמאַכטס פון מ. בינדער עט קאָמפּ.“

— פּלאי־פּלאים! האָבען די קאָנקורענטען אַרויסגעזאָגט, האָבען אַ ציה געטהון מיט די אַקסלען און זענען זיך פונאַנדער־געגאַנגען. און אַ האַלבע שעה אַרום האָבען זיי ווידער ניט גע־וואוסט, וואָס איבערצוטראַכטע׳, ווען זיי האָבען דערזעהן, ווי צום טויער פון גרוניכוס הויז זענען צוגעפאָהרען צוויי גרויסע פוהרען אויף וועלכע מ׳האָט באַלד אײַנגעפאַקט פערש דענע מעביל, אַ סאַמאָוואַר, מעשענע כלים, טשעמאָדאַנע׳, קעסטל׳עך און פערשיע־דענע שטוביגע חפצים, און בעל־הבת׳עווען האָבען דערביי בענד און די מוהמע אַנאַ. בענד איז בלאַס געווען, און ביי אַנגאַ׳ן זענען די אויגען געווען פערוויינטע.

נעבען די פוהרע׳, ווי געוועהנליך, האָבען זיך אָבגעשטעלט היפלעך ליידיג־געהערס. וואָס האָבען זיך עפּיס מאָדנע צוגעקוקט צו דער אַרבייט פון די פוהר־לײַט.

אין עטליכע מינוט אַרום—זענען פון טויער אַרויסגעגאַנגען גרונימוס׳ס אויסגעפּראַכטעוועטע כעלטער, האָבען צוגעריפען אַ פוהרמאַן און האָבען זיך אין ערגיץ אוועקגעטראָגען, לוסטיג בע־גריסענדיג זיך מיט בעקאַנטע.

— וואָס בעדייט דאָס אַלץ?—האָבען זיך אַליין געפרעגט די סוחרים אויף די שוועלען פון זייערע מאַגאַזינען און האָבען גע־צויגען מיט די אַקסלען.

— ר׳ משה גרונימוס האָט אָנגעזעצט!—האָט זיך פּליצלונג אַ קלאַנג צוטראָגען צווישען די הייפלעך מענשען אויף ן מיטען מאַרק. דער קלאַנג, אַ שטילער, אַ געהיימער, אַ אומזיכערער, האָט זיך שנעל צוטראָגען פון מיטען מאַרק צו די טראָטואַרען צו און האָט געמאַכט אַ שטאַרקען, אָבער נאָך אַ אומבעשטימטען רושם.

— איהר הערט?—האָט מען אָנגעהויבען איבערצורייד זיך צווישען די קראָמען און מאַגאַזינען,—גרונימוס האָט אָנגעזעצט! ר׳ משה גרונימוס האָט אָנגעזעצט!

— ווי אַזוי? ווען?

— היינט, אָט ערשט.

— אָט איז אַ מעשה אַ ביסעל! אי, אי! ווער וואָלט זיך דערויף געריכט? ר׳ משה גרונימוס! אַ שפּאַס עפּיס?

— אַזאַ סאָלידער סוחר.

— אַלע זענען בײַ גאָט אין די הענד!

— אַ שאָדען, אַ גוטער מענש און אַ פרומער יוד.

— געוויס, אַ שאָדען, אויב אַזאַ איינער... איז וואָס זענען מיר שוין?

— ציטען, יאָ!

— טאַקי, ציטען. דו, לייזער, האָסט היינט געהאַט עפּיס אַ התחלה?

— אַ פּאַר ר״ל רובל זילבער. אַ דוץ קנעפּלעך פערקויפט.

— זינדיג ניט, לייזער, איך האָב נאָך דערווייל דאָס אויך ניט געהאַט.

— ניטאָ, מײַן פריינד, פאַר וואָס צו זינדיגען; דאָס איז אַ לייזונג געווען אויף קרעדיט.

— יאָ, אַ לעבען...

— מ'דאַרף ליידען און וואַרטען און האָפען אויף בעסערס.

— נייה אַ זעקיל, און דערווייל לעג די ציהן אויפ'ן פּאָליצע.

— מיין הערר! מיין הערר! — האָבען אויסגעשריען צוויי מיידלעך, אַרויסשפּרינגענדיג האַסטיג פון ליזערס קראָם, ווי פון אַ קייט זיך אָבגעריסען און אָנגעחאַפּט אַ פּאַרביי־געהענדען אונטערשטערטישען שליאַכטיטש אין אַ לאַנגען סורדוק אין אַ אַלטען געלב געוואָרענעם הוט.—קומט אַריין, פּאַנאָטשעק, צו אונז, ביי אונז איז דאָ אַלץ: כּאַמעטשקעלעך, קנעפּלעך, פרענז, קאַפּטלעך, טיכלעך, טול, שפּיצען און פערשיידענע סחורות.

— צום טייוועל איך מיט אייערע סחורות! טפּיי!—האָט ער אויסגעשפּיגען, האָט זיך ביי זיי פון די הענד אַרויסגעריסען און איז איבערגעשפּרונגען אויף דעם אנטקעגענדינען טראָטואַר—גלייך אין די אָרעמס פון אַנדערע צוויי מיידלעך, וואָס זענען אַרויסגעשפּרונגען פון אַנאַנדער קראָם.

ביז וואַנען דער שליאַכטיטש האָט זיך דורכגעקליבען צווישען די פערשיעדענע קרעמערקעס אויף דער טומעלדיגער קאָלאָקאָלנע גאַס, איז די ידיעה וועגען גרונימוס'ס באַנקראָט פון קאָלאָקאָלנע גאַס אַריבער אויף די דערבייאיגע גאַסען, האָט זיך שוין צוטראָגען איבער גאַנץ שטאָדט. אַ קלאַפּ געבענדיג אָן טויזענדער הערצער און בלאַס מאַכענדיג טויזענדער פּנים'ער.

די ערשטע האָבען זיך אויפגערודערט און זענען אַוועקגעפלויגען „אויפ'ן אָרט פון דער געשעהעניס" די מעקלערס, סרסורים, דורך וועלכע די קאַפּיטאַלען זענען פון די מלוה'ס קאָמאָרען אַריבער אין ר' גרונימוס אייזערנע שאַנק. אַזוי ווי זיי זענען זיך צונויפגעלאָפען צו אונזער סוהר'ס הויז אַלע כּמעט אין איין צייט, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט ביים טויער, אויסצופרעגען פּרטים ביי די שכנים און בעראַטען זיך צווישען אַנאַנד. די הענד האָבען ענערגיש אומגעפאָכעט, די פּנימער האָבען פערשיעדענע תּנועות געמאַכט, שלייפען אין פּאַטילניצעס האָט מען געקראַצט און באָרד און פּאות האָט מען נעגלעט. יעדערער האָט געוואָלט קליגער זיין פון אַלעמען, אַלע האָבען גערעדט אויף אַמאָל און קיינער האָט ניט געהערט. האָט איינער געזאָגט יאָ, האָבען אַלע געשריען

ניין, זענען אלע גערוען פאר ניין, האָט איינער געטענה'ט הוקא יאַ, קורץ ווי עס פּיהוּט זיך אויף יודישע אסיפות, אויסער די ניי מאָדישע פערזאַמלונגען ביי די שטעדטישע וואַהלען אָדער אין קרעדיט-אַנשטאַלטען, וואו יודען, אַזוי ווי אַלע אַנדערע אויסגע-לערנטע און פערגיטיגטע פון די קאָך-לעפעלם און מנהיגים שרייען אין איין קול: „מיר זענען מסכּים! מסכּים! ניט וויסענדיג אויף װאָס זיי זענען מסכּים, אויסער סיידען די צוגעזאָגטע גאָבּ...

VIII.

געוויין און צארן.

אין דער צייט, ווען די מעקלערס האָבען זיך בּעראַטען אויף דער גאַס, איז ביי דעם פּריטש-געבּאַקענעם אָנזעצער אין קוואַטיר, װאָס איז אָבּגערייניגט געוואָרען פון אַלע טייערע חפצים, אין עס-צימער פּאָרגעקומען פאָלגענדעס:

ר' משה מיט אַ בּלאַסען אויסגעצויגענעם פּנים, שוידערנדיג אינגאַנצען און בּרעכענדיג די הענה, האָט אַיינגעבּעטען שרה-רבקה, װאָס איז ביים פענסטער געזעסען מיט אַ דיקען קרבּן-מנחה אויף די קניה:

— האָבּ רחמנות אויף מיר, גזלנ'טע איינע! האָבּ רחמנית, לאָז מיך אָבּ... איך וועל עס ניט אויסהאַלטען... איך וועל שטאַר-בּען אונטער זייערע הענד, איך וועל חלש'ן

— דו בּינסט דאָך גאָר אַ יודענע!—האָט שרה-רבקה אויפ-געוואָרפען איהר מאַן מיט אַ בּייזען שמייבעל.—וואָס האָסטו זיך דערשראָקען? וואָס וועלען זיי מיט געזועהר קומען אַהער?

— אָבּער זיי וועלען דאָך שרייען, זידלען און שעלטען...

— איז וואָס? אַ וואָרט געהט מיט'ן ווינד, פון דעם נעשריי װעט פון דיר גאָרנישט ניט אָבּקומען.

— איך בּין אָבּער ניט געוועהנט דערצו!

— און איך בּין דען געוועהנט? נור איך האָף אויף גאָט װאָס שטאַרקט אַלעמען, אַז איך וועל אויסהאַלטען.

— און איך וועל עס ניט אויסהאלטען, איך פיהל, אז איך וועל עס ניט איבערהאלטען. איך וועל זיי די לעצטע העמד אָבגעגעבען, אבי נור פטור צו ווערען.

— אייך דיר קאָן מען עס גלויבען. אָבער ווי זאָגט מען — אז מ'זאָל מורא האָבען פאר וועלף, דארף מען אין וואלד ניט געהן. קיין עשירות קומט ניט אומזיסט.

— דער מיוועל זאָל עס נעהמען! אז איך וויל עס גאָרניט! איך דארף עס ניט!

— דו דאַרפסט ניט, און איך דאַרף. און בכלל צו וואָס זיינען דאָ די טענית? די זאַך איז שוין פערענדיגט, דער באַנקראָט איז שוין געמעלדעט. גאַנץ שמאָרט, רעכען איך, ווייסט שוין דערפון. נעהם בעסער א גלעזעלע בראַנפען, וועסט מונטערער ווערען.

— יאָ מונטערער! אז איך וועל נעהמען אביסעל בראָנפען, וועל איך פערקעהרט, אזוי זייך און גוט ווערען, אז ווען זיי וועלען אריינקומען, וועל איך איפעפענען דעם שאַנק און וועל זיי אָבגעבען דאָס גאַנצע געלד.

— דו האָסט דען פערגעסען. אז אין שאַנק איז איצט קיין איין פרוטה ניטאָ? אז דאָס גאַנצע געלד האָסטו נעכטען אָבגעטראָגען צו ר' עזריאל'ן?

— אָה, יאָ,—האָט זיך דערמאָנט ר' משה, וואָס האָט זיך אינגאַנצען געזוען פערלאָרען.—וואָס זשע זאָל איך טהון?

— ליעד איבער אביסעל. איין וואָך, די צווייטע וועט מען שרייען, וועט אונאַנגענעהם זיין, אָבער דערנאָך וועט זיך אַלץ איינשטילען און מ'וועט עס פערגעסען.

— דו בערעכען אָבער, דו שלעכטס, אז ניט נור א וואָך־צוויי—קיין פינף מינוט זאָגאר וועל איך ניט איבערטראָגען דעם גיהינום!

— איז גענוג צו אַלדי רוחית!—האָט שרה־רבקה מיט כעס אויסגעשריען, איז אייפגעשפרונגען פון אָרט אָנוואַרפענדיג זיך אייפן מאַן מיט איהר דיקעי קרבן־מנחה.—דו קאָנסט טאַקי אינגאַנצען איבערפירען. אוועק פון דאַנען—האָט זי שוין געטריעבען דעם מאַן,—שוין, כהרף־עין זאָלסטו דאָ ניט ווערען! איך וועל שוין ווי ס'איז אַליין אויסקומען. גאָט וועט מיר העלפען.

ר' משה האָט נור דערויף געוואַרט. ער האָט זיך אלאָז

געטהון אין קאבינעט, האט פון אלמער ארויסגענומען א ספר און איז שנעל מיט די הינטער-טהיר דורכ'ן קיך אוועקגעגאנגען אויפ'ן אויבער-שטיבעל, פון וואנען בעדי האט זיך איצט ארויסגעצויגען נאך א קריעג מיט די עלטערין.

פערבלייבענדיג אליין אין עס-צימער, האט שרה-רבקה זיך אוועקגעזעצט אויף איהר פריהעריגען ארט, האט אנגעטהון די ברילען, האט אייפגעעפענט דעם קרבן-מנחה און האט גענומען דערזאגען די „מעמדות" און תהלים, בעטראכטענדיג דערביי, ווי זאל זי בעגעגענען דעם ערשטען אנפאל פון די בעלי-חובות.

ארום האלב צוועלף דעם זייגער האבען זיך פון פארהויז דערהערט שווערע טריט פון פיעל מענשען. די טהיר אין עס-צימער האט זיך אויפגעעפענט און ס'האבען אנגעהויבען אריינצוקומען, איינער נאכ'ן אנדערן, א צוואנציג מעקלערס, אז דער צימער איז אנגעפאקט געווארען.

— א גוט-ען מארגען! גוט מארגען! — האבען זיי ארויסגעזאגט צו שרה-רבקה'ן, וועלכע האט אבגעענטפערט מיט א שאקעל מיט'ן קאפ און האט לפנים פאלשטענדיג רוהיג ווייטער געלייענט די מעמדות און תהלים.

— וואו איז עס ר' משה?—האבען די מעקלערס געפרעגט.

— אוועקגעפאהרען,—האט שרה רבקה געענטפערט קורץ און רוהיג, ניט אבריימענדיג קיין אויג פון קרבן-מנחה.

— וואס הייסט אוועקגעפאהרען?—האבען די מעקלערס זיך פערוואונדערט, אנחאפענדיג זיך ווער פאר'ן בארד, ווער פאר די פאות.—אינגאנצען אוועקגעפאהרען?

— אוועקגעפאהרען,—האט שרה-רבקה בעשטעטיגט, האט מיט איהרע גראהע אויגען שנעל א קוק געטהון אויף די פערזאמעלטע און האט זיך ווידער פערטיעפט אין איהר פרומען לייענען.

די מעקלערס האבען זיך שארף איבערגעקוקט צווישען אנאנד, האבען א ציה געטהון מיט די אקסלען און געשוויגען, קראצענדיג אין די שלייפען. איניגע האבען זיך צוגעזעצט, אנדערע זענען נאך אלץ געשטאנען אויף זייער ארט, ווי איינגעגראבענע. אלע האבען אויף עפּיס געווארט, אליין ניט וויסענדיג וואס. נור יעדערן האט אינסטינקטיוו געוואלט אבצוציהען די ווילע, ווען ער זאל דער-

הערן די בייזע בשורה. ס׳זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָ-
בען נאָך אַלץ געהאָפֿט, אַז ר׳ משה גרונימוס׳עס אָנזעץ איז אַ
אומגעגליכע זאַך, אַז דאָ איז נאָר עפּיס אַנדערש וואָס. און וואָס?—
דאָס וועט זיי ענטדעקען שרה-רבקה, ווען זי וועט פֿערענדיגע-
איהר דאַווענען, וואָרום צי דען וואָלט זי געקאָנט אַזוי רוהיג דאַווי-
נען, ווען אין שטוב וואָלט געווען האָטשי עטוואָס ענליכעס אויף
אַ אומגליק? דאָס האָט בעדייט, אַז זיי האָבען קיין אָהנונג ניט גע-
האַט וועגען די שטאַרקייט פֿון די נערווען און וועגען דער עזות-
פֿון דער סוחר׳טע.

איבערלייענענדיג אַלץ, וואָס ס׳איז נור מעגליך געווען, האָט
שרה-רבקה אַ קוש געטהון די בלעטער פֿון קרבן-מנחה, האָט
איהם צוגעמאַכט און אַוועקגעלעגט אויפֿן פֿענסטער. רוהיג און
ניט נעאַיילט האָט זי אויסגעטהון די ברילען, אַוועקגעלעגט אין
שיידעל, איז אויפֿגעשטאַנען פֿון שט׳הל און צוגעגאַנגען צום טיש
און, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף איהם מיט צונויפֿגעדריקטע פֿויסטען,
ווי אַ רעדנער אין אַ פֿאַרלאַמענט פֿאַר אַ רעדע געגען זיינע געג-
נער, האָט זי אַרויסגעזאָגט רוהיג און פֿעסט:

— וואָס וועט איהר זאָגען עפּיס גוטס?

די מעקלער, וואָס זענען געזעסען, זענען אויפֿגעשטאַנען,
און די, וואָס זענען געשטאַנען, זענען צוגעגאַנגען צום טיש. האָ-
בען איהם האַרט אַרומגערינגעלט פֿון דריי זייטען, ווייל ביי דער
פֿיערטער זייט איז געשטאַנען די בעל-הבית׳טע.

—איבערמאָרגען איז—דער ערשטער מאַי—האָבען די מעק-
לער אַרויסגעזאָגט שטיל און אונבעשלאָסען.

— איהר מיינט—דער צאָהלונגס-טערמין? כ׳געדענק, כ׳גע-
דענק. ווער זאָל שוין בעסער געדענקען די טערמינען, אויב ניט
דער ווער ס׳דאַרף צאָהלען? נור, רבותי, איהר פֿערשטעהט דאָך
אַליין, אַז די זאַך איז ניט אין דעם טערמין, נור אין דער מעגליכ-
קייט צו צאָהלען... יאָ, צאָהלען. אין צאָהלען, רבותי, אָך—חאָ—
חאָ... העלף נור גאָט! און צאָהלען זענען מיר איצט גאָר ניט
אימשטאַנדע!

אַ באָמבע וואָלט ניט שטאַרקער איבעראַשען די מעקלער,
ווי די דאָזיגע ווערטער. די מעקלערס האָבען זיך אַ וואָרף געטהון
צוהינטער, האָבען זיך פֿאַר׳ן קאָפּ געהאַפּט, און אַ ווײַלע זענען זיי

רוכט זיך פערגליווערט געוואָרען אין דער פערצווייפלונגס־פּאָזע. ביי פיעלע איז דאָס פּנים טוידט בלאַס געוואָרען, ביי פיעלע האָבען די פיס אָנגעהויבען צו ציטערן און זיי האָבען געמוזט זיך צוזעצען אויף די שטוהלען דערנעבען און, ברעכענדיג מיט די הענד, האָבען זיי געזיפצט ווי פון אַ שווערן פיזישען וועהטאָג. ביי וועמען די נערווען זענען שטאַרקער און זיי זענען פריהער צו זיך געקומען, זענען זיי ווייטער צום טיש צוגעגאַנגען, האָבען אַ גלעט געגעבען די באָרד. און, אָנשטעלענדיג אַ רוהיגע מינע האָבען זיי געזאָגט:

— זענט מוחל, שרה־רבקה, מיר האָבען ניט פערשטאַנען, וואָס איהר האָט אונז אָט ערשט געזאָגט. איהר קאָנט ניט צאָה־לען! ס'איז לייכט צו זאָגען—מיר קאָנען ניט צאָהלען. פאַרוואָס זשע קאָנט איהר עס ניט צאָהלען. מ'דאַרף דאָך עס פערשטעהן מיט'ן שכל. ס'איז דאָך נאָך קיין האַלב יאָהר ניטאָ, ווי מיר האָבען אייך אָנגעטראָגען אַ שלל מיט געלד. איין גאָט ווייסט, וויפיעל שוויים דאָס האָט אונז געקאָסט!.. וואו האָט איהר אַהינגעטהון אַזויפיעל געלד? איהר האָט דאָך דאָס ניט אויפגעגעסען אין אַזאַ קורצע צייט, ניט פערשפּיעלט אין קאָרטען. וואו זענען זיי?

— זענט מוחל, רבותי, נעהמט שטוהלען און זעצט אייך אַוועק,—האָט שרה־רבקה געזאָגט, צורוקענדיג אַ שטוהל פאַר זיך.— איך וועל אייך דערצעהלען און ערקלעהרן, פון וואַנען עס נעהמט זיך אונזער חורבן.

— שומר ישראל! — האָט אין אַ ווינקעל פון צימער אויס־געשריען אַ מעקלער, ברעכענדיג די הענד און שאָקלענדיג זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער פון איין זייט אין צווייטען.—זיי וועלען מ'ך אויף שטיקער צורייסען, הענגען, אויפעסען, אויף הייסע פאַנען וועלען זיי מיך ברענען.

זיי, ד. ה. די קרעדיטאָרען, פון וועלכע ער, דער מעקלער האָט ניט ערוואַרטעט קיין רחמנות צו זיך.

— אוי, מיינע אומגליקען!—האָט אין אַ צווייטען ווינקעל גע־זיפצט אַנ'אַנדער מעקלער און האָט זיך מיט די פויסטען אין קאָפּ געשלאָגען.—וואָס זאָל איך טהון? כ'וועל מיך דאַרפען דערטרינ־קען, וויל זיי דאַרפען זיך לעגען און שטאַרבען.

זיי—דאָס זענען די אלמנות און יתומים, וואָס דער דאָזיגער

מעקלער האָט דערהויפּט מיט זייער געלד זיינע אומזאָטצען גע-מאַכט, האָט מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק דאָס גאַנצע געלד, ביז אַ לעצטע קאָפּיקע, אַריינגערוקט צו ר׳ משה גרוניטוס אין די הענד, אין סאַמע זיכערע הענד, ווי ער האָט געהאַט געמיינט.

— ווי אייך, רבותי, איז בעוואוסט—האָט שרה־רבקה אָנ-געהויבען—האָבען מיר אַ סך געלד געפאָדערט, ווייל מיר האָבען געוואָלט עפענען גרויסע סקלאַדען פון נאַפּט, צוקער, זייף און סטעאַרין ליכט. אַזוי ווי מיר זענען דאָס גאַנצע לעבען געוועהנט געווען צו קויפען סחורות פון דער ערשטער האַנד און אויף מזומן געלד, האָבען מיר געוואָלט אויך איצט אַזוי טהון. האָבען מיר אַלזאָ אַרויסגעשיקט אַגענטען אין פערשיעדענע ערטער און יעדערן פון זיי געגעבען אויף דער האַנד צו צעהן טויזענד רובל. זיי האָ-בען אונז געשריבען—איך וועל אייך ווייזען זייערע בריעף—האָט זי געלייגט, ניט רויט ווערענדיג—אַז זיי האָבען געפונען סחורה גאָר אַ בחיר אין זעהר ביליג, אַזוי ווי זיי קויפען פאַר מזומן, און אויב מיר וועלען איצט נעהמען אַ גרויסע פּאַרטיע סחורה און אויך פאַר מזומן, וועט מען אונז אַראָבלאָזען מקח אויף 15 פּראָצענט אַזאַ הנחה, פערשטעהט איהר דאָך, איז ניט קיין קליינינקייט, וואָס פאַר אַ אַנגראָ־סוחר האָט עס אַ בעדייטונג. האָ-בען מיר מיט׳ן מאַן לאַנג זיך מישב געווען, צו זאָלען מיר איינ-שטימען, צי ניט, נור לסוף האָבען מיר זיך געלאָזט אָבנאַרען און—איצט ליידען מיר דערפאַר, אוי, ווי מיר ליידען!

זי האָט אַרויסגענומען אַ טיכעל און עס צוגעטראָגען צו די אויגען, אום אָבצעווישען די טרעהרען, וואָס האָבען זיך געוואָלט בעוויי׳זען, נור קיין טרעהרען האָבען זיך ניט בעוויזען, און זי האָט נור אַ קרים געטהון איהר פּנים, אַבמקום טרעהרען, און הינ׳ט ווייטער געגעבען:

— מיר האָבען—אַרויסגעשיקט געלד, ד. ה. נאָך צו צוואַנציג טויזענד רובל יעדעם אַגענט. ווי נור מיר האָבען דאָס געלד אַרויס-געשיקט, האָבען די אַגענטען, פונקט אַזוי ווי אָבגערעדט צווישען אַנאַנד, אויפגעהערט צו שרייבען צו אונז. וואַרטען מיר אַ וואָך, צוויי, דריי—ניטאָ קיין בריעף! שרייבען מיר, און דעפּעשירען, און ניט קיין ענטפער! האָבען מיר פונאַנדערגעשיקט מענשען, וואָס זאָלען זעהן אויפ׳ן אָרט, וואָס טהוט זיך עס מיט אונזערע אַגענטען,

פאַרוואָס שרייבען זיי גיט און שיקען ניט אַרויס די וואַרע, האָט מען זיי אָבער אויפ'ן אָרט ניט געפונען. זיי זענען געווען, האַבען געפיהרט אונטערהאַנדלונגען, דערנאָך זענען זיי אוועקגעפאָהרען.— וואוהין? ווייסט מען נישט. קיין שפור איז פון זיי ניטאָ. אַפנים קיין אַמעריקא אַנטלאָפען. נו, רבותי, וואָס וועט איהר דערויף זאָגען?

— מעשיות! בייקעס!—האָט אויסגעשריען, אַ קלאַפּ געבענדיג מיט'ן פויסט איבערן טיש איינער פון די מעקלערס, אַ הויכער מאַנספערזאָן מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ ענערגישען פּנים און אַ ברייטע שוואַרצע באָרד, ערטערווייז גראָה.—אין אַלץ, וואָס איהר האָט דאָ איצט דערצעהלט, איז קיין איין וואָרט אמת ניטאָ! איהר פּעררעדט אונז נור די ציינער. פשוט, איהר ווילט ניט צאָהלען, אָט וואָס! איהר האָט ניט קיין גאָט אין האַרצען! גאָר אַגענטען! וועמען האָט איהר געשיקט! ווער זענען עס אייערע אַגענטען?

— זיי זענען ניט קיין היגע, מ'האָט זיי אונז רעקאָמענדירט,— האָט שרה־רבקה געענטפערט אַלץ נאָך רוהיג, נור עטוואָס שטילער.

— דאָס איז אַלץ — שקר, שרה־רבקה. איהר האָט קיינעם ניט געשיקט נאָך סחורה. מיר גלויבען אייך ניט, מיר זענען ניט קיין יונגלעך, איהר וועט אונז ניט אָבנאַרען. דאָס געלד ליגט ביי אייך אין שאַנק איננאַנצען.

— נאַט אייך די שליעסלעך און טהוט אַ קוק, צי איז דאָרט פאַרהאַן אַ קיפּערנער גראָשען אַפילו.

— איז ניט אין שאַנק, איז אין אַנ'אַנדער אָרט. ס'זענען קיין ערמער ניטאָ, וואו געלד צוגעהאַלטען? גיט מיר הונדערט מיליאָן, וועל איך זיי אייך אַזוי פערבעהאַלטען, אַז קיין אויג וועט זיי ניט אָנזעהן, רבותי!—האָט ער זיך געווענדט צו די איבעריגע מעקלערס—מיר האָבען דאָ ניט וואָס צו טהון. איהר זעהט דאָך שוין, וואו ס'האַלט. ר' משה גרונימוס'ן האָט זיך אויף דער עלטער פערגלוסט אַ אָנזעצער צו ווערען: זאָלען מיר אומזיסט קיין צייט ניט פערליערען. איצט איז יעדע מינוט טייער. זאָלען מיר געהן צו די קרעדיטאָרען און דערצעהלען זיי אַלץ, ווי ס'איז, זאָלען זיי אליין זיך נעהמען פאַר זייער בעל־חוב, זאָלען זיי זעלבסט ראַטעווען זייער פערמעגען. ס'מאַכט נישט אויס, ס'איז דאָ אַדמיניסטראַציע, ס'איז דאָ אַ געריכט. אַזוי גלאַט וועט עס ניט אַראָב־

זעהן ר׳ משה׳ן. ער וועט זיך בּײַ אינז אָנזיצען אין טורמע. איהר זאָלט עס איהם אַזוי זאָגען.

ער איז נאָר אין שטאָדט ניטאָ, — האָט שרה־רבקה געזאָגט שוידערנדיג אַ קראַץ געבּענדיג אין איהר דרײַ גאָרנדיגען קיהן־בּאַק.

— מיר׳ן איהם געפינען,—האָט זיך געפלײַסט דער ענער־גישער מעקלער — ער איז דאָך ניט דורך דער ערד אַוועק. גלײַך חעלען צושיקט ווערען דעפּעשען אין אַרבּע פּנות עולם און מ׳וועט איהם אין קײַטען געשמיעדט בּרענגען. שען וועט עס זײַן, האַ? נו, רבּותי, געהען מיר!..

די מעקלערס האָבּען זיך אַריהר געטהון און זענען אַרויס־געגאַנגען פון עבּ־ציבּער, זיפצענדיג, ציהענדיג מיט די פּלײַצעס און בּרעכענדיג די הענד. זײַ זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבּער גאַנץ שטאָדט, אַילענדיג צו זײַערע מלוה׳ס, וואָס האָבּען זײַ אונרוהיג און מיט אומגעדולד ערוואַרטעט, מיט אַ שוואַכער האָפ־נונג: אפשר, איז עס נאָך ניט אינגאַנצען פערפאַלען. ניר די מעקלערס זענען געקומען און האָבּען אויסגעלאָשען אויך די דאָ־זיגע שוואַכע האָפנונג.

אין שטאָדט איז אַ גערודער געווען, ווי בּײַ אַ גרויסער שריפה אָדער אַ וואַסער־פערפלײַצ׳נג, ווי משוגעים, האָט מען זיך געוואָר־פען הין און הער, זובענדיג רעטונג דאָרט, וואו ס׳איז ניט און ס׳האָט ניט געקאָנט זײַן, מ׳איז בּעפאַלען גרונימוס קוואַטיר, מ׳האָט די הענד געבּראָכען, געוויינט, די האָר פון קאָפּ געריסען, גע׳חלשט, געפּרובּט דאָס לעבּען זיך נעהמען. אַהיגער, אַ שטאָדטיגער אָנזעץ אויף הונדערט טויזענדער אין אזאַ פערוואָרפענער שטאָדט — איז קײַן קלײַניגקײַט ניט. דאָס האָט אַמשטאַרקסטען אָנגעריהרט הונ־דערטער פאַמיליעס און טויזענדער פּערזאָנען. דאָס איז אַ חורבּן געווען, פון וועלכען די שטאָדט וועט ניט אַזוי גיך צו זיך קומען. דאָס וועט מ׳טבּרעננען הונדערטער קלײַנע בּאַנקראָטען, פון וועלכע ס׳וועלען דירעקט אָדער אונדירעקט לײַדען אויך אַזעלכע, וואָס האָבּען קײַן שום שיכות ניט געהאַט גיט מיט גרונומוס׳ן און ניט מיט דער האַנדעלס־וועלט בּכלל. די פערדים פון יודישען לעבּען אין תחום זענען אַזעלכע דינגע און זענען אַזוי איבּערגעפלאָכטען צווישענאַנאַנד, אַז ווען מען ריהרט אָן איינס, הויבּען זײַ אַלע אָן

צו צימערן, און אַזוי ווי דאָס גאַנצע געוועב האָט זיך נור על־פי נס אין דער לופטן אויף זעהר אַ דינעם האָר, קלעקט שוין אַ בלאָז פון אַ ווינדטעל, אַז דאָס גאַנצע געוועב זאָל זיך צוהוידען...

קורץ, גרונימוס'עס אָנזעץ האָט די יודישע בעפעלקערונג אין דער שטאָדט נ. געטראָפען, ווי אַ אומגליק אויפ'ן גאַנצען כלל... אַלע זענען אין דעם איבערציינט געווען, און דעריבער האָט בּיי קיינעם קיין מוטה ניט געקלעקט... אָנצוקוועלען, — אַ פערגניגען, וואָס יודען, די אַלטע „רחמנים בני רחמנים", פערגינען זיך אַזוי לייכטזיניג, ווען דאָס אומגליק טרעפט ניט דעם כלל ישראל, נור אַ איינצעלנעם ר' ישראל. די אַפילו, וואָס האָבען גאָר קיין שום שייכות ניט געהאַט צו גרונימוס'עס באַנקראָט, האָבען זיך אויך ניט געפרעהט אין זיך, וואָרום ס'איז נאָך אונבעוואוסט געווען, ווי וויים אַרום דאָס אומגליק וועט פערהאַפּען...

ווייבאַלד ר' משה גרונומים האָט זיך ערקלעהרט אַלס באַנקראָט און זיין פרוי איז דערויף שטאַרק בעשטאַנען, האָבען די גרעסערע קרעדיטאָרען, וואָס האָבען איהם אָנגעטרויט צו עטליכע טויזענד, שוין גאָרניט געצווייפעלט, אַז זיי וועלען מיט איהם גאָרנישט מאַכען, וואָרום ער האָט שוין געוויס אַ פריהער בעזאָרגט זיין בעוועגליכע און אונבעוועגליכע פערמעגען, הייסט עס, אַז אומזיסט וועט זיין צו דערלאַנגען אויף איהם תביעות, דאָס וועט נור צו איבעריגע הוצאות ברענגען. זיי האָבען דעריבער בּיי אַ וואָך געזיפצט און געקרעכטשט און די הענד געבראָכען אויף זייער גרוים היזק, און דערנאָך האָבען זיי ווילענדיג־גיט ווילענדיג זיך צוגעוועהנט צום פאַקט, און אַפשיטא שוין, אַז דער פאַקט איז ניט געווען קיין אויסערגעוועהנליכער. די לעצטע צייט האָט עס אָנגעהויבען צופאַסירען אַלץ אָפטער און אָפטער און האָט זיי אויסגעלערנט צו פערהאַלטען זיך צו דעם קאַלט־בלוטיג און זאָגאַר הכנעה'דיג, ווי צו עפּיס בעשערטעס פון דער השגחה. אַ מענש ווערט צו אַלץ צוגעוועהנט און די גרעסטע אומרעכט הערט אויף צו מאַכען זיי אויפגעבראַכט, אויב נור דאָס ווערט אָפטער ווידער־האָלט און ס'ווערט אַזוי ווי אַ נאָרמאַלע ערשיינונג. די קרעדיטאָרען זענען אַלזאָ ניט זעהר אויפגעבראַכט געווען. זיי זענען נור נייגעריג געווען צו דערגעהן, אויף וועמענס נאָמען האָט עס גרו־

נימוס פיקטיוו איבערגעגעבען זיין פערמעגען — אין זיי זענען רערנאַנגען. לכתהילה האָט זיי עפּיס אביסעל חי א ראַץ געמהין די דאָזיגע סקאַנדאַליעזע זאַך, אז אזאַ מוסטערהאַפטער ערליכער, פרומער און אָפּענהאַרציגער מאַן, חי ר׳ עזריאל, זאָל איינשטימען זאָגאר אונדירעקט מיצוהעלפען גרונימוס׳ען אין זיין שווינדעל. נור דערנאָך האָט עס זיי איינגעהערט צוואונדערן, זיי האָבען עס איינגעפונען פאר נאַטירליך. ר׳ עזריאל — האָבען זיי בעשלאָסען — האָט דאָ גאָר ניט אָבגעטהון מי יודע חאָס, ער האָט נור, אלס גוטער מענש אַ פריינדליכע טובה געטהון גרויינימוס׳ן, חאָס קיינער וואָלט איהם אין דעם ניט אָבגעזאָגט. אַזאַ טובה איז די לעצטע צייט אַ מנהג געוואָרן, וואָס האָט קיינעם ניט פערוואונדערט. יעדערער פון גרונימוסעס גרויסע קרעדיטאָרן האָט פאַר-זיך געוואוסט, אַז ווען איהם אַליין זאָל איינפאַלן אַ באַנקראָט צו מאַכען, — וואָלט איהם יעדערער געטהון די נויטיגע טובה, צו חעמען ער זאָל זיך ניט חענדען: אי עזריאל, אי כתריאל, אי רחמיאל. קורץ, ר׳ משה׳ס גרויסע קרעדיטאָרן האָבען אי דעם אָנזעץ, אוי אַלץ אַרום דעם אָנזעץ איינגעפונען פאר נאַטירליך, האָבען די ערשטע צייט אָבגעטרויערט איף זייער היזק, און האָבן חייטער געמאַכט זייערע הלוואות, ווי פריהער — מיט אַזאַרט, אונפאָרזיכטיג, מיט דער אָפּטימיסטישער האָפנונג — אפשר וועט עס דורכגעהן בשלום.

גאַנץ אַנדערש אָבער האָבען זיך דערפיהלט די קליינינקע קרעדיטאָרען, וואָס האָבן גרונימיס׳ען אָנגעטרויט נור זייערע דונדערטער און צעהנדליגע רובלס, נור פאַר וועלכע די הונדערטער און צעהנדליגער זענען געוועזן זייער גאַנץ פערמעגען, זייער גאַנצער ביטער אָפּשפּאָר, אָן וועלכען ס׳האָט זיך געווענדט זייער גאַנצע אָרימע עקזיסטענץ. די קליינינקע האָבן זיך ניט צוגעוועהנט צו דעם פאַקט, און זיי האָבען עס גאָר ניט געקאָנט. גרונימוס האָט ביי זיי דעם לעצטען שטיקל ברויט ארויסגעריסען אין זיי דאַרפען הונגערן אָדער בעטלען געהן, אויב ניט צו שטאַרבען פון הונגער? דעריבער האָבען זיי פון פריה ביז נאַכט בעלאַגערט די טהירען פון גרונימוס קוואַטיר, פלעגען זיך אריינרייסען אינוועניג, וויינען, בעטען, אויסרערצעהלען זייער ביטערע לאַגע, שרייען, זידלען, שעלטען — נור אומזיסט. ר׳ משה פלעגט

זיך דאָס רוב בעהאַלטען, און שרה-רבקה פלעגט פעסט אויסהאַלטען דעם אָנפאַל, פלעגט זיך אָבוועהרען מיט פאַלשע הבטחות, מיט פאַלשע טרעהרען און מיט שבועות—און האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. „ניין, מיר קאָנען ניט צאָהלען, מיר זענען אינגאַנצען צורואינירט”,—דאָס נור פלעגט זי טענה'ן טאָג איין, טאָג אויס אויף פערשיעדענע אַרטען, און האָט פעסט אין די צייהן געהאַלטען דאָס אַריינגעחאַפּטע.

XXIV.

די בענייטע אויסזיכטען.

אויף דער צווייטער וואָך נאָך גרונימוסעס אָנזעץ, אין איינעם אַ פריה-מאָרגען, זענען אונזערע אַלטע גוטע בעקאַנטע, דער דאָקטאָר מעל-אַמער און דער אַדוואָקאַט לאָקשין, געלעגען אין זייערע בעטלעך אין אַ קליינעם צימעריל פון אַ ליאַדי דאָזעל און האָבען פאַפּיראָסען געראויכערט, מיט דעם גאַנצען נחת-רוח פון די יעניגע, וואָס האָבען ניט וואוהין זיך צו אײַלען. אויפ'ן טיש איז געשטאַנען ניט גאָר קיין ריינער אויסגעלאָשענער סאַמאָוואַר מיט גאַנץ געמיינע טיי-געשיר, וואָס איז, קענטיג, איינגעקויפט געוואָרען אויפ'ן מאַרק ביי די אַלטוואַרג-הענדלער. אויפ'ן טיש זענען געווען אָנגעשאָטען ברעקלעך און שטיקלעך פון דעם פריהשטיק, וואָס ס'האָבען איצט פלייסיג געאַרבייט גאַנצע מענגעס פליעגען, וואָס האָבען זיך זעהר בעקוועם געפיהלט אין דעם ענגען, שטיקענדען און שמוציגען צימער'ל פון אונזערע יונגע לייט. די לעצטע וואָך פלעגען אונזערע יונגע לייט זעהר זעלטען אַרויסגעהן פון צימער. ערשטענס, דערפאַר, ווייל זיי האָט אויסגעפעהלט זומער-בגדים, און צווייטענס, דערפאַר, וואָס גרונימוסעס טעכטער זענען איצט אין שטאָדט ניט געווען. די עלטערן האָבען זיי ערגיץ אָבגעשיקט ביז וואַנען דער טומעל וועט אַריבער. אַלזאָ, איז ניט געווען אין וואָס זיך אויסצופוצען, און אויך ניט וועמען צומאַכען וויזיטען. דעריבער האָבען זיי בעשלאָסען מעהרער אין דערהיים צו זיצען, אין אום די צייט צו פערטרייבען. האָבען זיי זיך פערנומען מיט מוזיק: אַמאָל זינגט מעל-אַמער, און לאָקשין פייפט איהם צו צום

טאַקט, און אַמאָל פּײַפּט לאָקשין סאָלאָ, און מעל־אַמעד האַלט איהם אונטער מיט זײַן באַריטאָן. אין די אנטראַקטען פלעגן זיי רויכערן זייערע אייגענע געמאַכטע פּאַפּיראָסען און שפּיעלן אין דער סטעליע און אַזוי פלעגט די צייט אַריבער אונטערקבאַר און זאָגאַר פרעהליך לפי־ערך.

אין דעם דאָזיגען פריה־מאָרגען דערוויסען מיר אונזערע אלטע בעקאַנטע, ווי זיי האָבען פערענדיגט דעם ערשטען טייל פון זייער פּראָגראַם אין האָבען גענומען רויכערן, וואָס בעדייט — אַ אַנטראַקט. דער דאָקטאָר האָט שוין אויסגעזונגען הײַנט צוויי אריעס: פון „פריישוטץ" און פון „נביא", און דער אדוואָקאַט האָט שוין אויסגעפּײַפט זײַן שטענדיגע „יורסטען־פּאָלקע" און „קאַמאַרינסקע".

— הייסט עס טאַקי, אַז אונזער השובער סוחר האָט אַבגע־ברענט? — האָט אָנגעהויבען מעל־אַמער, ציהענדיג זיך אויף זײַן בעטיל און געניצענדיג.

— דייסט עס, — האָט אָבגעענטפערט לאָקשין, אָבלאָזענדיג דעם אַש פון זײַן פּאַפּיראָס.

— מיט די כוחרים איז עס אָבער אַלעמאָל אַזוי, — האָט דער דאָקטאָר צוגעגעבען, דרעהענדיג זײַנע וואָנצעס. — קנאַקט און ליאַרעמט, און בלאָזט זיך און מיט אַמאָל — סטאָפּ, פערמאַכט דאָס קרעמעלע!

— ווייל אין מכדר איז כסדר — ...נדעל, דורכאויס נאַרע־ריי, האָט דער אדוואָקאַט ערק־עהרט די סוחרישע קאַטאַסטראָפע. — יעדערער מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער שאַרט גאָלד מיט לאָפּעטעס, און אין דער ווירקליכקייט איז עס נור מיסט געווען.

— אָבער אונזער נעעהרטער הערר גרונימוס האָט אַזוי אונפּאַסענד באַנקראָטירט! — האָט דער דאָקטאָר קענטיג, גאַנץ אויפריכטיג בעדויערט.

— יאָ, גאָר אונפּאַסענד — האָט דער אַדוואָקאַט אייגעשטימט, — די „אײַנאָרדנינג" איז שוין דוכט זיך גאָר אין דער האַנד געווען, און פלוצלונג איז עס אַרויסגעפלויגען, אָט איז אַ שאָדען!

— ניט נור דאָס איז אַ שאָדען, וואָרום באמת גערעדט, האָט די פריילין ראשעל שוין אָנגעהויבען צו געפעהלען ווערען מיר, עהרען־וואָרט.

— דאָס מאכט נישט אויס, דאָס איז אַ געוועהנהיים. איך האָב זיך שוין אויך צוגעוועהנט צו דער פריילין בריגיטא, חאָטשי בלאָנדינען זענען מיר נים גאָר צום הארצען. די זאך איז אָבער נים אין דעם, דער עיקר איז—די איינאָרדנונג... ס'איז שוין כמעט אין דער האַנד געווען, און איצט איז עס ארויסגעפאַלען.

— אונז געהט ניט, ברודער—האָט דער דאָקטאָר געזיפצט— מ'זעהט אָן אַלץ, אז ס'געהט ניט.

— פונדעסטוועגען בין איך זיך ניט מיאש—האָט דער אדוואָקאט געזאָגט, פערוויילערנדיג וויעדער אַ פּאַפּיראָס.

— מאָל דיר, אַז איך בין אויך ניט פערצוויפעלט,—האָט דער דאָקטאָר ארויסגעזאָגט שוין פרעהליכער, אָננעהמענדיג זיך מיט מוטה פון זיין חבר.—נור איך וועל אָבער מוזען אַ שטעל נעהמען אין פאָלק, ווארום דאָ וועל איך גאָרנישט ניט אויסזיצען. די שטאָדט איז אַ שמוציגע, דאָקטוירים—אַ שלל, דערצו האָבען אונזערע יודעלעך ליעב צו היילען זיך ביי פעלדשערס, רופאים און מימחים. וואָלט האָטשי געווען עפּיס אַ עפּידעמיעלע, אַ דיפּטעריטעל, צו וואָס, וואָלט שוין פאַר אַלעמען פראַקטיק געקלעקט.

לאָקשין האָט זיך אַ קנייטש געטהון.

— פיי, ס'אַראַ ווילדע פערלאַנגען! האָט ער ארויסגעזאָגט מיט פאָרוואורף.—ווי שעמסטו זיך ניט אַזוינס צו פערלאַנגען.

מעל-אָמער איז עטוואָס רויט געוואָרען, אַנערקענענדיג, אַז ער האָט זיך פערעדט.

— איך מאַך עס אַ שפּאַס, — האָט ער זיך פערענטפערט מיט אַ שמייכעל, — און דו האָסט דעם שפּאַס אָנגענומען פאַר ערנסט! דעם אמת זאָגענדיג, — חאָטשי עס פּאַסט גאָרניט פאַר אַ דאָקטאָר—האָב איך פאַר אַ עפּידעמיע מעהר מורא, ווי יעדער פּשוטער מענש, וויל יענער האָט וועניגסטענס אַ האָפנונג, אַ גלויבען אין דאָקטאָר, איך אָבער, אַלס דאָקטאָר, ווייס דאָך, אַז ביי דער קלענסטער עפּידעמיע איז סטאָפּ מיט דער גאַנצער מעדיצינישער וויסענשאַפט: מיר פערשטעהען דאָ גאָרנישט, און אַלץ, וואָס די מעדיקער טהוען דערביי איז—לויטער נאַררייי.

— וואָס ווערט נים שלעכט בעצאָהלט.

— דאָס פערשטעהט זיך זעלבסט: דאָס פּובליקום צאָהלט

קינמאָל ניט אַזוי גערן און אַזוי גוט, ווי פאַר שווינדעל. די זאַך איז אָבער ניט אין דעם. איך האָב נור געוואָלט זאָגען, אַז מיר וועט אויסקומען צונעהמען אַ שטעלע, וואָרום וואָס ס'איז, איז אויך בעסער, ווי גאָרנישט. ס'האָט שוין מיר דערעסען שטיצע צו בע-קומען, צו הלוואות פון אַ אָרימער ארבייטאָרין. שוין צייט אַ סוף צומאַכען דערצו.

— אַלזאָ, לאָזטו אָב אינגאַנצען דיין גובערנאַנטין?

— גאָר אינגאַנצען.

— זאָגאַר איצט, ווען אונזערע פלענער זענען צופאַלען?

— זאָגאַר איצט, וואָרום חתונה האָבען מיט דער אָרימער האַלט ניט אויס קיין שום חשבון. און וואָס פאַר אַ נחת איז עס טאַקי אַרומצושלעפען זיך מיט אַ פרוי פון שטאָדט צו שטאָדט, פון איין מיליטער-ראַיאָן אין אַ צווייטען? די גאַנצע שבירות וועט אַוועק אויף איינע רייזע-קאָסטען. קורץ, ס'טויג נישט. נו, און וואָס רעכענסטו צו טהון?

— איך וועל אויך זוכען אַ שטעל אין דער יוסטיץ אָדער אין אַדמיניסטראַציע.

— זעהר גוט, וואָרום אַלס אַדוואָקאַט געהט דיר נים. אָ—האָ!—ס'אַרא שענער וועטער ס'איז היינט! — האָט אויסגעשריען מעל-אַמער, וואָס האָט צופעליג אַ קוק געגעבען דורך דעם איינ-ציגען פענסטער אין צימער און האָט דערזעהן אַ שטיקעל לויטערן בלאָהען מאַי-הימעל. שטעה אויף, קאָליע, לאָמיר מאַכען אַ שפּאַ-ציער, אַלענפאַלס וועלען מיר אויסלופטערן אונזערע ליידיגע קע-שענעס, ס'איז דאָך זומער-צייט.

— דאָס איז אַ רעיון—האָט לאָקשין געענטפערט, אָבגלע-טענדיג זיין בערדיל. נור דאָ איז פאַרהאַן אַ שטיקעל חסרון.

— וואָס? אונזערע מלבושים זענען ניט גאָר זומערדיג? נאַרישקייט! מיר זענען נאָך סטודענטען, מיר קאָנען אויסשפּאַציע-רען אין וואָס דאָס האַרץ גלוסט.

— דאָ איז איבער עפּעס אַנדערש.

— וואָס פאָרט?

— דו האָסט פערגעסען? אונזערע פרייליגס זענען נעכטען צוריקגעקומען.

— איז מילא!

— לויפען זיי שוין חיעדער ארום איבער שטאָדט. וועלען מיר זיך אַקוראַט אָנטרעפען מיט זיי, וועלען זיך אָנהויבען גע־שפּרעכען, קאָמפּלימענטען, מ׳וועט איינלאַדען צו זיך, און צו וואָס דארפען מיר עס איצט? און אָבזאָגען זיך פון אַ איינלאַדונג איז אונבעקוועם.

— יאָ, חירקליך, אונבעקוועם, — האָט מעל-אַמעד מסכּים געווען, חאָס זשע זאָל מען טהון? מיר וועלען זיך דאָך ניט לאָזען דערשטיקט צו ווערען דאָ אין צימעריל, בעת אין דרויסען איז פריהלינג. טהו נור אַ קוק, די בוימער האָבען זיך צולאָזט...

— איז טראַכט עפּיס צו, דו בינסט דאָך ביי מיר אַ ערפינ־דער.

מעל-אַמעד האָט זיך אַ חיילע פּערטראַכט, דרעהענדיג זיינע חאָנצעס.

— אָט וואָס מיר וועלען טהון—האָט ער אַרויסגעזאָגט בע־גייסטערט, צוקנאַקענדיג מיט די פינגער.—דו, מיין ליעבער זשויל פּאַבר וועסט נעהמען אַ פּאָרטפּעל אונטערן אָרעם, אַגב האָסטו סאַקי ניט קיין שטאָק, וואָס וואַקסט ערשט אין ערגיץ און וועט נאָך ניט אַזוי גיעך אויסוואַקסען. און איך וועל נעהמען אַ שירעם אין דער האַנר: פאַר אַ דאָקטאָר געהט ניט קיין פּאָרטפּעל. און אַז מיר וועלען אונזערע גראַציעס פון ווייטען דערזעהן, וועסטו אָנהויבען צו! אַיילען: דו אַיילסט, הייסט עס, אין געריכט, אין פּאַ־לאַטע. און איך—טהו אַ שפּרונג אויף אַ פוהרל און כ׳פליה צו אַ נעפעהרליכען חולה, אויף אַ קאָנסיליום. ווי געפעלט דיר דער פּלאַן?

— איך זאָג שטענדיג. אַז אין דיר האָבען מיר פּערלאָרען אַ גרויסען אַדוואָקאַט, אַגרויסען דיפּלאָמאַט, און אומזיסט האָסטו אויסגעקליעבען פאַר זיך די מעדיצין.

שפּאַסענדיג אַזוי, זענען אונזערע יונגע לייט אַראָבגעשפּרונ־גען פון זייערע בעטלעך און האָבען זיך פלייסיג גענומען צו זיי־ערע טואַלעטען. דערהויפּט צו די קאַפּעליושען. מ׳האָט גענומען רייניגען, שפּריצען, טרייסלען, מיט בערשטלעך און ריטלעך און אין דעם קליינעם אנגערויכערטען צימערל איז אזא שטויב געוואָ־רען. אַז מ׳האָט בעדאַרפט אינגאַנצען אויפעפענען די טהיר און דעם פענסטער

בעת די יונגע לייט האָבען אזוי פערשוויצט געאַרבייט אויף זייערע טואַלעטען, איז אַריינגעקומען דער בריעפען-טרעגער און האָט דערלאַנגט צוויי בריעף, דעם דאָקטאָר מעל־אַמעד און דעם אַדוואָקאַט לאָקשין. די בריעף זענען געווען היעגע. דער דאָקטאָר האָט דער ערשטער אויפגעעפענט און אָנגעהויבען הויך צו לייענען:

„געעהרטער הערר! אויב איהר זענט ניט זעהער בעשעפטיגט און אויב איהר האָט נאָך ניט אינגאַנצען פערגעסען אייער אַלטע בעקאַנטע"... דריי פּינטעלעך. „וועלכע"... א סך פּינטעלעך, „איז זענט אַזוי גוט אַריינצוקומען צו אונז היינט אין אָוועגד. איהר וועט הערען אַ גרויסע און אפשר פּאַר אייך אַ אינטערעסאַנטע נייעס"..· א סך פּינטעלעך. „איבעריגענס, וועלען מיר זעהן"... ווידער אַ סך פּינטעלעך. „מיט איין וואָרט, דער האָריזאָנט ווערט לויטערער, ס'שמעקט מיט אַ יום־טוב". אַ גאַנצע שורה פּינטעלעך. אונטערגעשריעבען: „ר. ג."

— ראַשעל גרוגימוס,—האָט לאָקשין ערקלעהרט די בוכשטאַבען.

— וואַרט, וואַרט, ס'איז נאָך דאָ אַ „פּאָסטסקריפּטום". „אויב דער הערר דאָקטאָר וועט ניט קומען, וועל איך אויף איהם אַזוי ברוגז ווערען, אַזוי אין כעס ווערען"... ווידער אַ סך פּינטעלעך און אונטערגעשריעבען: „la méme" נו, און וואָס איז אין דיין דעפּעש?

— לאָקשין האָט אויפגעעפענט זיין בריעף, האָט אַ קוק געטהון און געזאָגט:

— אַ עהנליכע נאָטע, ס'איז נור אונטערגעשריבען: „ב. ג.".

— איך קאָן פּאָלקאָם רעכענען. אַז דאָס איז בּרוניטאַ גרונימוס,—האָט איצט דער דאָקטאָר געטראָפען.—אָבער וואָס בעדייט דער חלום? טרעף אָקאָרשט, אויב דו קאָנסט. דו מיט דיין בערדיל, ווען זי איז ניט געשאָרען, בינסטו עהנליך אויף אַ טרעפער.

— וואָס איז דאָ פאַרהאַן וואָס צו טרעפען?—האָט זיך אָבגערופען דער אַדוואָקאַט, געהמענדיג זיך ווידער צום רייניגען. די זאַך איז קלאָהר, ווי דער טאָג. מ'האָט אונז איינגעלאַדען, אַז מיר זאָלען מאַכען אַ פּאָרשלאַג, און מ'וועט אונז, פערשטעהט זיך,

ניט ענטזאגען. און אז מ'האט אונז איינגעלאדען, איז מסתמא פאר־האן דער צוגאב".

— „צו איז פארהאן"?

— אהן א שום צווייפעל, וואָרום מיט סוחרים פאסירט עס אפט אזוי: דוכט זיך גאר אין גאנצען צורואינירט, און א פאר טויזענדער האט מען פונדעסטוועגען פערבעהאלטען פאר זיך.

— איז דאך אוודאי גוט, אוודאי גוט, ווארום וואנדערן גלוסט זיך מיר גארנים. צו וועט מען אונז אבער ניט אבנארען?—סוחרים זענען דאך אויף דעם—בריות!

— בריות זענען זיי, נור זיי וועלען גארנישט מאכען, וואָרום ניט דא איז דער אָרט. מיר וועלען צו דער חופה ניט געהן, וואו מען וועט דעם צוגאב אויפ'ן טיש ניט ארויסלעגען ביז א לעצטער קאפיקע. און וועלען זיי אנהויבען צו דרעהען—זענען מיר היע נישטא.

— אלזא, וואלען מיר געהן, אז מ'רופט?

— אהן שום ספק.

אין אָוונד זענען זיי אוועק, ראשעל און בריגיטא זענען אנטקעגען זייערע „קינפטיגע" ארויסגעשפרונגען אין פאדער צימער און נאך די ערשטע בעגריסונגען האבען זיי שטיל און געהיים ארויסגעזאגט:

— די עלטערן ערווארטען אייך אין גאסט־צימער. זיי ווילען מיט אייך דורכריידען.

— וועגען וואס?—האבען די יונגע לייט געפרעגט.

— מיר ווייסען ניט,—האבען די מיידלעך געענטפערט מיט א רמאות'דיג שמייכעל,—איהר וועט דערוויסען, וועט איהר אונז זאגען, וואָרום מיר וועלען איצט ניט געהן אין גאסט־צימער. מיר וועלען אין אונזערע צימערן זיצען.

די יונגע לייט האבען זיך צווישענאנאנד איבערגעקוקט און שנעל אויסבעסערענדיג זייער טואלעט, זענען זיי אריין אין גאסט־צימער מיט א הארץ־קלאפעניש.

שרה־רבקה, אויסגעציערט מעהר, ווי געוועהנליך, איז איצט אין גאסט־צימער געזעסען אויף א סאפע ביים רונדען טיש און האט א זאק געשטריקט. אייגענטליך, האט זי ניט געשטריקט

און ניט געטראַכט גאָר צו שטריקען, נור כּדי ניט צו זיצען מיט ליידיגע הענד, האָט זי פּלומרשט געשטריקט, בײ א פרוי שטריקען איז דאָסזעלבע — ווי בײ א מאַנספּערזאָן רויכערן: דאָס איז עפּיס בעקוועמער צום שמועסען. און שרה-רבקה האָט געוואָלט שמועסען מיט די „פּערענדינטע". צוליעב דעם האָט זי זיי אײנגעלאַדען צו זיך, די מיידלעך האָבען אײנגערוימט די יונגע לײט, אַז מ'וויל מיט זיי „דורכריידען"? האָבען דען די „דורכריידען"? נור וואָס הייסט גרונימוס עפּיס א געשעפט מיט זיי? מ'וויל נור מיט זיי שמועסען, און שרה-רבקה וואָלט געזידעלט איהרע טעכטער. ווען זי זאָל ווי-סען, ווי זיי האָבען איבערגעגעבען איהרע שליחות.

ר' משה האָט נערוויכערט א ציגאַר און איז אומגעגאַנגען איבער'ן צימער אויף און אָב, גלעטענדיג די באָרד זעהר פער-טראַכט.

אַז די יונגע לײט זענען אַריין און האָבען עטוואָס שרע-קענדיג בעגריסט די בעלי-בתּים, האָט שרה-רבקה עטוואָס זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט, האָט א קרים געטהון איהר פּנים, מיט דער כּוונה צו מאַכען א גוטמוטיגען שמייכעל, נור אויסגע-קומען איז א מין גענייץ פון א קאַץ. זי האָט אָבער הויך און פרעהליך אַרויסגעזאָגט:

— אָ, הערר דאָקטאָר און הערר יוריסט! ווילקאָמען, ווילקאָמען. זעצט זיך, וועט איהר זיין געסט.

די יונגע לײט האָבען זיך אַוועקגעזעצט.

— איהר האָט געוויס שפּאַציערען געוואָלט? — האָט שרה-רבקה צוגעגעבען, אַלץ נאָך מיט איהר גוטמוטיגען גענייץ (וואָס זי האָט גערעכענט פאַר א שמייכעל), ווי א קאַץ. — אַזא וואַרימער און לויטערער אָוועגד! איך האָב מורא, אַז מיר האָבען אייך גע-שטערט.

— גאָרניט, — מיר וועלען נאָך צייט האָבען. דער גאָרטען וועט ניט אַוועק, וועט וואַרטען.

— אונז, אַלטע, איז עפּיס אומעטיג געוואָרען. מיר געהען דאָך איצט אין ערגיץ ניט, און צו אונז געהט איצט אויך קיינער ניט. אָט, רעכענען מיר, וועלען מיר גאָר בעטען אונזערע יונגע לײט, אפשר וועלען זיי על-פּי בעקאַנטשאַפט קומען שמועסען מיט אונז א אָוונד.

— מיר האָבען שוין אַזוי אויך געהאַלט היינט אַריינקומען צו אייך, אָהן דער איינלאַדונג. — האָבען די יונגע לייט פון העפליכקייט הענען געלייגט.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, וואָס איהר פערגעסט אונז נים. איך זאָג אַלע מאָל, אז געבילדעטע, געשטודירטע זענען—גוטע מע שען. אָט דאָ נים לאַנג נאָך, ווי איהר ווייסט, פלעגט מען צו אינ געהן, די שוועלען אָבשלאָגען, און איצט טרעט מען נים אַריין מיט אַ פּים! מ'האָט אונז איננאַנצען פערגעסען, ווי מיר זענען שוין גאָר אויף דער וועלט נימאָ. אי, מענשען, מענשען! אַז אַמענשען גליקט, דאַן זענען אַלע צו איהם צוגעלאָזט, ווי פליעגען אַ־ום צוקער, און ווי ס'טרעפט אַן־אומגליק, אַנטלויפען אַלע, ווי פון פעסט. קאָן מען שוין דען גלויבען אין פריינדשאַפט?... איהר האָט דאָך געווים געהערט, וואָס ס'האָט מיט אונז געטראָפען די לעצטע צייט?

— מיר האָבען געהערט, — האָבען די יונגע לייט געענטפערט, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ.

— אָ—חאָ—חאָ! — האָט שרה־רבקה געזיפצט און האָט שיער נים אָנגעהויבען צו וויינען. — ווער האָט עס געקאָנט ערוואַרטען, ווער האָט עס געקאָנט וויסען, אַז גאָט וועט אונז אַזוי שטראָפען?...

ר' משה איז נאָך אַלץ אומגעגאַנגען איבערן צימער אויף און אָב, און האָט נאָך שטאַרקער געהוסט, געשפיגען, און אויך אַנדערש אויסגעדריקט זיין אומגעדולד, וואָרום איהם האָט ערוועדערט צו צוזעהן די „הינטישע שטיק" און אויסהערן די „פּוקסענע רייד" פון זיין פרוי. ביי די לעצטע ווערטער איז ער שטאַרק רויט געוואָרען, האָט זיך האַסטיג אַ לאָז געטהון צום טיש און אויס־לאָזענדיג די אויגען אויף דער „שלאַנג" (אַזוי האָט ער איצט אין דער מחשבה אָנגערופען זיין פרוי), האָט ער, קענטיג, געוואָלט אויסשיסען אין איהר מיט האַרבע ווערטער. נור שרה־רבקה האָט פערשטאַנען די בעוועגונג פון איהר „נאַרישען" מאַן, און האָט שנעל צוגעגעבען:

— נור מיר פאַלען נים אַראָב ביי זיך. מיר פערליערען נים די האָפנונג, אַז מיר וועלען נאָך אויפגעריכט ווערען. דאָס איז נים דאָס ערשטע מאָל. מיר זענען שוין פיעל מאָל געווען אויפ'ן פערד און אונטערן פערד. דאָס מזל איז, ווי אַ רעדעלע. איך

מענטשן זענען — די שפּיזלעך אין דעם ראָד. אַמאָל הויבן זיי זיך אויף, אַמאָל לאָזן זיי זיך אַראָפּ. אָבער אָנוועהרען די האָפנונג איז — נאַריש. משה גרונימוס איז געווען אַ גביר און יעצט זיין אַ גביר! מיר וועלען זיך ווידער אויפהויבן אין דער הויך — אונזערע שונאים אויף להכעיס!..

זי האָט אָנגעקלונגען און געהייסען דער דיענסט דערלאַנגען טיי, — און מ'האָט צו טיי געגרייט זילבערנע און קריסטאַלעשיר, פיעל פערשיעדענע געבעקס, משקאות, פרוכטען, מיט דעם גאַנצען קנאַק פון אַ רייכען סוחרישען הויז, און די יונגע לייט. וואָס האָבען געהאַט געמיינט, אַז די גרונימוס שטאַרבען איצט שיער פון הונגער, האָבען זיך טאַקי שטאַרק פערוואונדערט.

זיי האָט אויך גענוג פערוואונדערט, וואָס ביים טיי האָט מען געשמועסט וועגען פערשיעדענע זאַכען, וואָס האָבען קיין שום שייכות ניט צו דעם ענין, וועגען וועלכען, ווי זיי האָבען געמיינט, מ'האָט זיי אַהער איינגעלאַדען. צו דעם דערצו האָט מען זיי טאַקע איינגעלאַדען דורכצושמועסען זיך אַביסעל פון לאַנגווייליגקייט וועגען? — האָבען זיי געטראַכט, זיצענדיג, ווי אויף הייסע קויהלען און האָבען מיט אונגעדולד ערוואַרטעט די ווייל, ווען זיי וועלען קאָנען אַרויסרייסען זיך פון די אלטע, וואָס אינטערעסירען זיי לגמרי ניט. נאָכ'ן טיי אָבער האָט דער געשפּרעך אָנגענומען אַנ'אַנדער ריכטינג. שרה־רבקה האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז פונאַנדערצופרעגען זיי וועגען זייערע בעשעפטיגונגען, וועגען די פּלענער און אויסזיכטען אויף דער צוקונפט, און נאָך אַט דער „הקדמה“, האָט זי אין פלוג אָהן אַ שום מיין, נור גלאַט אַזוי, פון נייגיעריגקייט וועגען, אַ פרעג געטהון: — פאַרוואָס זשע זאָלט איהר ניט חתונה האָבען? וואָס איז דער שכל צו זיצען אַ בחור?

די יונגע לייט האָבען זיך איבערגעקוקט צווישענאַנאַנד און האָבען מיט אַ שמייכעל געענטפערט:

— מיר וואָלטען אפשר ניט דערנעגען געווען, נור קיינער שדכנ'ט ניט.

— שדכ'נען איז אַ קלייניגקייט, — האָט שרה־רבקה אַרויסגעזאָגט און האָט רמאות'דיג אַ קרומען בליק געוואָרפען אויף

די יונגע לײַט, — אַזאַ אײנער, ווי איהר, אַ „געענדיגטער", האַלט זיך אין גרויס יקרות. גאָט ווײסט, אין וויפיעל איהר האָט זיך אָבגעשאַצט ! אפשר איז עס אַזאַ מקח, וואָס בײַסט זיך זעהר ?

— גאָר ניט קײן בײַסענדער, — האָט לאָקשין געענטפערט פאַר זיך און פאַר זײַן חבר. — איהר פערשטעהט דאָך אַלײן, וואָס קאָן זײַן וועניגער פון עטליכע טויזענד רובל ? מיר דאַרפען דאָך זיך אײַנאָרדנען. אין אונזער לאַגע איז די אײַנאָרדנונג — אלצדינג.

— נו, אויב נור דאָס, דאַן איז גאָר ניט שווער צו שדכ'נען, — האָט שרה-רבקה אַרויסגעזאָגט לוסטיג און אַזוי ווי געשפאַסט, — ווילט איהר, אַז איך זאָל אײַך שדכ'נען?

— ביטע, ביטע, מאַדאַם. מיר וועלען זעהר צופרידען זײַן. איהר וועט אונז געוויס נוטע כלות אויס'שדכ'נען.

— געוויס ! מיט ניט קײן גוטע וואָלט איך ניט געוואָגט צו שדכ'נען זיך צו אַזעלכע יונגע לײַט, וואָרום איך ווײס אַפריהער, אַז מ'וועט מיר ענטזאַגען. און דערצו, קאָנען מיר אַלײן אויך ניט געפעהלען וועלען ניט קײן גוטע סחורה. אָה, איך האָב פאַר אײַך סחורה פון ערשטען זאָרט, סופערפײַן.

— און אָהן נאַרעריי? — האָט מעל-אַמעד געפרעגט אין דעמזעלבען שפּאַסיגען טאָן פון דער ווירטהין.

— אָהן נאַרעריי און אָהן חסרונות. איהר הערט נור: מײדלעך שענע, קלוגע, געבילדעטע, שפּיעלען פּיאַנא און זענען פון אַ שענער פאַמיליע. האָט בײַ אײַך עפּיס אַ ווערטה אַ שענע פאַמיליע ?

— זעהר אַ גרויסען ווערטה, — האָבען די יונגע לײַט געענטפערט, ווויסענדיג וועגען וואָס פאַר אַ פאַמיליע עס רעדט זיך.

— פאַר דאָס האָב איך אײַך ליעב. אַ גוטע פאַמיליע האָט אַ גרויסע בעדײַטונג. טעכטער פון אויפגעקומענע גבירים איז, ווי זײַ זאָלען זיך ניט אויסציערען, זעהען זײַ פאָרט אויס ווי די קע־כינס און זײַ פיהרען אַ הויז ווי געמײנע בעלי-בתים, וואָרום זײַ האָבען ניט קײן שום מאַניערען. ווײַטער: ס'איז דאָ פון פינף ביז זיעבען טויזענד מזומן, אויסער אַ אָנשטענדיגע אויסשטאַטונג אין דעסגלײַכען. וועט עס אײַך קלעקען?

— מעהר פערלאַנגגען מיר ניט. דאָס איז פּונקט פאַר אונז וועד זענען אָבער די פּריילינגס, ערלויבט אונז צו פרעגען.

— איהר ווילט שוין וויסען, ווער זענען זיי? — האָט שרה־רבקה געשפּאַסט. — שטעלט אַזעק אָקאָרשט אַ פריהער משקה, און דאַן וועל איך זאָגען.

— ניין, מאַדאַם, אַ פריהער זאָגט אונז, און דאַן וועלען מיר שטעלען משקה.

— משה — האָט זי זיך געווענדט צום מאַן און האָט איהם רמאות׳דיג צוגעוואונקען, — ווי מיינסטו, קאָן מען זיי גלויבען אויפ׳ן וואָרט?

— איך האַלט, אַז מ׳קאָן, — האָט גרונימוס געענטפערט מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל. ס׳איז קענטיג געווען׳ אַז דער גאַנצער ענין שדכנות איז איהם עפּיס ניט צום האַרצען געוועזן. און די יונגע לייט אויך, ווי בעוואוסט, זענען איהם ניט זעהר געפעלען געוואָרען, נור געהן אַנטקעגען דער פרוי האָט ער גע־רעכענט פאַר אוננוצליך, ווייל זי וועט סיי ווי סיי אויספיהרען, אַזוי ווי אַלע מאָל.

— ווי אָבער, אַז זיי וועלען אָבנאַרען? וועלען קיין משקה ניט שטעלען?

— מיר דוכט, אַז זיי זענען עהרליכע לייט, זיי וועלען ניט אָבנאַרען.

— דו בינסט ערב פאַר זיי?

— ערב.

— אַלזאָ בלייבט עס אַזוי, — האָט שרה־רבקה אַרויסגע־זאָגט אַלץ נאָך אין אַ שפּאַסיגען טאָן. — הערט זשע. וואָס קאָנט איהר, דהיינו, זאָגען, אויב מיר וועלען זאָגען, אַז די מיידלעך זע־נען — אונזערע טעכטער?

— אונז וואָלט עס זעהר געפרעהט, — האָבען די יונגע לייט געזאָגט, אַ גלייך געבענטיג — דער דאָקטאָר זיינע וואָנצעס, און דער יוריסט זיין בערדיל.

שרה־רבקה האָט אַפּינקעל געטהון אויפ׳ן מאַן מיט אַ נצחון־בליק, ווי געזאָגט: „אָט זעהסטו, ווי געשיקט איך האָב דורכגעפיהרט דעם איידעלען ענין", און שוין מיט אַ ערנסטער מינע האָט זי אַרויסגעזאָגט:

— אויב אַזוי, קאָנען מיר איצט מיט אייך ריידען ערנסט און אָפען. הערט זשע יונגע לייט. חאָטשו אונזער לאַגע איז איצט ניט נאָר קיין גלענצענדע, נור צו אונזערע טעכטער האָט עס קיין שום שייכות ניט. וואָס זיי קומט, וועלען זיי בעקומען אינגאַנצען, מיר האָבען שוין לאנג בעשלאָסען בײַ זיך, אַז אונזערע טעכטער זאָלען אונז קאָסטען צו צעהן טויזענד רובּל יעדערע, און פון דער סומע וועט ניט געמינערט ווערען קיין איין קאָפּיקע. די סומע פאַר זיי איז שוין פון לאנג אָן פערזאָרגט

— משה — האָט זי זיך געווענדעט צום מאַן—בעווייז זיי די דעפּאָזיטען פון אונזערע טעכטער.

משה האָט פון בוזעט אַרויסגענומען צוויי באנק-צעטעלעך און האָט אַרויסגעלעגט אויפ׳ן טיש. מעלאַמעד האָט אויף זיי אַ קוק געטהון פון ווייטען ניר, לאָקשין אָבער, אַלס יוריסט, האָט זיי בעטראַכט גאַנץ גענוי און אויפמערקזאם, און אַ ווינק געבענדיג זיין חבר, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אויטאָריטעט:

— ריכטיג,

— אַלזאָ, איז עס געשלאָסען אין אַ מזלדיגער שעה? — האָט שרה-רבקה געזאָגט, הערלאנגענדיג די יונגע לייט איהרע פיירע הענד.

די יונגע לייט זענען אויפגעשטאַנען, האָבען גערריקט די הענד איהרע און געקושט. דאָסזעלבע אויך האָבען זיי גערריקט או געקושט גרונומוסעס הענד,

— איצט וועלען מיר אַרײַנרופען אונזערע מיידלעך, — האָט שרה-רבקה געזאָגט, אויפשטעהענדיג און געהענדיג צו דער טהיר, מיר׳ן הערען, וואָס וועלען זיי זאָגען.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען די מיידלעך שוין געשטאַנען אין גאַסט-הויז רויטע, מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען שעמעוודיגע, ווי עס פּאַסט פאַר מיידלעך, וואָס דערוויסען זיך צום ערשטען מאָל, אַז זיי זענען כלות.

— אָט דאָס זענען אייערע חתנים — האָט שרה-רבקה געזאָגט, אָנווייזענדיג די טעכטער אויף די יונגעלייט. — וועט איהר אונז ניט זידלען פאַר אונזער אויסוואַהל? איהר האָט געחאָלט „געענדיגטע“, גיבען מיר אייך אַזעלכע.

די מיידלעך זענען נאָך רייטער געוואָרען, האָבען זיך גע־שעמט און, ניט אויפהויבענדיג די אויגען, האָבען זיי געשוויגען.

— וואָס שטעהט איהר ווי איינגענראָבענע? — האָט שרה־רבקה געפרעגט איהרע טעכטער. — געהט צו צו אייערע חתנים? — וואָס זשע שעמט איהר אייך?

זעהענדיג, אַז די טעכטער שעמען זיך נאָך אַלץ, האָט זי זיי פאַר די הענד אָנגענומען, און האָט זיי צוגעפיהרט צו די יונ־גע לייט און האָט זיי געבענשט, האָטיי אַ שטוים געטהון צו איהר מאַן, אַז ער זאָל זיי אויך בענשען און איז אַוועק אין קיך פערזאָרגען וועגען כבוד.

איז גאַסט־צימער האָט מען באַלד אריינגעטראָגען אַ גרוי־סען זילבערנעם טאַס מיט פלאַשען וויין, טאָרטען, קאָנפיטור און פערשיעדענע נאַשערייען.

אין דערזעלבער צייט זענען פיעל פון די, וואָס זענען דורך גרונימוסעס ביזען באַנקראָט פעראָרעמט געוואָרען, געזעסען און דעם קאָפּ געבראָכען אויף דער פראַגע, וואָס האָט טאָג און נאַכט דעם מוח און דאָס האַרץ געענגבערט: „פון וואַנען וועט די הילף קומען, פון וואַנען?” ביי גרונימוסעס פאַמיליע האָט זיך איצט וויין געגאָסען. אין אין די פאַמיליעס, וואָס זענען דורך איהם פער־אָרימט געוואָרען, האָבען זיך טרעהרען געגאָסען. און איבער די פרעהליכע און וויינענדע האָט די אויפגעהענדע לבנה אויפ׳ן קלאָרען, לויטער׳ן הימעל איהרע שטראַלען געגאָסען, זילבערנע ענטציקענדע און בעצויבערנדע.

XXV.

אגרויסער רעמיז.

ס׳זענען אַריבער נאָך צווי וואָכען. גרונימוסעס מאַגאַזין האָט זיך אַלץ נאָך ניט אויפגעעפענט, די שליסעלעך זענען געווען ביי זיין איצטיגען פיקטיווען איינענטימער ר׳ עזריאל און די גרונימוס זענען ניט געקומען אָבצונעהמען זיי. זיי האָבען זיך ניט גע־איילט: זיי האָבען אָבגעוואַרט, ביז די יודישע בעפעלקערונג

האָס איז אַזוי אײפּגערודערט געוואָרען פון זײער גרויסען באַנק־
ראָט, זאָל זיך בערוהיגען. און אין שטאָדט איז ווירקליך בּיס־
ליעכוויז רוהיגער געוואָרען, די אָרימע קרעדיטאָרען אפילו האָבען
אויך חילענדיג, ניט־ווילענדיג אָנגעהויבען צו בערוהיגען זיך.

און פלוצלונג, נאָך אַ מעריב אין דער גרויסער שוהל,
די מתפללים האָבען געוואָלט אַרויסגעהן, איז אויף דער בימה
אַרויף דער אָבער־שמש, האָט דרײ מאָל אַ פּאַטש געטהון מיט
דער האַנד אָן טיש און האָט הויך אויסגערופען:

— הגביר, המופלג, המפורסם ר׳ עזריאל־יעקב חנן מלכה
הלל׳ס, זאָל לעבען! האָט געהײסען מכריז ומודיע זײן, אַז ר׳
משה גרונימוס קרעדיטאָרען, וואָס האָבען אויף איהם געזעצלי־
בע און פאָרמעלע דאָקומענטען, זאָלען אַרײנקומען צו ר׳ עזריאל׳ן
מאָרגען נאָכ׳ן דאַוונען צעהן דעם זײגער אין דער פריה אויף אַ
בעראַטונג!

אָבגעזאָגט און אַראָב פון בימה. אַ ווײלע האָבען אַלע גע־
שוויגען, אונבעוועגט. דער אויסרוף איז בײ זײ געוועןָ אַזוי או־
נערוואַרטעט און אונגלויבליך, אַז ס׳האָט זײ איבעראַשט. אַ ווײ־
לע איז אין שוהל אַזוי שטיל געוועןָ, אַז מ׳האָט געהערט דאָס
אָבגעמאָסטען אומוואַקלען פון דעם פערפענדיקל פון דעם וואַנד־
זײגער אין ווינקעל. דערנאָך, ווען מען איז צו זיך געקומען, האָט
מען זיך איבערגעקוקט צווישענאַנאַנד און געצויגען מיט די אַקסלען.
בײ די קרעדיטאָרען אָבער זענען די פּנימער אויפגעלויכטען גע-
וואָרען פון דער גוטער האָפענונג.

— ס׳וועט זײן אַ פשרה. גרונימוס געהט אײן אויף אַן אָ־
אָבמאַך מיט די בעלי-חובות, — האָט אײנער ערקלערט זײן
השערה, אָבער שוואַך און ניט גאָר זיכער.

— יאָ, איהר זענט גערעכט, — האָבען די דערבײאינגע
אָנגענומען די השערה. — גרונימוס וועט אײנגעהן אויף א פשרה׃
דאָס איז קלאָהר, וואָרום סאיז דאָך ר׳ עזריאל... — ר׳ עזריאל
וועט ניט דערלאָזען אזאַ עולה, ער וועט ניט דערלאָזען, אַז מ׳זאָל
אַ גאַנצע שטאָדט בעראַבעווען. — זאָל איהם גאָט געזונד געבען! —
האָט עמיצער פרום צוגעוואונשען ר׳ עזריאל׳ן.

ס׳איז דאָך טאַקי נור אַ גזילה! האָט עמיצער בײז אויסגע-
שריען,—רײסען פון טויטע און פון לעבעדיגע און — אויסשטעלען

פינף פינגער! איך קען דיך נים! נו, לפחות פינף-און זיבעציג פאר הונדערם!..

— איך וואָלט זיך בענוגענט מיט פונפציג.

— און איך וואָלט נאָט גערענקט, ווען איך זאָל חאָטשי בעקומען פיערציג פאר הונדערם.

— פערשטעהט זיך, וואָס ס'איז, איז אויך בעסער, ווי גאָר־נישט.

— גאָרנישט — איז שוין צו־ווייניג און זעהר פערדראָסיג.

— מ'דאַרף רעכענען, אז ר' עזריאל וועט אונז נים לאָזען עולה'נען: ער איז אַנ'אלטער גביר, מיט יושר און גאָט אין הארצען.

— נים ווי היינטיגע אויפגעקומענע.

— רויבערם.

— מנוולים.

אַזוי האָט מען געשמועסט, פונאנדערגעהענדיג זיך פון שוהל און צוטראָגענדיג איבער'ן שטאָדט די וויכטיגע נייעס, וואָס איז אומעטום אויפגענומען געוואָרען מיט גרוים פרייד. אייגענטליך האָט קיינער נים געוואוסט, צו וואָס ר' עזריאל רופט זיי צונויף וואָס וועט ער זיי זאָגען, נור פונדערסטוועגען זענען אַלע עפּים זיכער געווען, אז ער וועט זיי מיט עפּים דערפרעהען. און דערי־בער האָבען פיעל פערביטערטע הערצער זיך דערקוויקט פון א גוטער האָפנונג און דאָס ערשטע מאָל פאַר די לעצטע דריי וואָכען צייט האָבען זיי זיך היינט שלאָפען געלעגט אָהן זיפצען און קרעכצען—ערוואַרטענדיג דעם מאָרגענדיגען טאָג.

אַרום האַלבע נאַכט איז די ידיעה דערגאַנגען אויך צו די גרוניםוסעס, און זיי האָבען זיך דערויף שטאַרק פערטראַכט.

— וואָס זאָל עס בעדייטען ? — האָבען זיי זיך געפרעגט, ציהענדיג מיט די אַקסלען. — צו דען איז דאָ ביי עזריאל'ן עפּים א מחשבה געגען אונז ? ס'גלויבט זיך עפּים נים. ס'קאָן נים זיין!

אין אום צו דערגעהן עס, זענען זיי גלייך אַוועקגעפלויגען צו עזריאל'ן, נור עזריאל האָט זיי נים אויפגענומען, האָט געהיי־סען זאָגען זיי, אַז אויב זיי ווילען, קאָנען זיי קומען מאָרגען, נור נים פריהער, ווי זעקס—זיעבען דעם זייגער אָווענדם, ווייל פריהער וועט ער זיי נים אויפנעהמען, וואָרום ער וועט געוויס זיין שטאַרק פערנומען. וואָס זאָל עס בעדייטען ?

און דאָס ערשטע מאָל פאַר די לעצטע דריי וואָכען האָבען די גרונימוסים זיך שלאָפען געלעגט אין גרויס אומרוה—ערוואַרטענדיג דעם מאָרגענדיגען טאָג.

אויף מאָרגען פון גאַנץ פריה איז דער הויף און דאָס פאַרהויז פון ר׳ עזריאל׳ס קוואַטיר שוין אָנגעפּאַקט געוואָרען פון גרונימוסעס קלענערע בעלי-חובות. דאָ זענען געווען אַלטע לייט, מענער פון מיטעלע יאָהרען און בחורים, אַלטע יודענעס, ווייבער און מיידלעך, בעלי-מלאכות מלמדים, פריקאַזשטשיקעס, משרתים, הענדלער פון אַלטוואַרג, שמשים, שרכנים, פאַקטוירים און ישיבה-בחורים, קרעמערקעס, נייהטאָרינס, זעמשערינס, גאַסען הענדלערינס, קעכענס, אַמען און זאַגאַר בעטלערקעס. גרופעסווייז ווי פינף-זעקס פּאַרשוין האָבען זיי זיך צושפּרייט איבערן גאַנצען גרויסען הויף, וואָס איז נים ברוקירט געווען און איז בעוואַקסען געווען מיט געדיכטע גראָז, און מ׳האָט זיך הויך צושריען, ציינענדיג איינער דעם אַנדערן די „דאָקימענטען״, וואָס קיינער פון זיי האָט נים געקאָנט לייענען, אָבער יעדערער פון זיי איז פיעל-ווינציג בעהאַוונט געווען אין זייער „געזעצליכער קראַפט און רעכט״. וואָס זיי האָבען עס דערגאַנגען פון די פיעל „וויגקעל-אַדוואָקאַטען״. בעדייטענד בעגרענצט אין די רעכט לויט׳ן שטאַנד, האָבען די יידען אַזוי גוט ווי זיך בעלוינט מיט׳ן ערלערנען די רעכט לויט פערמעגען, און פיעל פון זיי ווייסען אויסווענינג די פּאַראַגראַפען פון עלפטען באַנד. אין דער לופט אַרום איז אַזאַ טומעל און געשריי געווען, דאָס מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז ביי ר׳ עזריאל׳ן אויפ׳ן הויף איז דער שטעדטילשער יריד אָדער אַנ׳אויקציאָן. ר׳ עזריאל׳ס דיענסט איז פיעל מאָל אַרויסגעגאַנגען און האָט אין נאָמען פון בעל-הבית געבעטען, אַז מ׳זאָל „שרייען עטוואָס שטילער״, ווייל מ׳קאָן אין שטוב ניט איינויצען פון די קולות, פלעגט אַ ווייַלע שטילער ווערען, נור באַלד פלעגט זיך ווידער אויפהויבען אַ געשריי און אַ געטומעל.

דריי פיערטיל צעהן זענען געקימען ר׳ משה גרונימוסעס היכטיגסטע קרעדיטאָרען, גרויסע קאַפּיטאַליסטען, וואָס האָבען אַ פעראַכטענדען בליק געוואָרפען אויף דעם „המון״ אויפ׳ן הויף און זענען דורכגעגאַנגען גלייך אין קוואַטיר צו ר׳ עזריאל׳ן:

— לאָמיר געהן נאָך זיין—האָט איינער פון פובליקום אויס-

געשריען, און די גאַנצע מענגע האָט זיך האַסטיג אַ לאָז געטהון; נאָך די קאַפּיטאַליסטען און אין אַ ווײַלע אַרום האָבען זיי אָנגע- פּאַקט אַלע צימערען, קאַמער'ען און אַלע ווינקעלעך פון ר' עזריאל'ס קוואַטיר. חנה-דבורה האָט זיך קוים געראַטעוועט אין איהר מאַנ'ס קאַבינעט, דער איינציגער אָרט, וואָס איז דערווײַל פריי געבליעבען פון דער פערפלייצונג, אַ דאַנק דעם וואָרנונגס-מיטעל, וואָס די טהיר איז געווען צוגעשלאָסען.

פּונקט צעהן דעם זייגער איז ר' עזריאל אַרויס פון קאַבי- נעט, האָט זיך קוים דורכגעשפּאַרט אין דעם געדיכטען עולם און איז דורכגעגאַנגען אין זאַל, טראָגענדיג אין די הענד אַ גרויסע קעסטיל, אַ בעגרעבונדען מיט אַ שטריקעל, און די ברעגען זענען צוגעחתמ'עט געווען מיט גרויסע חתימות פון טריוואַקס. אוועק- שטעלענדיג דאָס קעסטיל אויפ'ן טיש, וועלכען מ'האָט אַרויסגע- רוקט אין מיט'ן זאַל, האָט ר' עזריאל אַרויסגענומען אַ נאָז-טיכעל, האָט אָבגעווישט דעם שווייס פון פּנים.

— רבותי,—האָט ער אָנגעהויבען, אָבהוסטענדיג.

— שאַ, שטילער! — האָבען כמעט אַלע אָנגעהויבען צו שרייען. אומזאַרפּענדיג מיט די הענד אין אַלע זייטען, — און אין זאַל און אין אַלע צימערען איז אַזאַ טומעל געוואָרען, אַז מ'האָט געקאָנט טויב ווערען.

— רבותי,—האָט ר' עזריאל ווידער געפּרובט אָנצוהויבען ריידען.

— שאַ, שטילער! ר' עזריאל וויל עפּיס זאָגען! לאָזט הערן, וואָס מ'רעט!—האָבען נאָך העכער גענומען שרייען, און דאָס מאָל שוין אַלע פערזאַמעלטע, ניט פערשטעהענדיג, אַז ווען יעדערער זאָל אויף זיין חלק שווייגען און ניט בעזאָרגען זיך וועגען איינ- שטילען אַלעמען, וועט אין זאַל ממילא שטיל ווערען.

ר' עזריאל האָט געזעהן, אַז ס'איז אוממעגליך אַלעמען אײַ- בערצושרייען, האָט ער אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויפ'ן שטוהל, אָבוואַרטענדיג, ביז וואַנען עמי- צען וועט געלינגען אײַנצושטילען דעם עולם. נור דאָס וואָלט גע- הייסען, וואַרטען לפחות ביז אָווענד, דען דער טומעל ווי אויך די געשרייען, אַז ס'זאָל ווערען שטילער, זענען אַלץ געשטיעגען; יעדערער האָט געמיינט, אַז וואָס העכער און ענערגישער ער וועט

שרייען, ס׳זאָל שטילער ווערן, ווען וואָס ניעבער טאַקי שטילער ווערן,—האָבען אַלע געשריען, ס׳זאָל ווערן שטילער. זעהענדיג אָבער, אַז ס׳איז קיין סוף ניטאָ צום געפּילדער, איז ר׳ עזריאל אויפגעשטאַנען, האָט אויפגעהויבען די הענד און האָט מיט אַלע קרעפטען אויסגעשריען אויף׳ן גאַנצען זאַל:

— איך בעט אײַך, רבותי, צו שווייגען! אגיט—וועל איך נאָר אַוועקגעהן און פריהער ווי אין אַ מאָנאַט אַרום וועט איהר מיך נים אָנזעהן.

דאָס אָנשרעקען האָט שטאַרק געווירקט, דערהויפּט אויף די, וואָס זענען געשטאַנען דאָ נאָהנט. איצט ערשט האָבען זיי בע־שלאָסען צו שווייגען, איבערלאָזענדיג די דאַגה וועגען איינשטילען אַנדערע. דאָס שווייגען פון די נאָהנטע האָט געווירקט אויף די דערבייאיגע און אויך אויף די ווייטערע, און דאַן, ווען קיינער האָט זיך נים בעזאָרגט וועגען דעם אײַנשטילען, איז די שטילקייט שוין ממילא געקומען.

רב עזריאל האָט אָנגעהויבען:

— רבותי! בעוונותינו הרבים, האָט די לעצטע וואָכען די צאָהל פון די באַנקראָטען זיך פערגרעסערט נאָך מיט אַ אָנזעץ. ר׳ משה גרונימוס, דער סאָלידער און עהרליכער סוחר, וואָס איז רעיעל געווען זאָגאַר אין די שווערסטע האַנדעלס־קריזיסען, האָט זיך אייך איצט ערקלעהרט אַלס באַנקראָט.

— אַזאַ באַנקראָט קאָן מען ווינשען אַלע גוטע יודען! האָט עמיצער פון עולם בעמערקט אויף׳ן קול.

— שאַ! שטילער! רייסט נים איבער!—האָבען עטליכע שטימען צוזאַמען אויסגעשריען.

ר׳ עזריאל האָט אָבגעהויסט און צוגעגעבען:

— באַנקראָטען זענען קיין נייעס נים אין דער סוחרישער וועלט. זיי זענען אַלע מאָל געווען, נור, ערשטענס, פלעגען זיי ביז אַהער פּאַסירען זעלטען, און צווייטענס—בײַ גאַנץ אונגינסטיגע אומשטענדען. וואָס דער רעיעלסטער און עהרליכסטער סוחר האָט נים געקאָנט ניבר זײַן. איצט, בעוונותינו הרבים, האָבען פיעל סוחרים אָנגעהויבען אָנצוועטצען נים דערפאַר, דאָס די לאַגע איז שלעכט, נור דערפאַר, וואָס די לאַגע איז אַ גוטע, און זיי ווילען, אַז עס זאָל זיין נאָך בעסער. איצט איז אַ באַנקראָט

געוואָרען פשוט נאָר א געשעפט, וואָס פיעלע האָבען זיך דערצו גענומען אָהן שום יושר.

— אָח, פיעל, אַלע כמעט—האָט עמיצער געזיפצט.

— אַזעלכע געשעפטען אַבער,--האָט ר' עזריאל צוגעגע־בען,—איז גאָט וױיסט, צו וואָס זיי ווע̇לען אונז דערפיהרען, ניט ריידענדיג שוין פון דער גרויסער זינד צו פערגעהמען פרעמדען אייגענס און דעם שלעכטען ביישפיעל פאַר די יעניגע אפילו, בײ וועמען ס'איז נאָך דאָ א פונק יושר אין האַרצען. ס'קאָן קומען דערצו בערך: פריהער וועלען מיר כלומרשט בתור הלואות בעראַבעווען איינער דעם צווייטען, און דערנאָך וועלען מיר אויפהערען צו טרויען איינער דעם אַנדערן אויף אַ פרוטה. דאַן וועט פאַלען דער קרעדיט, וועט פאַלען דער מסחר, וואָרום מסחר אָהן קרעדיט איז אונמעגליך. און אונז וועט אויסקומען צו שטאַרבען פון הונגער.

— זאָל גאָט אָבהיטען!—האָבען א סך אויס־געשריען.

— און דעריבער,—האָט ר' עזריאל צוגעגעבען נאָך העֿ־בער,—איז זעהר טרויעריג צו זעהן, ווי גוטמוטיג מיר פערהאַלֿ־טען זיך צו בייזע באַנקראָטען, מיר זענען מוחל, די דאָזיגע שווינדֿ־לער, פאַר וועלכע ס'איז קיין רחמנות ניטאָ. זיי האָבען דאָך קיין רחמנות ניט אויף אַנדערע. מוחל זיין די רויבערס איז אַ זינד.

— וואָס זאָל מען טהון מיט די רובערס?—האָבען פיעלע געפרעגט.

— ערשטענס,—האָט ר' עזריאל געענטפערט,—איז דאָס רוב דאָ א מעגליכקייט אָנצוקלאָגען זיי אין געריכט, אַרויסבעקומען פון זיי וואָס ס'איז, אַלענפאַלס ניט לאָזען זיי רוהיג הנאה האָבען פון די אנגעראַבעוועטע. נור עפּיס בענוצט מען זיך ניט מיט די מיט־לען און שיץ, וואָס זענען דאָ לויט געזעץ, און מען בעגנוגענט זיך נור מיט'ן ווײנען און קלאָגען, ברעכען די הענד און פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט די אָנזעצער. וואָס ס'איז געוועהנליך אימזיסט, און אין בעסטען פאַל בעקומט מען עפּיס א פראָצענט. צווייטענס, אויב זיי האָבען אזוי אָבגעמאַכט דעם עסק, אַז דורכ'ן געריכט קאָן מען זיי גאָרנישט ניט טהון, איז דאָך דאָ נאָך א געזעלשאַפטליכע מיינונג. די בייזע אָנזעצער דאַרפען אויס־געשלאָ־סען ווערען פון חברות, געזעלשאַפטען. וואו זיי זענען מיטגליעדער זיי דאַרפען ניט בעקומען קיין געזעלשאַפטליכע כבודים, קיין אַנ־

שטענדינער מענש דארף זיי קיין האנד ניט געבען, קיין פערקעהר האָבען מיט זיי, און זאָלען זיי פיהלען, אז זייערע מאוסע געננג האָבען געקענט זיי אייפגעבראכט די גאנצע געזעלשאפט, אלע ערליכע לייט. דאן וועלען די, וואָס האָבען חשק אריינצוחאפען פרעמדע, לאנג קלעהרען ביז זיי וועלען זיך בעשליעסען אויף א באנקראָט אלס געשעפט, מיט איין וואָרט, רבותי, ווען מיר זאָלען ניט אָבזונדערן פון זיך די קרעטצינע שעפסען, וועלען מיר אלע פערקרעטציגט ווערען,—און דאן וועלען אלע אויף אונז שפייען!

ר' עזריאל האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגעזאָגט אין אזא אויפרעגונג, אז דער אָטעם האָט איהם פערחאפט און ער איז אויף א היבשע ווייל אַנשוויגען געוואָרען. די פערזאמעלטע האָבען געשוויגען און זיך ניט בעוועגט, ערוואַרטענדיג די וויטערדיגע רעדע, וואָס האָט אויף זיי אַזא טיעפען איינדרוק געמאכט. אלע האָבען געפיהלט, אז ר' עזריאל רעדט צו דער זאך. פאר אלע־מען זענען קלאָהר געוואָרען די רעזולטאטען פון די אָנזעצען. וואָס האָבען זיך אויסגעגאָסען אין שטאָדט.

— רבותי!—האָט ר' עזריאל ווידער אָנגעהויבען,—ווען גרונימוס איז מיט דרייוואָכען צוריק געקומען צו מיר און האָט מיר ערקלעהרט וועגען זיין נעדריקטער לאגע, און וואָס איך האָב ניט געגלויבט, און ער האָט געבעטען פון מיר א טובה פון זיין באנקראָט וועגען, בין איך לכתחילה שטארק ביז געוואָרען, כ'האָב איהם געשטראָפט און געזידעלט זאָגאר, און כ'האָב בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין אויף זיין בקשה. דערנאָך אָבער איז מיר פלוצלונג איינגעפאלען א געדאנק, אז יעצט מאכט זיך מיר גראָד א גוטע געלעגענהייט צו בעווייזען א ביישפיל פאר אלעמען, ווי אזוי מ'דארף זיך בעגעהן מיט בייזע באנקראָטען וועלכע פלעגען ביז אהער בלייבען אונבעשטראָפט. איך האָב אַזוי א טראַכט גע־טהון: ווען איך וועל גרונימוס'ן אָבזאָגען זיין בקשה, וועט ער זיך ווענדען צו אַנאַנדערן און יענער וועט מסכים זיין דערויף, און אַזוי וועט גרונימוס'ן געלינגען צו בעראַבעווען די גאנצע שטאָדט, און אַנדערע, ביי וועלכע ראָס געוויסען איז ניט גאָר א פעסטער, וועלען זיך נאָך אָבלעהרנען פון איהם. ניין, טראַכט איך מיר— דו קריכסט אַליין אין א אומגליק, איז זעהר רעכט,—און איך האָב מסכים געווען. גרונימוס האָט אויף מיין נאָמען אָבגעשריעבען זיין

גאַנץ פערמעגען, און אי ט איז ער װירקליך אַנ'אביון און ער האָט קײן שום מעגליכקײט ניט אויסצוצאָהלען אײך אײער חוב. נור, רבותי, — האָט ר' עזריאל צוגעגעבען מיט אַ העכערער שטים און אויפהויבענדיג די הענד, — איהר זאָלט װיסען, אַז אײער בעל-חוב איז איצט ניט ר' משה גרונימוס, נור עזריאל יענקיל-חנן מלכה הלל'ס, און ער דאַרף אײך אומקעהרען אײער גוטס ביז אַ פרוטה! —

— או — ראַ! — האָבען די פערזאַמעלטע אויסגעשריען און האָבען זיך שיער ניט געװאָרפען אַרומנעהמען אײנער דעם אַנדערן. — אַפולע און געזונדטע יאָהר אײך, טײערער ר' עזריאל! איהר, ר' עזריאל, װעט שוין אום יום-כפור ניט דאַרפען פאַסטען: איהר האָט טויזענדער יודען פון הונגער און פון טויט געראַטעװעט! הלואי, אויף יענער װעלט זאָלען אונזערע קעפ ליגען דאָרט, װאו אײערע פיס װעלען ליגען!... מיר און אונזערע קינדער װעלען אײביג גאָט בעטען פאַר אײך און פאַר אײער חנה-דבורה'ן — זאָל לעבען! — פאַר דער צדקנית, די אשת-חיל!...

חנה-דבורה, װאָס איז דאָ דערבײ געשטאַנען, האָט מיט'ן שירץ איהר פנים פערדעקט און האָט אָנגעהויבען צו װײנען פון נחת. די גוטע און פרומע יודינע האָט זיך איצט פאָרװירפע געמאַכט, װאָס זי האָט מיט עטליכע װאָכען צוריק אויף אײן װײלע זאָגאַר געקאָנט חושד זײן איהר עזריאל'ן אין זײן הסכם צו דעם דאָזיגען בײזען באַנקראָט, און זי האָט מיט אומגעדולד ערװאַרטעט די װײלע. װען זי װעט קאָנען בײ איהם מחילה בעטען. די פרײד און שמחה פון די פערזאַמעלטע װאָלטען זיך אויף לאַנג פערצויגען, נור ר' עזריאל האָט נאָך ניט געענדיגט, האָט ער אויפגעהויבען די האַנד, צו בעװײזען, אַז דער עולם זאָל זיך בערוהיגען און זאָל איהם ניט שטערן.

— שאַ, שטילער! — האָבען די גרויסע גבירים אָנגעהויבען אײנצושטילען דעם עולם, — ר' עזריאל װיל אונז נאָך עפּ"ס זאָגען, לאָזט הערן! — דאָס מאָל איז גיך שטיל געװאָרען און ר' עזריאל האָט צוגעגעבען:

— דרײ װאָכען צײט האָב איך אָבגעװאַרט, רעכענענדיג, אַז גרונימוס װעט קומען צו מיר און װעט מיך בעטען, איך זאָל מיט אײך דורכרײדען װעגען אײניגע הנהות. ער איז אָבער ניט

געקומען, הייסט עס — אַז ער וויל אַריינלעגן צו זיך אין קעשענע **איינגאַנצען**, וואָס ער האָט ביי אייך אַוועקגענומען מיט רמאות. רבותי! מיט דעם אָנזעצער דאַרף מען זיך בעגעהן לויט דעם כלל: ווי ער האָט געוואָלט בעהאַנדלען אַנדערע, אַזוי דאַרף מען איהם בעהאַנדלען.

— אמת, אַזוי, אַזוי — האָט מען דערהערט פון עולם.

— מיט אַ טאָג פריהער פאַר׳ן אנזעץ, — האָט ר׳ עזריאל ווייטער געזאָגט, — האָט גרונימוס צו מיר געבראַכט דאָס דאָזיגע קעסטיל (ר׳ עזריאל האָט אין דער הויך אויפגעהויבען דאָס קעסטיל). וואָס דאָ איז פאַרהאַן — ווייס איך ניט. אפשר איז דאָ געלד, און אפשר — טייערע חפצים. ער האָט מיר גאָרנישט ניט געזאָגט, און דאָס קעסטיל איז פערשלאָסען און פערחתמ׳עט מיט זיינע חתימות. איצט וועלען מיר עס אויפעפענען און אָקוק טהון, וואָס דאָ איז פאַרהאַן. שמואל! — האָט ער אַרויף געטהון דעם שלאָסער, וועלכען ער האָט שוין פון פריהער געהאַט איינגעלאַדען. — קום אַהער און עפען אויף פאַר אונז דאָס קעסטיל.

פון עולם איז אַרויסגעטרעטען שמואל דער שלאָסער און, קלינגענדיג מיט אַ גרויסען בינדעל שליסלעך, איז ער צוגענאַנגען צום טיש. בעקוקענדיג דעם שלאָס, האָט ער צוגעקליבען אַ שליסעל און האָט אויפגעעפענט דאָס קעסטיל.

— געלד! — האָבען אויסגעשריען די נאָהנטע, אַריינקוקענדיג אין דעם אויפגעעפענטען קעסטיל. — געלד! — האָבען אַלע אומטערנגעהאַפט, צופריעדענע. — אונזער פערהאָרעוועטעס גוטס!

— לאָמ׳ר צוציילען, וויפיעל דאָ איז פאַרהאַן, — האָט ר׳ עזריאל געזאָגט, צוזעצענדיג זיך און פערקאַטשענדיג די אַרבעל. ס׳איז אַ שפּאַרעניש געוואָרען צום טיש, מ׳האָט זיך געשטיקט און געשוויצט, אָבער ס׳האָט הנאה געטהון, וואָס מ׳זעהט אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אויפ׳ן טיש: און דאָרט האָט מען דאָך געלד גע-ציילט. אין זאַל איז אַזוי שטיל געווען, אַז אַלע האָבען געהערט דאָס אָנגענעהמע גערויש פון די געצעהלטע אַסיגנאַציעס.

— זעכציג טויזענד! — האָט ר׳ עזריאל אַרויסגעזאָגט, אויסצעהלענדיג דאָס געלד.

— און מעהר ניט? — האָבען זיך פיל געוואונדערט. — ווייניג.

— גרונימוס האָט אָנגענומען איבער הונדערט טויזענד.— דער המון האָט זיך דערפֿיהלט, ווי אויף אַ העלפֿט אָבגענאַרט אין די האָפֿנונגען.

— איהר פֿערגעסט אָבער,— האָט ר׳ עזריאל געזאָגט. אַז ס׳איז נאָך דאָ אַ מאַגאַזין, אַ הויז, אַ פֿערמעגען. ווען גרונימוס וועט דעם איבעריגען טייל פֿון חוב ניט בעזאָרגען, וועל איך דאָס אַלץ פֿערקויפֿען פֿער אויקציאָן. זיין פֿערמעגען איז איצט— מיינע אָדער אייערע.

— אַ, אויב אַזוי, וועלען מיר בעקומען אינגאַנצען. אַזאַ פֿערמעגען!... און דער עולם איז ווידער פֿריהליכער געוואָרען.

— הערט, רבותי! — האָט ר׳ עזריאל זיך געווענדעט צו די פֿערזאַמעלטע.— קודם־כל דאַרף מען דערגעהן, וויפֿיעל זענען אַלע חובות גרונימוס׳עס. דעריבער בעט איך אייך, איהר זאָלט דאָ אַוועקלעגען אַלע אייערע דאָקומענטען. אַז מיר וועלען אַלץ דערגעהן און מאַכען אַ סדר, וועלען מיר וויסען, וויפֿיעל דאַרף יעדערער בעקומען אויף זיין חלק. און אום מ׳זאָל עס קאָנען היינט דורכפֿירען, בעט איך אייך, אויסצוקלויבען פֿון זיך צוויי־דריי מענשען מיר צו הילף. איהר קאָנט זיכער זיין, אַז די חלוקה וועט זיין מיט יושר, אָהן אַ שום עולה בנוגע צו װעמען ס׳איז

— וואָס רעדט איהר, ר׳ עזריאל — מיר צווייפֿלענדרען אין דעם? האָבען זיך קולות דערהערט פֿון אַלע זייטען.

— אַלזאָ, לעגט דאָ אַוועק אייערע דאָקומענטען און געהט אייך, איהר זאָלט אונז ניט שטערן. אין צוויי שעה אַרום קאָנט איהר קומען נאָך אייערע חלקים. איהר געדענקט, אַז איצט בין איך אייער בעל־חוב און פֿון מיין האַנד וועט איהר צוריק בעקומען אייער אייגענס ביז אַ לעצטער פּרוטה. דאָס איז מיין וואָרט, וואָס איך וועל ניט משנה זיין. גרונימוס מאָג אַנ׳שביון בלייבען, אָבער איהר וועט אייער געלד בעקומען אינגאַנצען. ניטאָ קיין רחמנות אויף אַ בייזען אָנזעצער: אפֿשר וועלען אַנדערע אויך נאָכטהון מיין ביישפּיעל, — אין דאַן וועלען אויפֿהערן די בייזע באַנקראָטען, אַלענפֿאַלס, וועלען זיי פֿיעל ווייניגער ווערען.

די קרעדיטאָרען האָבען אָנגעהויבען איבערצוגעבען ר׳ עזריאלן זייערע דאָקומענטען און אַוועקצוגעהן. אין קאַרגע צעהן מינוט איז דאָ קיין איינער ניט פֿערבליעבען, אויסער די דריי אויסגעקליעבענע

פערזאָנען. זיי צוזאַמען מיט ר׳ עוריאל׳ן האָבען זיך פלייסיג גע־
נומען צו דער אַרבייט.

אין קנאַפּע צוויי שעה צייט האָבען זיי ר׳ משה גרונימוס
אָבגערעמיזעיעט פונקט אויף אַזאַ סומע, אויף וואָסערע ער
האָט געהאַט גערעכענט, ווי אויף אַ געוויסען געווינס, פון זיין
קאָמערציעלע שפּיעל... אין סך־הכל איז דער רעמיז אויסגעקומען
אויף הונדערט און פופצעהן טויזענד.

— פאַר די איבעריגע פינף־און־פופציג טויזענד וועט מיר
ערב זיין דער מאַגאַזין און זיין מויער, דער הוב איז פאָלשטענדיג
בעזאָרגט, — האָט ר׳ עוריאל אַרויסגעזאָגט, און האָט גלייך אָבּ־
געצעהלט זיינע מיטהעלפער די סומעס, וואָס זענען אויסגעקומען
אויף זייערע חלקים:

XXVI

דער סוף פון באַנקראָט.

אין דעם פריהמאָרגען זענען גרונימוס און גרונימוסיכע
געזעסען אין עס־צימער מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ און צוטראָגענע
פּנים׳ער. ס׳איז דורכאויס קענטיג געווען, אַז זיי האָבען דורכגע־
לעבט זעהר אַ אומרוהיגע נאַכט.

— איך קאָן גאָר אַזוי קלוג ניט זיין,—פלעגט שרה־רבקה טענה׳ן
איטליכע ווייַלע, צושפּרייטענדיג די הענד.—צו וואָס רופט ער זיי
צונויף? איבעררייַדען מיט זיי, — האָבען מיר דאָך איהם דערויף
ניט בעפאָלמעכטיגט. אפשר האָסטו איהם עפּיס אַרייַנגעזאָגט וועגען
דעם?

— וואָס טראַכסטו אוים? — האָט ר׳ משה געצויגען מיט
די אַקסלען. — שוין העכער פון דריי וואָכען, ווי איך האָב אַ הג
אין די אויגען ניט אָנגעזעהן. איך געה דאָך אין ערגיץ ניט אַרויס,
אין שוהל אַפילו קום איך ניט אַריין, אָך, חאָ-חאָ!

— וואָס פאַר אַ עסקים האָט ער אָבער מיט אונזערע קרע־
דיטאָרען?

— אפשר וויל ער זיי זאָגען, אַז זיי זאָלען אונז קיין עגמת־
נפש ניט אָנטהון, וואָרום ס׳וועט ניט העלפען.

— חאַ—חאַ—חאַ! — האָט זיך שרה־רבקה גיפטיג צו־
לאַכט, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, און דעריבער האָט מאָדנע מאוס
אויסגעשטעקט איהר דריי־גאָרנדיגער קיהן־באַק.—

אַ חכם בינסטו! ר׳ עזריאל װעט זיך נאָך זאָרגען, אַז קײנער זאָל דיר חלילה קײן בײז װאָרט ניט זאָגען! אַך, משה, משה! װען װעסטו שױן קלינער װערען און װעסט אױפהערען צו רײדען נאַריש־קײטען?

ר׳ משה איז ניט בײז געװאָרען, װאָרום ער איז שױן גע־װעהנט געװען צו הערען פון זײן פרוי אַזעלכע קאָמפּלימענטען.

— צו װאָס זאָלען מיר איצט ברעכען דעם קאָפּ? — האָט ער גאַנץ ערנסט בעמערקט. — הײנט װעלען מיר דאָך שױן װיסען, װאָס דאָ איז, אַזױ פיעל געװאַרט, װעלען מיר שױן װאַרטען נאָך אַ פּאָאַר שעה.

— אין עטליכע שעה קאָן שױן פיעל געשעהן, מיר װעלען זיך דערװיסען, װען עס װעט שױן אפשר צושפּעט זײן.

דאָס הארץ זאָגט מיר, אַז עזריאל האָט עפּיס אַ בײזע כונה, אניט— װאָלט ער אַפריהער זיך געזעהן מיט אונז, דורכגערעדט.

— װאָס זשע קאָן ער אונז טהון?

— װער װײסט װאָס! איך בין קײן נביא ניט און קאָן ניט אָבטרעפען, װאָס ער טראַכט. נור דעם אמת זאָגענדיג, בעאונרו־היגט מיך זעהר, װאָס בײ איהם איז אונזער קעסטיל.

— עס איז פערשלאָסען און פער׳חתמעט מיט זײנע חתימות,

— און אַ צעטיל האָסטו בײ איהם בעקומען.

— נײן.

— אָט דאָס איז דאָך עס. און אז ער װעט דיר דערנאָך אָרױסשטעלען אַ פײג?

— ער װעט עס ניט טהון; ער איז אַן׳עהרליכער מאַן. איך װאָלט איהם מ׳ליאָנען אָנגעטרױט אָהן אַ צעטיל.

— מ׳דאַרף גאָט דאַנקען, װאָס בײ דיר זענען קײן מיליאָ־נען ניטאָ, װאָרום אַזױ, װאָלסטו זײ טאַקע פונאַנדערגעשטעקט אין „זעהר זיכערע הענד”, אין אַ „עהרען־װאָרט” אַן׳עהרלי־כער מאַן! עהרליכע לײט זענען איצט גאָר אױף דער װעלט ניטאָ, „האוחז ביד” איז די אײנציגע תפלה, אין װעלכע אַלע גלױבען, אַפילו די װאָס דאַװנען קײנמאָל ניט! הלואי, זאָל איך זיך טעה זײן, נור איך האָב מוירא, אַז מיר װעלען אונזער געלד ניט אָנזעהן, אַזױ װי אונזערע אױערען.

זי האָט אַ זיפץ געטהון, האָט די הענד געבראָכען און האָט שיער זיך נים צעוויינט: עפּיס האָט איהר געקלעמט אַ בייזעס פאָר־געפיהל. דער תם אָבער ר׳ משה האָט נור געפיהלט, אז ער האָט זיך היינט נים אויסגעשלאָפען, האָט ער לאַנגזאַם אָבגעגענעצט און האָט מיט הנאה זיך געצויגען. שרה־רבקה האָט מיט עקעל געקוקט אויף די זאָרגלאָזיגקייט און ר הינקייט פון איהר מאַן.

אַ יינגער צעהן האָט זי געשיקט רופען זייער טרייען און איבערגעגעבענעם כּענ־טען און האָט איהם קאָמאַנדירט צו ר׳ עזריאל׳ס הויז—אכטונג געבען, וואָס וועט דאָרטען פאָרקומען. אום צו וויסען פון אלעם בייציימענס, האָט זי צו איהם צוגעשטעלט אויך דעם יונגסטען פריקאַזשציק, מיט וועלכען יענער שליח האָט איהר בעראָרפּם צושיקען די נייעס.

— ביי ר׳ עזריאל׳ן אויפ׳ן הויף האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסער עולם—איז געוועזען די ערשטע בשורה.

— וואָס טהוט מען דאָרטען?—האָט שרה־רבקה געפרעגט.

— גאָרנישט,—האָט דער שליח געענטפערט.—מען טומעלט, מ׳שרייט און מ׳בעוויזט עפּיס וועקסלען.

— וועמען?

— איינער דעם אַנדערן.

אין אַ האַלבע שעה אַרום ווידער אַ אָנזאָג:

— דער עולם איז אַריין אין שטוב. ר׳ עזריאל שטעהט אין מיטען און רעדט עפּיס.

— וואָס?

— מיר וויסען נים: קיין זייטיגע לאָזט מען נים אַריין אין שטוב, און אויפ׳ן הויף הערט מען גאָרנישט, חאַטשי אַ פּאָר פענס־טער זענען אָפען.

די דריטע בשורה איז געוועזען:

— ר׳ עזריאל בעוויזט דעם עולם עפּיס אַ קעסטעלע.

— אַ קעסטעלע!—האָט שרה־רבקה אויסגעשריען אויסער זיך, האָט אַ פּאַטש געטהון מיט די הענד און איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל.—אָ, דערבאַרעמדיגער גאָט! נו, משה, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? א, איך פערשטעהע שוין!.. חצקאל!—האָט זי אויסגע־שריען צום שליח—לויף שנעלער צוריק און זעה, וואָס וועט עזריאל—טהון מיט׳ן קעסטיל. נאַ דיר אויף אַ פּותריל, אויף הין

און צוריק. וואָס גיכער קום צוריק. שטעל זיך ניט אָב דאָרט. איך וועל ציילען די מינוטען. שלאָגען וועל איך דיך, אויב דו וועסט נים צוריק קומען אין צעהן מינוט ארום — דו הערסט?

דער שליח האָט פעסטער פערצויגען דעם רימענדעל אויף זיין טולופעל, האָט פערריכט דעם הוט אויפ'ן קאָפ און האָט זיך ארויסגעלאָזט פון שטוב.

— זעה נור, אין צעהן מינוט ארום!—האָט שרה־רבקה איבערגעחזר'ט, אָניאָגענדיג דעם שליח אין פאָרהויז.

ס'זענען שוין אָבער אריבער דרייסיג מינוטען, און דער שליח איז נאָך ניט צוריקגעקומען. שרה־רבקה איז אויסער זיך געוועזען, איהר אונגעדולד איז געשטיעגען פון מינוט צו מינוט. אָט שטעהט זי אויף, אָט זעצט זי זיך אוועק, אָט געהט זי אוועק איבערן צימער הין און צוריק, אָט לאָזט זי זיך צום פענסטער ארויסקוקען, צו פאָהרט ניט דער שליח. אין ברוסט האָט געברויזט און געקאָכט, ווי אין אַ זידענדען קעסעל, זי האָט געסאָפעט און מיט די ציינער געסקריפעט. איהרע אויגען זענען געווען ארויסגעלאָצט און זענען אומגעשפרונגען, ווי ביי איינעם, וואָס געפינט זיך ביי אַ תהום, וואוהין מ'וויל איהם אריינשטויסען.

— אָ, גאָט מיינער!—האָט זי געזיפצט, ברעכענדיג די הענד אין שווידער.—דער גזלן וויל אונז אומברענגען. דאָס איז קלאָהר, ווי דער טאָג. אין אַ בייזער שעה האָבען מיר זיך צו איהם געווענדט נאָך אַ טובה. מיר האָבען געמיינט, אַז ער איז אַ גוטער פריינד, און ער איז גאָר אונזער ערגסטער שונא. נו, וואָס איז דיין עזריאל אַנ'עהרליכער מאַן אפשר, אַ פרומער יוד, האַ?—האָט זי געזאָרען, ווענדענדיג זיך צום מאַן. וואָס איז דאָ דערביי געזעסען אַ דערשלאָגענער.

ר' משה האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. ער האָט זיך גע־קנייטשט, געצויגען מיט די פּלייצעס, געקוקט אויף זיינע נעגיל און האָט קיין איין וואָרט ניט ארויסגערעדט.

ארום מיטטאָג איז אין צימער אריינגעפלויגען דער שליח זעלבסט, פערסאָפּעט, פערשוויצט און טרויעריג.

— נו, וואָס? — האָבען די גרוגימועסעם זיך אָנגעוואָרפע אויף איהם, האָבען איהם אָנגעחאַפּט פאר די קלאַפּעס פון זיין

איבער־מאַנטעל.—וואָס איז דאָרט געווען? נו, וואָס איז מיט'ן קעסטיל?

— פרעגט שוין בעסער נים,—האָט דער שליח טרויעריג געענטפערט, ניט קוקענדיג אויף די גרונימוסעס און זוכענדיג מיט'ן אויג אַ שטוהל, וואו ער זאָל קאָנען אָברוהען.

די גרונימוסעס האָבען איהם אַרויסגעלאָזען פון די הענד און געלאָזט זיך זעצען.

— וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען פאָרט?—האָבען זיי ווייטער געפרעגט.

— דער שליח האָט אַראָבגענומען דעם הוט און האָט זיך געפאָכעט אין פנים:

קורץ געזאָגט. ר' עזריאל איז אפּנים פון זינען אַראָב. ער האָט גערעדט אַ זעלבע זאַכען, אַז מיר איז נישט גוט געוואָרען, און איך האָב שיער ניט גע'חלשט.

— וואָס זשע האָט ער געזאָגט?

— פאַר איין מאָל וועט מען דאָס ניט איבערזאָגען אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט. איהר זאָלט עס גאָר ניט פערלאַנגען פון מיר. זאָלען אייך אַנדערע דערצעהלען, איך קאָן ניט—חאָטשי דער'הרג'עט—כ'קאָן ניט!

— וואָס אָבער, ער האָט אונז געזידעלט?

— אייך נור? ער האָט אַלעמען געזידעלט, אַלע יודען! ער האָט אַלעמען אָנגערופען בייזע גנזעצער, אויסגעקראָכענע שעפּסען און... מען קאָן עס נערענקען אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט?

— אָי, אַ נייער צורר ישראל — האָט שרה־רבקה בעמערקט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.—ער איז דאָך ניט קיין געבילדעטער, איז פון וואַנען קומט צו איהם דער קוראַזש? ווען פרומע יודען זאָלען אויך אָנהויבען חוזק מאַכען פון פּאָלק, איז וואָס וועט שוין פון אונז זיין?

— און מ'האָט איהם געשוויגען?—האָט ר' משה געפרעגט

— ניט נור געשוויגען, נור מ'האָט אורא געשריען, געדאַנקט געבענשט, און שיער איהם די פיס געקושט.

— משונה־מאָדנע!—האָט ר' משה בעמערקט.

— איבעריגענס,—האָט שרה־רבקה געזאָגט—וואָס גערעט

עס אונז אָן, איהם צו וויסען, איהם צו געניסען. זאָגט אונז בעסער, וואָס האָט עזריאל געטהון מיט אונזער קעסטיל?
— ער האָט עס אויפגעשלאָסען.
— וואָס הייסט?!—האָבען די גרונימוסעס אויסגעשריען, איבערקיקענדיג זיך צווישענאנד און בלאַס ווערענדיג. — ווי אַזוי האָט ער עס געטהון? ווי האָט ער עס געוואַגט? עס איז דאָך פערחתמעט געוועזען מיט מיין חתימה!
— ער האָט די חתימה אָבגעריסען, און דער שלאָסער האָט אויפגעעפענט מיט א שליעסעל.
— דאָס הייסט, אויפגעבראָכען;—האָט שרה-רבקה ריכטיג אָנגערופען ר׳ עזרירל׳ס מהאַט—ער וועט דערפאַר אין סיביר געהן!
— אין קעסטיל האָט מען געפונען זעכציג טויזענד רובל,—האָט דער שליח צוגעגעבען.
—יאָ, אַזויפיעל איז טאַקע געווען,—האָט ר׳ משה בעמערקט. זעכציג טויזענד, ווי איין קאָפּיקע.
— און אָט דאָס געלד—האָט דער שליח אַרויסגעזאָגט שוין דורכ׳ן נאָז און מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ,—דאָס געלד...
— דאָס געלד—האָבען די גרונימוסעס מעכאַניש נאָכגעזאָגט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען.
— דאָס געלד... מה... וועט איינגעטיילט ווערען צווישען אייערע קרעדיטאָרען!
— אַך!!—האָט שרה-רבקה אויסגעשריען, אָנחאַפּענדיג זיך פאַר׳ן קאָפּ. ווי עמיצער וואָלט איהר אַ קלאַפּ געגעבען.

זי האָט זיך פערלאָרען, זי האָט אַ טריט געמאַכט פאָראויס, און באַלד—צוריק, האָט זיך אַ שאָקעל געגעבען און איז שיער ניט אומגעפאלען, נור גרונימוס און דער שליח זענען בייצייטענס צוגעשפרונגען צו איהר, האָבען איהר אונטערגעחאַפּט און אוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל. זי האָט מיט תמ׳עוואַטע אויגען זיך אומגעקוקט אין צימער און איז געפאַלען אין חלשות.
— וואַסער! וואַסער! — האָט געשריען דער שליח און האָט זיך געלאָזט אין קיך אריין.

צו זיבעץ דעם זייגער אָווענדס איז אָבער שרה־רבקה אויף אַזויפיעל צו זיך געקומען, אַז זי איז אימשטאַנד געווען צוזאַמען מיט׳ן מאַן צוגעהן צו ר׳ עזריאל׳ן. זי איז בלאַס און געלב גע־ העץ און האָט אַ אונגעוועהנליכע שוואַכקייט און שוועדקייט געפיהלט אין גאַנצען קערפּער. דער מאַן האָט איהר געהאַט פאָרגעלעגט, זי זאָל בלייבען אין דער־היים, וואָרום ביי ר׳ עזריאל׳ן וועט זי זיך געוויס אייפּרעגען און וועט זיך נאָך מעהר ערגערן, נור זי האָט דערפון ניט געוואָלט וויסען.

— איך דאַרף געהן, איך דאַרף איהם אין פּנים אָנשפּייען דעם עוכר ישראל, ווען אַפילו דאָס זאָל מיר בעשטעהן אין מיין לעבען! — האָט זי אָבגעענטפערט.

ר׳ עזריאל׳ן און חנה־דבורה׳ן האָבען זיי דערוויסט ביי טיי־ טרינקען.

— זעצט אייך אַוועק, זעצט זיך, וועט איהר טיי טרינקען, — האָט מען איינגעלאַדען די גרונימוסעס.

ר׳ משה האָט זיך שטיל און אָנגעבלאָזען אַוועקגעזעצט אויפ׳ן סאָפקע ביי דער וואַנד, און שרה־רבקה איז, מיט פערי־ בראָכענע הענד און אַנ׳אראָבגעלאָזטען קאָפּ, עטליכע מינוט אַרומ־ געגאַנגען איבערן צימער אויף און אָב, גאָרניט אָבענטפערענדיג אויף חנה־דבורה׳ס איינלאַדונג צו זעצען זיך און טרינקען טיי. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגען ר׳ עזריאל׳ן און האָט אָנגעהויבען מיט פערדרוס און פאָרוואורף:

— אַזוי גאָר האָט איהר זיך בעגאַנגען מיט אונז, ר׳ עזריאל! אַזוי האָט איהר עס אונז אָבגעטהון, ווי אַ פריינד.

— מיך פערדריסט זעהר, וואָס ס׳איז אַזוי געשעהן, וואָס ס׳איז דערצו דערגאַנגען, נור אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זיין — האָט ר׳ עזריאל געענטפערט, אָבשטעלענדיג אָן אַ זייט זיין גלאָז טיי

— איהר זענט זיך בעגאַנגען מיט אונז, ווי אַ גזלן — האָט שרה־רבקה צוגעגעבען מיט דערמוזעלבען טאָן פון טרויער און פאָר־ וואורף, — איהר האָט אונז געקוילעט, אונז און אונזערע קינדער. האָט איהר גאָר קיין רחמנות ניט געהאַט אויף אונז?

— פאַרוואָס האָט איהר עפּיס קיין רחמנות ניט געהאַט אויף אַנדערע?

— אייך האָבען מיר דאָך אָבער קיין רעה ניט געטהון, אייך האָט דאָך אָבער פון אונז גאָרנישט ניט אַרויסגעקומען.

— ניט מיר, איז אַנדערע אַרויסגעקומען. איך וועל ניט ערלויבען אויך אַנדערע בעראַבעווען.

— וואָס נעהמט איהר זיך אָן עפּיס פאַר אַנדערע, וועל איך אייך פרעגען, — האָט שרה־רבקה אָנגעהויבען צו קאָכען זיך.

— איך נעהם מיך אָן אַזוי — האָט ר׳ עזריאל רוהיג געענטפערט, — ווי עס קאָן און ס׳דאַרף טהון יעדער עהרליכער מענש. אַז מען זעהט אַן עולה, דאַרף יעדער עהרליכער מענש ניט דערלאָזען דערצו, ווי נור ער קאָן.

— און מ׳האַלט נאָך אייך פאַר אונזערן אַ גוטען פריינד!

— טאַקע דערפאַר, וואָס איך בין אייערער אַ גוטער פריינד, וועל איך אייך ניט ערלויבען, ניט דערלאָזען, אַז איהר זאָלט בעגעהן אַזא שווערע זינד, פאַר וועלכע איהר וועט אַ סך דאַרפען אָבקומען אויף יענער וועלט.

— אויף יענער וועלט וועט יעדערער פאַר־זיך אָבקומען פאַר זיינע אייגענע זינד·

— אמת איז דאָס, אָבער אַ גנב, וועלכען מ׳האָפט ביי דער האַנד, ווערט בעשטראָפט אויך אויף דער וועלט. דער גיהינום איז זיך אַ גהינום, און דאָס גע׳גנבה׳טע דאַרף מען גלייך צוריק אָבגעבען... איבעריגענס, שרה־רבקה, האָב איך מיט אייך ניט וואָס צו טענה׳ן, און ס׳איז קיין צייט ניטאַ, איהר זענט אַ יודענע, און ביי אייך איז ווייבערשער שכל. איהר, ווייבער, איהר, וועט קיינמאָל ניט פערשטעהן די סאַמע איינפאַכע זאַכען. איהר זענט ווי קינדער.

— איהר הערט, איהר הערט, חנה־דבורה, וואָס ער זאָגט אויף אונז?—האָט זיך שרה־רבקה געווענדט צו דער ווירטהין, וואָס איז דאַן צוגעגאַנגען צום פענסטער נעהמען דאָרט איהר שטריקעריי. חנה־דבורה האָט אָבער גאָרניט געענטפערט און האָט נור אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד. ר׳ עזריאל האָט צוגעגעבען:

— נעהמט איהר אייך עפּיס אַריין אין קאָפּ, וועט מען אייך דערפון בשום אופן ניט אָבריידען, ווען מ׳זאָל מיט אייך טענה׳ן אפילו אַ גאַנץ יאָהר. יאָ, נור וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? יאָ,

אָט וואָס. איך האָב מיט אײַך קײן עסק ניט, שרה־רבקה. איך האָב נור אַ ג׳עסק מיט אײַער מאַן. משה!—האָט ער זיך געווענדט צו גרונימוס׳ן—וואָס האָסטו זיך דאָרט אַוועקגעזעצט? זעץ דיך אַוועק נעהענטער אַהער׳ איך דאַרף עפּיס איבערײַדען מיט דיר, און ניט מיט דײַן פרוי.

גרונימוס איז לאַנגזאַם, זיפצענדיג און ניט אויפהויבענדיג די אויגען, צוגעגאַנגען צום טיש און האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען ר׳ עזריאל׳ן.

— הער משה — האָט ער אָנגעהויבען, אַוועקלײגענדיג זײַן האַנד גרונימוס׳ן אויפ׳ן אַקסעל, — דו קאָנסט דאָך מיך, מיר זענען דאָך לאַנג־אָנינגע חברים, ווײסטו דאָך, אַז איך האָב פּײַנדט האַלב אַרבײַט. די זאַך איז נאָך ניט פערענדיגט.

— וואָס הײסט ניט געענדיגט?—האָט שרה־רבקה אויסגע־שריען.

—מ׳האָט געפונען זעכציג טויזענד,—האָט ער צוגעגעבען.— אָט דאָס געלד האָב איך פונאַנדערגעטײלט די קרעדיטאָרען.

—אָ—חאָ—חאָ!—האָט שרה־רבקה געקרעכטשט.—

— אָבער עס פעהלט דאָך אוים נאָך פינף און־פונפציג טויזענד רובל, און איך בין די קרעדיטאָרען ערב געווען, אַז דער חוב וועט זיי בעצאָהלט ווערען ביז אַ קאָפּיקע.

—ווער האָט אײַך געשטערט ערב צו זײַן, אַז מ׳האָט אײַך נאָרניט געבעטען וועגען דעם,—האָט שרה־רבקה בעמערקט, כאָטשי ר׳ עזריאל האָט זיך גאָר ניט צוגעהערט צו איהר.

— אַ ליגנער בלײַבען וויל איך ניט. וועט מען בעדאַרפען בעצאָהלען אויך אָט די פינף און פונפציג טויזענד רובל.

— צאָהלט אָב, אויב בײַ אײַך איז דאָ איבעריגע געלד און איהר האָט השק צו צאָהלען פאַר אַנדערע,—האָט ווידער שרה־רבקה בעמערקט.

— איז ווי זאָל זײַן מכח דעם?—דריקען דיך ווילען מיר ניט, דו קאָנסט עס אויסצאָהלען ראַטעסווײַז.

— ס׳איז אַ גמילות־חסד ס׳איז!—האָט שרה־רבקה בײַז אָבגעלאַכט. מיר וועלען עס אײביג ניט פערגעסען.

— איך וויל נור וויסען, — האָט ר׳ עזריאל צוגעגעבען, — צו בינסטו מסכים מיט דײַן גוטען ווילען צו צאָהלען און צו דו פער־

שפּרעכסט צו זיין רעיעל, אָדער דו מיינסט נאָך אַלץ אַרויסצו־ דרעהען זיך מיט׳ן הירוץ, אַז דו בינסט צורואינירט?

— זענען מיר אפשר נים צור־אינירט? — האָט שרה־רבקה געפרעגט, — איהר האָט דאָך ביי אונז אָבגענומען, וואָס מיר האָבען געהאַט און איהר האָט עס צוטיילט. וואָס זשע דאַרפט איהר נאָך פון אונז?

— פון איך קומט נאָך פינף און פופציג טויזענד.

— אָבער אַז ביי אונז איז ניטאָ, חאָטשי קיילעט?

— און דער מאַגאַזין? און דאָס הויז?

— אפשר וועט איהר נאָך פערלאַנגען אונזערע קישענס און פערענעס?

— ווען דער מאַגאַזין און דאָס הויז וועט ניט קלעקען אויף צו דעקען אינגאַנצען אייער חוב, וועלען מיר דערגעהן אויך צו אייערע קישענס און פערינעס.

— משה! — האָט שרה־רבקה אויסגעשריען, סקריהענדיג מיט די צייהן, — וואָס זיצטו דאָ, ווי אַ גילם? ענטפער איהם!

גרונימוס האָט אַ קרעכטש געטהון און, אָבגלעטענדיג די באָרד, האָט ער געזאָגט:

— ביי אונז איז נאָך דאָ צעהן טויזענד רובל מזומן. די סומע וועל איך מאָרגען צוטראָגען.

— וואָס?! — האָט זיך שרה־רבקה געוואָרפען צום מאַן מיט צונויפ־עדריקטע פויסטען און מיט שוים אויף די ליפען, — דו וועסט צוטראָגען? אָט וועל איך דיר לאָזען! אך דו, אַלטער שוטה, נאַר, גולם!

— שטיל! — האָט גרונימים פּלוצלונג אויסגעשריען אַזוי דרייסט און ענערגיש, אויפשפּרינגענדיג פון שטוהל. — שטיל, אַז דער מאַן איז דאָ! אַניט — קומט דיר על־פּי־דין אַגט אָהן כתובה!.. גענוג צו פיהרען די מאוסע הינטישע שטיק! אָט, וואו דאָס זיצט שיין ביי מיר!... הער, עזריאל, און אויך איהר, חנה־דבורה, ווי פאַר גאָט, שווער איך אייך מיט מיין חלק עולם־הבא, אויף וועלכען איך האָף, ווי יעדער עהרליכער יוד, — איך בין אין דעם אַלעם נאָר ניט שולדיג. דאָס האָט זי, די גזלנ׳טע, די בעגיערינע, פערמישט דעם גאַנצען מישמאַש! זי האָט זיך עס מתקנא געווען אָן פרעמדע, און האָט מיך דערצו צוגעצויגען, געצוואונגען דערצו, איך האָב

מיט געהאַלט, גאָט ווייסט, אַז איך האָב ניט געוואָלט נעהמען אויף זיך אַזאַ זינד אַזאַ בושה, נור זי, די גזלנ'טע, האָט מיך געצוואונגען. ביז איך האָט מיך פונאַנדערגעזעגנט;

— אַ מעסער אַהער! — האָט זי געשריען, אומלויפענדיג, ווי משוגע איבערן צימער און ברעכענדיג די הענד. — איך וועל זיך קוילענען! איך וועל מיך טרינקען! איך בין אַ גזלנטע, און ער איז — אַ צדיק! ער האָט ניט געוואָלט, און איך האָב איהם געצוואונגען! אָ, וואָס שוויינט מען פון הימעל אויף אַזאַ עולה? איך בין שולדיג, און ער איז גערעכט! אַ, איך וועל עס ניט אויסהאַלטען! אַ — חאַ — חאַ! און זי האָט זיך געוואָרפען אויפ'ן סאָפקע און זיך געשלאָגען מיט די פויסטען אין קאָפּ,

— שרה-רבקה, גאָט איז מיט אייך, — האָט חנה דבורה גע־וואָלט איהר איינשטילען. — בערוהיגט אייך, נעהמט איך ניט דאָס לעבען. מילא, וואָס עס טרעפט צווישען מאַן און ווייב? זיי זענען אַלע מאָל ביידע גערעכט און ביידע אומגערעכט. און איך פון מיינעם האָב גאָר וועניג? אַזאַ גורל האָבען שוין די ווייבער.

— אַ, איך וועל ניט אויסהאַלטען, חנה־דבורה — האָט שרה־רבקה געזיפצט, ברעכענדיג די הענד. — איהר ווייסט ניט, ווי ס'פער־דריסט. אָך, אָך...

— ווי איך האָב געזאָגט, אַזוי וועט זיין, — האָט גרונימוס צוגעגעבען נאָך דרייסטער און ענטשליעסענדער. — די צעהן טויזענד וועל איך צוטראָגען מאָרגען. און די איבעריגע וועל איך אויס־צאָהלען מאָנאַטליך, ווי ס'וועט מעגליך זיין. איך וועל ניט דערעסען, ניט דערטרינקען, נור די קרעדיטאָרען וועלען זייערס בעקומען אינ־גאַנצען און מיט די פּראָצענטען. משה גרונימוס איז אַלע מאָל געווען אַנ'עהרליכער מאַן און וועט אַזאַ שוין שטאַרבען. אַביסעל האָב איך מיך בענאַרישט, וואָס איך האָב נעהערט דעם שטן, נור איצט וועט דאָס ניט זיין.

— אַ, איצט דערקען איך אין דיר ווידער מיין חבר און פריינד. האָט ר' עזריאל אַרויסגעזאָגט, דערלאַנגענדיג איהם די האַנד.

— הייסט עס, שלום? — האָט דער לעצטער געפרעגט, אָנ־נעהמענדיג די אויסגעשטרעקטע האַנד. — דו עזריאל וועסט מיך ניט פעראַכטען, ניט האַלטען מיך פאַר אַ מנוול?

— שלום, שלום לקרוב ולרחוק—האָט ר׳ עזריאל פרעהליך אַרויסגעזאָגט, פּאַטשענדיג מיט די הענד.

די אַלטע האָבען זיך אַרומגענומען און ציקושט, דערנאָך איז ר׳ עזריאל אויף אַ ווײַלע אַוועק אין קאַבינעט, איז פון דאָרטען צוריקגעקומען מיט צוויי שליסלעך אין האַנד און, אָבגעבענדיג זיי גרונימוס׳ן, האָט ער געזאָגט:

— אָט האָסטו דיר די שליסלעך פון מאַגאַזין. עפען אויף און האַנדעל מיט אַזאַ הצלחה, ווי פריהער, און זאָל גאָט העלפען דיר און אַלע יודען צו זיין עהרליכע סוחרים, בענוגענען זיך מיט די אייגענע און ניט פערלאַנגען קיין פרעמדע.

— אמן!—האָט גרונימוס פרום אַרויסגעזאָגט.

אַז די גרונימוסעס זענען צוריק אַהיים געקומען, האָט שרה-רבקה איהר גאַנצען כעס און ביטער אויסגעלאָזען צו איהר מאַן. נור אין דער ברוויזענדער סצענע האָט מיט איהר געטראָפען אַנ׳אַפּאָפּלעקסיע, און ביי איהר האָט אָבגענומען די לינקע האַנד און די לינקע פוס.

ביי דער בעט פון דער קראַנקער זענען די נאַכט געשטאַנען דער מאַן, בעני, ראשעל, ברעגיטאַ און די מוהמע אננאַ, און יעדער-רער פון זיי האָט פאַר זיך געטראַכט: „דאָס איז גאָטעס שטראָף״.

XXVII.

ליעבע און אַרבייט.

— ווידער שוין [redacted]אַוועק איבערן צימער!... ווידער שוין מאַטערן דעם מחו... אַ גאַנצען טאָג אַרבייטען, ווי אַנ׳אָקס — פרי-הער אין שול און דערנאָך אויף פּריוואַטע לעקציעס; עסט ניט אַפילו ווי דער סדר איז, נור אָבגעהאַפּט. אייַלענדיג, ווי מ׳וואָלט אַ׳ן אָקען געטריבען! און ביי-נאַכט איז ווידער קיין רוה ניטאָ; אָדער מיט אַ ביכעל, אָדער מיט אַ פעדער און דער האַנד אַ גאַנצע נאַכט.. און צו וואָס האָרעוועט ער אַזוי פיעל? צי דען אַ ווייב און קינדער בעטען ביי איהם עסען? ער איז דאָך איינער אַליין, און איך האָב מיך אויך דאָ צוגעקלעבט, — דאַרפען מיר דען אַ סך? איין מאָל אין אַ מעת-לעת איבערבייסען עפּיס, צוחאַ-פּען אַ ביסעל זופּ — איז שוין אונז גענוג, זענען מיר זאַט. מיר

זענען דאָך נים קיין אויסבערעננער, אָך—חאָ, חאָ— דו אַליין האָסט אויף זיך קיין רחמנות נים, מיין יענקעלע, פונקט ווי דו וואָלסט געווען פון אייזן...

אזוי האָט פאַר זיך געמורמעלט אַ קליינע און שוואַכע אַל־טיטשקע, אָרעם אָבער זויבער געקליידט, זיצענדיג אין אַ קליינעם, אָבער בעקוועמען און ציכטיגען צימערל און שטריקענדיג אַ זאָק. נעווען איז עס עלף דעם זייגער אָווענדס. אויפ׳ן טיש, וואָס אין נעדעקט געווען מיט אַ קאָליערטען סערוועט, האָט געברענט נים קיין גרויסע לאָמפּ אונטער אַ מילך=ווייסען קאָלפּאַק. די לאָדענס זענען געווען פערמאַכט, די פאָרהאַנגען אַראָבגעלאָזט, נור די טהיר אין פאָרהויז אינגאַנצען אָפען—אויף דורכצולופטערן, וואָרום דרויסען איז געווען שטאַרק היים און אין צימער מיט׳ן ניעדעריגען סופים איז געווען שטיקענד, חאָטשי אויף די פענסטער זענען געשטאַנען גלעזער מיט בינדלעך פרישע מאַי־בלומען. ביים סאַמע שוועל איז אין אַ האַנד־קיישעל געלעגען אַ קליין קעצעלע און גע־שלאָפען. פון דעם דערבייאיגען צימער אַהינטער דער טהיר מיט די ציצענע פאָרטיערען האָבען זיך געהערט פעסטע און סקריפּענדע טריט פון אַ מאַנספּערזאָן, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אויף און אָב.

— און אפשר האָט ער עפּיס אַ דאגה? — האָט די אַלטי־טשקע ווייטער געטראַכט אויפן קול.—ער וועט דאָך מיר קיינמאָל נים זאָגען, ווען ס׳איז ביי איהם דאָ עפּיס אויפ׳ן האַרצען, ער האַלט עס אין זיך, און מיך היט ער אָב, פונקט ווי מיר איז עפּיס לייב־טער, ווען איך ווייס נים, וואָס פאַר אַ אַנגסט ס׳איז ביי איהם. נור איך זעה, איך פיהל, ווי ס׳נאָגט איהם און זויגט אויס. אָך—חאָ—חאָ! נים גוט איז מיט קינדער, וואָס אַכטען נים די על־טערן, אָבער ס׳איז אויך קיין נחת נים פון קינדער, וואָס לאָזען אויף דיר קיין שטויב נים פאַלען. דאָס האַרץ איז כסדר נים רו־היג, קיינמאָל ווייס מען נים, צי דאָס קינד איז צופריעדען, צי איז עס גליקליך, וואָרום עס שטעלט נור אָן אַ פרעהליך פּנים, און אויפ׳ן האַרצען ווער ווייסט, ווי ס׳איז... מיט יענקעלען איז אַלע מאָל אַזוי: אַלץ איז גוט און גוט. אָבער מיין מוטערליכע האַרץ פיהלט, אָ, ווי ס׳פיהלט, אַז ס׳איז נים גאָר גוט, נור ער זאָגט גאָר נים אַרויס, ער האַלט אין זיך. איך בין אפילו נים קיין גרוי־

סע בעל־שכל, און וואָס פאַר א שכל אומשטיינס געזאָגט איז דאָ ביי אַ פשוטער יודינע?—פונדעסטוועגען האָב איך זיך שוין גענוג אָנגעזעהן אויף מיין לעבען, און פאַר קיין נאַר האַלט מען מיר אויך ניט,—וואָלט זיך טאקי ביי מיר נעפונען אַ מאָל אַן עצה פאַר מיין איין־איינציג קינד, ווען עס זאָל נור ביי מיר פרעגען... אָט איז שוין אַ שעה אויפ'ן זייגער, ווי ער וואַרפט זיך אַרום פון איין ווינקעל אין אַנדערן, ער געפינט פאַר זיך קיין אָרט ניט, סכתמא טהוט איהם עפּיס באַנג, און איך דאַרף זיצען ווי א נאַר און שווייגען.

די טריט אין דעם דערבייאינען צימער האָבען אויפגעהערט. —שש... שטיל... האָט די אַלטע אַרויסגעזאָגט, צולעגענדיג אַ פינגער צו די ליפּען און צוהערענדיג זיך.—א פּנים, אַז ער האָט זיך געלעגט שלאָפען, אָדער ער האָט זיך גענומען שרייבען. ווייניג נאָך אָנגעהאָרעוועט זיך פאַר אַ גאַנצען טאָג, ווייניג נאָך דאָס האַרץ געריסען מיט קינדער און מיט גרעסערע! דאַרף ער נאָך די אויגען פטר'ן מיט'ן שרייבען די קליינע אותיות'לעך...

זי האָט א זיפץ געטהון, האָט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ, זי האָט אַ ווילע געשוויגען און ניט געשטריקט די זאָק, צוהערנדיג זיך, וואָס טהוט זיך אין צווייטען צימער.

— מ'דאַרף פונדעסטוועגען אַ קוק טהון, וואָס טהוט ער, צי האָט ער זיך געלעגט, צי ניט.

זי איז אויפגעשטאַנען און שטיל אויף די שפּיצען פינגער איז זי צוגעגאַנגען צום טהיר און צולעגענדיג אַן'אויג צום שפּעל־טיל פון שליעסעל, האָט זי זיך צוגעקוקט.

— ניין, ער האָט זיך ניט געלעגט און ער שרייבט ניט אויך. ער זיצט און טראַכט,—האָט די אַלטע געזאָגט, ניט אַוועק־געהענדיג פון טהיר.— אָט אַזוי וועט ער זיך אָבמאַטערן אַ גאַנ־צע נאַכט, און מאָרגען וועט איהם דער קאָפּ וועה טהון... מ'דאַרף צו איהם אַריינגעהן בעטען, זאָל ער מיר עפּיס לייענען פון זיינע דייטשע ביכלעך. דאָס וועט זיין אומעט פערטרייבען, ער וועט אויפהערן צו טראַכטען און וועט זיך לעגען שלאָפען. געהן, צי ניט?

א פּאָר מינוט איז זי געשטאַנען און איבערגעטראַכט, קראַ־

צענדרינג מיט'ן שפּיזעל אין שלייף, און דערנאָך האָט זי זיך בעשלאָסען:

— יעקב'קע! יעקב'קע־קרוין! — האָט זי שטיל אָנגעקלאַפּט אין טהיר. — מ'קאָן צו דיר אַריין?

— מ'קאָן, מאַמינקע, מ'קאָן, — האָט זיך געהערט אהינטער דער טהיר, וואָס האָט זיך גלייך אויפגעעפענט, און די אלטע איז אַריין:

דער צימער איז געווען עטוואָס גרעסער פון דעם ערשטען, נור מעבלירט איז ער געווען אָרימער און אָבנעלאָזענער. אַ גרויסע און ברייטע סאָפקע, מיט בלויהען ריפּס בעצויגען, אַ שרייב־טיש מיט אַ גרויסען פּאָטער־שטוהל דערביי, צוויי שטוהלען, אַ קליידער־אַלמער, אַ וועש־טישעל אין איין ווינקעל און אַ טישעל אויף איין פוס אין אַ צווייטען ווינקעל. ביי איין וואַנד איבער דער גאַנצער ברייט האָבען זיך געצויגען פּיער פּאָליצעס, געדיכט אָנגעשטעלטע מיט פערשיעדענע ביכער, און די איבעריגע ווענד זענען געווען אַרומגעהאַנגען מיט געאָגראַפישע בילדער, חראָנאָלאָגישע טאַבעלען און ליטאָגראַפישע פּאָרטרעטען פון פערשיעדענע צייטען און פעלקער. דער גאַנצער צימער האָט אויסגעזעהן, ווי אַן אַרביטס־קאַבינעט פון אַ אָרימען געלעהרטען, וואָס דאַרף זיך בעגנוגענען נור מיט דאָס נויטיגסטע. די אָרעמקייט שטערט אָבער ניט אַזעלכע קאַבינעטען צו זיין די וואַרשטאַטען, פון וועלכע עס קומען אַרויס אָפטמאָל די רייכסטע ווערק פון דעם מענשליכען פערשטאַנד און גייסט, און די וואָס אַרביטען אין זיי זעהען אָפטמאָל אויפ'ן וואָהר אַזעלכע זיסע חלומות, אָן וועלכע עס קאָנען זיך מתקנא זיין פיעל רייכע, וואָס אין זייערע פיינע קאַבינעטען שטאַרבען זיי פון אומעט און גייסטיגער וויסטענים: אַלזאָ, רעספּעקט פאַר די אָרימע קאַבינעטען! זיי זענען הונדערט מאָל רייכער פון די רייכסטע קאַבינעטען פון די לייז־ליידיגע מיליאָנערען.

אויפ'ן פּאָטער־שטוהל, וואָס איז עטוואָס אָבגערוקט געווען פון שרייב־טיש, איז געזעסען אַ הויכער יונגער מאַן, מיט בלאָנדע קורץ געשאָרענע האָר אויפ'ן קאָפּ און געדיכטע באַקענבאַרדען וואָס האָבען אַרומגעקרייזט זיין אויסדריקליכען, אינטעליגענטען און גאַנץ אַנגענעהמען פּנים מיט קוים קענטיגע זומער־שפּרינקלעך, וואָס האָבען זיך זעהר געפּאַסט צו דער עטוואָס פערברענטער

הויט, און ס'האָט זיין צו־ערנסטען געזוכט צוגעגעבען עטוואָס א בילדען, גוטמוטיגען אויסדרוק. לויט אָט די פיזישע סימנים וועלען די לעזער אפשר דערמאָנען זיך, אז זיי האָבען איין מאָל געזעהן אָט דעם יונגען־מאַן ביי ר' גרונימוס'ן אין גאַסט־צימער, און טאַקי אין יענעם אָוועגד, ווען ער האָט א נעשפּרעך געפיהרט וועגען ליטעראַטור מיט די „געענדיגטע", און איצט שוין חתנים פון פרייילין ראַשעל און פרייילין בריגיטאַ. דער יונגער מאַן איז געווען יעקב איסאַאַקאָוויטש שווערזנער, א לעהרער פון דער יודישער שול אין ג.

די אַלטע וואָס איז אַריין אין צימער, זיין מוטער פרומע האָט צוגערוקט א שטוהל צום טיש און האָט זיך אוועקגעזעצט אנטקעגען איהר זוהן.

— ס'איז מיר אומעטיג געוואָרען צו זיצען אליין,—האָט זי אָנגעהויבען, ווי פערענטפערענדיג זיך. — נו, טראַכט איך מיר, דאַרף מען גאָר אַריינגעהן צו דיר, אפשר וועסטו מיר עפּיס לייענען פאַר'ן שלאָף. איך האָב דיר ניט געשטערט, האַ? דו שעם דיך נישט, זאָג דעם אֶמת. איך קאָן אַוועקגעהן.— און זי האָט זיך געוועין אויפגעהויבען פון שטוהל.

— ניין, מאַמע, זיץ דאָ,— האָט דער יונגער מאַן אַרויסגעזאָגט, אויפשפּרינגענדיג פון שטוהל און אַוועקזעצענדיג צוריק די אַלטיטשקע.—דו שטערסט מיר גאָר ניט, אַדרבה, איך בין זעהר צופריעדען, וואָס די בינסט אריין. איך האָב איצט גאָרניט נים געטהון, איך בין נור גלאַט אזוי געזעסען און...

— און געטריקענט דעם מח?

— ס'הייסט געטראַכט, בעטראַכט עפּיס... וואָס קוקסטו אזוי אויף מיר, מאַמינקע?

— וואָס קוק איך?—האָט די אַלטע איבערגעפרעגט, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.—ווי זשע זאָל איך ניט קוקען, אז איך זעה, ווי די אַנגסט עסט דיך אויף, א דאגה נאָגט דיך, און דו שווייגסט!

— אַנגסט? דאגות? האַ—האַ—האַ! — האָט זיך דער יונגער מאַן פרעהליך צולאַכט.—וואָס פאַר א אַנגסט? וואָס פאַר א דאגה? ווער האָט עס דיר געזאָגט?

— קיינער האָט מיר ניט געזאָגט. איך זעה אליין. איך

האָב דען קיין אויגען ניט? דו שלאָפסט ניט, דעם אַפּעטיט האָסטו אָנגעוואָרען, בינסט אַראָב פון פּנים. אפשר ניט אַזוי?

— יאָ, אָבער דאָס איז גאָר ניט פון צרות, מאַמינקע, נור..

— פון וואָס זשע דען?

— פון פרייד.

— פון פרייד? נו גוט, זאָל זיין פון פרייד. הייסט עס, אַז דו דאַרפסט פון מיר אָט די פרייד בעהאַלטען? איך וועל עס ביי דיר אָבנעהמען? איך וועל עס פאַר זיך צונעהמען, יאָ? אַ שונא בין איך דיר? אַ שטיף-מוטער, צו אַ פרעמדע יודינע? זעהר פיין, זוהן מיינער. מ'דאַרף עס געדענקען, אַז איך בין דיר אַ פרעמדע.

זי האָט זיך אָנגעבלאָזען, האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט זיך צעוויינט.

— נו, זיי מיר מוחל, מאַמע,—האָט ער איהר אָנגעהויבען צו בערוהיגען און די הענד קושען.—ווי איך בין אַ יוד, אַז איך האָב דיר ניט געוואָלט אָנטהון קיין עגמת-נפש. דו קענסט דאָך מיך, אַז איך האָב ניט ליעב צו ריידען ווענען אַ ענין, וואָס איז ביי מיר נאָך ניט בעשלאָסען.

— קאַפּינע דער טאַטע,—האָט די אלטע בעמערקט מיט אַ זיפץ.—ער, עליו-השלום, פלעגט אויך אַלץ האַלטען אין זיך, סיי אַ שמחה, סיי אַ עגמת-נפש. נור אַז אַלץ געהט שוין דורך, דאַן טהוט ער זיך אַ זאָג. פּרומטשע, דו ווייסט, פון וואָס איך בין יעדע וואָך צופריעדען געוועזן? פּרומטשע, דו ווייסט פון וואָס איך האָב נעכטען אַ פּערדרוס געהאַט? פּונקט, ווי פּרומטשען געהט עס גאָר ניט אָן. פּרומטשע אָבער זעהט שוין אויפ'ן פּנים די פרייד אין זי פרעהט זיך אויך, ניט וויסענדיג פון וואָס, און פּרומטשע דערשפּירט אויך אַן'עגמת-נפש און געהט אוים פון אַנגסט.

— דו בינסט, מאַמינקע, גערעכט,—האָט יעקב בעמערקט, אָבגלעטענדיג זיינע באַקענבאַרדען,— נור אַ נאַטור קאָן מען ניט אוממאַכען. איצט, אמת, קאָן איך שוין דיר דערצעהלען,—און ער האָט זיך צוגעזעצט נעהנטער צו איהר און האָט איהר קליינע צוקנייטשטע הענטיל אַריינגענומען אין זיינע הענד.—דו געדענקסט דעם אינזשענער, ביי וועלכען איך האָב אַ לעקציע געגעבען, בעת מיר האָבען געוואוינט אין ב.?

— איך געדענט, איך געדענק,—האָט די אַלטע געענט-

פערט.—ווי זאָל מען עס ניט געדענקען אזא גוטען פריץ?! וויע־פיל מתנות האָט ער דיר אָנגעגעבען, ווען מיר זענען אריבערגע־פאָהרען אהער אויף דער שטעלע!

— איז אָט דער פריץ רופט מיך איצט צו זיך. ער האָט זעהר אַ גוטע שטעלע בעקומען ביי דער באַהן, שרייבט ער, אז איך זאָל צו איהם קומען, וועט ער פאַר מיר אַ גוטע שטעלע שאַ־פען: מויזענד צוויי הונדערט רובל געהאַלט אין אַ דירה מיט בע־הייצונג און בעלייכטונג. אויסער דעם, וועל איך נאָך האָבען ביי איהם אַ לעקציע: זיינע יונגערע קינדער זענען אונטערגעוואַקסען און זיי איז שוין צייט צו לערנען, זיך פאָרבערייטען צו אַ שול. יאָ, האָב איך עס די טעג ארומגעטראַכט אלץ, צו זאָל איך עס אָננעהמען?

— וואָס הייסט?—האָט זיך די אלטע פערוואונדערט — ביי דיר איז נאָך אַ פראַגע. צי אָננעהמען אָדער ניט? וואָס איז דיין איצטיגע שטעלע אַ בעסערע דען?

— כ׳ווייס, אז ניט קיין בעסערע. אָבער איך ווייס ניט, צי וועל איך טויגען אויף דער נייער שטעלע? לעהרער—איז ביי מיר שוין אַ איינגעוואוהנטע זאַך: זיעבענצעהן יאָהר ווי איך בעשעפטיג זיך דערמיט, איך האָב עס שוין ליעב געקראָגען און איך ווייס, אַז איך בין אַ גוטער לעהרער, איך ברענג נוצען און מיין ברויט איז ניט אומזיסט. אָבער דאָרט, אויף דער נייער שטעלע, נאָט ווייסט, צי וועל איך טויגען. און פערנעהמען אַ שטעלע אזוי זיך ניט אַ דאַנק זיך זעלבסט, דער אייגענער מיה און פעהינקייטען, נור בלויז מיט׳ן חסד פון דעם פערוואלטער, בעקומען געהאַלט אומזיסט—דאָס וויל איך ניט, דאָס איז מאוס, מיינשטאָלץ ער־לויבט עס מיר ניט. דו ווייסט דאָך, מאַמינקע, אז איך בין שטאָלץ, און ווען איך וועל בעמערקען, אז איך האַלט זיך אויף אַ שטעלע נור צוליעב עמיצענס חסד, וועל איך דאַן זיין דער אומגליקליכ־סטער מענש אויף דער וועלט!

— זוהן מיינער, אָבער וויבאַלד דער אינזשענער לענט דיר פאַר די שטעלע, מסתמא ווייס ער דאָך, אז דו טויגסט דערצו. ער קען דאָך דיך זעהר גוט.

— נו, לאָמיר רעכענען, אז יאָ,—האָט יעקב מסכים גע־ווען,— אָבער... אָבער... דו, מאַמינקע, וועסט געווים פון מיר

לאכען, ווען איך וועל דיר זאָגען, אז ס'טהוט מיר פשוט באנג צו צושיידען זיך מיט דער לעהרעריי.

— וואָס׳ עפּיס? וואָס פאַר א נחת האָט עס דיר פערשאַפט.

— אָ, דו קאָנסט זיך נאָר ניט פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ פערגניגען דאָס איז, איבערצונעהמען אויף דיין השגחה אַ ווילדען קינד, פשוט אַ צווייפיסיגע חיה׳לע, וואָס פערשטעהט נאָך גאָר נישט. און צוצוזעהן, ווי אָט דאָס חיה׳לע ווערט פאַר דיינע אויגען ביסלעכווייז אַרומגעשליפט, ווערט ליטיש, הויבט אָן צו פערשטעהן, צו דענקען, צו טראַכטען און צו שטעלען דיר פלוצלונג אַזעלכע פראַגען, אויף וועלכע מ׳דאַרף נאָך אַליין דעם קאָפּ ברעכען, קורץ, עס ווערט אַ מענש, ביי וועלכען מ׳וועט נאָך אפשר מיט דער צייט דאַרפען זיך לערנען. און דאָס וויסען, אז דו האָסט עס מיטגעבראַכט אָט די מענשליכע ענטוויקלונג פון דעם געוועזענעם חיה׳לע, אז דו האָסט דאָס אויפגעוועקט. בעאַרבייט און אויף גאָטס וועלט אַרויסגעפיהרט פון איהם די פערשלאָפענע קראַפט און פעהיגקייטען, — אָ. דאָס איז אַ גרויסער פערגניגען. דאָס קאָן פערשטעהן און פיהלען נור אַ לעהרער, וואָס קוקט אויף זיין בעשעפטיגונג, ניט ווי אַ בעל-מלאכה.

די פשוטע פרומע האָט אין דעם גאָרנישט ניט פערשטאַנען און זי האָט פערוואונדערט געקוקט אויף איהר זוהן, האָט געצווינען מיט די אַקסלען און געשוויגען. יעקב אָבער האָט זיך דערהיצט פון זיינע אייגענע געדאַנקען, האָט ער ניט בעמערקט זיין מוטערס ערשטוינונג און ער האָט ווייטער גערעדט:

— אויסער דעם. וועט די נייע שטעלע געווים אַוועקנעהמען ביי מיר אַ סך צייט אויף פערשיעדענע קענטשאַפט און וועלטליכע העפליכקייט, איך וועל זיך מוזען צושיידען מיט מיין היימישער אַרבייט, וואָס שאַפט מיר אַזוי פיעל גייסטיגע בעפריעדיגונג. איך וועל מוזען וואַרפען די ביכער, וואָס ס׳איז שוין ביי מיר אַ נויטווענדיגקייט געוואָרען. ליטעראַטור, לעזען — דאָס איז מיין גאַנצע נשמה. און איך וועל ניט קאָנען ניט לייענען, ניט שרייבען — אָט וואָס ס׳איז מיר אַ שאָדען!

— איז עס דיר אויך אַ דאגה,—האָט זיך ענדליך אָבגערופען פרומע, וואָס האָט געמיינט. אַז איצט האָט זי שוין פערשטאַנען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.—דו וועסט ניט קאָנען שריי-

בען, וועסטו ניט שרייבען. כ'אַראַ אומגליק דאָס איז! ווענ'ג האָסטו זיך „אָנגעשריבען" ביז אהער? דאָס גאַנצע לעבען דאַרף מען זיך עס לערנען שרייבען? מיר דוכט זיך, אַז ביי דיר איז אַ כתב... אויף אַלע יורען הלואי!

די ווערטער פון דער פּשוט'ער יודינע האָבען, ווי מיט קאַלטע וואַסער אָבגעגאָסען דעם צעהיצטען יונגען-מאַן. איצט ערשט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט דאָ גאָר ניט געהאַט פאַר וועמען אַרויסצורייד׳ן זיינע פלאַמענדע ווערטער. ער האָט, שמייכלענד, אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און געזאָגט:

— יאָ, דערצו איז דאָ אַ תּרופה. איך האָף, אַז מיר וועט געלונגען איינצואָרדנען זיך אַזוי, אַז איך זאָל ניט אָבשטעהן אינ'ם לעזען ביכער. נור דאָ איז פאַרהאַן נאָך אַ אומבעקוועמער פּרט, וואָס „טריקענט מיר מיין מח", ווי דו האָסט ערשט זעהר גוט געזאָגט.

ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען דעם צימער, דערנאָך האָט ער זיך צוגעזעצט אויף זיין פריהערינען אָרט און געזאָגט:

— איצט, מאַמינקע, וועסטו פון מיר דערהערען אַ גרויסע נייעס. אַ נייעס, וועגען וואָס, דו האָסט שוין לאַנג ניט געטראַכט און ניט גערעכענט...

די אַלטע האָט אויסגעגלאָצט די אויגען און אָנגעשטעלט די אויערן.

— מאַמע, איך האָב בדעה... חתונה צו האָבען.

— וואָס? חתונה?—האָט די אַלטע פרעהליך אויסגעשריען, פּאַטשענדיג מיט די הענד און איהר פּנים האָט זיך גערויטעלט פון פרייד.—אָ, זוהן מיינער. גאָט אַליין האָט דיר ענדליך אַזא גוטע דעה געגעבען צו לעבען, ווי אַלע מענשען לעבען... איך אַליין נור ווייס, ווי איך האָב זיך שטענדיג מצער געווען, וואָס די יאָהרען געהען אַוועק, און דו זיצסט אַ בחור, אָהן אַ פרוי, אָהן אַ היים... איך האָב שוין די האָפנונג געהאַט פערלאָרען צו דערלעבען דיין חתונה, זעהן דיך אַלס פאָטער, און איך זאָל זיין אַ שוויגער, אַ באָבע. איך פלעג אין זיך די טרערען שלינגען און שווייגען, ווייל איך האָב דאָך אַליין געזעהן, אַז ביי היינטיגען יקרות האָסטו ניט פון וואָס אַ בעל-הבתישקייט צו פיהרען. איצט אָבער—

זאָל נאָר נאָך געזונד געבען דעם גוטען פריץ—אַז דו בעקומסט אַזאַ גוטע שטעלע, וועט שוין אַ זינד זיין, אַז דו זאָלסט אַלץ בליי־בען זיצען ווי אַ „וואָקאַלאַק". האָב חתונה, זוהן מיינער, האָב חתונה, כל־זמן די צייט איז נאָך ניט אַריבער.

— מיט וועמען?

— מיט וועמען? קנאַפּ מיידלעך זענען פאַראַן? יעדערע וועט מיט פערגניגען חתונה האָבען מיט דיר.

— אפשר, יאָ, אָבער מיר איז שוין פינף און דרייסיג יאָהר. חתונה האָבען מיט אַ יונג מיידעל טויג מיר ניט: אַ יונג מיידעל איז פאַר אַ יונג בחור, איך בין פאַר אַזאַ קיין פּאָר ניט. חתונה האָבען מיט אַן אַלטע מויד איז קיין חשק ניטאָ — אַלטע מיידלעך זענען דאָס רוב עפּים אַזעלכע מאָדנע. קאַפּריזנע און אַלע מאָל האָבען זיי אַ חשק צו ווערען די פיהרער פון זייערע מאַנען, און איך וויל עס כלל ניט. דעריבער האָב איך בעשלאָסען, אויב יאָ חתונה האָבען, איז מיט אַ פרוי אונגעפעהר פון מיינע יאָהרען. אַזאַ פרוי קאָן מיט מיר זיין אַ פּאָר.

— אַ פרוי, איז אַ פרוי. ס'זענען דאָ גענוג אי אַלמנות, אין גע'גט'ע. מיר וועלען זוכען, וועלען מיר מיט גאָט'ס הילף געפינען.

— איך האָב שוין אַליין געפונען אַן'אַלמנה, און דו קענסט איהר אויך.

— ווער איז זי?

— אננא סאַמאָילאָוונאַ.

— איך געדענק עפּים גאָר ניט אַזאַ.

— נו חנהצקע, מיין חנהצקע, ווי דו פלעגסט איהר שטענ־דיג אָנרופען, בעת מיר האָבען נאָך געוואוינט אין ב. דער מאַ־דאַם גרונימוס שוועסטער, ווייסטו?

— אָ, מיין חנהצקע! — האָט זיך פרומע דערפרעהט, — אַ וואוילע פרוי, אַ קלוגע, אַ דעלעקאַטע און אַ געלערנטע. זעהר גוט. נור, זוהן מיינער... זי איז, דוכט זיך, עלטער פון דיר.

— מיט פיער יאָהר, אין זעהן זעהט זי אויס מיט צעהן יאָהר יונגער פון מיר. נור וואָס מאַכט עס אויס, עלטער צי יונ־גער, אַבי זי געפעהלט מיר, זי געפעהלט מיר אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב בעשלאָסען חתונה צו האָבען אָדער מיט איהר, אָדער מיט קיינעם ניט

— איז האָב חתונה מיט איהר! איך בין מסכים.

— איך ווייס אָבער נים, צי וועט זי מסכים זיין?

— אַזוי גאָר! זי וועט נאָך נים וועלען! רעכענט זי דען נאָך אויף בעסערס?

— צי זי רעכענט, צי נים—ווייס איך נים, איך ווייס נור, אַז צו איהר שדכנ'ט זיך איינער אַ היגער סוחר, זעהר אַ רייכער, און זי האָט איהם פאָריגע וואָך לחלוטין אָבגעזאָגט.

– אפשר איז ער שוין אַ שוואַכער, אַן אַלטער?

– ניין, נים קיין אַלטער, אין מיינע יאָהרען, עטוואָס נאָך יונגער פון מיר, איינער אַ ה' רויכמאַן.

— דאָס איז מאָדנע, עפּיס זעהר מאָדנע, — האָט די אַלטע זיך געוואונדערט. — איבריגענס, פרעגען מאָג מען, ס'דאַרף צושיקען אַ שדכן, וועלען מיר וויסען, וואָס זי טראַכט.

— ניין, מאַמינקע, דורך אַ שדכן איז אונבעקוועם. איך קען זי, מיט אַ שדכן וועט זי גאָר נים וועלען רעדען, און איך וויל טאַקי אויך נים, אַז דאָס זאָל געהן דורך אַ שדכן.

— איז אפשר אַליין? דו קומסט דאָך אריין צו איהר?

— זעהר אָפט. זינט זי איז בּיי איהר פּלימעניק, בּיים יונגען גרונימוסען, בעזוך איך איהר אַמאָל דריי אין וואָך. ס'איז אָבער... יעדעס מאָל, ווען איך וויל מיט איהר פערפיהרען אַ געשפּרעך וועגען דעם, נעהמט בּיי מיר אָב די צונג, און אין האַלז טריקענט מיר עפּיס, איך שעם מיך און שרעק זיך. און איך בין דאָך מיט איהר בעקאַנט שוין צוועלף יאָהר און זי איז צו מיר זעהר גוט געשטימט.

— וואָסזשע זאָל מען טהון? — האָט פרומע טרויעריג געפרעגט. זי האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט זיך פערטראַכט. יעקב איז אויסגעשטאַנען און איז ווידער אַוועק איבערן צימער, גלעטענדיג זיין קורץ געשאָרענעם קאָפּ. לאַנג האָבען די מוטער און דער זוהן געשוויגען. דער זייגער מיט'ן קוקו אין דערבּייאיגען צימער האָט אָבגעשלאָגען צוועלף.

— אָט וואָס, זוהן מיינער,—האָט די אַלטע איבערגעריסען דאָס שווייגען, איז אויפגעשטאַנען און האָט יעקב'ן אָבגעשטעלט אין גאַנג.—איך וועל אַליין צו איהר אַריין, כ'וועל איהר מאַכען אַ וויזיט.

— נו?

— אין כ'וועל מיט איהר דורכשמועס'ן אזוי... איידע-לערהייד.

— וואס, דהיינו, וועסטו איהר זאגען?

— כ'וועל שוין ווייסען. וואס צו זאגען. וואס וועלען ביי מיר חערטער אויספעהלען? גאט וועט שכל געבען.

— צי פאסט עס אבער?

— פארוואס זאל עס ניט פאסען? מיר זענען דאך מיט איהר אלט-אנינע גוטע פריינד, אייגענע מענשען, וואס האבען אזוי פיעל יאהרען אבגעלעבט א טהיר ביי א טהיר. איך קאן מיט איהר ריידען אפען, פשוט.

— און אז זי וועט אבזאגען?

— א, ניין, זוהן מיינער, איך רעכען ניט, אז זי זאל מיר אבזאגען. איך וועל זי בעטען, כ'וועל וויינען פאר איהר.

— ניין, מאמינקע!—האט יעקב אויסגעשריען, אומוואָרפענדיג מיט די הענד.—וואס דו ווילסט, נור ניט וויינען. דאס איז ניט פיין, מאום פאר דיר און פאר מיר.

— נו, איז ניט. דאס רעדט זיך נור אזוי—וויינען. צו וואס וויינען? וואס זענען מיר עפים ארימע לייט? מיר זענען, גאט צו דאנקען, ניט ערגער פון לייטען.

— פארפאלען, קיין אנדער מיטעל איז ניטא — האט יעקב ארויסגעזאגט, צוזעצענדיג זיך אויפ'ן שטוהל. — ווען זשע וועסטו צו איהר אריינגעהן?

— ווען דו ווילסט, האטשי מארגען.

— רעכט, געה מארגען, ווארום דער אינזשענער ווארט אויף אנ'ענטפער, און כל-זמן איך וועל ניט וויסען חנה'ס בע-שלום, קאן איך ניט ענטפער'ן דעם אינזשענער. די ביידע זאכען זענען פאר מיר איינס: זאל איך אננעהמען די שטעלע, דארף איך חתונה האבען מיט חנה'ן, און ווען ניט חתונה האבען מיט חנה'ן, וועל איך די שטעלע ניט אננעהמען, וועל איך דא פערבלייבען זיין דארטען, און דאס הארץ איבערלאזען דא—האט קיין שום זין ניט.

XXVIII.

פרומעס דיפּלאָמאַטישע שליחות.

אויף מאָרגען איז פרומע אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, פריער ווי געוועהנליך, יעקב, וואָס פלעגט געוועהנליך פריה אויפשטעהן, האָט נאָך געשלאָפען, ווען זי איז מיט איהר קרבן־מנחה אין דער האַנד געשטאַנען צו מזרח־וואַנד און האָט לאַנג אין היים, מיט טרעהרען, געדאַווענט. זי האָט געבעטען, אַז איהר שליחות זאָל בעגליקען, וואָרום דערפון האָט זי ערוואַרטעט דאָס גליק פון איהר גוטען בן־יחיד, וואָס איז איהר טייערער געווען פון לעבען. יעקב האָט איהר אַפילו קיין סך ניט דערצעהלט פון זיין ליעבע צו חנה׳ן, פונדעסטוועגען האָט זי מיט איהר שאַרפען מוטערליכען געפיהל דערשפירט, אַז דעם זוהן האָט די אינטערעכאַנטע אלמנה ליעב מיט זיין גאַנצען פייער, און אָן דעם איז זיין גליק אָבהענגיג. און ער איז דאָך אַזוי ווערטה דאָס גליק! פון צעהן יאָהר אָן האָט ער שוין אָנגעהויבען צו האָרעווען ביז היינטיגען טאָג, ניט וויסענדיג פון קיין גליק, פון קיין פרייד, פון קיין רוה! צי דען וועט איצט, ווען דאָס גורל בעוויזט צו איהם זיין גוט שמייכעל און וויל איהם בעלויגען פאַר די לאַנגע יאָהרען מיה און דחקות—צי דען וועט איצט זיין גליק צושטערט ווערען איבער אַ וואָרט פון אַ פרויענצימער?.. ניין, דאָס איז אונמעגליך! דער אויבערשטער וועט ניט דערלאָזען, אַז איהר גוטער זוהן, וואָס בעזאָרגט איהר אויף דער עלטער, וואָס האָט זיין גאַנצען לעבען געאַרבייט פאַר זיינע אָרימע עלטערן—אַז דאָס גליק זאָל איהם אויסמיידען... חנה וועט איהם ניט אָבזאָגען... חנה קען איהם און ווייסט, ווי גוט איהר וועט זיין מיט איהם... חנה איז אַ קלוגע, אַ גוטע, אַנ׳איידעלע פרוי... חנה יאָגט זיך ניט נאָך עשירות, נאָך אַ רייכען לעבען. פאַר׳ן ערשטען מאַן האָט זי אויך ניט געהאַט קיין רייכען לעבען, און פונדעסטוועגען האָט זי זיך געפיהלט גליקליכער פון די רייכסטע פרויען אין שטאָדט... צי דען וועט איהר חנה אָבזאָגען, איהר, פרומען, מיט וועמען זי האָט אין ב. געלעבט אַזוי נאָהנט וועמען זי פלעגט פערטרויען אַלע איהרע סודות און וועמען זי האָט ליעב געהאַט, ווי „אַנ׳אייגענע, ווי אַ מוטער, נאָך מעהר ווי אַ מוטער?...

אַזױ האָט נעבעך די אַלטע געטראַכט אַ גאַנצע נאַכט, קעה־רענדיק זיך פֿון אײן זײַט אױף׳ן צװײטען, אַזױ האָט זי איצט געטראַכט בײַם דאַװנען און האָט גענאָסען מיט טרערען, װאָס זענען געפֿאַלען אױף די פֿערגעלבטע בלעטער פֿון דעם אַלטען קרבן־מנחה. אין דעם דאַװנען האָט זי קראַפּט און מוטה געשעפּט צו רעדען מיט חנה׳ן אַזױ, אַז יענע זאָל פֿערשטעהן, דאָס פֿון איהר װאָרט איז אָבהענגיג דאָס גליק אָדער אומגליק פֿון צװײ נפֿשות, װעלכע זענען איהר אינגאַנצען איבערגעגעבען שױן פֿון לאַנג אָן.

אַזײַגער נײַן, נאָכ׳ן טײ, װען יעקב איז אַװעק אױף זײַנע לעקציעס, האָט פֿרומע צונעגרײט אַלצדינג צום מיטטאָג און האָט זיך גענומען פֿאַר איהר טואַלעט. זי האָט גאָר ניט געצװײפֿעלט, אַז פֿאַר אַזאַ װיכטיגע און פֿײַערליכע שליחות, װי שדכנות, דאַרף זי זיך אָנטהון אָנשטענדיג, כמעט יום־טובדיג. די פֿראַגע איז נור געװען, װאָס זאָל זי אָנטהון, און די פֿראַגע איז גאָרניט געװען קײן לײַכטע, װאָרום קײן גרױסע עשירות אין דעם האָט זי ניט געהאַט. אױסער איהר טעגליכען קאָסטיום, זענען בײַ איהר געװען נאָך צװײ קלײדען: אַ שװאַרצע אַ זײַדענע, און אַ שװאַרצע אַלוסט־רינע, בײדע שױן זעהר אַלטע, נור גאַנצע נאָך, אמת, אין אַ פּאָר ערטער זענען געװען געלבע פֿלעקען פֿון פֿײַכטקײט, אָבער ס׳מאַכט נישט אױס: די פֿלעקען זענען ניט קענטיג אונטער די פֿאַלדען. נור די זײַדענע קלײד פֿלעגט זי אָנטהון נור צװײ דרײַ מאָל אין יאָהר, יום־טוב צו הזכרת־נשמות, איז איהר עס עפּיס מאָדנע געװען אָנצוטהון עס איצט אין אַ װאָכענדיגען טאָג און בײַ אַ װיזיט אין אַ פּריװאַט־הױז, ניט אין שוהל... אָנטהון אָבער די שװאַרצע לוסטרינע קלײד אין אַ העלען זומער־טאָג װעט עס אױסזעהן װי אַ טרױער, און זי געהט דאָך עפּיס װעגען אַ פֿרײד, אַ שמחה. דער שװאַרצער קאָליער װעט, חס־וחלילה, אַ שלעכטער סימן זײַן פֿאַר איהר שליחות... איז װי פֿאָרט?

לאַנג איז זי געזעסען בײַ איהר אַלט־מאָדישען, מיט אײַזען געשמיעדטען, קאַסטען, װאו איהר גאַנצעס האָב און גוטס איז געלעגען, און זי האָט געטראַכט. װאָס זאָל זי טהון. ענדליך איז איהר אײַנגעפֿאַלען אַזאַ פּלאַן: זי װעט אָנטהון איהר לוסטרינע קלײד, נור אום ס׳זאָל ניט אױסזעהן, װי אַ טרױער־קלײד, װעט זי

אויף זיך אָנטהון נאָך פיער שניערעלעך פעריל. װאָס זי האָט בירושה בעקומען פון איהר מוטער, און זי פון דער באָבען, און יענע—פון דער עלטער-באָבען, און וואָס זי ווידער האָט בדעה איבערצוגעבען עם דער שנור, ווען גאָט וועט איהר בעשערען. פעריל גיבען צו א חשובען, אַ יום-טוב'דיגען אויסזעהן. יאָ, וועט זי אָנטהון פעריל... אָבער וואָס וועט זי אָנטהון אויפ'ן קלייד?... די וואַטענע קאָפּטע אָדער די וואַרעמע טוך—איז אינמעגליך. וואָרום ס'איז דאָך זומער, און ווידער אויך, זענען זיי שוין ניט גאָר מהודר'דיג, פערפלעקטע און אין לאַטעס. יאָ, זי האָט נאָך אַ ווייסע, קאַשעמירער שאַל מיט גרויסע בלומען. נור די שאַל טהוט זי אָן נור יום-כפור, און קיין לייכטע טאַלמע האָט זי ניט. זי האָט אַלץ געוואָלט מאַכען זיך א טאַלמע און יעקב—זאָל איהם געזונד געבען—האָט איהר שוין וויפיעל מאָל דערמאָנט וועגען דעם. נור זי האָט זיך אַלץ ניט צוגעקליעבען. און צוריק, צו וואָס האָט זי בעדאַרפט אַ טאַלמע? צו-גאַסט געהט זי דאָך ניט אין ערגיץ. פון וואַנען האָט זי געזאָלט וויסען, אַז איהר וועט אייסקימען צו געהן? נור... האָט זי ניט קיין טאַלמע, האָט עס אַ שכנה, קאָן מען ביי איהר בעטען, זי וועט ניט אָבזאָגען.

און זי האָט געבעטען, און די שכנה האָט ניט אָבגעזאָגט.

וועט דער טואַלעט הייסט עס זיין ווי געהעריג. אַ דאַנק גאָט!

אַרום מיטטאָג-צייט, ווען פרומע אַ אָנגעטהונענע, מיט'ן רעגען-שירם אין דער האַנד האָט זיך שוין געקליבען אַוועקצוגעהן, איז צוריקגעקומען יעקב און האָט ערקלערט, אַז ער האָט בעשלאָסען צו בעגלייטען זי ביז אַננאַ'ס טהיר און ער אליין וועט דעם בעשלוס פון זיין נורל ערוואַרטען אויפ'ן הויף אָדער אויף דער גאַס, וואָרום ס'איז איהם שווער איצט צו געהן אויף די לעקציעס.

— זאָל זיין אַזוי,—האָט פרומע געענטפערט אויף דעם זוהנ'ס פאָרשלאַג.

און די מוטער און דער זוהן זענען אַוועק—זי מיט גלויבען און האָפנונג אויף גאָט, און ער—מיט שרעק און אונצוטרוי צו זיין גורל, וואָס איז ביז אַהער ניט איבעריגס העל געווען פאַר איהם...

אַננאַ איז געזעסען אין איהר גאַסט-צימער, וואָס איז נעווען ניט רייך, אָבער ריין צוגעקליעבען, זי האָט עפּיס אויסגענייהט אין דער צייט, ווען די טהיר האָט זיך אויפגעעפענט און אויפ׳ן שוועל האָט זיך בעוויזען פרומע.

— פרומע? די טייערע פרומע—האָט אַננאַ פרעהליך אויסגעשריען, דערזעהענדיג די גאַסט און זי איז איהר אַנטקעגען געלאָפען.

פרומע האָט אַ פּאָר טריט פאָרויס געמאַכט, האָט אויסגעשפּרייט איהרע אָרעמס און האָט אַרומגענומען אַננאַ׳ן. ביידע פרויען האָבען זיך עטליכע מאָל צוקושט.

— ס׳אַראַ גאַסט! ס׳אַראַ טייערע גאַסט!—האָט אַננאַ געזאָגט, צופיהרענדיג איהר אַלטע גוטע פריינדין צום טיש... און איך האָב שוין געווען גערעכענט, אַז איהר האָט מיך אויפגעהערט ליעב צו האָבען און איהר האָט שוין אינגאַנצען פערגעסען אַייער חנה׳צקע, און איך האָב שוין אָנגעהויבען צו ברוגז׳ן אויף אייך.

— עך, טאָכטער׳ל — האָט די אַלטע אַרויסגעזאָגט, צוזעצענדיג זיך אויפ׳ן סאָפקע,—ס׳איז אַנ׳עבירה פאַר גאָט צו טראַכטען אַזוי וועגען דיין אַלטער פרומען. פערגעסען! וואָס זענען דאָ ביי מיר עפּיס אַ סך חנה׳צקעס? איינע נור גאָר און גאָר. זי פרעג ביי יעקב׳ן, יעדעם טאָג דערמאָן איך דאָך, וואָס מאַכט מיין חנה׳לע?

— פאַרוואָס זשע זענט איהר צו אונז ניט אַריינגעקומען?

— פאַרוואָס? כ׳ווייס... אַהין, אַהער. קיין דיענסט איז ביי מיר ניטאָ, אַלץ דאַרף מען אַליין אָבטהון. געהט אַוועק די צייט אין אַרבייט, קומט ניט אויס צו-גאַסט אַריינצוגעהן. אגב, האָסטו געוואוינט ביי דער שוועסטער, די גבירה, און איך, דעם אמת זאָגענדיג, האָב זעהר ניט ליעב צו געהן צו גבירים.—כ׳בין אַליין ניט רייך, איז...

— נו, רעכט,—האָט אַננאַ איהר איבערגעשלאָגען.—אַדאַנק, וואָס איהר זענט חאָטשי היינט אַריינגעקומען. וועט איהר טרינקען אַ גלאָז קאָפע?

— אַדאַנק, מיין טייערינקע, כ׳וויל ניט, כ׳האָב ערשט געטרונקען,—האָט די אַלטע זיך ערלויבט אַליגען צו זאָגען, וואָרום די פרומע אַלטיטשקע האָט גאָר היינט געפאַסט. כדי איהר שליחות זאָל זיך איינגעבען.

— נו, ווי איהר ווילט אייך, — האָט אננא אַרויסגעזאָגט, צו־זעצענדיג זיך נעהנטער צו דער אַלטער. — איהר זאָלט אָבער ווי־סען, אַז איך וועל אייך שוין אַזוי גיך ניט אַוועקלאָזען פון מיר, מ'יר האָבען נאָך מיט אייך צו ריידען און צו ריידען!... שטעלט זשע אַוועק אייער רענען־שירם, וואַרפט אַראָב אייער טאַלמע און זעצט דאָ, ווי ביי זיך אין דערהיים. אַ, אַי! — האָט זי פערוואונדערט אויסגעשריען, ווען פרוסיע האָט פון זיך אַראָבגענומען די טאַלמע. — איהר זענט דאָך אין פעריל! איהר זענט ערגיץ אויף אַ „ברית" געווען, צו אויף אַן אַנדער שמחה?

ניין, טייערינקע, — האָט די אַלטע אָבגעענטפערט, עטוואָס פערשעמט. — איך געה עס גלייך פון דערהיים, און די פעריל האָב איך אָנגעטהון דערפאַר, וואָס איך בין היינט ביי דיר... ווי זאָגט מען עס היינטיגע צייטען — מיט אַ פּאַראַדנעם וויזיט, דוכט זיך?

— מיט אַ פּאַראַדנעם וויזיט?

— יאָ, מיט אַ פּאַראַדנעם וויזיט. ביי אונז, חנה'לע זענען דאָ איצט גרויסע נייעס. מיר פאָהרען אָב פון דאַנען.

— איהע פאָהרט אָב?

— מיר פאָהרען אָב אינגאַנצען. יעקב בעקומט אַ זעלטענע שטעלע, ביי דער באַהן, טויזענד צוויי הונדערט רובל געהאַלט, אַ דירה מיט בעהייצונג, בעלייכטונג אין דאַסגלייכען.

— אָ, ווי עס פרעהט מיך! אַ, ווי עס פרעהט מיך! — האָט אננא אויסגעשריען, פּאַטשענדיג מיט די הענד. — זאָל איהם גאָט גליק און הצלחה געבען אויף זיין נייער שטעלע!.. אָבער ס'אַראַ פערבעהאַלטענער ער איז! אַזוי אָפט איז ער דאָ ביי אונז, און זאָל ער גאָר מיט אַ וואָרט דערמאָנען וועגען זיין נייער שטעלע!

— דו רעכענסט, אַז נור אייך האָט ער גאָרנישט ניט דער־צעהלט? מיר האָט ער אויך גאָרנישט ניט געזאָגט. מעהר נישט, נעכטען ביי־נאַכט האָב איך זיך צופעליג, קאָן מען זאָגען, דער־װאוסט װעגען דעם. נור דאָס איז נאָך ניט גאָר. ס'איז דאָ נאָך אַ נייעס, אַך, ס'אַראַ גרויסע נייעס!

— וואָס פאַרט?

— יעקב וויל חתונה האָבען, וועסטו עס גלויבען, ער וויל חתונה האָבען, אָט וואָס.

— וואָס איך הער! — האָט אננא פערוואונדערט אויסגעשריי־

אָן.—יעקב האָט ענדלך בעשלאָסען חתונה צו האָבען? איך מוז דיך מודה זיין, אַז איך האָב זיך דערויף גאָר ניט געריכט פון איהם. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט שוין אַזוי בלייבען אַ בחור... נור יאָ, ביי אַזאַ שטעלע מאָג ער שוין חתונה האָבען, פאַרהאַן, מיט וואָס אויסצוהאַלטען אַ פאַמיליע. מיט וועמען אבער האָט ער חתונה, אויב ס'איז ניט קיין סוד?

— איהם איז געפעהלען געוואָרען דאָ אַ היגע פרוי... אַן אַלמנה, אַ גאַנץ יונגע נאָך, אַ קלוגע, אַ געלערנטע, אַ שענע.

— זעהר גוט, דאָס וועט פאַר איהם בעסער זיין, ווי ער זאָל חתונה האָבען מיט אַ יונג מיידעל.

— גוט איז עס אַ ודאַי,—האָט די אַלטע ארויסגעזאָגט מיט אַ זיפץ—איך אַליין רעכען אויך, אַז אַ יונג מיידעל איז פאַר איהם קיין פאָר ניט. נור, מיין ליעבינקע, ער ווייס אָבער ניט, צי די אַלמנה וועט מסכים זיין.

— קאָן מען דאָך ביי איהר פרעגען.

— געוויס, קאָן מען. דורך שדכנים אָבער וויל ער ניט אָנפרעגען.

— טאָ זאָל ער אַליין אָנפרעגען. ער איז דאָך שוין ניט קיין קליינינקער.

— איך זאָג עס איהם אויך אַזוי, נור דו קענסט דאָך איהם, ער איז דאָך ביי מיר אַ שעמעוודיגער. ביי אַ ביכעל איז ער אַ חוואַט, אי דרייסט, אי קלוג, און ווי דאָס ביכעל אָן דער זייט איז ער—ווי אַ קינד: שעמט זיך, שרעקט זיך' ר'קאָן, דוכט זיך קיין צוויי זיט צייהלען. האָב איך בעשלאָסען, איך אַליין זאָל עס שדכ'ענען, וואָרום ער זאָגט, אַז אויב יענע וועט ניט מסכים זיין, וועט ער די שטעלע ניט אָננעהמען, און וועט בלייבען דאָ.

— אַזוי גאָר! הייסט עס, אַז ס'איז גאָר קיין שפּאַס ניט? און מיט אייער יעקב'ן האָט עס פּאַסירט?

— וואונדערבאַר, האַ? נור ס'איז פאָרט אַזוי. בין איך צו דיר, הנה'צקע, געקומען, אַז דו זאָלסט מיר העלפען איינצואָרדנען דעם ענין.

— מיט וואָס זשע קאָן איך אייך העלפען?

— אָ, איינגאַנצען!... אָהן דיר וועט גאָרנישט זיין. אָן דיר' ווענדט זיך זעהר פיעל. אַז דו וועסט איהר זאָגען, אַז זי זאָל

חתונה האָבען מיט יעקב׳ן, ווען זי חתונה האָבען, ווען זי פאָלגען.

— ווער איז זי עס? קען איך איהר?

— נאָך ווי דו קענסט איהר! מיר דוכט, אז דו קענסט איהר זעהר גוט. זי איז דיינע אַ גוטע פריינד, קיין בעסערע פריינד קאָן שוין ניט זיין.

— ווער זשע איז זי?

— דו, מיין חנה׳צקע!—האָט פרומע פייערליך אַרויסגעזאָגט. אויפשטעהענדיג פון סאָפקע און אַוועקלענענדיג אַ האַנד אויף חנה׳ס אַקסעל.—דו בינסט דאָס די אַלמנה, מיט וועלכע מיין יעקב וויל חתונה האָבען.

— איך?! — האָט אַננאַ געפרעגט דערשראָקען און רויט ווערענדיג, און האָט זיך פאַר׳ן קאָפּ געכאַפּט. — פרומע, איהר, האָט עפּיס געזאָגט,—האָט זי זיך שטאַרק איינגעקוקט דער אַלטער אין פּנים.—איך האָב אייך ניט פערשטאַנען.

— וואָס איז דאָ ניט צו פערשטעהן? איך רייד, דוכט זיך מיט דיר אויף יודיש. יעקב וויל מיט דיר חתונה האָבען. טאָג און נאַכט טראַכט ער נור פון דיר. אָהן דיר קאָן ער ניט לעבען. נו, וואָס, דו פערשטעהסט נאָך אַלץ ניט?

אַננאַ, אַ פערשעמטע אַ גערויטעלטע און אַ שוידערנדע אינגאַנצען איז געזעסען מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען אין געשוויגען, און מיט די שוידערענדע פינגער האָט זי געצופּט דעם גאַרטעל, וואָס האָט פעסט אַרומגעגאַרטעלט איהר שלאַנקע פיגור און האָט איהר איצט, קענטיג, דעם אָטעם געדריקט.

— וואָס ענטפערסטו מיר גאָר ניט, טאָכטער׳ל מיינס,— האָט פרומע מיט אַ טרויער געפרעגט און איהר פּנים האָט אויסגעדריקט פערצווייפלונג.

— וואָס זשע זאָל איך אייך ענטפערן?—האָט אַננאַ געזאָגט, ניט אויפהויבענדיג די אויגען.—דאָס איז פאַר מיר אַזוי נײַ, אַזוי מאָדנע עפּיס... לאָזט מיר זיך קומען... צונויפנעהמען די געדאַנקען.

און זי איז אויפגעשפּרונגען פון איהר אָרט און האָט זיך איבערגעזעצט צום פענסטער, בעהאַלטענדיג זיך אונטער דער שווערער גאַרדינע.

אַ, חנה'צקע!—האָט די אַלטע די הענד געבראָכען.—ברענג אונז ניט אום... דו בינסט דאָך אַזאַ גוטע!.: צי דען איז דיר מיין יעקב ניט געפעלען און וועט דיר קיינמאָל ניט געפעלען ווערען?. ער איז דאָך אַזאַ גוטער, אַזאַ קלוגער, אַזאַ געלערנטער!.. ער וועט דיך אָבהיטען, ווי דאָס שוואַרץ־אַפּעל פון איינ, ער וועט דיך עהרליך האַלטען, ווי א מלכה און וועט דיך ליעב האָבען, ווי דאָס גליק... פאַרוואָס זאָל ער איצט אומקומען, ווען דער אויבערשטער אליין האָט אויף איהם רחמנות געהאַט און שיקט איהם צו אַזאַ גוטע שטעלע? חנה'צקע, ליעבינקע, גוטינקע! צי האָסטו גאָר קיין רחמנות ניט? צי דען וועסטו אָבזאָגען דיין פרומען, וועלכע האָט דיך אַלע מאָל ליעב געהאַט, ווי אַן'איינענע טאָכטער, וועלכע האָט אַלע מאָל גאָט געבעטען פאַר דיין געזונד און גליק?.. איך וועל פון דיר ניט אַוועקגעהן, ביז אַזאַנען דו וועסט ניט זאָגען: יאָ. וואָרום ווי זאָל איך געהן צו איהם? וואָס וועל איך איהם זאָגען? דיין אָבזאָגען וועט איהם דערשלאָגען, וועט איהם אומגליקליך מאַכען אויף אַלע מאָל... און ער האָט דאָך, נעבעך, אַזוי ווייניג גוטס געזעהן אין זיין לעבען!... און איצט אויך ניט אַ ביסעלע גליק און נחת... פאַרוואָס, רבונו של עולם, פאַרוואָס? מיט וואָס איז ער ערגער פון אַנדערע? ער איז אַזאַ גוטער זוהן!... חנה'צקע...

מעהר האָט זי ניט געקאָנט ריידען, איהר קול האָט זיך אָבגעהאַקט, וואָרום טרערען זענען איהר צום האַלז דערגאַנגען. זי האָט זיך אויף די קניע געוואָרפען פאַר אַננאַ'ן און, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ און ברעכענדיג די הענד, האָט זי אויפ'ן קול געוויינט.

די צורודערטע אַננאַ האָט געכאַפּט אויפצוהויבען די אַלטע און, צווויינענדיג זיך זעלבסט, האָט זי מיט אַ אָבגעהאַקטער שטים ארויסגעזאָגט:

— גאָט איז מיט אייך, פרומע... ווי שעמט איהר אייך נישט צו שטעלען זיך אויף די קניע?.. איין ווייטע געוולד... איך האָב אייך דען אָבגעזאָגט? איך האָב דאָך אייך נור געבעטען צולאָזען מיר אַ ווייל בעטראַכטען... דאָס איז פאַר מיר אַזוי ניי, אַזוי מאָדנע... איך האָב וועגען דעם קיינמאָל ניט געקאָנט טראַכטען... מיר דוכט, אַז ער האָט אויך ניט געטראַכט פון דעם. און פלוצלונג, איז יעקב... שיקט איהם אַהער... איך וועל אַליין דורכריי-

רען מיט איהם... דאָ מוז זיין עפּיס א מיספערשטענדניס... שיקט איהם אהער.

אָ, גלייך, שוין טאקי! האָט אויסגעשריען די ערפרעהטע אַלטיטשקע, אויפשפּרינגענדיג אויף די פיס.—ער איז דאָ, ער וואַרט דאָ אויפ'ן הויף, אָדער אויף דער גאַס.

און לייכט און שנעל, ווי א יונג מיידעל איז זי אַרויס פון צימער.

אין א פּאָר מינוט אַרום איז אַריינגעקומען יעקב. ער איז געווען ערנסט, ווי אַלע מאָל, נור בלאַסער, ווי געוועהנליך: אַננא איז דערווייל צו זיך געקומען, און זי האָט שוין איצט נעקאָנט בעגעגענען איהר גוטען בעקאַנטען אָהן אַ בעזונדער צורודערונג.

— עפּיס מאָדנע זאַכען האָב איך דאָ געהערט פון אייער מוטער,—האָט זי געזאָגט נאָך די ערשטע בעגריסונגען.—איך גלייב פּשוט ניט מיינע אויערן.

— דאָס איז גאָר ניט אַזוי מאָדנע. אַלענפאַלס פאַר מיר,— האָט יעקב געזאָגט, אַוועקזעצענדיג זיך אויף אַ שטוהל

— יעקב איסאַאַקאָוויטש, איהר דאַרפט אָבער מודה זיין, אַז איהר האָט מיך קיינמאָל ניט געלאָזט חושד צו זיין אָן עפּיס עהנליכעס.

— איך האָב מיין געפיהל פערבאָרגען, וואָרום איך האָב דערצו וויכטיגע סיבות געהאַט. איצט, אַז די סיבות זענען שוין ניטאָ, זאָג איך אייך אָפען, אַז איהר זענט פאַר מיר—די בעסטע בעלוינונג אין לעבען.

— ס'איז אָבער אינטערעסאַנט צו וויסען, ווי לאַנג האָט איהר אין זיך דערשפירט אָט דאָס געפיהל? צי איז עס ניט א מאָמענט-געפיהל, אויף וואָס איהר וועט דערנאָך חרטה האָבען?...

— אויב איהר ווילט, קאָנט איהר זיך דערמאָנען, אַז בעת די שול אין ב. איז פערמאַכט געוואָרען, האָב איך די פאָלשטענדיגע מעגליכקייט געהאַט צו עקזיסטירען אין דער שטאָדט אָהן דער שול, און פונדעסטוועגען בין איך אַריבערגעפאָהרען אַהער, גלייך נאָך אייך. דאָס בעווייזט, אַז מיין געפיהל צו אייך איז שוין פון לאַנג אָן. וועגען אַמאָמענט-געפיהל קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין: איך בין שוין ניט קיין יונגער בחור. איהר מאָגט זיכער זיין, אַננא סאַמאָילאָוונאַ, אַז מיין געפיהל איז — א ערנסט, א טיעפע... איך

פרעג אַיך נים וועגע׳ אַייער געפיהל, ווייל איך בין פעסט איבערצייגט, אַז איך וועל פערדינען דאָס דאָזיגע געפיהל, אויף וועלכען איך האָף... דערווייל סליקט פאַר מיר אַייער פאָרמעלע איינשטימונג. אָן אַייער הסכמה ווענדט זיך, צי איך זאָל אָננעהמען די נייע שטעלע, וואָרום פאַר מיר וועט זעהר שווער זיין צו געפינען זיך ווייט פון אַייך. איך בין אין דעם איבערצייגט, אַזוי ווי אין דעם אויך, אַז אייער נאָהנקייט מאַכט שענער און אַנגענעהמער מיין אָרמען אַרבייטס־לעבען דאָ איצט. אַלואָ, אַננאַ סאַמאָילאָוונאַ, ערוואַג איך מיך צו פרעגען אַייך, צי זענט איהר מסכים צו פעראייניגען מיט מיר אַייער גורל?

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אויסגענלייכט און געוואַרט אַ ענטפער. אַננאַ, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ. האָט אַ ווײַלע געשוויגען, דערנאָך האָט זי יעקבן די האַנד דערלאַנגט און געזאָגט

— כ׳בין... דוכט זיך... מסכים.

יעקב האָט מיט געפיהל געדריקט און אַ קוש געטהון איהר האַנד און האָט פייערליך אַרויסגעזאָגט:

— פון איצט אָן בין איך דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. פון איצט אָן וועט מיין גאַנצעס לעבען אַנגעהערן אַייך. גוטע, קלוגע אַננאַ סאַמאָילאָוונאַ.

— — — — — — — — — — — — — — — —

שטעהלט אַייך פאָר, מוהמינקע, — האָט זיך אין גאַסט־צימער דערהערט בעני׳ס לוסטיגע שטים, וואָס איז ערשט געקומען פון שטאָדט און איז אין צימער אַריינגעפלויגען דורך זיין קאַבינעט, וואו די טהיר איז געווען איננאַנצען אָפען. — אַ, איהר זענט אויך דאָ? — האָט ער צוגעגעבען, בעמערקענדיג יעקב׳ן.— גוטען מאָרגען, יעקב איסאַאַקאָוויטש... שטעלט אַייך פאָר, אַ מעשה אַ ביסעל. איך געה אַהיים, איך לויף אַריין אין פאָרהויז, און פלוצלונג שפרינג איך ארויף אויף אַנ׳אַלטיטשקע. זי שטעהט ביי א וואַנד, מיט׳ן פנים צום וואַנד צו. זאָגט עפּיס אין דער שטיל, קלאַפּט זיך איפ׳ן האַרצען און נויגט זיך, ווי אין דאַוונען. שפרינג איך אונטער צו איהר און פרעג, ווער איז זי און וואָס טהוט זי דאָ? מאַכט זי מיר צייכענס און בעווייזט מיר, אַז איך זאָל איהר נים שטערן איז דאַוונען און מיט׳ן האַנד בעווייזט זי אויף אונזער טהיר,

—אָ. דאָס איז דאָך מיין מאַמינקע!—האָט יעקב אויסגעשריען אויפשפּרינגענדיג פון אָרט.—זי איז דאָרט מתפּלל פאַר מיין גליק און זי ווייסט נאָך נים, אַז איהר תפלה איז שוין אָנגענומען געוואָרען! ס'אַרא עגאָאיסט איך בין!

און פיל פון בויגען האָט ער זיך געלאָזט פון צימער. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַריינגעפיהרט די אַלטיטשקע, וואָס איהרע אויגען זענען נאָך געווען פערווײנטע, נור אויף איהר פּנים איז שוין געווען פרייד און נחת. זי איז צוגעלאָפען צו אַננאַ'ן, האָט איהר אַרומגענומען און האָט איהר היים געקושט אין פּנים און אין קאָפּ.

— בינסטו, טײַבעלע, מײַנע? בינסטו, טאָכטער'ל, אונזערע?

— אייערע, מיטער, אייערע, — האָט אַננאַ געענטפערט, אַרומנעהמענדיג און קושענדיג די אַלטע.—איהר זעהט, אַז גאָט האָט צוגעהערט אייער געבעט.

— וואָס בעדייט עס? — האָט בעני געפרעגט, וואָס האָט נים פערשטאַנען די גאַנצע סצענע.

— דאָס בעדייט,—האָט אַננאַ געענטפערט, דערלאַנגענדיג יעקב'ן אַ האַנד,—דאָס בעדייט, אַז יעקב איסאַאַקאָוויטש האָט מיר די עהרע געמאַכט און האָט מיר פאָרגעשלאָגען זיין האַנד, און איך האָב קיינעם נים געפרעגט און מסכּים געווען.

— וואָס איך הער! איז עס מעגליך?—האָט בעני אויסגעשריען, פּאַטשענדיג מיט די הענד און שפּרינגענדיג פון פרייד.— אוראַ! בראַוואָ! פּעטער'ל! מוהמינקע! ליעבינקע! טײַערע! — און ער האָט אַנגעהויבען צו האַלזען און צו קושען יעקב'ן און אַננאַ'ן,—אַ, ווי ס'פרעהט מיך! סאַרא וואוילע פּאָריל! גאָט אַליין דאַרף זיך פרעהען! עי, שאַמפּאַניער אהער! מ'דאַרף לחיים מאַכען!.. שרה! שרה!

און טהיר האָט זיך בעוויזען די דיענסט.

— לויף שנעלער נאָך שאַמפּאַניער און נאָך באָקאַלען, אָדער ניין, איך וועל שוין אַליין אַ לאָף טהון. פאַר איין גאַנג וועל איך שוין אויך ברענגען מאַריעטען... זאָל זי זיך אויך פרעהען, זאָל זי זיך אויך בעטייליגע איז אונזער פאַמיליען-יום-טוב: זי איז דאָך שוין אויך שייך צו אונזערע פאַמיליע. אוראַ!

ער איז אַרויסגעלאָפען פון טהיר.

— מטורף דו, וואוהין בינסטו ארויסגעלאָפען אָהן אַ קאַפּעליוש? האָט איהם אַנגאַ אָבגעשטעלט.—נעהם דעם קאַפּעליוש.

— נו, נים.—האָט ער אַ חאַפּ געטהון דעם קאַפּעליוש און איז שנעל אַרויסגעלאָפען פון צימער.

XXIX.

א האנדעל פון פערשיעדענע משקאות און אלערליי באַקאַליי.

„דער האַנדעל פון פערשיעדענע משקאית און אַלערליי באַקאַליי פון מ. בינדער און קאָמפּאַניע", ד. ה. פשוטער געזאָגט, דער „האַנדעל" פון געוועזענעם פריזקאַזשציק מאָטקע און דעם געוועזענעם ווייגער קאָרפּעל האָט שוין דערגרייכט צום ענדע צווייטען מאָנאַט פון זיין עקזיסטענץ. דאָס געשעפט, קענטיג, איז פון אָנהויב אָן אַוועק זעהר לעבעדיג. וואָרום דעם דורכגעטריבענעם פריקאַזשציק האָט געלונגען אַריבערצוציהען צו זיך זעהר פיעל, אויב ניט אַלע קונים פון זיין געוועזענעם פּרינציפּאַל, דערהויפּט פון די קלענערע קונים, וואָס האָבען זיך זעהר דערפרעהט מיט'ן נייעם „האַנדעל", וואו זיי קאָנען אויף דאָס ניי אָנבאָרגען ביז — לעתיד לבא. די דאָזיגע קונים האָבען זיך עס אָנגעוואָרפען אויף די אַפּעטיט-סחורות פון אונזערע נייע קאָמערסאַנטען און האָבען עס שנעל צושלעפּט, לויבענדיג די פרישקייט און די קוואַליטעט, און נביאות זאָגענדיג דער פירמע „מ. בינדער עט קאָמפּאַניע" פּאַר אַ גלענצענדע צוקונפט, אַז מיט דער צייט וועט זיי מקנא זיין ניט נור גרונימוס, נור אויך גרעסערע סוחרים. צוהערנדיג אַזעלכע נביאות, האָט מאָטקע געאָחקעט, געהירזשעט און די הענד געריבען פון נחת, ר'האָט זיך ניעדעריג געגויגט און געדאַנקט זיינע שיצער פאַר זייער אויפמערקזאַמקייט און גוטען וואונש און ער האָט זיי געבעטען, ניט שעמען זיך, און נעהמען אין קרעדיט וויפיעל זייער האַרץ גלוסט. די שיצער האָבען זיך אַזוי אויך ניט געשעמט און האָבען גענומען—און די פאָליצעס פון דעם קליינס „האַנדעל" מיט דער גרויסער צוקונפט האָבען זיך שנעל אָבגעליידיגט פון די-

שענע „פאַראַטען“. וואָס אונזערע קאָמפּאַניאָנען האָבן אַזוי מאוס
אַריבערגעשלעפּט פון דעם גרויסען מאַגאַזין אויף קאָלאָקאָלנע
גאַס אין דאָס קליינע קרעמיל אויף באַשעניע גאַס. אין קאַרגע צוויי
וואָכען צייט איז פון די פּאַראַטען איבערגעבליבען ווענינער, ווי
אַ העלפט, און דער מזומנער פּדיון איז געווען אַ גאָרנישט.

מאָטקע אָבער איז ביי זיך ניט אַראָבגעפאַלען ער האָט נור
מיט אומגעדולד ערוואַרטעט דעם 20־טען, ווען זיינע קליענטען
וועלען בעקומען געהאַלט און וועלען זיך מיט איהם פונאַנדערצאָה־
לען, דאַן וועט ער צוריק אָנפילען די לעכער אין זיין „האַנדעל“
און סוועט אַלץ זיין, ווי געהעריג.

אַלס אונערפאַהרענער סוחר, האָט ער אָבער ניט געוואוסט
פון דעם סוד, אַז דעם 20־טען, דעם גרויסען „רעטונגס־טאָג“ דאַרף
מען זעהר אויפמערקזאַם אָבהיטען. ערפאַהרענע סוחרים שטעהען
אויף געוועהנליך אין דעם טאָג זעהר פריה, זיי אײלען צו די
קוועלע, וואו דער מן ווערט פונאַנדערגעטיילט אויף קיין איין ווייַ־
לע לאָזען זיי קיין אויג ניט אַראָב פון די מקבלים, געהען זיי נאָך
פוס־טריט און שטעהען זיי פאַר די אויגען, ביז וואַנען זיי בעקומען
ניט פון זיי עפּיס אויף זייער חלק, „אויפ׳ן חשבון פון חוב“. אָהן
אַזאַ אויפמערקזאַמקייט — איז פערפאַלען און מ׳דאַרף האָפען אויף
אַ צווייטען חדש, ווען מ׳זאָל שוין קליגער ווערען און וויסען, ווי
זיך צו בענעהן.

מאָטקע האָט עס אָבער ניט געוואוסט. און דעריבער איז ער
אין דעם „רעטונגס־טאָג“ רוהיג זיך געזעסען אין קראָם, ערוואַר־
טענדיג זיינע בעלי־חובות מיט די מזומן־געלד אויף וועלכע ער
האָט געהאָפט אויף־זיכער. אומזיסט אָבער האָט ער אָבגעוואַרט
דעם טאָג, און צעהן טעג נאָכדעם, ביז דעם 1־טען פון נייעם מאָ־
נאַט. די בעלי־חובות מיט׳ן מזומן־געלד האָבען זיך ניט געוויזען
און זענען זאָגאַר פאַרביי זיין קראָם ניט דורכגעגאַנגען, פונקט ווי
זיי וואָלטען ערגיץ אַרויסגעפאָהרען און זיי זענען גאָר אין שטאָדט
ניטאָ. נאָכ׳ן ערשטען האָבען זיי ווידער אָנגעהויבען, איינער נאָכ׳ן
אַנדערן, אַריינצוקוקען אין „האַנדעל פון פערשיעדענע משקאות
און אַלערליי באַקאַליי“. זיי האָבען זיך פערענטפערט פאַר׳ן ה׳
בינדער“ אויף זייער ניט־פּינקטליכקייט און האָבען פערשפּראָכען,
אַז וויטער וועלען זיי זיין פּינקטליכער. און אַלס בעשטעטיגונג האָ־

בען זיי ווידער אָנגעהויבען אָנצונעהמען אין קרעדיט. כדי אָבער עס זאָל זיין וואָס צונעהמען, האָט מאָטקע געמאַכט אַ קליינע הלואה אויף גרויסע פּראָצענט און האָט „אויסגעשריבען אַ נייעם טראַנספּאָרט". דאָס הייסט איינגענטליך, אַז קיין שום טראַנספּאָרט האָט ער ניט אויסגעשריבען, ער האָט פּשוט גענומען דאָס געלד, איז אוועק צו די אַנגראָ-סוחרים און האָט איינגעקויפט, וואָס ס'איז נויטיג, נור צוליעב קיראַוש האָט ער געזאָגט זיינע קונים, אַז ער האָט בעקומען אַ „פרישען טראַנספּאָרט", וואָס ס'האָט זיי מעהר חשק צוגעגעבען אָנצונעהמען אין קרעדיט. מאָטקע האָט אינסט נקטיוו געפיהלט, אַז דאָס געשעפט געהט ביי איהם ניט גאָר כשורה און אָפטמאָל פלעגט ער שטאַרק קראַצען דעם שלייף און די פּאַטיליצע, און זיין געזיכט פלעגט דערביי ווערען אַ ביטערע און אַ זויערע, ווי ביי אַ פערשפּילטען שווינדלער, נור... מאַניע! שוין דאָס אליין, וואָס די „גזלנ'טע" וועט זעהן אַז ער איז אַ זעלבסטשטענדיגער סוחר, וועט זי ענדליך, אפשר, מסכים זיין חתונה צו האָבען מיט איהם — דאָס האָט איהם בעפריעדיגט פאַר די איגאַנגענעם-ליכקייטען און שווירינקייט, וואָס ער האָט איבערגעטראָגען אין זיין „האַנדעל". ווען ניט מאַניע, וואָלט ער שוין אויפ'ן צווייטען מאָנאַט געוואָרפען זיין האַנדעל. וואָרום אַלס אַ יונג מיט שכל, האָט ער גוט פערשטאַנען, אַז מיט אַזעלכע קונים, וואָס ער האָט, וועט ער לאַנג ניט אויסהאַלטען. אָבער צוליב דער פרעמיע, צוליעב מאַניע'ן, האָט ער מוטה געפּאַסט און בעשלאָסען צו האַלטען זיך ביז דער לעצטער מעגליכקייט.

און קאַרפּעל — האָט גענענעצט, קראַצענדיג זיך און האָט ניט געוואוסט, צי זאָל ער צופריעדען זיין מיט זיין נייער לאַגע, צי ניט. וואָרום ביי זיך אינעווענינ האָט ער געפיהלט, אַז ער איז ניט אויף זיין אָרט. פון איין זייט איז ער כלומר'שט אַ סוחר, אַ בעל-הבית, ניט קיין משרת, און פון דער אַנדער זייט — פערשטעהט ער קיין האָאר ניט אין דעם גאַנצען מישמאַש. זיין סביבה איז — אַ קעלער, חיינעריי, און ביי זיי איז קיין קעלער ניטאָ. ער וויל אַר-בייטען, און קיין אַרבייט איז ניטאָ. די „משקאות" בעקומט מען ביי די אַנגראָסיסטען, ד. ה. פון דער צווייטער האַנד, שוין אין צוגאָסענע און פערקאָרקעוועטע פלאַשען—איז וואָס האָט ער דאָ שוין צו טהון? אַנ'ענגמת-נפש נור. שטעהן ביים קרעמער-טישעל — איז

אויך ניט קיין גרויסער נחת, וואָרום ניט קיין פּרײז ווייסט ער, ניט ווי צו בּעגעהן; זיך מיט אַ קינה. ער ווייסט נור ווײנערײ, און קיין ווײנערײ דאַרף מען דאָ ניט. כּדי צו ערמונטערן זיך אַ בּיסעל, פּלעגט ער דעריבּער אָפּט אַוועקגעהן צו זײַן קאַרל'ן אין קעלער, פּלעגט אַראָפּוואַרפען פון זיך די „סוחרישע מלבּושים", אין וועלכע ער האָט זיך געפיהלט. ווי אין קייטען, פּלעגט אָנטהון דעם אַרבּײַטער-הויט, פערקאַטשען די אַרבּעל פון העמד — און פּאַר דער אַרבּײַט!... דעמאָלט פלעגט ער זיך דערפיהלען בּײַ זיך און פּלעגט אָבּרוהען.

— אַדאַנק, קאַרפּפּבּען, — זאָגט איהם קאַרל, ליגענדיג אויסגעצויגען אויף זײַן בּעטיל און נאָכקוקענדיג ווי די אַרבּײַט ווערט געטהון פאַר איהם. — קום אַרײַן מאָרגען אויך, מאָרגען וועט מען בּײַ אונז אויך דאַרפען אַ סך פונאַנדערגיסען, איך וועל עס אַלײן ניט מאַכען.

— כ'וועל אונבּעדינגט קומען, — ענטפערט קאַרפּעל, אַרבּײַטענדיג מיט פערגעניגען, פּינקט, ווי מ'האָלט איהם בּעצאָהלט פאַר דער אַרבּײַט.— אָהן מיר זאָלסטו ניט אָנהויבּען, וואָרום דו קאָנסט נאָך אַלײן אָבּטהון, און מיר וועט גאָרנישט ניט בּלײַבּען-

---

אײנמאָל אַ שבת נאָך מיטטאָג האָט זיך מאָטקע שטאַרק אויסגעציערט און איז אַוועק אין „פּאַריזער בּופעט", אַ צוטראָגענער אַ אומרוהיגער, אָבּער מיט אַ פעסטען בּעשלוס דורכצוריידען מיט מאַניען אָפּען. וואָרום ער האָט זיך דערוואוסט פון קלאַגנעי, אַז מאַניע מאַכט גרויסע הכנות צום אָבּפאָהרען,—וואוהין? ווייסט ער ניט. ער האָט זיך בּײַ פיעלע נאָכגעפרעגט, ער האָט אליה'קען אַלײן אויסגעפרעגט, נור קיין קלאָהרע תשובה האָט ער פון איהם ניט בּעקומען, און ער אַלײן האָט אויך ניט געוואוסט גענוי, וואוהין פאָהרט עס זײַן טאָכטער. דאַרף מען ריידען מיט איהר אַלײן, זי וועט גלײַך זאָגען, וואָס און ווען.

אויף דעם פאַמיעליע-טײל פון הויז האָט ער געטראָפען די פרוי פרוסאַק בּײַ אַ דיקען „צאינה וראינה", לײענענדיג די סדרה פון דער וואָך. פרוסאַק זעלבּסט איז געלעגען אין אַ דערבּײַאיגען קאַמער'ל און האָט גערוהט נאָך דער שבּת'דיגער סעודה. ער איז אפילו ניט געווען גאָר קיין פרומער און האָט זעלטען אַרײַנגע-

קיקט אין אַ שוהל, נור שבת און יום-טוב פלעגט ער זעהר שטרענג אָבהיטען, און דערהויפּט בנוגע צו דער סעודה. שבת און יום-טוב האָט מען בעדאַרפט צום טיש דערלאַנגען אַלע גע-וועהנליכע געריכטען און מאכלים, און ווען ס'פלעגט עפּיס אויס-פעהלען, פלעגט ער שרייען אויף דער פרוי און איהר אָנרופען „אפּיקורס'טע". ביי דער פעטער שבת'דיגע סעודה זיצענדיג אין יאַרמולקע און זינגענדיג זמירות, צו וואָס ער האָט מעהר חשק גע-האַט, ווי צום דאַווגען, איז ער זיכער געווען, אַז ער איז דערמיט מקיים נאָט'ס געבאָט און ער וועט דערפאַר האָבען עולם-הבא. פאַר אַ מצוה האָט ער אויך גערעכענט, וואָס ער רוהט שבת נאָך מיטטאָג, אַלס צייכען פון שבת-רוה, וואָרום אַזוי איז ער ניט גע-וועהנט געווען צו רוהען נאָך מיטטאָג, און דאָס טהוט ער נור דערפאַר, וואָס ס'איז אַ מצוה. שטאַרק און פעסט איז געווען אליה'קע פּרוסאַק'ס גלויבען אין די הייליגקייט פון „טשאָלענט", וואָס נאָך פאָדערט זיך פון אַ איינפאַכען מענשען?...

— וואו איז מאַניע?—האָט מאָטקע געפרעגט ביי פרוי פּרוסאַק.

— מסתמא, אין זאַל.

מאָטקע האָט פערריכט דעם קראַגען און דעם שניפּס, האָט אָבגעגלעט זיין צילינדער-הוט און איז אַריין אין זאַל. מאַניע איז געזעסען ביי אַ פענסטער און ביי איהר אין האַנד איז געווען אַ „זעלבסט-לעהרער פון דער איטאַליענישער שפּראַך".

— אַ מאַרקוס!—האָט זי איהם בעגריסט און די האַנד דערלאַנגט.—זעץ דיך אַנידער, דאָ נעהנטער.

מאָטקע האָט זיך אַוועקגעזעצט.

— וואָס איז עפּיס נייעס? ווי איז מיט דיין „האַנדעל"—האָט זי געפרעגט, אָבלעגענדיג דאָס בוך אָן אַ זייט און האָט, קענטיג, געוואָלט דורכשמועסען מיט איהר קרוב.

אָנשטאָדט צו ענטפערן, האָט מאָטקע אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און, גלעטענדיג זיין קאַפּעליוש, האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט פער-דרום און פאָרוואורפע:

— האָב איך דען ביי דיר דעם כבוד ניט פערדיענט, אַז דו זאָלסט אַמאָל, פאַרבייגעהענדיג, אַריינקוקען צו מיר אין מאַ-

גאזין, ווי איך האָב זיך, מיט גאָט'ס הילף, איינגעאָרדענט? און דו בינסט נאָך מײַנע אַ קרובה!

— דו האָסט רעכט, מאַ־קיס, האָט מאַניע אָבגעענטפערט, ארויפלענענדיג איהר האַנד איהם אויפ'ן אַקסעל,—דאָס איז מאַקי־ צים מעשה־קרוב. איך בין אַליין מודה. אמת, איך האָב זיך שוין חיפיעל מאָל געהאַט צוגעקליבען, און ס'איז אַלץ קיין צייט ניטאָ. די לעצטע צייט בין איך זעהר פערנומען.

—מיט די הכנות צום פאָהרען?

— יאָ, דו ווייסט שוין?

— איז עס אמת? דו פאָהרסט מאַקי אַוועק?

— יאָ.

— וואוהין?

— קיין אויסלאַנד.

— נאָך וואָס?

— לערנען זיך.

— לערנען זיך? קנאַפ נאָך בינסטו געלערענט אין שפּראַ־ כען! דו ווייסט, דוכט מיר, אַלע פענסיאָנערקעס איבערשטייגען מיט דײַנע לומדות. וואָס פעהלט דיר נאָך?

— אָ, מיר פעהלט נאָך אַ סך! איך דאַרף נאָך פיעל לער־ נען...

— אויף לאַנג פאָהרסטו אָב?

— זאָגען דיר ריכטיג?

— אַוודאי.

— אפשר, אויף אַלע מאָל.

— אויף אַלע מאָל? ; — האָט מאָטקע אויסגעשריען, אויפ־ שפּרינגענדיג פון אָרט און האָט געבראָכען די הענד — וואָס רעדסטו? וואָס הייסט אויף אַלע מאָל?

— גאָר פשוט: כ'וועל דאָרט, דוכט זיך, פערבלייבען.

מאָטקע האָט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, איז עטליכע מאָל דורכגעגאַנגען איבערן צימער הין און צוריק. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגען איהר און געפרעגט:

— נו, און ווי וועט זײַן מכח דעם?

— מכח וואָס?

— מכח דעם. וועגען וואָס איך רייד אָפּט מיט דיר?

— אַ, מכּח דעם!—האָט זיך מאַניע דערמאָנט, צוקניטשענ-דיג זיך און האָט געצויגען מיט די אַקסלען.—דו חײסט דאָך אָבער מײן מײנונג, איך האָב דאָך דיר נים אײן מאָל געזאָגט, אַז דאָס איז אונמעגליך.

— אונמעגליך? פאַרוואָס עפּיס אונמעגליך? מילא, פריהער איז אפשר װירקליך אונמעגלעך געװען: איך בין געװען אַ פּריקאַזשטשיק, אַ משרת. איצט אָבער, אַ דאַנק גאָט, בין איך אַ סוחר, אַליין אַ בעל-הבית. פאַרװאָס איז עס איצט אונמעג-ליך? װאָס קאָנסטו איצט האָבען נעגען מיר?

אויף מאַניעס פּנים האָט זיך בעװיזען אַן׳אױסדרוק פון לאַנגװײליגקײט און אומגעדולד. זי האָט אַציה געגעבען מיט די אַקסלען און האָט געזאָגט:

— דו דאַרפסט אָבער פערשטעהן. מאַרקוס, אַז קעגען דיר האָב איך קײנמאָל גאָרנישט ניט געהאַט און כ׳האָב איצט גאָר ניט. איך װעל דיר זאָגאַר אָפען זאָגען: דו בינסט אַ װאוילער בחור, אַ קלוגער, אַ שענער, אַ פרוי װעט מיט דיר זעהר גליק-ליך זײן, אָבער איך׳.. קאָן ניט זײן דײן פרוי!

— פאַרװאָס?

— נו, האָטשי דערפאַר, װאָס איך װיל ניט.

— דו װילסט ניט?!—האָט מאָטקע אױסגעשריען און האָט זיך נעחאַפּט פאַר׳ן קאָפּ.—דו פערלאַנגסט מײן טויט, אט װאָס דו בינסט מיר אַ שונא! איך זעה שוין פון לאַנג אָן, אַז דו בינסט אַ שונא!

— װאָס פאַר אַ שונא בין איך דיר, שוטה אײנער!—האָט מאַניע אָבגעענטפערט.—איך װינש דיר דאָס בעסטע. איך האָב דיך ליעב, װי אַ ברודער, װי אַ קרוב.

איך דאַנק דיר זעהר פאַר אַזא ליבע,—האָט מאָטקע אָבגע-ענטפערט, זיך פערנױיגענדיג.—ביז אין קבר אַרײן װעל איך דאָס גליק ניט פערגעסען. איך דאַרף אָבער ניט אַזא ליעבע! אַן׳אַנדער ליעבע דאַרף איך!..

— קײן אַנדערע איז בײ מיר ניטאָ פאַר דיר.

— אַ, פאַר מיר ניט, נור פאַר פּריצים און אָפיצערען איז אפנים פאַרהאַן?!—האָט דער פריקאַזשציק אױסגעשריען, סקריהענ-דיג מיט די צײן.

אָנשַׁאָדם צו דערפיהלען זיך שטאַרק בעליידינט און צו בעסן, האָט טאַניע, וויסענדיג מיט וועמען זי האָט דאָ צו טהון, הויך זיך צו לאַכט האַלטענדיג זיך פאַר די זייטען. דערנאָך האָט זי אויפגעהערט צו לאַכען און האָט ארויסגעזאָגט ערנסט און ענטשלאָסען.

— דו, מאַרקוס, זאָלכט זיך ניט וואַגען קיין העזה צו מיר, וואָרום איך וועל דיך גלייך אַרויסיאָגען, ווי אַ שוטה און אַ מחוצף. וואָס שטעהסטו צו צו מיר? מיט געוואַלד וועסטו קיין ליעבע ניט בעקומען, זוך דיר אַנ׳אַנדערע, איך בין פאַר דיר קיין פאָר ניט. איך בין אָפילו דיינע אַ קרובה, און אליהקע פּרוסאַק׳ס אַ טאָכטער, און א בופעטען-מיידעל, און מיט פּריצים און אָפיציערען, ווי דו זאָנסט, פיהר איך מיך אַרום, נור פאַר דיר בין איך קיין פאָר ניט. פאַרוואָס? וועסטו עס ניט פערשטעהן. נור אויב דו ווילסט וויסען דעם גאַנצען אמת, טאָ זאָלסטו וויסען, אַז איך בין שוין אַ פערקנסטע, איך האָב שוין אַ חתן!

— אַ חתן! דו האָסט שון אַ חתן!—האָט מאָטקע אויסגעשריען, חאַפּענדיג זיך פאַר׳ן קאָפּ און האָט אָנגעהויבען די האָר צו רייסען.—א, ווי אומגליקליך איך בין!.. וואוהין זאָל איך איצט געהן?... וואָס טהוט מען?.. פערפלוכט זאָלסטו זיין, מכשפה!.. איך לייף זיך טרינקען... דערטרינקען זיך... איך וועל דיר וויזען...

און אַ בליץ טהוענדיג אויף טאַניען מיט אַ צומישטען, שרעקליכען און גרויזאַמען בליק, איז ער אַרויסגעלאָפען פון זאַל, פערגעסענדיג זיין קאַפּעליוש. ר׳האָט זיך ווי אַ שטורם דורכגעטראָגען אין די צימערען פון דער פאַמיליע, איבערשרעקענדיג די פרוי פּרוסאַק, וואָס איז דאָרט געזעסען, און איז אין איין ווײלע שוין אויף דער גאַס געווען די ערשראָקענע און בלאַסע טאַניע איז שנעל אַראָב אין אונטערשטען גאָרן, האָט דאָרט אַרויסגערופען איינע אַ געשיקטע מיידעל, האָט איהר עפּיס איינגערוימט אין אויער אַריין און האָט איהר געשיקט אַכטונג צו געבען אויף דעם ארויסגעלאָפענעם. און זי האָט איהר אויך איבערגעגעבען זיין פערגעסענעם קאַפּעליוש. זי אַליין איז אַוועק צו אַ פענסטער אין אַ זייטיגען צימער, פון וואַנען מ׳האָט אַרויסגעזעהן אַ לאַנגע גאַס און דעם גאָרטען צום ענדע גאַס.

שטאַרק אונרוהיג און מיט אַ קלאַפּענדעם הארץ האָט זי

דורכ'ן פענסטער נאָכגעקוקט אויף מאָטקען, וואָס איז אין מיטען גאַס געלאָפען אָהן אַ קאַפּעליוש, האָט ענערגיש אומגעוואָרפען מיט די צונויפגעדריקטע פייסטען, שטויסענדיג און אימאַכענדיג וועמען ער האָט אָנגעגענט אין פערהאַנדערנדיג אַלע דורכגעהער אויפ'ן טראָטואַר. אָט דערנעהנטערט ער זיך שוין צום גאָרטען, וואָס געפינט זיך אויפ'ן פּלאַץ צווישען צוויי גאַסען, איינע רעכטס און איינע לינקס... ר'איז שוין ביים סאמע גאָרטען... ער האָט זיך אָבגעשטעלט, ער בעטראַכט, קווענקעלט... ער האָט זיך ווידער איינגעלאָזט... גאָט מיינער! ער לויפט רעכטס, צו דעם ברעג! גוואַלד, מענשען, האַלט איהם אָב! אַ מענש לויפט זיך דערטרינקען! ס'אַראַ אומגליק!.. פאָטער! מאַמע!.. וואָס איז דאָס? ער לויפט צוריק... ער האָט זיך געלאָזט לינקס... ס'לויפען איהם נאָך עטליכע מענשען... אַ דאַנק גאָט! ער איז גערעטעט... אי, דאָס האַרץ... וואַסער! מיר איז ניט-גוט... פאָטער!!.

אליה'קע און זיין פרוי זענען אריינגעלאָפען און האָבען אויף די הענד אונטערגעכאַפּט די גע'חלשטע מאַניע.

מאָטקע איז האסטיג אַריינגעלאָפען צו קאַרפּלען, איבער-שרעקענדיג איהם און זיין גאַנצע פאַמיליע. קאַרפּעל איז דאַן געזעסען אויפ'ן קאַנאַפּע און אויף די קניע האָט ער געהאַלטען אַ אויפגעעפענטען סדור, און ער האָט פון דעם זיין פינף-יעהריגע יונגעל געלערנט צו לייענען. נעבען איהם איז געזעסען זיין פרוי יענטע, האָט זיך פערגומען מיט איהר שוואַרצינקער מיידעלע, האָט איהר צעפּלעך געפלאָכטען.

— אַ סוף! — האָט מאָטקע אויסגעברומט, האָט זיך אַ וואָרף געגעבען אויף אַ שטוהל און האָט מיט'ן פויסט אַ קלאַפּ געגעבען אָן טיש אַזוי שטאַרק, אַז ס'האָט אָנגעהויבען צו סקריפּען.

קאַרפּעל און זיין פרוי זענען פון די ערטער אויפגעשפּרונגען און זענען צוגעלאָפען צו מאָטקען. — וואָס פאַר אַ סוף? — האָט קאַרפּעל געפרעגט, אַוועקלעגענדיג איהם זיין האַנד אויפ'ן אַקסעל און אריינקוקענדיג איהם אין פּנים אַריין.

— צו אַלץ אַ סוף! זי האָט חתונה מיט אַנ'אַנדערן!.. זי פאָהרט אוועק קיין אויסלאַנד... מעהר וועל איך איהר ניט אָנזעהן... ב'וועל עס ניט אויסהאַלטען... ראַטעוועט!.. עס שטיקט!..

ער האָט זיך אַ האַפּגעטהון פאַר'ן האַלז, האָט אַראָבגעריסען דעם שניפּס, האָט אויסגעגלאָצט די אויגען, האָט זיך אַ שאָקעל געטהון אין איז אומגעפאַלען אויף דער פּאָדלאָגע.

— וואַסער! עסיג! — האָט ניט מיט זיין קול אויסגעשריען דער ערשראָקענער קאַרפּעל.

אין צימער איז געוואָרען אַ שרעקליכער גערודער. די קינדער האָבען געשריען, יענטע האָט געוויינט, האָט די הענד געבראָכען אין איז אימגעלאָפען איבערן צימער אַ צעטרולטע און האָט ניט געוואוסט, וואָס צוטהון. ס'זענען זיך אָנגעלאָפען שכנים און שכנות אין האָבען נאָך מעהר טומעל צוגעגעבען, און דער בחור איז נאָך אַלץ צו־זיך ניט געקומען. ער עפּענט אויף אַ ווייל אַ אַנ'אויג און פאַלט ווידער אַריין אין חלשות. לסוף האָט מען זיך געחאַפּט אַריינצורופען אַ פעלדשער. יענער האָט דעם בחור אוועקגעלייגט אויפ'ן קאַנאַפּע, האָט איהם פונאַנדערגעשפּילעוועט און האָט איבער איהם אַזוי לאַנג געאַרבייט, ביז דער בחור האָט אָנגעהויבען צו עטעמען. ער האָט די אויגען געעפענט, נור ער האָט קיינעם ניט דערקענט. דער פעלדשער האָט אַ מעדיצין אָנגעווענדט, אוז דער בחור איז צו־זיך געקומען.

נאָכ'ן חלש'ן האָט ער אָנגעהויבען צו געניצען און דערנאָך איז ער שטאַרק איינגעשלאָפען. קאַרפּעל האָט ניט אָבגעטראָטען פון דעם שלאָפענדען און האָט זיך איטליכע ווייל צוגעהערט צו זיין אָטעם. ווען ס'איז געוואָרען פאַרנאַכט, האָט מאָטקע ערוואַכט, ער האָט די אויגען אויפגעעפענט און נאָך אַ לאַנגען געניץ האָט ער ווי פאַרזיך אַרויסגעזאָגט.

— מעהר ווענען איהר קיין איין וואָרט ניט. מ'דאַרף זיך אינגאַנצען פון די געדאַנקען אַרויסוואַרפען. דאָס לעבען פטרין צוליעב איהר איז ניט כדאַי. זי האָט אַ חתן, און איך וועל האָבען אַ כלה. דאָס האַרץ טהוט וועה, וועט עס איבערוועהטאָגען. די וועלט האַלט נאָך ניט ביים אונטערגעהן.

— ריכטיג,—האָט קאַרפּעל מסכים געווען,

— קאַרפּעלו—האָט זיך מאָטקע געווענדט צו זיין חבר, — דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגען.

— וואָס?

— לאָמיר זיך צוריק אומקעהרען צו אונזער בעל־הבית, צו־

ר׳ משה׳ן ער איז איצט איינער אליין, שרה־רבקה איז פאראליזירט, וועט פאר אונז נאך בעסער זיין. ער וועט אונז נאך מעהר שכירות נעבען.

— און וואס וועט זיין מיט אונזער „האנדעל"?

— מיר וועלען עס עמיצען איבערגעבען, צווישען זיך גע־רעדט, געהט עס ביי אונז זעהר ניט גוט: גיב אלעמען אין קרע־דיט, און צאהלען וויל קיינער ניט. מיר וועלען זיך נאך אזוי פער־דרעהען אין חובות, אז מיר וועלען ניט קאנען ארויסקריכען. דאס בעסטע איז א שטעלע! א וואך אבגעוועז — גיב אהער די שכירות און מזומנים דוקא. ווייסטו לפחות, אז דו האסט ניט אומזיסט געהארעוועט. און ר׳ משה איז א גוטער מענש. געגען איהם האב איך גארנישט, איך האב איהם ליעב. ער איז אביסעל קארגליך, נור דאס איז אלץ איבער שרה־רבקה׳ן. איצט, דארף מען רעכענען, וועט ער שוין ניט זיין אזוי קארג.

— מילא, איך בין מסכים,—האט קארפעל געענטפערט, וואס האט קיינמאל זיין אייגענע מיינונג ניט געהאט און פלעגט אלע מאל איינשטימען מיט אנדערע. צי וועט אונז אבער ר׳ משה צו־נעהמען איצט וויעדער אויף דער שטעלע?

— מיט ביידע הענד. אהן אונז געהט ביי איהם אלץ קא־פויר. איך בין אין דעם זיכער... קארפעל!

— וואס?

— בויג זיך אן צו מיר.

קארפעל האט זיך אנגעבויגען.

— נע׳גנבה׳טע האט קיין מזל וברכה ניט,—האט ער איהם איינגערוימט אין אויער אריין.

— דאס איז אמת,—האט קארפעל מיט דעם אויך מסכים געווען.

און געווען איז, ווי מאטקע האט געזאגט: ר׳ משה גרונימוס האט צוריק אויף דער שטעלע אנגענומען זיינע געוועזענע משרתים און האט זיי בעשטימט א דאפעלטע געהאלט.

XXX

מאניע און בעני פאַרען אַב.

— אַלזאָ, זוהן מיינער, איז עס שוין פערפאַלען. מסתמא וויל גאָט אַזוי. שטערן וועל איך דיר ניט, און אפשר טאַקי וועט עס דיר צו דיין גליק פיהרען. אַלע קאָנען דאָך ניט זיין קיין סוחרים.—אַזוי האָט ר׳ משה גרונימוס, האַלב לינענדיג אויף דער סאָטקע אין זיין קאַבינעט, גערעדט צו בעני׳ן, וואָס איז שוין גע־ווען אָנגעטהון אין די רייזע־קליידער, מיט א רייזע־טאַש איבער׳ן אַקסעל און מיט א ווייסען פּיקעע־הוט אין דער האַנד. פאַרגעקו־מען איז עס באַלד נאָך דער געשעהנים, וועלכע איז דערצעהלט געוואָרען אין פאָריגען קאַפּיטעל, אין א יולי־אָווענד.

— געווים,—האָט ר׳ משה צוגעגעבען, אָבגלעטענדיג זיין באָרד,—ביי אנדערע אומשטענדען... און ווען די מוטער זאָל זיין געזונד, וואָלטען מיר אפשר ניט מסכים געווען אָבלאָזען דיך אין אַזאַ וויטען וועג — וואָרום דו בינסט דאָך ביי אונז איינער. איצט אָבער... וואָס ווערסטו ווירקליך דאָ טהון? חתונה מאַכען דיך זענען מיר איצט ניט ביכולת: כ׳האָב חובות, און כל־זמן איך וועל עס ניט אויסצאָהלען אינגאַנצען, טאָר איך גאָר ניט טראַכטען ווע־גען מאכען גרויסע הוצאות. און ווייטער אויך... דער קאַפּיטאַן. דער קאַפּיטאַן זאָגט, אַז פאַר דיר איז נויטיג צו פאָהרען קיין אויסלאַנד, וועל איך שוין ניט דערווידערן. איך גלויב דעם אַל־טען: ער איז א חשובער און א קלוגער אַלטער, אויף זיינע ווער־טער אייגענטליך פערלאָז איך זיך. וויבאַלד ער זאָגט, אַז דו מוזסט זיך פערפאָלקאָמען און פאָהרען קיין אויסלאַנד, צו די דאָרטיגע לעהרער, איז עס א פנים טאַקי אַזוי.

— געווים איז עס אַזוי.—האָט זיך בעני אָבגערופען.—דו האָסט גאָר ניט וואָס צו צווייפלען אין דעם.

— איך צווייפעל טאַקי ניט. אַלזא נור, זוהן מיינער, מיך בעאונרוהיגט נור איין זאַך, און דאָס בעאונרוהיגט מיך טאַקי זעהר שטאַרק...

— דהיינו וואָס?

— צי וועסטו א יוד בלייבען?

— וואָס איז עס פאַר א פראַגע!

— אַ־האַ, דאָס איז זעהר אַ ווייכטיגע פראַגע און פאַר מיר איז דאָס וויכטיגער פון דיין גאַנצער קינפטיגער קאַריערע!... דו וועסט לעבען אין אויסלאַנד, ווייט פון די עלטערען, און ווערסט, מיט גאָט'ס הילף, ווערען אַנ'אַרטיסט, און דו וועסט ווערען בערימט, ווען זיך בײַ דיר אפשר דער קאָפּ פערשווינדלען, וואָרום דו בינסט דאָך נאָך יונג... דו וועסט בײַ זיך ווערען גרויס, וועסטו אָנהויבען צו שעמען זיך מיט דיין פאָלק, מיט דיין גלויבען, מיט דיינע עלטערן און...

— פאָטער, דו בעליידיגסט מיך, אויב דו טראַכסט אַזוי וועגען מיר!—האָט בעני אָבגעענטפערט אויפגערעגט און געצווייפעלט.—וואָס וועל איך מיך עפּיס שעמען פאַר דאָס, וואָס ס'איז קיין שום בושה ניט, קיין שום היזק ניט פאַר דער קונסט, צו וועלכע איך גיב מיך אָב. מאירבער, הלוי, משלה'ס, ערנסט—די אַלע זענען דאָך יודען געבליעבען.

— יאָ, יענע זענען אויסלענדישע יודען, און דאָס זענען אונזערע. בײַ אונז, בעוונותינו הרבים, איז יעדער צוקראָכענער בחור, ווי ער ווערט נור עטוואָס לייטישער, איז די ערשטע זאַך— שפּייט ער אויף דאָס גאַנצע יודענטום, ער שעמט זיך מיט זיין פאָלק, ר'וועט זיך דיר אָנגעבען פאַר ווער ס'איז,— אַ דייטש, אַ פראַנצויז, אַ טײַוועל—נור ניט פאַר קיין יוד, פונקט ווי אַ לייטישער מענש קאָן קיין יוד ניט זיין, און אַ יוד קאָן קיין לייטישער מענש ניט זיין. אָט דאָס איז פערדראָסיג! אָט פאַרוואָס איך האָב מורא!

— דאָס זענען דאָך נור אָבגעקראָכענע בחורים'לעך, וואָס שטאַמען פון אונוויסענדע עלטערן, אָבער איך!—האָט דער יונגער מאַן אויסגעשריען, אויפהויבענדיג שטאָלץ דעם קאָפּ.—איך בין אַ בעל־הבתיש קינד און איך האָב זיך ניט וואָס צו שעמען מיט מיין יחוס. אדרבה: וואָס מעהר ערפאָלג איך וועל האָבען אויף מיין געביעט, דעסטאָ מעהר וועט עס מיר הנאָה טהון, וואָס איך בין אַ יוד, וועלכען מ'איז געוועהנט צו פעראַכטען, און וועלכען מ'מוז ניט־ווילענדיג עהרען, ווייל ער האָט עס געוויס פערדיענט. איהר ווילט ניט נויגען זיך, נור איהר מוזט פאַר'ן טאַלענט, פאַר גאָט'ס מתנה, פאַר דער קראַפט, וואָס מאַכט אונטערטעניג דאָס שוואַכע און טאַלענטלאָזע. און ויצל־כולם, אויב די פריצים גרויסען

זיך מיט דער אַלטקייט פון זייער אָבשטאַמונג. איז פאַרוואָס זאָל איך מיך ניט גרויסען מיט דער אַלטקייט פון מיין אָבשטאַמונג, וואָס איז דאָך אַלענפאַלס עלטער פון אַלע אַלכע.

— אָ, זוהן מיינער! — האָט דער אַלטער אויסגעשריען, אַראָבשפּרינגענדיג פון זיין אָרט און אַרומנעהמענדיג דעם יונגען מאַן. — דו הייסט מיך איצט טרייסטען געלאָזט און זאָל דיך גאָט בעלוינען פאַר די טרייסט, וואָס דו האָסט פערשאַפט פאַר מיין אָנגעווערעטאָגט האַרץ. אַלזאָ, קאָן איך אין דעם פּרט רוהיג זיין?

— פאָלשטענדיג: אַ יוד בין איך געבוירען, און אַ יוד וועל איך שטאַרבען. נאַ דיר מיין עהרען-וואָרט. געפינענדיג זיך שטענדיג צווישען ניט-יודען האָב איך ניט איין מאָל די געלעגענהייט געהאַט צו איבערצייגען זיך, אַז זיי זענען בשום אופן ניט בעסער פון אונז, און יעדעס מאָל, ווען זיי ריהרען אָן אין מיר דעם יודען, בלייב איך זיי קיין בעל-חוב ניט. איך גיב זיי אָב אַ רעשט — און מיר ווערען קוויט, ניט זיי פון מיר און ניט מיר פון זיי קומט גאָרנישט ניט.

— אַ דאַנק דיר, זוהן מיינער, — האָט דער אַלטער צוגעגעבען, קוקענדיג מיט ליעבע אויף זיין זוהן. — מעהר דאַרף איך ניט, מעהר פאָדער איך ניט פון דיר. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב דיך קיינמאָל ניט געדריקט, כ'האָב מיך אַלע מאָל ניט-זעהענדיג געמאַכט, צי דו היסט אָב אינגאַנצען אַלע געבאָטען פון דיין גלויבען. פאַר מיר האָט געקלעקט, פאַר מיר איז וויכטיג געוועזען נור דאָס, אַז דו בינסט, אַ דאַנק גאָט אַ יוד, אַ וועלכער ס'איז, צו אַן'אַלט מאָדישער, צו אַ נייע מאָדישער, אָבער אַ יוד. און איצט פערלאַנג איך אויך ניט מעהר, ווי דאָס, אַז מיין זוהן, וואָס פון איין צד, שטאַמט ער פון דעם גרויסען קראָקויער רב און פון אנדער צד — פון דעם בריסקער, — זאָל ער ניט אַראָבוואַרפען פון זיך דעם נאָמען יוד. דאָס איבעריגע לאָז איך שוין אויף דעם אויבערשטענס רצון און אויף דיין אייגען האַרץ. איך האָף אויך, אַז דו וועסט ניט פערגעסען, אַז אין דערהיים האָסטו איבערגעלאָזט אַן'אַלטען פאָטער און אַ קראַנקע מוטער, וואָס וועלען עס ניט איבערלעבען, ווען דו וועסט דיין גלויבען פערלאָזען. דו וועסט עס ניט פערגעסען, זוהן מיינער?

— בײַ מיר איז אַ גוטער זכרון, — האָט דער יונגער מאַן

אריינגעזאגט, ער האָט ארויסגענומען דעם זייגער און האָט עס צו-געטראָגען צום לאָמפּ.— נו, פאָטער׳ל, ס׳איז שוין צייט, לאָמיר זיך זעגענען. כ׳האָב מורא, כ׳וועל פערשפּעטיגען צום צוג.

דער אלטער האָט אַרומגענומען דעם זוהן און האָט זיך צו-חיינט. בעני האָט אויך געוויינט. דאָס געזעגענען זיך איז געווען ריהרענד.

און זאל האָבען אויפ׳ן אָבריימעגידען געוואַרט די שוועסטער, זייערע חתנים, די מוהמע אננאַ און איהר חתן. אַלע צוזאַמען זענען אַוועק אויפ׳ן וואָקזאַל בעגלייטען זייער ליעבלינג, פון וועל-בען זיי האָבען זעהר פיעל ערוואַרטעט אין דער צוקונפט.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אין „פּאַריזער ביפעט" זיך אויך געזעגענט, נור ניט אַזוי ריהרענד.

מאַניע, אָנגעטהון אין אַ פיינעם רייזע-קאָסטיום, האָט די לעצטע בעפעהלען און פעראָרדנונג אָבגעגעבען איהר פאָטער און איהר שטיף-מוטער, וואָס האָבען אין דער שטיל צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. די אויגען זייערע זענען געווען פערוויינטע. געזעגענט האָט מען זיך אין די פאַמיליען-צימערען. דאָ איז אויך געווען אויך דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט געזאָלט בעגלייטען מאַניען אויפ׳ן וואָקזאַל: ער האָט קיינעם ניט געוואָלט אָבלאָזען דעם כבוד, און זי האָט אויך קיין אַנדער בעגלייטער ניט געוואָלט.

-- דו וועסט אונז, טאָכטער׳ל, בריעף שרייבען? — האָט אליה׳קע שרעקענדיג געפּרעגט, ווי ער וואָלט ניט זיכער געווען אין דעם, אַז זיין פערלאַנג קאָן ערפילט ווערען.

— ווי דען אַנדערש, האָט מאַניע געענטפערט, אָנטהוענדיג די האַנדשוה.—יעדע וואָך און וואו איך זאָל ניט זיין. איהר זאָלט מיר אָבער אויך שרייבען יעדע וואָך פון אַלצדינג אויספיהרליך. איך וועל זיין אומרוהיג, ווען איך וועל ניט וויסען, אַז דאָ געהט ביי אייך אַלץ, ווי ס׳געהער צו זיין. און אַז איהר וועט דאַרפען וועגען וואָס זיך בעראַטהען, זאָלט איהר, אָהן שום אָבהאַלט, זיך גלייך ווענדען צום פאַן קאַפּיטאַן. דער פאַן קאַפּיטאַן, האָף איך, וועט אייך ניט ענטזאַגען אין אַ גוטער עצה.

— איך בין גרייט צו דיענען אין יעדער צייט ביי-טאָג און

ביי־נאכט,–האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט צו אליה'קען און זיין פרוי, האָט האָבען זיך איהם טיעף פערנייגט. — לאָמיר פאָהרען, מאַריאַנא, וואָרום מיר וועלען פערשפּעטיגען צום צוג.

מ'איז אַוועקגעפאָהרען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ וואָך ארום האָט דער קאַפּיטאַן בעקומען פון בעני'ן פון אַ שטאָדט אין דרום־קאַנט, פאָלגענדע דעפּעש:

„מיר האָבען זיך דאָ אָבגעשטעלט אויף עטליכע טעג. אַ גרויסער יריד. עולם אַ שלל. מיר גיבען אַ קאָנצערט. אַ ערלויבניס בעקומען. מיר ערוואַרטען אייער ענטפער און הסכמה. דער ענט־פער בעצאָהלט".

דער קאַפּיטאַן האָט עפּיס אַ וואָרטשע נעטהון אין באָרד אַריין, איז אַ צוויי מאָל דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער אויף און אָב, האָט אָנגערוקט די פּעסקע אויפ'ן פּאַטילניצע און אַ קראַץ געגעבען אין שלייף, דערנאָך האָט ער מיט דער רעכטער האַנד ענערגיש עפּעס אַ מאַך געגעבען, האָט אַ קנאַק געטהון מיט די פינגער. האָט זיך צוגעזעצט צום שרייב־טיש און האָט אָנגעשרי־בען פאָלגענדען ענטפער:

„אָהן מיר ניט געוואַגט. איך פאָהר אַליין צו אייך. אויפ'ן דריטען מעת־לעת קום איך. אפישען און פּראָגראַמען אָהן מיר ניט דרוקען".

און אין דעם זעלבען טאָג איז ער אַרויסגעפאָהרען, מיט־נעהמענדיג אויך די „באָבעניו", ד. ה. די וויאָלאָנטשעל און אַ פּאַק קאָנצערט־נאָטען.

דאָס טעאַטער אין Z אין דעם קאָנצערט־אָווענד פון „דער אַרטיסטישער פאַמיליע טערעסקאָ", איז אָנגעפּאַקט געווען פון אויבען ביז אַראָב. מיט אַ טאָג פריהער נאָך האָט מען שוין אַלע בי־לעטען צונומען און אין דעם טאָג פונ'ם קאָנצערט האָבען עס די איבערקויפער פערקויפט אין דאָפּעלט און אין דרייען־מקח, ווייל יעדעם האָט זיך נעגלוסט צו הערען „דעם סאָלאָווי פון צפון קאַנט" און זיינע בעגלייטער. דעם נאָמען „דער סאָלאָווי פון צפון־קאַנט" האָט „מאַניאָן טערעסקאָ", ד. ה. מאַניע בעקומען איידערנעכטען, ווען זי האָט אַלס פרוב געזונגען אויפ'ן אָווענד ביי דעם אָרטיגען

אַרעל-מאַרשאַלעק, אַ גרויסער ליבהאָבער און מבין פון מוזיק. פון
דעם מאַרשאַלעק'ס סאַלאָן האָט זיך דער גוטער נאָמען פון דעם
„זעלטענעם טאַלענט" שנעל צוטראָגען איבער דער גאַנצער שטאָדט
און ס'האָט צוגעצויגען אין טעאַטער אַ אומגעהויערע פובליקום פון
די גרעסטע און גלענצענדסטע, פאַר וועלכע ס'איז נור צוטריטליך
דער העכסטער געגוס פון דער געטליכער קונסט.

אויף דער סצענע איז דער ערשטער אַרויסגעטראָטען בעני,
וואָס האָט די מבינים אין פידעל-שפּיעלען פערוואונדערט מיט
זיין פערפאָלקאָמענער טעכניק און דער זעלטענער שטרענג קלאַ-
סישער אויספיהרונג, וואו ס'איז ניט פאַרפאַלען געגאַנגען דער
קלענסטער שטריך. דער קלענסטער ציטער פון דער קווינטע. אַפּ-
לאָדירט האָבען אַפּילו ניט פיעל, די מבינים נור, וואָס זענען
אומעטום זעהר זעלטען, נור דערפאַר האָבען זיי אַפּלאָדירט לאַנג
און שטאַרק, מיט התפעלות און היץ.

נאָכ'ן ערשטען נומער איז פאָרגעקומען אַ גלענצענדער דו-
עט אויפ'ן פידעל און וויאָלאָנטשעל — אין דער אַלטער ווירט'אָ
אין דער רויטער פעסקע און מיט דער פאַטריאַרכאַלער ווייסער
באָרד האָט פאַקטיש בעוויזען, אַז ניט קוקענדיג אויף זיינע זיע-
בעציג יאָהר, איז ער נאָך שטאַרק אין זיין קונסט. אַפּלאָדירט און
גערודערט האָט דאָס מאָל דער גאַנצער זאַל, וואָס האָט זיך ווי
עלעקטריזירט פון דעם ריהרענדען „געשפרעך" פון די צוויי סאַמע
סימפאַטישע מוזיקאַלע אינסטרומענטען, וואו איינער האָט מיט אַ
געבראָכענער, אָבגעהאַקטער און דערשטיקטער שטים, אַזוי ווי
פערצווייפעלט אין דער מעגליכקייט פון מחילה, האָט ער זיין ודוי
אַרויסגעזאָגט און האָט חרטה געהאַט ווי „אַ פערבלאָנדזשעטער
זוהן", און דער צווייטער, מיט אַ צוצופּטען הארץ און די הענד
ברעכענדיג, האָט געמוסר'ט, געזיפצט, אָבער צוגלייך אויך גע-
טרייסט, בערוהיגט, האָפענדיג און גלויבענדיג, אַז די חסדים פון
דעם אויבערשטען זענען אָהן אַ שיעור. די הערצער זענען אָבגע-
שטאָרבען, די האָאָר האָבען זיך געשטעלט קאַפּויר פון דער
נעדיכטער אנגעבראָכענער שטים פון דעם שטראָפענדעם אַלטען,
וואָס אַלע האָבען מיט איהם מיטגעפיהלט זיין טיעפער אַנגסט
איבער די פעראירונגען פון זיין צאַרט געליעבטען זוהן, — און ווען ער
איז אַנטשוויגען געוואָרען, אונטערגעגעבען צום גורל, האָט אַ דונער

פון רווישענדסטע אַפּלאָדיסמענטען עטוואָס צערשטערויט דעם דרי-
קענדרען רושם אין זאַל, און אלע, זאָגאַר די קליינע מבינים, האָ-
בען געפּיהלט, אז זיי האָבען אָקאָרשט ערשט אויסגעהערט דאָס
זעלטענע שפּיעלען פון זעהר טאַלאַנטפילע וורטואָזען.

אין דריטען נומער איז געווען ז י. אין זאַל, ניט קוקענדיג
דערויף, וואָס דאָ איז געווען א פובליקום פון טויזענד מאַן, איז
געוואָרען עפּים מאָדנע שטיל, ערוואַרטענדיג איהר אַרויסטרעטען.

דאָס גלעקיל האָט אָנגעקלונגען. און זי האָט זיך בעוויזען
אין דעם גאַנצען גלאַנץ פון איהר בעצויבערנדער שענהייט, וואָס
האָט אויף אַמאָל אַ פינקעל געטהון אין איבערראַשט אַלעמען. זי
האָט דרייסט, זיכער און אויך גלעטענד זיך אומגעקוקט מיט איה-
רע וואונדערבאַרע אויגען אויף די לאָזשעס און פּאַרטער, און
אויף איהרע דינע און שענע ליפּען האָט זיך בעוויזען דער וויכער,
קינדיש-נאַאיווער שמייכעל, וואָס קיינער האָט איהם ניט געקאָנט
בּיישטעהן... און קיינער איז ניט בּיינעשטאַנען. אלע ווי איינער,
האָבען שטורמדיג אָנגעהויבען צו אַפּלאָדירען און האָבען געשריען
„בּראַוואָ". פּונקט ווי זי וואָלט שוין עפּים אויסגעזוּנגען.

דער קאַפּעלמייסטער האָט אויפגעהויבען זיין שטעקעלע, די
פּרימאָ-שפּיעלער אין ארקעסטער האָבען עטליכע אַקאָרדען געמאַכט—
און זי האָט אָנגעהויבען צו זינגען.

איהר שטים, אַ וויכע, אַ זאַנפטע און מיט אַ האַלב מעטאַלע-
נעם טעמבּר זאָגאַר אין די אונטערשטע טענער, האָט פון אָנפאַנג
קוים געקלונגען אין זאַל, ווי אַ האַרפע, אויף וועלכער מען שפּיעלט
ערגיץ וואו ווייט, און צום צוהערער האָבען דערגרייכט נור שוואַכע,
אָבער גאַנץ דייטליכע אָבּקלאַנגען. דערנאָך האָט עס אָנגעפאַנגען
בּיסלעכווייז צו וואַקסען אין דער הויך און אין דער בּרייט, פער-
נעהמענדיג אַלץ גרעסערע ראַיאָנען, און אַזוי ווי אָבמעסטענדיג די
שטרעקע, וואו עס וועט בּאַלד דאַרפען פונאַנדערשפּרייטען זיך אין
די גאַנצע בּרייט פון דעם אָדלער-פליה, פאַר וועמען ס'דאַרפען
קיין שום שטערונגען ניט זיין אויפ'ן וועג. און ענדליך האָט זיך די
שטים אויפגעהויבען הויך-הויך, האָט דאָרט אַ שאָט געגעבען קלינ-
גענדע טרעלען און האָט זיך ווי אַ בּליץ אַראָבגעלאָזט אַראָב אין,
פונקט ווי זי האָט זיך צוקלאַפּט אָן עטוואָס האַרטעס, האָט זי זיך
גראַנדיעז צושאָטען אין סאַמע האַרמאָנישע, סאַמע בעצויבערנדע

קלאַנגען, און פעראייניגענדיג זיך מיט די פיעדלען און פליטען און
הערשענדיג איבער זיי, האָבען זיי דעם גאַנצען זאַל פון אויבען ביז
אראָב אָנגעפילט מיט אַ גאַנצען ים מוזיק, אַז די ווענד האָבען גע=
ציטערט און די לוסטרעס האָבען זיך געשאָקעלט.

דער גאַנצער זאַל האָט נור געהערט. אַלע האָבען דעם אָטעם
פערהאַלטען און האָבען קיין אויג ניט אָפּגענומען פון דער צויבע=
רין, וואָס האָט מיט דער כשוף-קראַפט פון איהר וואנדער=שטי
אָנגעפילט אַלע הערצער און זיי צוגעשמיעדט צו זיך, וואָס האָבען
זיך איהר אינגאַנצען אָפּגעגעבען און אָהן שרעק זיך געלאָזט פליהען
מיט איהר אין די הויך פון האַרמאָניע, פיהלענדיג, אַז זיי לעבען
איצט איבער די געבענשטע מינוטען פון זייער לעבען. און ווען זי
האָט געענדיגט, האָט זיך קיינעם ניט געגלויבט, אַז דער כשוף
האָט שוין אויפגעהערט, אַלע האָבען נאָך עפּיס ערוואַרטעט, און
דעריבער איז א ווײַלע אין זאַל שטיל געווען, ווי בעת'ן זינגען.
נור אַז די זינגערין האָט אָנגעהויבען צו נויגען זיך, — האָט דער
דונער פון רוישענדע אַפּלאָדיסמענטען און די שטאַרקע בראַוואָ=
געשרייען בעוויזען, אַז אַלע אַנערקענען פאַר מאַריאָן טערעסקאָ
דעם נאָמען „דער סאָלאָוויי פון צפון“.

מיט יעדער נומער איז אלץ העכער און העכער געשטיגען
דער ערפאָלג פון אינזער זינגערין און איהרע בעגלייטער, און צום
סוף קאָנצערט האָט דער זאַל געציטערט פון די אַפּלאָדיסמענטען
און התפעלות'דיגע אויסגעשרייען. מ,האָט די אַרטיסטען מיט בלומען
פערשאָטען און דער דירעקטאָר פון טעאַטער האָט זיי דאָ גלייך
איבערגעגעבען דעם אויפריכטיגסטען פערלאַנג פון פּובליקום, אַז
זיי זאָלען ניט אָבּפאָהרען, וואו זיי וועלען ניט געבען נאָך צוויי,
אָדער צום ווייניגסטען, נאָך איין קאָנצערט. ביי דער טהיר, בעת זיי
האָבען זיך אַרייַנגעזעצט אין קאַרעטע, האָט מען זיי געמאַכט אַ
קליינע אָוואַציע, אין וועלכער ס'האָבען זיך בעטײליגט אַלע אַר=
טיגע ליעבהאָבער פון געזאַנג, די שטודירענדע יוגענד און פיעל
פון פּובליקום.

— אַמניכסטען צום וויעדערזעהן! — האָט מען נאָכגעשריען
דער אָבּרייזענדער קאַרעטע.

XXXI.

ס׳בלאָזען ווינדטען.

— שאַמפּאַניער! אַ גאַנצען דוך שאַמפּאַניער.— האָט סאַנע גע־שריען, ווען זי איז מיט בעני׳ן און דעם קאַפּיטאַן צוריקגעקומע־ן פון קאָנצערט אויפ׳ן קוואַרטיר אין איינעם פון די גרעסטע האָטעלען אין שטאָדט.—מ׳דאַרף אָבנעצען אונזער דעביוט, אונזער ער־שטען ערפאָלג, אונזערע ערשטע קרענץ!...

און זי האָט אָנגעהויבען אַרומצונעהמען און שטיקען און קושען מיט אַ מאָדנער ליידענשאַפט אַמאָל דעם אַלטען קאַפּיטאַן, און אַמאָל דעם יונגען בעני׳ן.

— איך בין אַנ׳אַרטיסטין!—האָט זי געשריען, יעדעס מאָל מיט מעהר היץ.—פערשטעהט איהר, מיינע פריינד? איך בין שוין ניט קיין בופעט־מיידעל, נור אַנ׳אַרטיסטין! אַ גרויסען פּובליקום האָב איך צו מיינע פיס געוואָרפען! אַ גרויס פּובליקום האָט מיר אַפּלאָדירט!... טויזענדער הערצער האָב איך ענטציקט און זיי גע־לאָזט שטאַרקער קלאַפּען דורך דער קראַפט פון דער געטליכער קונסט, וואָס איז דאָס העכסטע אויף דער וועלט!... און איך בין איינע פון די, וואָס דיענען דער קונסט! נאָט מיינער, ווי גליקליך איך בין!... איך שעם מיך פּשוט—אַזוי גליקליך צו זיין!

און זי האָט זיך אויף די קניה געוואָרפען און געחאַפּט די הענד קושען דעם קאַפּיטאַן און בעני׳ן, וואָס האָבען עטוואָס אומ־רוהיג אָנגעהויבען אַכטונג צו געבען אויף דעם אונגעוועהנליכען עקסטאַז פון דער שטענדיג רוהיגער און אויפגעהאַלטענער מיידעל וועלכע זיי האָבען איצט גאָר ניט דערקענט. איהר פּנים איז גע־ווען אויפגעפלאַמט, די ליפּען האָבען געציטערט, די אויגען זענען געווען ברייט אויפגעעפענט און האָבען אומרוהיג און גרויזאַם גע־פינקעלט מיט אַ אוננאַטירליכען גלאַנץ. זי פלעגט זיך איטליכע ווייל אָנחאַפּען פאַר׳ן ברוסט, וואָס פלעגט זיך הויך אויפהויבען, אויפשלאָגען. מיט איין ענערגישער בעוועגונג מיט דער האַנד האָט זי פון איהר קאָפּ אַראָבגעוואָרפען דעם גאָלדענעם רייפעל מיט דער גירלאַנדע, און איהרע שוואַרצע, בלאַנקענדע האָאר האָ־בען זיך לאַנג און געדיכט צישאָטען איבער איהר פּלייצע און אַק־סלען, און ס׳האָט איהר אויסזעהן, געמאַכט ווי אַ לילית.

אָ, מײַנע װאָלטעטער! — האָט זי שטיל און מילד גערעדט, צונױפלעגענדיג די הענט, װי בײַ אַ געבעט. — מיט װאָס זאָל איך אײַך אָבדאַנקען פאַר אַלץ, װאָס איהר האָט געטהון פאַר מיר? אױ, װאָלט איך װעלען איצט שטאַרבען דאָ בײַ אײַערע פיס!... היינטיגען אָװענד האָב איך פונ'ם לעבען בעקומען אַלץ, זאָגאַר מעהר, װי איך האָב פערלאַנגט. נעכטען אַ בופעט-מײדעל, און היינט — אַנ'אַרטיסטין אַ פערשאָטענע מיט בלומען!... ניין, מײַנע פרײַנד, אַזאַ גליק װעל איך גאָר ניט איבערטראָגען: דאָס איז העכער פון מײַנע קרעפטען...

— זי האָט זיך געהאַפּט פאַר'ן קאָפּ. אַ װײַלע האָט זיך אָבגעדוכט, אַז זי איז אַזױ פערגליװערט געװאָרען. דער קאַפּיטאַן און בעני האָבען אָנגעהױבען ערנסט צו בעאונרוהיגען זיך. זײ האָבען זיך אַ לאָז געטהון אױפצוהױבען דאָס עקזאַלטירטע מײדעל.

— מאַניע! — האָבען זײ איהר אָנגעהױבען צו בערוהיגען.

— קום צו-זיך. װאָס האָסטו זיך אַזױ צוהיצט? איצט דוקא איז דיר געקומען צום לעבען. היינטיגער אָװענד איז נור אַ אָנפאַנג פון יענע גלענצענדע ערפאָלגען, װאָס ערװאַרטען דיך אין דער צוקונפט. קרעפטיג זיך און טראָג איבער דײַן גליק מיט געדולד!

ששו! — האָט זי שטיל אַרױסגעזאָגט צולעגענדיג אַ פינגער צו די ליפּען און צוהערענדיג זיך צו עפּיס. — איך הער אַ שטים... אַ שאַרמאַנקע! — האָט זי פרעהליך אױסגעשריען און איז שנעל אױפגעשפּרונגען. — אָרעמע, ליעבע, גוטע שאַרמאַנקע מײַנע, מײַן פרײַנד פון קינדהײט! דו ביסט אױף דער גאַס פערבליבען, און איך האָב מיך אין סאַלאָנען פערקליבען? ניין, דאָס טאַרף אַזױ ניט זײַן! בין איך אין סאַלאָנען, בינסטו אױך אין סאַלאָנען. קײן אַלטען פרײַנד פערלאָזט מען ניט!

און פיל פון בױגען האָט זי זיך געלאָזט צו דער טהיר, האָט עס אױפגעעפענט און האָט אָנגעהױבען צו שרײַען איבער'ן גאַנצען קאָרידאָר:

— עי, װער איז דאָרט פאַרהאַן! דער שװײצער! אײַפ'ן גאַס געהט איצט אַ שאַרמאַנקע. רוף עס אַרײַן אַהער, שנעלער!

דער שװײצער האָט אַ ציה געגעבען מיט די אַקסלען און איז אַװעקגעלאָפען צו ערפילען דעם פערזאָג פון דער אַרטיסטין. דער קאַפּיטאַן און בעני האָבען אױך געצױגען מיט די אַקסלען,

נור זיי האָבען בעשלאָסען ניט צו שטערן דעם מאָרגעם קאפריז פון זייער געליעבטער, וואָס איהר עקסטאַז האָט זיי אָנגעהויבען ערנסט צו בעאונרוהיגען. בעני איז בלאַס געווען, ווי א לייוואנד און האָט קיין אויג ניט אָבגענומען פון זיין געליעבטע, ר'האָט אונרוהיג און דורכדרינגענד אכטונג געגעבען אויף איהר קלענסטער בעוועגונג, אויף דעם קלענסטען ריהר.

דער שאַרמאַנקע-שפּיעלער האָט, קרעכטשענדיג און סאָפּענ, דיג, אַרויפגעקלעטערט מיט זיין ניט לייכטער משא אין דעם אויבערשטען קאָרידאָר, און מיט איין האַנד אַראָבציהענדיג דעם הוט פון קאָפּ, האָט ער מיט דער צווייטער האַנד גענומען אוועק, שטעלען די שאַרמאַנקע ביי דער טהיר פון אונזערע אַרטיסטען. מאַניע האָט עס איהם אָבער ניט דערלאָזען.

— אַהער, מיין פריינד, אַהער, — האָט זי איהם איינגעלאַ, דען, אויפעפענענדיג בּרייט די טהיר. — דרייסט, אָהן שרעק, דו געפינסט זיך צווישען גוטע פריינד. מיר זענען אויך מוזיקאַנטען, הייסט עס, חברים, מיר דיענען צו איין גאָט און דעמזעלבען ברויט עסען מיר.

דער שאַרמאַנקע-שפּיעלער האָט גאָר ניט געצווייפעלט, אַז יעדער מוזיקאַנט, ווער ער זאָל ניט זיין, — איז איהם אַ חבר לויט'ן פאַך, האָט ער די איינלאַדונג אָנגענומען פאַר גאַנץ נאַטירליך, ער האָט דעם אינסטרומענט אַריינגעטראָגען אין צימער, האָט איהם אַוועקגעשטעלט אויף דעם ערשטען שטוהל, וואָס האָט זיך נעבען איהם געפונען און האָט זיך געלאָזט גאַנץ בעקוועם אָבצורוהען — וואָרום ער געפינט זיך דאָך צווישען איינענע ברידער — מוזיקאַנטען.

— או — אוף ! — האָט ער אויסגעעטעמט און אָבגעווישט דעם שוויים פון זיין פנים, וואָס איז פערברענט געווען פון זון און געוויטער — ס'איז אַזוי הייס, אַז גאָט זאָל אָבהיטען, און דאָ דאַרף מען נאָך טראָגען אַ קאַסטען פון פיער פוד !

— וואָס פאַר אַ פּיעסען שפּיעלסטו, פריינד מיינער ? — האָט מאַניע אַ פרעג געטהון, ווען דער שאַרמאַנקע-שפּיעלער האָט אַביסעל אָבגערוהט און איז אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צו זיין אינ, סטרומענט.

— מיר שפּיעלען אַלץ, — האָט דער שאַרמאַנקע-שפּיעלער געענטפערט, אַרומווישענדיג מיט'ן אַרבעל די שטויב פון אינ,

סטרומענט,—מיר שפּיעלען אָפּערען, וואַלסען, קאַדרילען, ראָמאַנסען.
— „לוטשינושקא“ שפּיעלסטו?
— נאָך ווי מיר שפּיעלען! וואָס פאַר אַ „סטרומענט“ איז עס שוין אָהן „לוטשינושקא“? סיידען בײַ די וואָס ווייזען מאַלפּעס איז נימאָ קיין „לוטשינושקע“, וואָרום—דייטש—קאַלבאַס איז דין-דין דין-דין און פערטיג. אָבער אונזער איינער אַ רוס—איז בעסער גאָר נים צו בעווייזען זיך אָהן „לוטשינושקא“.
— און „וויִוט וויטרי“ שפּיעלסטו?
— מיר שפּיעלען דאָס אויך.
— בינסטו אַ חוואַט. שטעל זשע אָן, מײַן פריינד, אויף „וויִוט חיטרי“.
— גלייך.
— נור זאָלסט אַזוי גוט זײַן צו שפּיעלען מיט טאַקט, נים גע-אײַלט, מיט פויזען, וואָרום איך וועל זינגען.
— איהר וועט זינגען? איז וואָס דאַרף מען בעסער? איהר קאָנט שוין זיכער זײַן, פריילין. מיר ווייסען ווי צו שפּיעלען בײַ אַ צוזינגען, ס'איז נים דאָס ערשטע מאָל. צוועלף יאָהר אַז מיר געהען שוין אַרום מיט'ן „סטרומענט“. ס'האָט זיך געמאַכט צו שפּיעלען אויך פאַר פירסטען און גענערעלער און מ'האָט נים גע-זידעלט, מ'איז פערקעהרט צופריעדען געווען, מיר קאָנען צוטרע-פען אַקוראַט.
— גוט, גלייך... וואַרט אַ ווײַלע... כ'וועל דיר אַ צייכען געבען, ווען אָנצוהויבען.
זי איז אַרויסגעטרעטען אין מיטען צימער, מיט אַ שטאַר-קער בעוועגונג מיט דער האַנד האָט זי די האָאָר אַהינטער אָבּ-געוואָרפען, מיט אַ בלאָנדזשענדען בליק האָט זי אָנגעקוקט דעם קאַפּיטאַן און בעני'ן, וועלכע זי האָט איצט. דוכט זיך, נים דערקענט, און אָנשטעלענדיג די אויגען אויף עפּיס אַ פּונקט אויף דער סטעליע און אויפהויבענדיג עטוואָס אין דער הויך איהרע פונאַנדערגע-שפּרייטע הענד. האָט זי אין אַ מאָדנע פערגעסענהייט אָנגעהויבען צו פאַנטאַזירען אויפ'ן קול:
— אַ גרויסע שטאָדט... אַ שפּעטע שעה אין אַ וואַרימען זומער-אָוונד ... אַ קליין רעגעלע שפּריִט.—די לבנה שווימט אַרויס אַמאָל, און אַמאָל בעהאַלט זי זיך אַהינטער די וואָלקענס ... אויף

די נאַסען איז שטיל, ניטאָ קיינעם... די פּיערלעך אין די פענסטער לעשען זיך אויס איינס נאָכ'ן אַנדערן... די שטאָדט שלאָפט... דער שאַרמאַנקע-שפּיעלער מיט דער שאַרמאַנקע אויף די פּלייצעס שלעפּט זיך אַהיים... און די היים איז ווייט, אויסערן שטאָדט, אין דער אַכסניא... אַ שווערער טאָג נעווען... די הענד אָנגעמאַטערט, און סך-הכל בעקומען פינף פּיאַטאַקעס... ס'איז שרעקליך און טרויעריג..: —„ע, טאָכטעריל, טהו אָקאָרשט אַ קלאַפּ מיין גע-ליעבטע ליעדעל. וואָס זענען מיר ניט קיין פּריצים?... ס'טרויערט און ס'הונגע־ט אַזוי, אַז קיים וואָס איך שלעפּ די פיס. לאָמיר אַ שפּיעל טהון און צוזינגען, וועט לייכטער ווערען אויפ'ן האַרצען, און מיר וועלען גיכער זיך דערשלעפּען צו אונזער ווינקעלע. אַנו, טאָכטערל".

זי האָט מיט דער האַנד אַ צייכען נעגעבען דעם שאַרמאַנקע-שפּיעלער, און ער האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען, און זי האָט אָנ-געהויבען צו זינגען:

„וויוט וויטרי, חיום בויני, אַזש דערעוואַ גנוטצאַ", —

„אָ, יאַק באָליט מאָיע סערצע, אַ סלעזי נע ליוטצאַ!"

חאָטשי די טהיר איז געווען צוגעמאַכט, האָט די קלינגענדע און שטאַרקע שטים פון דער זינגערין צוזאַמען מיט דער שאַרמאַנקע, אָבגעקלונגען גאַנץ דייטליך אין קאָרידאָר און ס'האָט צוגעצוינגען אַ גרויס פּובליקום פון די דיענער פון האָטעל און די געסט, וואָס האָבען אויפגעעפענט די טהירען פון זייערע נאָמערען און זענען אויף די שוועלען געשטאַנען און געהערט. די זינגערין האָט אַזוי האַרציג, אַזוי טרויעריג געזונגען דאָס פּאָפּולערע קליין-רוסישע ליעד, אַז די צוהערער זענען טיעף געריהרט געווען און אין די אויגען ביי פיעלע, בעזונדערס ביי פרויען, האָבען זיך טרעהרען בעוויזען. מבינים האָבען מודה געווען, אַז דאָס ערשטע מאָל הערען זיי דאָס איינפאַכע, אָבער וואונדערבאַרע ליעד אַזוי מייסטער'האַפט אויסגעזונגען. אַלע האָבען דעם אָטעם פערהאַלטען און זיך ניט אַ ריהר געטהון, כדי ניט אָנצעוועהרען קיין איין וואָרט ניט, קיין איין קלאַנג ניט פון דער פליעסענדער און ריהרענדער מוזיק, וואו דער מאָטיו איז אונגעוועהנליך איינפאַך און האַרציג. זיי זענען, דוכט זיך, בעצויבערט געווען פון דער וואונדערבאַרער שטים, וואָס האָט דורכגעדרונגען ביז די פערבאָרגענסטע טיעפע-

ניסען פון האַרץ אין האָבן ערוועקט די אינערסטע געדאַנקען, געפילען, זכרונות, האָפנונגען און חלומות.

פלוצלונג האָט זיך די שטים פון דער זינגערין איבערגעריסען אין דער מיט, די שאַרמאַנקע האָט אויפגעהערט צו שפּילען, —און פון די אַרטיסטענס צימער האָט זיך דערהערט אַ גערודער, אַ געלאָף, קרעכטשען, געשרייען. די טהיר האָט זיך שנעל אויפגעעפענט און פון צימער איז אַרויסגעשפרונגען בעני, בלאַס און צורודערט, מיט צושויבערטע האָאר און מיט אַ אונגעוועהנליכער שרעק און פערצווייפלונג אויפ'ן פנים. ער האָט אומגעוואָרפען מיט די הענד און געשריען מיט טרערען אין קול:

— אַ דאָקטאָר! אַ דאָקטאָר!.. צי איז דאָ ניטאָ אַ דאָקטאָר?.. אָך, העלפט נור, גוטע מענשען! דער אַרטיסטל איז נים־גוט... גאָט מיינער, זי שטאַרבט!...

די אַרומיגע האָבען אָנגעהויבען צו זיפצען און די הענד ברעכען. מ'האָט גענומען לויפען און אַרומטראָגען זיך איבער'ן קאָרידאָר און אין גאַנצען האָטעל. צום גליק, האָט איינער אַנ'אָרטיגער דאָקטאָר אָוענד־ברויט געגעסען אין קוכמייסטערסקע פון האָטעל. די דיענער האָבען דעם דאָקטאָר אויף די הענד אַרורכגעטראָגען איבער'ן קאָרידאָר צו די אַרטיסטען אין צימער אַריין.

די זינגערין איז אונבעוועגט געלעגען אויפ'ן סאָפקע, אַ בלאַסע, מיט אַ פערענדערט פנים, מיט אַ פערגליווערטען שמייכעל אויף די ליפען. דער אַלטער קאַפּיטאַן איז דאָ אויף די קניה געשטאַנען, האָט געוויינט און די הענד געבראָכען, בעני איז צומישט אַרומגעלאָפען איבער'ן צימער, ער האָט אויף זיך די האָאר געריסען.

דער דאָקטאָר האָט זיך צוגעזעצט בײַ דער סאָפקע, האָט אָנגענומען פאַר'ן פולס פון דער אַראָבגעהאַנגענער האַנד און האָט אַנ'אויער צוגעלעגט צום ברוסט.

— נו, וואָס, דאָקטאָר, געשטאָרבען?—האָט דער קאַפּיטאַן, וויינענדיג, געפרעגט.

— רעדט נישט קיין נאַרישקייט, אַלטער,—האָט דער דאָקטאָר גראָב אָבגעענטפערט. — ס'איז אַ טיעפע חלשות... אַ היסטערישער פּאַראָקסיזם... האָט איהר ניט בײַ זיך קיין שפּירט צי אָדעקאָלאָן?

בעני האָט זיך אַ וואָרף געטהון צום קאָמאָד, האָט אַ חאַפּ

געטהון אַ פּלאַקאַן און דערלאַנגט דעם דאָקטאָר, דער דאָקטאָר האָט פערקאַטשעט די אַרבעל, האָט די הענד אָבגעגעצט מיט אָדעקאָלאָן און האָט אָנגעהויבען שטאַרק אָבצורייבען דעם קער־פער פון דער פער׳חלש׳טער. דערנאָך האָט ער עטליכע מאָל איהר אין פּנים אַ שפּריץ געגעבען מיט קאַלטע וואַסער און האָט איהר צו דער נאָז צוגעטראָגען עפּיס אַ קליין פלעשעלע.

ס׳האָבען זיך בעוויזען שוואַכע צייכען פון אָטעם, און פון מינוט צו מינוט איז עס אַלץ קענטיגער געוואָרען, און אין פינף־זעקס מינוט אַרום האָט דאָס ברוסט אָנגעהויבען שטאַרק אויפצו־שלאָגען, ווי פון אונטער אַ שווערער משא, נור די אויגען האָט ז׳ נאָך אַלץ ניט אויפגעעפענט.

— אָפּט טרעפען ביי איהר אַזעלכע פּאַראָקסיזמען? האָט דער דאָקטאָר געפרעגט, ניט אַרויסלאָזענדיג פון זיין האַנד דעם דופּק פון דער קראַנקער.

— ניין, דאָס איז אַנ׳ערשטע מאָל, דוכט זיך,—האָבען גע־ענטפערט בעני אין דער קאַפּיטאַן. וואָס האָבען זיך עטוואָס אויפ־געמונטערט פון האָפנונג.

— וואָס האָט אַזוינס פּאַסירט פאַר דעם פּאַראָקסיזם?— אַ וועלכע ס׳איז צורורודערונג, אַ פרייד?

דער קאַפּיטען האָט אין קורצע ווערטער דערצעהלט אַלע פּאַסירונגען פון דעם אָוענד, ווי אויך דעם אויפטהו מיט דער שאַרמאַנקע.

— מה .. אַ נערוועזע נאַטור,—האָט דער דאָקטאָר אַרויסגע־זאָגט פיעל־ריטענד און האָט זיך פערטראַכט—אָט וואָס,—האָט ער צוגעגעבען, ווענדענדיג זיך צום שאַרמאַנקע־שפּיעלער,—דו, טייערינקער, שפּיעל ווייטער פון דאָרטען אָן, וואו דו האָסט זיך פריהער אָבגעשטעלט.

דער שאַרמאַנקע־שפּיעלער האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען. און ווי די קלאַנגען פון דעם איבערגעריסענעם ליעד האָבען זיך צוטראָגען איבערן צימער, האָט דאָס ברוסט פון דער קראַנקער אָנגעהויבען אויפצושלאָגען שטאַרקער און שטאַרקער, די מוסקולען אויפ׳ן פּנים האָבען אָנגעהויבען צו שוידערן און קאָנוואולסיוו צו ציטערן, און די קראַנקע האָט זיך מיט ביידע הענד אָנגעחאַפּט פאַר איהר ברוסט, האָט אַ טיעפען זיפץ געטהון און האָט דערנאָך

אזוי אימה׳דיג אַ געשריי געטהון, און פון איהרע אויגען האָבען זיך אַ לאָז געטהון טרעהרען,—און זי האָט נעקלאָגט הויך, אויפ׳ן גאַנצען צימער.

— זי איז נערעטעט!—האָט דער דאָקטאָר פייערליך ארויסגעזאָגט. צוקנאַקענדיג מיט די פינגער.—איהר קאָנט שוין זיין רוהיג, דער פּאַראָקסיזם איז גענענדיגט.

די קראַנקע האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעעפענט די אויגען, און מיט אַ אָבגעהאַקטער שטים האָט זי געוויינט מעלאניש, און מעכאַניש האָט זי אויסגעזונגען, אָדער ריכטיגער, אויסגעזיפצט, ביים אַקאָמפּאַנימענט פון דער שאַרמאַנקע.

„טילקא טאָדי אי פּאָלעגשאָ,
יאַק טישקאָם פּאָפּלאַטשו״..

— ריכטיג! ריכטיג! — האָט דער דאָקטאָר פרעהליך געשריען און האָט זיך די הענר געריבען. — וויין, קינר מיינס. וויין, דאָס וועט דיר ערלייכטערן. מאָרגען וועסטו שוין געזונד זיין.

ער האָט אַ וואונק געטהון דעם שאַרמאַנקע־שפּיעלער, אז ער זאָל אויפהערן צו שפּיעלען. ווי נור אין צימער האָבען אויפגעהערט די קלאַנגען פון דער שאַרמאַנקע, האָט די קראַנקע אויפגעעפענט די אויגען און פערוואונדערט ארומקוקענדיג זיך ארום און ארום, האָט זי אַ פרעג געטהון:

— וואו בין איך עס?

דער צופאַל מיט׳ן „צפון־סאָלאָווי״, אין האָטעל איז אויף מאָרגען בעוואוסט געוואָרען אין גאַנץ שטאָרט. מ׳האָט וואונדער דערצעהלט וועגען דער קונסט און דעם שטייגער פון דער יונגער זינגערין אינ׳ם זינגען „וויוט וויטרי״ און יעדערן, פערשטעהט זיך, האָט זיך געגלוסט אַליין צו הערען, ווי זי זינגט אָט דאָס ליעד. אויפ׳ן צווייטען קאָנצערט דעריבער, ווען מאַניע איז ארויס צו זינגען איהר לעצטע נומער לויט פּראָגראַם, האָט דאָס גאַנצע פּובליקום, ווי אָבגערעדט פון פריהער, געפאָדערט „וויוט וויטרי״. לויט דעם צייכען פון קאַפּעלמייסטער, האָט דער אָרקעסטער געהאַט אָנגעהויבען די פּיעסע פון פּראָגראַם. נור דאָס פּובליקום האָט אָנגעהויבען צו פייפען און נאָך שטאַרקער צו פאָדערן דאָס ליעד. אין טעאַטער איז געוואָרען אַ רעש און אַ טומעל. די זינגערין, אַ פערשעמטע, אַ

פערלאָרענע בײַ זיך. איז אַוועקגעלאָפען אַהינטער דער סצענע. דער רעש האָט זיך אָבער אַלץ מעהר און מעהר געשטאַרקט. „וויוט וויטרי״!.. „וויוט וויטרי !..״ איז אין געשרײַ געשטאַנען אין זאַל. ס'איז אַרויסגעקומען דער רעזשיסאָר און האָט געמעלדעט, אַז באַלד וועט אַרויס די אַרטיסטין, זי קלײַרט זיך איבער. — בראַוואָ! בראַוואָ! — האָט מען אָנגעהויבען צו שרײַען און צו אַפּלאָדירען.

אין עטליכע מינוט אַרום איז מאַניע אַרויס אויף דער סצענע, קאָסטיומירט ווי „נאַטאַלקע-פּאָלטאַווקע״ און מיט דעם אַליין האָט זי שוין אַרויסגערופען אַ שטורם פון ענטציקטע אַפּלאָדיסמענטען, אַזוי ווי די שטאָדט איז געווען אַ קליין-רוסישע און אַזאַ שענהייט צו זעהן אין דעם קליין-רוסישען נאַציאָנאַלען קאָסטיום איז פאַר דאָס רוב פּובליקום אַ אמת'ער יום-טוב געווען. ווען די זינגערין האָט דאָס ליעד אויסגעזונגען מיט איהר דאַזיגקייט און קונסט, איז די התפעלות פון פּובליקום אונגעהויער געשטיגען; די פּיהלבאַרע מאַלאָרוסען צו דאָס נאַציאָנעלע, ווי אויך צו שענעס און פּאָעטישעס בכלל, זענען אויסער זיך געווען פון דער הימליכער מעלאָדיע, וואָס איז אויסגעזונגען געוואָרען מיט אַזאַ געפיהל און אויפריכטיגקייט. „זי איז — אַ חאָחלושקע, אַ אונזערע!״ — האָבען די מאַלאָרוסען גע'טענה'ט און געקלאַפּט זיך אויפ'ן ברוסט און געבליצט מיט די פינקעלענדע אויגען פון זעלבסט-בעוואוסטזיין. צו דער אַרטיסטין אויף דער סצענע זענען געפלויגען בלומען, בראָשען און קייטעלעך — און דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָבגעלאָזט בײַ שטורמדיגע אַפּלאָדיסמענטען און אויסגעשרייען

אויף מאָרגען זענען די יונגע אַרטיסטען אַוועקגעפאָהרען ווייטער אויף דרום צו אָדעס צו, פון וואַנען זיי האָבען בעדאַרפט פאָהרען קיין אויסלאַנד, און דער אַלטער קאַפּיטאַן איז אָבגעפאָהרען קיין צפון, אין דער שטאָדט נ., וואו אונזער ערצעהלונג האָט זיך אָנגעהויבען און האָט זיך פערענדיגט.

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO
9386 4
13

PUBLIC LIBRARY, TORONTO

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT
21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

A fine of 4 cents a day is charged, if ... kept after the last dat... will be iss...

1133
1535

1535

MAR 18 '71
NOV 14 '71
MAY 8 '77
AUG 5 '83
DEC 14 1986
JUN 29 1987
AUG - 4 1987
NOV 29 1994

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/greatreminiscenc0000llav